STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00048

MIT DER SHEYRES HA-PLEYTEH

H. Leivick

Permanent preservation of this book was made possible by
David, Jon, Carmen, Judy, Abe & Alex
in honor of
the 50th anniversary of Melvin & Cynia Shimm, August 15, 1998

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. לייוויק

מיט דער שארית הפליטה

אַרויסגעגעבן פונם ה. לייוויק יובילײ-פאָנד
דורכן ציקאָ־פאַרלאַג, 1947.

COPYRIGHT, 1947
by H. Leivick

PRINTED IN CANADA

געזעצט און געדרוקט אין
פּאָמער פּאָבלישינג ענד פּרינטינג קאָמפּאַני
206 ספּעדיינע עוועניו טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

36

ה. לייוויק

מיט דער שארית הפליטה

טאָג־בוך פאַרצייכענונגען פון מיין רייזע
איבער די יידישע לאַגערן פון דער
אמעריקאנער זאנע אין דייטשלאנד

מיר זענען געפאָרן — עמאַ שיווער, ישראל אפרת און איך — צו דער שארית הפליטה אין די דייטשע לאַגערן אין אַ קולטור־דעלעגאַציע, געשיקט פונעם **יידישן וועלט־קאָנגרעס.**

מיר האָבן פאַרלאָזט ניו־יאָרק דעם 10־טן אַפּריל, 1946.

מיר זענען געפאָרן אונטער דער אויפזיכט פון „אונרא".

מיר האָבן באַזוכט, אַ חוץ מינכען, די יידישע לאַ־גערן און פונקטן פון דער אַמעריקאַנער זאָנע: גארמיש, מיטנוואַלד, לאַנדסבערג, האָלצהאוזען, סאַנט־אָטיליען, דאַכאַו, פערנוואַלד, טוצינג, גאוטינג, נײַ־פריימאַן, אײַנ־רינג, לײַפהיים, פעלדאַפינג, שטוטגאַרט, בערכטעסגאַדען און אַשאַו.

מיר האָבן געהאַט אויפן פּראָגראַם נאָך אַ צאָל לאַ־גערן צו באַזוכן, אָבער סוף מאַי איז אויסגעגאַנגען אונ־דזער וויזע, און די „אונרא" און די אָקופּאַציע־מאַכט אין מינכען האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונדז די וויזע צו פאַרלענגערן און געצוואונגען אונדז אַוועקצופאָרן פון דייטשלאַנד, אײ־דער מיר האָבן פאַרענדיקט אין פול אונדזער אָנגעצייכנטן טור.

איך דריק אויס דערבײַ מײַן דאַנק דעם **יידישן וועלט־קאָנגרעס** פאַר אָנטרויען אונדז די שליחות און פאַר מעג־לעך מאַכן פאַר אונדז דורכצופירן די רייזע.

יזכור

גערענק וואָס עס האָט געטאָן צו דיין פאָלק
דער דייטשער נאַצי־עמלק.

גערענק

די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זענען אומגעקומען
על קדוש־השם און על קדוש־העם
דורך די הענט פון די דייטשע רוצחים תליונים.

גערענק טרעבלינקע.

גערענק מאַידאַנעק.

גערענק אוישוויץ.

גערענק בוכענוואַלד.

גערענק דאַכאַו.

גערענק די גאַז־קאַמערן.

גערענק די קרעמאַטאָריעס.

יזכור

6,000,000

אַזאַ יזכור־טאָוול (דער נוסח איז נאָך נישט איינגעשטעלט אומעטום גלייך) הענגט אין אַלע לאַגערן פון דער שארית הפליטה.

אויף די בינעס, אין די קלובן, אין אַלע פאַרזאַמלונג־פּלעצער.

די ווערטער — שוואַרץ. יזכור און 6,000,000 — רויט.

אַנטקעגן דעם טאָוול — אָנגעצונדענע ליכט.

דער זעקס מיט די זעקס נולן ברענען אין זייער רויטקייט צוזאַמען מיט די ליכט.

ברענען. פלאַקערן.

די ליכט ברענען אויס. דער זעקס מיט די זעקס נולן ברענען קיינמאָל נישט אויס.

אין דער צייט פון פאַרזאַמלונגען הייבן זיי זיך אַרויס פונעם טאָוול, שוועבן אַרום די ליכט און איבער די ליכט.

ווען די פאַרזאַמלונגען שליסן זיך, דער עולם גייט אַוועק צו זיך, אין די ענגע צימערן, קאַמערן פון די לאַגער־געביידעס, ציען זיך דער זעקס מיט די זעקס נולן צוריק אין טאָוול אַריין, זינקען אַריין אין זייער רויטקייט און פלאַטערן שטיל אונטער די אותיות פון יזכור.

איידער איך הייב אָן מיינע נאָטיצן און פאַרצייכענונגען, הענג איך אויס פאַר מיינע אויגן דעם יזכור־טאָוול.

איך הענג אים אויס אין דמיון.

איך טראַכט: מען דאַרף אים אויפהענגען אויף אַן אמת אויך אין מיין שטוב אויף איינער פון מיינע ווענט.

איך טראַכט: אַלע יידן פון גאַר דער וועלט באַדאַרפן איינפירן אין שטוב ביי זיך דעם יזכור־טאָוול.

אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, אין קלובן, אין ביוראָס, אין שולן און אין בתי מדרשים — אַוודאי.

אומעטום זאָלן פלאַטערן אַנטקעגן אָנגעצונדענע ליכט די אותיות יזכור און דער זעקס מיט די זעקס נולן, וואָס באַטייטן זעקס מיליאָן פון אונדזער פאָלק.

✶

אין בערכטעסגאַדען

רואינעס פון היטלערס שלאָס אין בערכטעסגאַדען

22־טער מאַי, 1946

היינט, דעם צווייטן און צוואַנציקסטן מאַי, 1946, זיץ איך אין בערכטעס־גאַדען, אין אַ האָטעל־געביידע, וואָס דער יידישער צענטראַל־קאָמיטעט (קאָמיטעט פון דער שארית הפליטה אין דער אַמעריקאַנער זאָנע) האָט פאַרוואַנדלט אין אַ יידישן אַפּרו־הויז.

איך ברענג אין אָרדענונג מיינע נאָטיצן, וואָס איך האָב פאַרצייכנט אויף צעוואָרפענע בלעטלעך אין משך פון מיין רייזע איבער די יידישע לאַגערן אין דייטשלאַנד.

בערכטעסגאַדען !

עפּעס אַ קלייניקייט צו זאָגן בערכטעסגאַדען.

דאָס וואָרט, וואָס האָט מיט אַ גאַנץ קורצער צייט צוריק געוואָרפן אויף דער וועלט אימה און טויט־שרעק.

היטלערס בערכטעסגאַדען.

און איצט — אויס היטלערס.

אַ שטעטל אין דער טיפעניש פון די בייערשע אַלפּן, אַריינגעדרייט און אַריינגעשרויפט אין גרין־באַוועלדערטע, מיט שניי־שפּיצן באַקרוינטע ריזן־בערג.

פונעם פענצטער פון מיין צימער, וואָס גייט אַרויס צו די בערג, זעט מען ווייט אין דערהויבנקייט עטלעכע פלעקן, וואָס דאָרט, זאָגט מען מיר, איז געשטאַנען היטלערס פּריוואַטער שלאָס, פּריוואַטע פעסטונג, מיט אונטערערדישע איינריכטונגען, היילן און פאַרבאַרגענע דורכגאַנגען.

איצט זענען עס נישט מער ווי פלעקן — צעשאָסענע, צעבאָמבאַרדירטע שטיינער און קאָנקריטן.

איך וועל, פאַרשטייט זיך, ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַרויפפאָרן אַהין כדי מיט די אייגענע אויגן צו זען דעם פאַנאַנדערפאַל פון היטלערס שלאָס און היטלערס טראָן.

נישט דאָס אָבער זעט מיר אויס נייטיק איצט צו פאַרצייכענען.

איצט איז מיר נייטיק צו פאַרנאָטירן דעם פאַקט אַליין, וואָס היינט, דעם צוויי און צוואַנציקסטן מאַי, זיצן מיר (ישראל אפרת און איך) אין צימערן פון אַ געוועזענעם היטלער־האָטעל און ברענגען אין אָרדענונג אונדזערע צעוואָרפענע פאַפּירן (און אויך נערוון).

איך קוק אַרויס, בשעת איך אַרבעט, דורכן פענצטער צום אַנטקעגנדיקן שניי־באַזילבערטן באַרג־שפּיץ.

אַלץ אין מיר איז אויפגעציטערט פון התפעלות און פון נס־אַנונג.

איך פרעג זיך אַליין:

איז דאָס טאַקע אמת, אַז איך — אַ ייד, אַ יידישער פּאָעט, אַ געקומענער פון אַמעריקע, אַ פּריוויליקער מיטגליד פון דער שארית הפליטה, זיץ אין בערכטעסגאַדען, אין דעם געוועזענעם האַרץ פון היטלערס מאַכט, און שרייב מיט יידישע אותיות?

איז עס ווירקלעכקייט?

אַ גאַנצן טאָג, אַז איך בין פול מיט שהחינו.

ס'איז אמת, אַז מיין שהחינו איז דורכגענומען מיט קלעמונג און מיט צער און — אויך מיט געוויסע אַנטוישונגען, וואָס גראָד דאָ, אין בערכטעסגאַדען נעמען זיי נאָך שאַרפער דריקן אויף מיין געמיט.

אָבער וועגן צער, קלעמונג און אַנטוישונג — שפּעטער.

די נאָטיצן וועלן מיך שוין ברענגען צו זיי. דערווייל — פאַרצייכן צום צווייטן מאָל: דעם צוויי און צוואַנציקסטן מאַי, 1946, זיצסטו אין בערכטעסגאַדען, אין היטלערס אַ האָטעל, און בינדסט צונויף דיינע צע־

שאָטענע נאָטיצן, וואָס דו האָסט געמאַכט אין משך פון פינף וואָכן זינט דו האָסט פאַרלאָזן ניו־יאָרק.

*

נאָטיצן? — נישט מער ווי נאָטיצן?

יאָ, נישט מער.

נישט קיין קינסטלערישער רעצעפּט, נאָר פּשוט: מיט אַלע מיינע דורכגעגאַנגענע, שוין באַלד, זעקס צענדליק יאָר לעבן, מיט מיין גאַנצער שרייבערישער דערפאַרונג פון איבער פערציק יאָר, פיל איך, אַז איך קען בשום־אופן שרייבעריש נישט באַהערשן דאָס, וואָס איך האָב געזען און זע אין די לאַגערן פון אונדזער אומגליקלעכער, נשמה־צערודערטער שארית הפליטה אויף דער בלוטיקער, פאַרשאָלטענער ערד פון דייטשלאַנד.

איך קען אַ סך זאַכן אין די יידישע לאַגערן נישט באַנעמען.

מער פון אַלץ קען איך נישט באַנעמען דעם גאַנצן סכום פון ליידן, וואָס איעדער קלענסטער מיטגליד פון דער שארית הפליטה האָט דורכגע־מאַכט.

אנטקעגן דעם מינדסטן יידישן קרבן פיל איך זיך שוואַך, אָנמעכטיק און קליין.

קיינעמס שפּראַך איז נישט בכוח אַנטקעגן צו קומען.

ס׳האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם, צי אַלע פון דער שארית הפליטה זענען הייליק, צי ניין.

זיי אַליין ווילן גאָרנישט, אַז מען זאָל צוגיין צו זיי ווי צו הייליקע.

זיי מעגן טאָקע, און דאַרפן אפשר טאַקע, נישט וועלן.

אָבער אַנדערע — נישט זיי?

אפשר שפּעטער, אפשר גאָר, גאָר שפּעטער, וועל איך, אָדער ווער נישט איז אַנדערש, זיין בכוח צו זאָגן, אַז מיר שרייבן עפּעס מער ווי נאָטיצן. ד. ה. מיר וועלן זיין בכוח צו מאַכן פון נאָטיצן עפּעס מער.

אָבער דערווייל קענען מיר עס נישט. דער קלענסטער ציפער, וואָס דאָס היטלער־פאָלק האָט אויסגעברענט אויף די הענטלעך פון קליינע יידישע קינדער, איידער מ׳האָט זיי געוואָרפן אין די קרעמאַטאָריעס אריין, איז גרעסער און שטאַרקער פון אַלע ווערטער, פון אַלע קונסט־מיטלען, פון אַלע פאַרבן און פון אַלע קלאַנגען.

אַ קליינע צאָל יידישע קינדער איז על־פּי־נס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון די קרעמאַטאָריעס, און די ציפערן, די נומערן גליען איצט אין זייער שוואַרצקייט אויף די קינדערשע הענטלעך. כ׳האָב אַ סך פון זיי געזען.

ס׳וועט זיין אַן אומזיסטער פאַרמעסט, אויב דאָס וואָרט — מיין וואָרט אָדער עמיצנס אַנדערש — וועט פּרובירן צוצוקומען נאָענט צו די גרענעצן פון די אויסגעברענטע ציפערן אויף די קינדערשע הענטלעך.

כ'האָב קיינמאָל נישט געפילט אַזוי שטאַרק די מאַכט פון ציפערן ווי איצט, ווען איך זע פאַר מיינע אויגן די נומערן אויף קינדערשע אָרעמס. ווען איך זע דעם ציפער 6.000.000.

נישטאָ קיין אָנטרינונג פון זיי.

אָבער זע — איך פאַרלויף דאָך דעם וועג פאַר מיינע נאָטיצן.

איך דאַרף דאָך אין דער אמתן אָנהייבן גאָר פון אָנהויב. עס זאָל זיין אַ סדר. אפילו ווען איך פיל, אַז אויך אין שייכות מיט מיין רייזע פון אַמעריקע צו די יידן אין די לאַגערן איז אין מוקדם ואין מאוחר. נישטאָ קיין פריער, נישטאָ קיין שפּעטער.

אַמעריקע איז נישט פריער פאַר דייטשלאַנד און אויך נישט שפּעטער.

אויך דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע איז נישט קיין פריערדיקס און נישט קיין שפּעטערדיקס.

וויפל זאַכן הענגען אָפּ אין מזל און וויפל — אין צופאַל ?

איך ווייס נישט.

איין זאַך ווייס איך יאָ : אַזוי ווי ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז דער היינטיקער טאָג איז אַ פּועל יוצא פונעם נעכטיקן, אַזוי זאָל אויך ווערן פאַרשטענדלעך, דערהויפּט פאַר אונדז יידן, דער געדאַנק, אַז אונדזער נעכטן איז געווען נישט נאָר אַ סיבה, נאָר אויך אַ רעזולטאַט פונעם היינט.

דאָס וואָס איז פאַרגעקומען מיט אונדז, איז געלעגן נישט נאָר אינעם שויס פונעם נעכטן, נאָר איז אויך געווען די באַפרוכפּערונג פונעם נעכטן.

דער מאָרגן האָט געבוירן דעם נעכטן. נישט נאָר ווי מען איז געוואוינט צו טראַכטן, אַז דער נעכטן דורכן היינט געבוירט דעם מאָרגן.

נישט אַ נעכטיקער היטלער האָט חרב געמאַכט די וועלט פון היינט, נאָר די היינטיקע חרבע וועלט האָט געבוירן דעם נעכטיקן היטלער.

איך זע עס אַ באַהערשטער פונעם אַנטקעגנדיקן שנייאיקן באַרג־שפּיץ, וואָס וואַרפט זיין ווייסקייט, זיינע דינע, דורכזיכטיקע שלייערן, אויף יענעם אָרט אינעם באַרג־שפּוע, וואו ס'איז אַמאָל געווען אַ היטלער־שלאָס, און וואו ס'איז היינט נישט מער ווי אַ חורבן־פלעק.

אַ חורבן־פלעק — אַ גיהנומשע וואונד אויפן קאַרק פון דער גרויסער וועלט.

*

אויסדרוקן אין די לאַגערן :
„שארית הפליטה". „שארית החורבן".

איך האָב נישט ליב קיין ווערטער, וואָס ווערן פּלוצלונג, די ווייסט נישט ווען און ווייסט נישט דורך וועמען, אויפגעקומען, און ווערן גלייך אויפגעכאַפּט פון אַלעמען און גייען נישט אַראָפּ אין משך פון חדשים און

חדשים פון אַלעמענס ליפּן. זיי הויערן ממש איבער אַלעמענס מײַלער און רוקן זיך אַריין צווישן אַלע זאַצן.

ווי דו זאָלסט נישט זיין אויף דער וואַך, ברעכן זיי דורך אַלע מחיצות, רייסן זיך אַריין אין מויל צו דיר און צווינגען דיך, אַז דו זאָלסט זיי צוריק אַרויסברענגען.

דאָס זענען ווערטער, נעמען, זאַצן, ווערטלעך, וואָס קומען אויף אין צייטן פון מהומות, פון רעוואָלוציעס, פון מלחמות; אין צייטן פון קאָלעקטיווע געשעענישן; אין צייטן פון פאָלק־קאַטאַסטראָפעס און פאָלקס־באַוועגונגען.

אין שייכות מיטן לעבן און גורל פון די איבערגעבליבענע יידן, וואָס געפינען זיך היינט אין די אָקופּאַציע־זאָנעס אין דייטשלאַנד, הערסטו אויף טריט און שריט די ווערטער : „שארית הפליטה”, „שארית החורבן”, „די פאַרשאָלטענע דייטשע ערד”, „קאַצעטן” און „ארץ”, אַנשטאַט ארץ־ישראל.

עס זענען דאָ נאָך ווערטער, וואָס דאָס לעבן אין די נאַצישע מאַרטער־לאַגערן האָט געשאַפן.

ס'איז אויפגעקומען ממש אַ גאַנצער סלענג און ס'איז פון גרויס אינ־טערעס אים צו זאַמלען. דאָס ווערט געוויס געטאָן און ס'וועט געוויס נאָך געטאָן ווערן. מיך, אין איצטיקן פאַל, אינטערעסירן די עטלעכע אויס־דרוקן פון אַלגעמיין יידישן באַטייט און כאַראַקטער.

איך הער די אויבנדערמאָנטע באַצייכענונגען אַזויפיל מאָל, אין פּרי־וואַטע געשפּרעכן און אין רעדעס, אַז איך ווער מבולבל פון זיי.

מבולבל פון דער אָפּטקייט און פון דעם אימפּעט, מיט וועלכן זיי ווערן געברויכט אין די לאַגערן.

דאָס פאַרקירצטע וואָרט „קאַצעט” (וואָס באַטייט קאָנצענטראַציע־לאַגער) ווערט געבויגן אין די לאַגערן אויף „קאַצעטניק” און „קאַצעטלער”.

דאָס גאַנצע וואָרט, אין זיין קלאַנג, דאַרף איך זאָגן גלייך, געפעלט מיר נים איבעריקס. ס'האָט אַ ביי־טעם.

„קאַצעטלער” איז נאָך ווי־ניט־איז, אָבער „קאַצעטניק” צווינגט אַריין דעם טרעגער פונעם נאָמען, ווי מיר דוכט זיך, אין אַ שטענדיקן שפלות־קאָמפּלעקס.

דעם נאָמען האָבן די קרבנות זיך אַליין געגעבן. אַזוי דערציילט מען מיר. האַלטן זיי זיך נאָך איצט אין דעם דאָזיקן נאָמען, ווילן זיך מיט אים נישט צעשיידן אַזוי ווי מען וויל זיך נישט צעשיידן מיט אַן אומגע־ווינלעכן טיטול.

עס איז פאַראַן אין דעם אַ צולהכעיס־שטעלונג, אַן אַרויסרוף צו דער וועלט און צו אירע איינגעבירגערטע טיטולן.

ס'איז פאַראַן אין דעם אויך אַ מאַרטירער־יחוס, אַ שטאָלץ־באַוואוסט־

זיין פון קידוש־השם.

די כוונה פון דעם געפעלט מיר און פילט מיך אליין אַן מיט שטאָלץ, וואָס דער יידישער קרבן, נאָכדעם ווי ער איז פאָרמעל באַפרייט געוואָרן, וויל זיך נישט אומקערן גלייך צו זיין אַמאָליקער פארמלחמהדיקער וועלט־באַציאונג און וועלט־געפיל, נאָר וויל אַנהאַלטן וואָס מער און וואָס טיפער זיין יחוס פון קידוש־השם און קידוש־העם.

אַז אַ לאַגער־ייד זאָגט אויף זיך: „איך בין אַ קאַצעטניק", זאָגט ער עס אַזוי שאַרף און אַזוי אַטעמדיק ווי אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער אָטעמט אַריין און אָטעמט אַרויס דעם רויך פון טאַבאַק בשעת ער איז אויסגעהונגערט נאָך אַ סיגאַרעט.

דאָס איז אַלץ אמת און ריכטיק.

אָבער צום וואויל־קלאַנג האָט עס נישט.

די אַנדערע אויסדרוקן. וואָס דאָס לאַגער־לעבן האָט געשאַפן, נעמסטו אויף נערנדיקער. דאָס וואָרט „ארץ" — אוודאי.

אַז אַ לאַגער־ייד זאָגט: „איך גיי קיין ארץ", אַנשטאָט ארץ־ישראל, פילסטו אין דער פארקירצונג אַ וואַרעמקייט און אַ צערטלעכקייט. — איך גיי מיר אהיים, הייסט עס. אָט נעם איך און גיי מיר.

וואָס מיר פעלקער, וואָס מיר גרעניצן, וואָס מיר קוואָטעס, וואָס מיר ענגלאַנד? — איך גיי קיין ארץ — און פאַרטיק.

איך גיי מיר אהיים — און טוט מיר עפּעס!

אָבער אפילו אין שייכות דערמיט קאָנסטו נישט פאַרליידן, ווען דו הערסט די פראַזע צו־אָפּט אויף טריט און שריט, ווען מען דאַרף, און ווען מען דאַרף נישט, און ס'הייבט אַן אַפּהילכן מיט מעכאַנישקייט, מיט שאַבלאָן.

אָבער פאַרפאַלן. אַ מחנה נעמט אַריין אַן אויסדרוק אין איר מויל (ווייל זי האָט אים אַריינגענומען אין איר הארצן) און זי לאָזט אים שוין פון מויל נישט אַרויס.

און אוודאי איז זי גערעכט.

*

יאָ, אַ מחנה נעמט אַרייז אַן אויסדרוק אין איר מויל — לאָזט זי אים שוין פון מויל נישט אַרויס.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם אויסדרוק: „בלוטיקע דייטשע ערד".

נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד הערסטו עס אין די לאַגערן פון דער שארית הפליטה.

דער שפּראַך־מפונק אין דיר גיט זיך אָפּטמאָל אַ צאַפּל, אָבער דו טאָרסט אים נישט נאָכגעבן.

האָסט נישט קיין רעכט, און קיינער האָט נישט קיין רעכט, צו פּראָוון

אין אַ לאַנגער שפּראַך־צערעמאָניעס איבער דעם אויסדרוק „בלוטיקע ערד".

דער טיטול „בלוטיקע" בנוגע דייטשלאַנד איז פאַר אַ יידישן אויער נישא קיין קלאַנג נאָר, נישט קיין וואָרט נאָר און אויך נישט קיין מליצה, נאָר ממשותדיקע רעאַליטעט, וואָס דו קאָנסט זי נישט פאַרבייגיין און קאָנסט זי מיט קיין אַנדער וואָרט נישט פאַרביטן. און אוודאי קאָנסטו דאָס וואָרט „בלוטיקע" נישט איבערהיפּן.

יעדעס מאָל, ווען עס קומט אויס צו דערמאָנען דייטשלאַנד, מאָנט דאָס הארץ בפועל ממש, אַז דו זאָלסט נישט פאַרפעלן צו זאָגן בלוטיקע דייטש־לאַנד, בלוטיקע נאַצילאַנד.

ס'איז נישט קיין פראַגע פון אַ פראַזע, נאָר פון אַן אומפאַרמיידלעכער שטראָף־באַצייכענונג, פון אַ קין־נאָמען.

יעדערער פון אונדז איז מחויב מיט דעם דאָזיקן נאָמען צו שטעמפּלען דעם שטערן פון אַ פאָלק, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רוצח, דעם פּנים פון אַ לאַנד, וואָס האָט זיך בפועל ממש אָנגעטרונקען און אָנגעזויפט מיט יידיש בלוט, מיט יידיש האָב און גוטס, און וואָס האָט אויסגעמיסטיקט זיינע פעלדער מיט אַש פון מיליאָנען פאַרברענטע יידישע לייבער.

איך האָב עס אַזוי שאַרף נישט געפילט איידער איך בין געפאָרן קיין דייטשלאַנד.

איצט, ווען איך בין דאָ, זע איך עס און פיל עס מיט אַלע מיינע חושים.

אַז ווייַ צו אַזאַ באַשטעטיקונג. אַז ווייַ צו דער הסכמה פון מיינע חושים!

מיין לעבן צעברעכט זיך אונטער דער משא פון אָט־דער הסכמה מיינער.

אַז ווייַ צו אַזאַ בעל־נקמה ווי איך בין!

דאָס איינציקע וואָס איך טו — אַז איך באַגעגן זיך מיט זיי, מיט די דייטשן, ווען איך לאָז זיך אַמאָל אַרויס שפּאַצירן איבער די גאַסן פון מינכען, — דאָס איינציקע וואָס איך טו, איז: איך קער אָפּ מיין פּנים פון זיי. איך וויל מיט זיי נישט רעדן, איך קען מיט זיי נישט רעדן.

איך קער אַריין מיין פּנים אין זיך.

אַזוי שאַרף דערפיל איך דעמאָלט מיין עלנט.

יאָ, מיין עלנט אין דער גאַרער וועלט.

מיין טרויער — מיין ווידערווילן.

מיין עקל צום מערדער, צום ברודער פונעם מערדער, צו דער שוועסטער פונעם מערדער, צום חבר פונעם מערדער, צום לערער פונעם מערדער.

יעדער דייטש, וועמען איך באַגעגן אין גאַס אין מינכן, צי אין פראַנק־פורט, צי אין שטוטגאַרט איז אַ שייך צום מערדער, צום גאַז־אויוון־צינדער, צום קרעמאַטאָריע־הייצער.

יעדע דייטשע מיידל טראָגט אַ שוך, אָדער אַ קלייד, אָדער אַ טיכל פון אַ שרה אָדער פון אַ חנה פון וואַרשע, פון לובלין, פון מינסק, פון באָברויסק,

פון איהומען.

איהומען, איהומען, איהומען, — מיין קליין געבורט־שטעטל, וואָס די דייטשן האָבן פאַרטיליקט.

זינס, קאָפּ, אַרונטער; פאַרמאַכט זיך, אויגן, פון צו קוקן נאָך און נאָך אויף די נבזה־חורבות די בערכטעסגאַדענע. —

דאָס וואָרט „בלוטיקע" איז אַריינגעוואַקסן געוואָרן אינעם וואָרט דייטשלאַנד נאָך טיפער פון די ציפערן, וואָס זיי, די דייטשן, האָבן אַריינגע־ברענט אין די הענטלעך פון יידישע קינדער.

די ציפערן, דורך אַ געוויסן פּראָצעס, קען מען אפשר אַרויסנעמען פון אונטערן הויט, אָבער די באַצייכענונג בלוטיקע וועט אויף דורות לאַנג נישט קענען אַראָפּגענומען ווערן פונעם שטערן פון דייטשלאַנד.

די וואָס וועלן אפשר דאָס וועלן טאָן פאַר דער צייט און אָן אַן אמתער אינערלעכער דורכברענונג און איבערברענונג (פאַראַן שוין אַזוינע מחילה־ניקעס אויך צווישן יידן), וועלן באַגיין אַ היסטאָרישן הפקר־אַקט און וועלן אַליין מוזן פאַרצייכנט ווערן ווי קין־שותפים.

ס'איז קלאָר פאַר מיר: יידן טאָרן היינט נישט זיין אויף דער דייטשער ערד.

באַדייטונג פון די ווערטער:

„שארית הפליטה" — „שארית החורבן".

ביידע מיינען דאָך איינס און דאָס זעלבע.

חורבן געהיבורט אויף פּליטה.

פּליטה געבפּלט אויף חורבן.

דער וואָס זאָגט שארית החורבן, ווייל, אַז מען זאָל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז אויך אייראָפּע האָט חרב געמאַכט דאָס פאָלק אונדזערס.

אייראָפּע צוזאַמען מיט דייטשלאַנד.

אייראָפּע האָט מסכים געווען מיט דייטשלאַנד בנוגע יידן.

צוגעקוקט און געשוויגן.

אייראָפּע טראָגט־מיט די שולד.

אויך צו אייראָפּע וואָלט מען אפשר באַדאַרפט צוגעבן דאָס וואָרט בלוטיקע.

מען דאַרף עס אָבער נישט טאָן היינט, ווייל דעמאָלט וואָלט אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער קין־צייכן פון דייטשלאַנד.

די דייטשן וואָלטן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם. עס וואָלט זיי לייכטער און באַקוועמער געוואָרן צו דערפילן זיך אין דער חברותא פון אַ סך קינס.

אָבער דאָס דאָזיקע געפיל טאָר זיי נישט געגעבן ווערן:

ס'איז דאָ היינט נאָר איין קין, דער קין, און דאָס איז — דייטשלאַנד.

נישט מיד ווערן זאָל דאָס וואָרט איבערצוחזרן עס!
איין קין איז דאָ. דער קין.
און דאָס איז דייטשלאַנד. דאָס גאַנצע דייטשלאַנד.

*

אָבער פאַרגעסן טאָר מען נישט, אַז —
די פעלקער פון אייראָפּע האָבן אויך היינט דעם יידישן איבערבלייב נישט אין זינען.
אויך היינט — אַ יאָר נאָכן נצחון איבער היטלערן.
די פעלקער פון אייראָפּע זענען דענערווירט פון דעם פאַקט, וואָס פּליטה געבליבן אויף חורבן האַלט נאָך אַלץ אין מאַנען, אין רופן, אין פּראָטעס-טירן, אין אַרויסווייזן צאַפּל-סימנים פון לעבן.
ווארום — סטייטש?
יידן זענען דאָך היינט אויף דער אייראָפּייאישער ערד, און אוודאי אויף דער בלוטיקער דייטשער ערד, נישט קיין וואָגלערס שוין מער; נישט קיין רעשטל אָפּגעראַטעוועטע אַנטרינער, נאָר אַש פון אַ פאַרברענטן יידנטום.
נישט יידן זענען חרב, נאָר דאָס יידישע פאָלק איז חרב.
היינט ווי קומט אַ חרב פאָלק עפּעס צו מאַנען?

*

אַ, הלוואי וואָלט איך אויך היינט, דעם צוויי און צוואַנציקסטן מאַי, 1946, נישט טמא געמאַכט מיינע פיס און נישט געטראָטן אויף דער בלוטיקער דייטשער ערד;
הלוואי וואָלט איך אויך היינט נישט געזעסן אינעם אידיאָטישן האָטעל אין היטלערס בערכטעסגאַדען און נישט אָנגעקוקט די רואיקע שניי-בערג, אפילו ווען דאָרט ערגעץ אינעם באַרג-שפּיץ וואַלגערט זיך אין רואינעס היטלערס שלאָס.
אַ, הלוואי וואָלטן אַלע יידן, וואָס זיצן געצוואונגענערהייט היינט נאָך אין לאַגערן דאָ, נישט געפונען זיך מער אויף דער דאָזיקער ערד; אַ, הלוואי וואָלט קיין ייד נישט אַרויפגעשטעלט זיין פוס מער דאָ.
זאָל נישט מיד ווערן מיין וואָרט פון צו איבערחזרן עס.
מוחל אַלעמען די פרייד פון מינכענער און בערלינער רואינעס;
מוחל אַלעמען די צעשאָסענע היטלער-שלעסער און טעמפּלען;
מוחל אַלעמען די גערעכטע און באַרעכטיקטע נקמה;
די גערעכטסטע און בעסטע פרייד און נקמה וואָלט געווען: נישט גע-פינען זיך מער אויף דער דייטשער ערד;

נישט באַרעכטיקן מער מיט טראָט־באַריר די זאמדן און שטיינדלעך פון די דייטשע שליאַכן;

נישט אָנוואַרעמען מער צוריק די קאַלטע צעמענטן;

נישט מאַכן זיך אַליין אַמאָל פאַרגעסן, אַז די טרעטסט אויף ברידער־לעכע קברים, און אַז דו העלפסט דעם רוצח צו קומען צו זיך מיט זאָגן אים: „גוט־מאָרגן" און „ביטע שיין" און „דאַנקע שיין".

נישט פון אַ יידיש מויל באַדאַרף אַ דייטש היינט פאַרנעמען אַ „ביטע שיין" און אַ „דאַנקע שיין".

פון קיינעמס מויל. פון אַ יידיש מויל אוודאי נישט.

די איינציקע פון וועמען דייטשן האָבן אַ רעכט צו דערוואַרטן אַ „דאַנקע שיין", זענען די רואינעס פון בערלין, פון פראַנקפורט, פון מינכען און פון היטלערס שלעסער אין בערכטעסגאַדען.

זיי, די רואינעס, זענען די איינציקע, וואָס דאַרפן דורות־לאַנג שטיין אין זייער חרובדיקייט, אין זייער צעקרימטקייט און צעבראָכנקייט.

זייערע לעבער זענען די איינציקע מיילער, וואָס דאַרפן אָן אויפהער אַריינשרייען אין די נאַציש פנימער: ביטע שיין, דאַנקע שיין.

★

וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט מיין פערזענלעכער אומווילן צו טרעטן אויף דער דייטשער ערד?

און צי האָב איך דען גאָר אַ רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט מיין פערזענלעכן אומווילן?

צענדליקער טויזנטער יידן זיצן היינט געצוואונגענערהייט, אַ יאָר נאָך דעם סוף פון דער מלחמה, אין די דייטשע לאַגערן, אין דער מדרגה פון די־פּיס (דיספּלייסד פּוירסאָנס), און די גאַנצע אַרומיקע וועלט איז פאַרשלאָסן פאַר זיי.

יידן האָבן נישט וואוהין צו גיין. יידן זיצן און שטיקן זיך אין לאַנדסבערג, אין פערנוואַלד, אין פעלדאַפינג, אין פאַוקינג, אין לייפּהיים, אין סאַנט־אָטיליען, אין איינריגג א. א. וו. — אין לאַגערן, אין שפּיטאָלן, אין סאַנאַטאָריומס.

יידן זענען אָרעמע דריטקלאַסיקע קעסטניקעס ביי די אָקופּאַנטן, ביי דער אונרא, ביי אַלערליי ביוראָקראַטישע טשינאָווניקעס, און אפילו אויך ביי געוויסע יידישע כאַמולישע טשינאָווניקעס.

יידן שלאָפן אויף הארטע, אויף קאַזאַרמעשע פּיל־שטאָקיקע בעטן, אָן לייליכער, אָן קישנס, אויף אויסגעריבענע, פאַרשוואַרצטע מאַטראַצן. אויך קראַנקע אַזוי.

יידן ווערן דענערווירט און היסטעריש און מרה־שחורהדיק און שלאָפלאָז פון אומפרייהייט, פון בענקשאַפט נאָך רו, נאָך מענטשלעכער וואַרעמקייט, נאָך משפחה־לעבן.

יידן ווערן נישט פאַרשטאַנען, נישט פון די גרויסע און נישט פון די קליינע מאַכטן; נישט פון די אונרא־הויפּט־פירער און נישט פון די לאָקאַלע פאַרשטייער, פון די, וואָס דאַרפן זיין זייערע שיצער און איינאָרדענער, זייערע בעלי־יועצים און זייערע טרייסטער.

מענער, וועמעס פרויען עס זיינען אומגעקומען אין קרעמאַטאָריעס און קאַטאָרזשנער אַרבעט;

פרויען, וועמעס מענער עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויף דעם אכזריותדיקסטן אופן;

קינדער, וועמעס עלטערן עס זענען פאַר זיי אין די אויגן אויפגעהאַנגען געוואָרן;

מאַמעס, וועמעס אַלע קינדער זענען פאַר זיי אין די אויגן געוואָרפן געוואָרן אין די פייערן —

אַן עולם, וואָס איז כולו־יתום, כולו־אבל, כולו־אל־מלא־רחמים.

אין אַנגעזיכט פון דעם עולם ווערט אַלץ, וואָס איז דאָ אין מיר, בטל ומבוטל.

אַלע מיינע לידער גייען־נאָך נאָך די טריט פון די האַלב־באַפרייטע ייִדן אויף דער בלוטיקער דייטשער ערד און טוליען זיך ווי אָרעמע הילפ־לאָזע קעצלעך צו זייערע פיס.

יאָ „דאַנקע שיין", ניט „דאַנקע שיין" — די קללה ברענט סיי־ווי אין דעם האַרץ פון דער שארית החורבן.

די נשמה איז סיי־ווי נישט אויסגעלעבט און נישט דערפילט געוואָרן. זי איז אפילו נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן. זי עסט נאָך אַלץ אויף דאָס האַרץ פונעם קרבן מער ווי דאָס האַרץ פונעם רוצח.

יאָ בערגבעלזען, נישט בערגבעלזען — די ציפער 6,000,000 ברענט אויף אַלע טרויער־טאָוולען, און די טיראַליער דייטשן גייען נאָך אַלץ אַרום מיט זייערע גרינע הוטן, מיט די פעדערן אין זיי, מיט די לעדערנע שמוציקע יעגער־הויזלעך און מיט די נאַקעטע קני, גייען אַרום און קוקן נישט אפילו אין דער זייט פון היטלערס צעשאָסענעם שלאָס.

זיי זאָגן נישט קיין איכה און אויך נישט קיין יזכורס.

זיי שלאָגן זיך נישט קיין על־חטא.

זיי קריכן אונטער די נעגל פון די אָקופאַנטן.

זיי שיקן זייערע גרעטכנס צו אַמוזירן די אָקופאַנטן און צו שלאָפן מיט זיי אויף זייערע ווייכע פוכענע אָנגעראַבירטע פערענעס.

זיי זענען זיס־העפּלעך, די געשלאָגענע ראַסן־הערן;

זיי קנייטשן זיך אין דרייען, די הערן־מענער. —

אָבער די זיסקייט פון זייער „ביטע שיין" און „דאַנקע שיין" וועט די וועלט נאָך אויסקרענקען.

יאָ, די וועלט וועט אויסקרענקען דעם פאַלשן „דאַנקע שיין". — — — —

*

די דאָזיקע ווערטער שרייב איך אין בערגבעלזען, נאָכדעם ווי איך האָב פאַרבראַכט אין די ייִדישע לאַגערן איבער פיר וואָכן און אָנגע־זאַפּט זיך געניוג מיט דעם, וואָס איך האָב געזען.

אַהינטער מיר — אַזויפיל טעג, ברענענדיקע, רויטע, ווי דער יזכור און ווי די ציפערן אויף די שוואַרץ־טאָוולען.

אַזויפיל טעג — וויפיל טעג?

אינגאַנצן נישט מער ווי אַ דרייסיק, פינף און דרייסיק טעג אַהינטער — זינט איך האָב פאַרלאָזן ניו־יאָרק, און — ווי ווייט עס זעט מיר אויס, ווי לאַנג!

ווי פרעמד, ווי ניט־דאָאיק די וועלט אויף יענער זייט פון די ייִדישע לאַגערן זעט מיר אויס. שווער צו דערמאָנען זיך.

נאָך גוט, וואָס איך האָב, פליענדיק פון ניו־יאָרק קיין לאָנדאָן און

פון לאָנדאָן קיין פראַנקפורט, געמאַכט איילנדיקע נאָטיצן.
קוק איך אַריין אין זיי און ברענג זיי אין אַ שטיקל סדר.

*

געווען אַ טאָג אין נאָוועמבער, אין 1945 נאָך. אין ניו־יאָרק נאָך. ווי מאָדנע, ווי אויסטערליש.
דער טעלעפאָן האָט געקלונגען אין מיין שטוב, אין ניו־יאָרק, און אַ קול אויפן טעלעפאָן האָט מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל פאָרן קיין דייטשלאַנד צו אונדזער שארית הפליטה.
ווי מאָדנע. — אַט קלינגט דער טעלעפאָן אין ניו־יאָרק, און אַט זיץ איך אין בערכטעסגאַדען און קוק אויף די חורבות פון היטלערס שלאָס. —

*

דאָס, וואָס מיר האָבן געזען אין די לאַגערן, שטימט מיט אונדזער יידיש לעבן איבער גאָר דער וועלט, מיט אַלע אונדזערע אומגעוויינלעכע יידישע מזלות.
מעג איך זאָגן, אָן איבערטרייבונג, אַז אויך די רייזע אונדזערע צו די לאַגערן פון דער שארית הפליטה איז נישט געווען קיין געוויינלעכע.
דער וועג, אפילו ווען דורך דער לופט, איז פול מיט פאַרצאַמונגען.
ביז מען קומט אָן אַהין, אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד, דאַרף מען דורכגיין ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע. און דאָס, וואָס מען זעט אין לאָנ־דאָן, למשל, געהערט אויך צו דער אומגעוויינלעכקייט פונעם בילד.

*

מיר זענען געפאָרן צו די יידן אין די לאַגערן, כדי מקיים צו זיין אַן אינערלעכן געבאָט, אויסצופאָלגן אַ רוף.
ווער האָט אונדז גערופן?
אונדזער אייגן הארץ האָט אונדז גערופן:
— גייט צום יסורים־קוואַל.

*

די גאַנצע צייט, זינט די מלחמה איז אָנגעגאַנגען, און זינט היטלער האָט גענומען דורכפירן זיין טייוול־פּלאַן אויסצוראָטן אונדזער פאָלק, האָט מיך, ווי געווים אַ סך פון אונדז, פאַרפאָלגט אַ פּיינלעך שולד־געפיל:
ווי אַזוי לעבן מיר דאָ? ווי אַזוי גייען מיר אָן מיט אונדזער טאָג־טעג־

לעבקייט? פאַרוואָס לאָזן מיר זיך נישט אַהין צום אָרט פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע גופא?

די קרעמאַטאָריעס האָבן געברענט; מאַידאַנעק, טרעבלינקע און אַנדערע טויט־לאַגערן האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען יידן, און מיר, אין אַמעריקע, זענען זיך אַנגעגאַנגען מיטן לעבן, מיט דעם פּראָגראַם, הייסט עס, פון ווייטערדיקן קיום און — גאָרנישט.

אמת, מיר האָבן געמאַכט דעמאָנסטראַציעס, מיר האָבן פּראָטעסטירט, מיר זענען געלאָפן צו די מאַכטן, צו די גוטע הארן פון דער וועלט, מיר האָבן אויסגערופן תעניתים, מיר האָבן געשיקט אונדזערע זין אין דער מלחמה און געבענטשט זיי, אַז זיי זאָלן מנצח זיין און העלפן פאַרטיליקן דעם שונא, דעם היטלער. אמת, מיר האָבן עס אַלצדינג געטאָן און מער מסתמא האָבן מיר נישט געקענט טאָן. אָבער קיין נשמה־באַרואיקונג איז דערפון נישט געקומען. דאָס שולד־געפיל האָט נישט אויפגעהערט די גאַנצע צייט פון דער מלחמה צו עסן דאָס הארץ.

א פּשיטא שוין, ווען די מלחמה איז שוין פאַרענדיקט און די יידן אין אייראָפּע זענען נאָך אַלץ נישט באַפרייט אויף אַן אמת, און מיר, אין אַמעריקע, זענען נאָך אַלץ אָפּגעטיילט פון זיי אין אָפּגעפרעמדקייט, אין דערווייטערונג, און האָבן נאָך אַלץ נישט קיין מעגלעכקייט צו קומען צו זיי אין גרויסע צאָלן, ארויסצונעמען זיי פון די לאַגערן.

*

און וואָס וועט זיין, האָב איך זיך געפרעגט, אַז דו וועסט שוין קומען צו זיי אין די לאַגערן, וואָס וועט זיין? וואָס וועסטו זיי ברענגען? —

די דאָזיקע פראַגע, האָב איך געענטפערט, שטעל נישט. דריי זיך נישט אוים מיט קיין תירוץ.

הער זיך צו צו דעם רוף פון דיין הארץ.

די יידן אין די לאַגערן ווערן אָנגערופן „די־פּיס", ארויסגעוואָרצלטע פאַרשווינען, שטאָטנלאָזע, היימלאָזע, א. א. וו.

פאַרזוך אויך דו אַביסל דעם טעם פון א „די־פּי".

ווי אַזוי זאָלסטו עס פאַרזוכן? —

די, אין וועמעס הענט עס ליגט דער גורל פון די יידישע „די־פּיס", וועלן שוין עס געבן דיר צו פאַרזוכן.

*

— — — פּינף חדשים ערגערנישן און נערוועזע וואַרטונגען זענען געווען, ווי מיר האָבן זיך איבערצייגט, אין פולער האַרמאָניע מיט די אומ־

געלומפּערטקייטן און נאָך־מלחמה־צערודערונגען, וואָס האָבן אונדז באַגלייט אויף טריט און שריט אין משך פון אונדזער גאַנצער רייזע.

אַלע שוועריקייטן און שטערונגען פון „אונרא” אין מינכען, זענען געווען ווי זיי האָבן באַדאַרפט און געמוזט זיין, כדי מיר זאָלן באַקומען דעם פולן חלק פונעם נאָך־מלחמה־אומגעלומפּער, און נאָך מער — דעם פולן חלק פונעם הבל־הבלימדיקן יידישן לעבן אין די לאַגערן.

קיין זאַך איז נישט געגאַנגען אין סדר, ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, קיין זאַך האָט נישט געשטימט מיט די איינשטעלונגען אין ניו־יאָרק.

קיין זאַך האָבן מיר בכלל נישט געפונען איינגעאָרדנט פאַר אונדז, כדי אונדזער נסיעה איבער די לאַגערן זאָל געפינען כאָטש די עלעמענטאַרסטע צוגרייטונגען.

אַלץ, מיט איין וואָרט, האָט געשטימט, אויב מען קען זאָגן, מיט אומבאַשטימטקייט, מיט טאָג־נאַכטיקייט און מיט נאַכט־טאָגיקייט.

אַלע קלייניקייטן אויף אונזער וועג האָבן באַקומען דעם טעם פון יידישער אויסגעוואָרצלטקייט, פון יידישער הילפלאָזיקייט, פון יידישן במדבר.

*

ווען אונדזער רייזע וואָלט אונדז אָפּגעגאַנגען איינגאַנצן גלאַט און סדרדיק, וואָלט זי אפשר נישט געהאַט קיין זין.

אויף דעם פאָן פון לאַגער־ישובים, פון יידישער אומרו, פון יידישער פאַרצווייפלונג, שפּאַנונג און אָפּטן רייסן זיך צו מרידה, צו גאולה אום יעדן פּרייז, וואָלט אונדזער רייזע, אויב זי וואָלט זיך נישט אָנגעשטויסן אָן שוועריקייטן, אויסגעזען ווי אַ טוריסטישער גראָטעסק.

מיט שוועריקייטן, מיט נישט־איינגעשטעלטן סדר, האָט אונדזער רייזע געקראָגן איר תיקון.

*

איך גיי אויף צוריק צו די נאָטיצן פון די ערשטע טעג פון אונדזער רייזע.

*

אויפן קליפּער

-8־טער אַפּריל.

אויף דער שיף „עריקסאָן", אויף וועלכער מיר, עמא שייווער, ישראל אפרת און איך, זענען לכתחילה ארויף, צו פֿאָרן קיין לאָנדאָן, האָבן זיך אָפּגעטאָן אויסטערלישע זאַכן.

איבערצוגעבן אַלץ, וואָס איך האָב פֿאַרנאָטירט, וועט זיין צו לאַנג.

ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז גליך ווי מיר זענען ארויף אויף דער שיף האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון איר מאַנשאַפֿט.

אַ טאָג מיט אַ נאַכט מיט אַ טאָג.

די שיף שטייט אין האַפן און רירט זיך נישט פון אָרט.

צו אונדזער געמיט, צו אונדזער רייסן זיך וואָס־גיכער אהין, צו די לאַגערן פון דער שארית הפליטה, איז דאָס שטיין אומזיסט אין האַפן, ווי זאַלץ אויף אַ וואונד.

אחוץ דעם איז נישטאָ קיין פּיינלעכערע זאַך ווי אַ שיף, וואָס דאַרף אָפּשווימען און שווימט נישט אָפּ.

אַ שיף, וואָס שטייט, ווען זי דאַרף נישט שטיין, איז אַן אומזין.

פּרובירסטו שלאָפן. מיינסט, אַז אָט ביסטו שוין טאַקע איינגעשלאָפן.

אָבער דער געדאַנק, אַז די שיף שטייט ביים האַפן, אין דער צייט, ווען זי וואָלט שוין לאַנג באַדאַרפט גאָר זיין אין די ווייטענישן פון אַט־לאַנטיק, האַלט אין איין אויפרודערן אין דיר אַלע דיינע נערוון.

כאָטש נעם די נערוון און שפּאַן זיי איין, אַז זיי זאָלן אַ שלעפּ טאָן די שיף פונעם האַפן אין טיפן ים אריין.

שטייט אַ פֿאַרגליווערטע מאַכינע, אַ שטומע, אַ נאַכטיקע, אַן אומגעלומ־פּערטע און — גאַרנישט.

זי האָט מאַשינעס — און די מאַשינעס גיבן זיך נישט קיין באַוועג.

זי האָט רעדער — און די רעדער גיבן זיך נישט קיין ריר.

זיי דאַרפן זיך דרייען — און זיי דרייען זיך נישט.

אַ נס, וואָס עס איז דאָ אויף דער וועלט היינט אַן עראָפּלאַן. דער קליפּער.

און נאָך אַ נס: מען קאָן נעמען די פּעקלעך און איבערטראָגן זיך פון שיף צום לאַגוואַרדיע פעלד און דאָרט קריגן פּלעצער אויפן קליפּער, וואָס ברענגט אייך אין איין קאַרגן מעת־לעת קיין לאָנדאָן.

יאָ, אַזויפיל נסים!

★

10־טער אַפּריל. קליפּער.

ווייט נאָך האַלבער נאַכט.

דער עראָפּלאַן פליט אונטער די הימלען מיט זיין פולן שוואונג און אימפּעט.

ניו־יאָרק געווען און — נישטאָ.

נישטאָ מער קיין פייערן.

ים.

איז ים פאַראַן?

אויך ים איז נישטאָ.

די שנעלקייט, די הויכקייט, די נאַכט־פינצטערניש עסן אויף דעם אָקעאַן, ווישן אים אָפּ פונעם פּנים פון דער ערד.

א געוואַלדיקייט, א דערהויבנקייט, א יום־טובדיקייט.

צי זיך אויס אינעם ווייכן שטול און גיב זיך איבער אין די הענט פון גוטע דרעמלעניש.

האַלב רעיונות — האַלב חלומות.

איינשלאָפן געלינגט נישט. די חושים ווערן פון רגע צו רגע אויפגע־וואַכטער, אויפגעהייטערטער.

עס ווילט זיך עפּעס פאַרשרייבן און — כ׳האָב נישט קיין פּאַפּיר אונטער דער האַנט. מיינע העפטן ליגן אין וואַליזע, און כ׳קאָן זיי נישט אַרויסבאַקומען.

נעם א ציימונגבלאַט, וואָס ליגט אַנטקעגן דיר און שרייב אויף די ראַנדן.

מיטאַמאָל — זע, וואו איז גאָטס שיינע וועלט אַהינגעקומען?

דו באַוואונדערסט דאָס פליען, דאָס טראָגן זיך אינעם חלל פון דער וועלט אין גאָטס נסימדיקער נאַכט. אָבער — וואו איז די וועלט אַליין?

וואו איז זי אַהינגעקומען?

צי איז נישט דיין באַוואונדערונג אַן איינמאַליקע נאַר?

דו זעסט דאָך איצט נאָר א געדאַנק וועגן דער וועלט און נישט די וועלט אַליין. דו זעסט נאָר דעם גייסט פון דער יצירה, אָבער נישט די יצירה אַליין.

אויף דער ערד אָבער, ווען דו ביסט, זעסטו די פּרטים פון דער נאַטור — די שאַפונג אַליין. דו זעסט די גרויסע זאַכן און אויך די קליינע.

די קליינע זאַכן אויף דער ערד זענען נאָך מער צו באַוואונדערן ווי די גרויסע.

זיי זענען ציטערדיק, זיי זענען פיבערדיק — די קליינע זאַכן אויף דער ערד.

אין דער הויך אָבער זעסטו גאָרנישט. דערהויפּט נאָך ביינאַכט.

קאָנסט קיין זאַך נישט אָנרירן אין דעם חלל פון דער וועלט, אין דעם וואונדער פון גאָט, אין די ווייטע, אומענדלעכע וואָלקנס פון גאָט.

גאָט ליגט אויסגעצויגן איבער'ן זילבער־באַגאָסענעם וואָלקן־פוך און שלאָפט, אָדער ער רוט.

יאָ, ער רוט. שלאָפן שלאָפט נישט גאָט.

זען אים אָבער קאָנסטו נישט. נישט זיינע הענט, נישט זיינע פיס, נישט אפילו זיינע פינגער.

דו זעסט זיי אין אַ צווייג. דו זעסט זיי אין אַ זאַנג. דו זעסט זיי אין די אָרעמס פון אַ קינד.

אויך אַזוי, ווען דו פאָרסט אויף אַ דאַמף־שיף איבערן אָקעאַן:

דער ערשטער איינדרוק באַוועלטיקט דיך, רייסט דיך מיט. אָבער נאָכן ערשטן איינדרוק הייבט זיך אָן שיער־נישט אַ לאַנגווייליקייט. סיידן דער ים נעמט זיך שפּאַלטן, נעמט זיך טיילן, נעמט שטורעמען — פאַנאַנדערוואַרפן זיך אויף קליינע חלקים, וואָס באַקומען אַן אויסזען און אַ געשטאַלט פון זאַכן, פון בערג, פון חיות, פון קערפּערס.

אַלע ריזיקייטן מוזן ווערן לאַנגווייליק, סיידן זיי ווערן פאַנאַנדערגענומען אויף קליינקייטן, אויף פּרטים.

זיי געבענטשט, קליינע זאַך.

אויך דאָס אומגליק צווישן מענטשן נעמט זיך דערפון, וואָס זיי ווערן אויף אַ ווייַלע נאָר פאַרכאַפּט פון דער ריזיקייט פון אידייען און אידעאַלן, און פאַרזעען בשעת־מעשה דאָס קליינע, דאָס לעבעדיקע אונטער און איבער די אידייען; פאַרזעען דעם קליינעם גוף, די קליינע הענט, די קליינע פינגער— דאָס געוויין און דעם צער פון קליינע פינגער.

די ריזיקייט ווערט לאַנגווייליק, און דאָס פאַרזעענע קליינע ווערט דערווייל צעטראָטן און פאַרבייגעגאַנגען.

דערשיטערן דערשיטערט, למשל, דער טויט פון איין פּשוטן נאָענטן מענטשן מער, ווי דער טויט פון אַ מיליאָן אויף אַ שלאַכט־פעלד.

דער טויט פון אַ מיליאָן באַוועלטיקט דיך נישט מיט קיין פּשוטער קראַפט, נאָר מיט שיער־נישט אַ באַוואונדערונג. און דאָס געדויערט נאָר איין רגע.

גלייך נאָכדעם ווילסטו שוין אוועקגיין דערפון. פאַרגעסן. ווייל דו האָסט נישט קיין כוח צו זעצן זיך קלאָגן און באַקלאָגן טויזנט מאָל טויזנט אומקומס, פאָרשטעלן זיך טויזנט מאָל טויזנט טויטן.

דערפאַר, צו אונדזער גרויסן בראָך, איז נישט דערגאַנגען צו דער וועלט דער אומקום פון זעקס מיליאָן יידן.

די ריזיקייט פון דער צאָל האָט אָפּגעשוואַכט, קאָן זיין, די דערשיטערונג — נישט ווי אונדז פלעגט זיך דוכטן, אַז זי פאַרשטאַרקט.

אויף דעם האָט, מענלעך, שפּעקולירט היטלער. מען דאַרף נישט פאַר־

לייקענען, אַז ער איז געווען נישט קיין שלעכטער פּסיכאָלאָג — אַט־דער נבזה. ער האָט אויסגעלערנט די פעלקער, אַז בנוגע יידן דאַרף מען אָנווענדן די גרויסע צאָל — די גרויסע הריגה.

מען מוז דערפאַר מער ווי אַלץ לערנען מענטשן צו פאַרשטיין און אַריינצולעבן זיך אין די יסורים פון קליינע זאַכן און פון דעם קליינעם מענטשלעכן אָרימען גוף.

די גאולה פון דער וועלט וועט קומען נאָר דורך דער פאַרשטענדעניש פון דער קליינער קאָנקרעטער טראַגיק.

ווען גענעראַלן וואָלטן דורכגעלעבט אין פול די טראַגיק פון איין שטאַרבנדיקן סאָלדאַט אויפן שלאַכט־פעלד, וואָלטן זיי גלייך אָפּגעשטעלט די מלחמה.

אויך אין דער ליטעראַטור דאַרף מען אָפּגיין פון דעם גרויסן העלד מיט זיינע אומגעדולדן, מיט זיינע אומגעוויינלעכע הונגערס, מיט זיינע קאַטאַסטראָפישע וועלט־ווילנס, מיט זיינע אומגעשטילטע גאולה־דאַרשטי־קייטן.

צום קליינעם, צום שטילן, צום אינו־נראהדיקן לאָמעד־וואָוו מענטש דאַרף מען גיין.

אַזוי זיץ איך אינעם שטול אויפן קליפּער, וואָס טראָגט מיך אין אַ חלל ערגעץ, אין דער נאַכט ערגעץ, און רעד אין זיך אַליין, צו זיך אַליין.

מיטאַמאָל בליצט־אויף אין מיר אַ מאָדנע אַסאָציאַציע:

קליפּער, פיר־מאָטאָרדיקער עראָפּלאַן, וואָס פליט דריי הונדערט מייל אַ שעה, און — מענדעלע מוכר ספרימס וועגעלע מיט דער קליאַטשע.

אַזאַ בענקשאַפט כאַפּט מיך אַרום נאָך דעם זיידנס בויד, נאָך זיין אָרעמער, טראַט־ביי־טראַט קוים גייענדיקער קליאַטשע.

זיצט ער זיך, דער זיידע, אויף דער קעלניע, קוקט מיט שטילע אויגן אויף די וועלדער אַרום, אויף די פעלדער פאַרביי, און פּליסטערט עפּעס שטיל, שטיל מיט די ליפּן.

ער פאָרט, דער זיידע, קוים אַ דרייסיק, אָדער אַ פערציק וויאָרסט אַ טאָג.

ער זיצט און הוידעט זיך אויף דער קעלניע און זינגט אונטער און דאַוונט אונטער און שעפּטשעט אונטער.

וואָס שעפּטשעט ער, דער זיידע? רופט ער עס מיך? ווינקט ער צו מיר?

חלומט ער עס וועגן יידן, וואָס טראָגן זיך אינעם וועלט־רוים אין פיר־מאָטאָרדיקע קליפּערס, אָדער ער דערזעט גאָר מיט זיינע זיידעשע שאַרפע און אָנגעשפּיצטע אויגן די אייניקלעך זיינע, די שארית־הפליטה־יידן, ווי זיי וואַלגערן זיך אַרום אין לאַגערן אויף אַ בלוטיקער ערד?

וואו איז זי, די דאָזיקע ערד?

ווער האָט זי בלוטיק געמאַכט? ווער? ווער? ווי אַזוי?

פון וואַנעט האָט זיך גענומען דער וואַנזין?
מיר פאָרן אַהין. מיר פליען אַהין. נאָך וואָס? צוליב וואָס?
וואָס וועלן מיר דאָרטן טאָן? קאָנען מיר ברענגען טרייסט?
קאָנען מיר ברענגען אַהין צו די יידן, צו די אַרויסגעראַטעוועטע פון די קרעמאַטאָריעס, עפּעס מער ווי ווערטער בכלל? קאָנען מיר?
וועלן זיי דען נישט מאַכן פון אונדז דאָס גרעסטע געלעכטער, ווען מיר וועלן קומען צו זיי נישט מער, ווי נאָר מיט ווערטער — אפילו ווען מיט די עדלעכסטע, מיט די ברידערלעכסטע ווערטער?
וואו זענען מיר געווען פריער? — וועלן זיי אַלע אונדז פרעגן.
וואָס וועלן מיר זיי ענטפערן?
פאַרוואָס זענען מיר צוזאַמען מיט זיי נישט געווען אין גאַז־אויוון? — וועלן זיי פרעגן.
און זיי וועלן זיין גערעכט מיט זייער פרעגן.
וואָס וועלן מיר זיי ענטפערן?
און אַז מיר וועלן זיי ענטפערן, אַז מיר פילן זיך שולדיק, אַז מיר דערקלערן זיך שולדיק, און אַז דערפאַר קומען מיר צו זיי, כדי צו זאָגן עס זיי פנים־אל־פנים, — וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן גאָר אויסשטעלן אויף אונדז נשתוממדיקע אויגן און וועלן אַ זאָג טאָן איינער צום אַנדערן:
— וואָס רעדן זיי? וואָס שולדיק? ווען שולדיק? צי זענען זיי נישט, חלילה, אויסערן זינען? — — —
— — — מיטאַמאָל — זע! ווייסער באַגינען גיט אַ בלענד אין די שייבלעך פונעם קליפּער. דער קליפּער נעמט זיך אַראָפּלאָזן נידעריקער, נידעריקער.
זע — שניי!
אויף די פאַרפרוירענע, שפּיגלדיקע פליגלען פונעם עראָפּלאַן אַ זון־אויפגאַנג. אַ פראַסטיקער זון־אויפגאַנג.
ניו־פאַונדלענד.
ווינטן, ווינטער. באַגינען־גאָלד.
קאַלט. סיביריש. צפון־אָטעם. ווייסע שיין.

*

אין לאָנדאָן

12־טער אַפּריל.

— — אָנגעקומען אין באַגינען קיין ענגלאַנד, אויפֿן לופֿט־פֿעלד, וואָס הינטער לאָנדאָן.

פֿונעם לופֿט־פֿעלד דאַרפֿן מיר פֿאָרן אַ פֿיר שעה מיט אַ באַס קיין לאָנדאָן.

פֿאַרוואָס אַזאַ ווייטקייט?

מסתמא צוליב דער מלחמה האָט מען די לופֿט־פֿעלדער אָפּגערוקט ווייט פֿון דער ענגלישער הויפּטשטאָט.

די רעוויזיע פֿון אונדזערע זאַכן און דאָקומענטן גייט צו שנעל.

מיר זעצן זיך אַריין אין אַ באַס און מיר פֿאָרן דורך דערפֿלעך, דורך פֿעלדער, איבער געדרייטע, געשלענגלטע וועגן.

אַ היימיש געפֿיל נעמט אַרום דאָס האַרץ, אַ היימיש געפֿיל געמישט מיט נייגעריקייט.

עס גייט אויף אַ גרויסע זון. דער פֿרילינג לויפֿט אונדז אַנטקעגן אַן אַנטפּלעקטער אין זיין פֿולער פֿרישקייט.

צוויי נעכט נישט געשלאָפֿן ווי עס באַדאַרף צו זיין — פֿילן מיר זיך מיד. מיר לאָזן אָבער נישט, אַז די מידקייט זאָל אונדז באַפֿאַלן גראָד איצט אין באַס, ווען די אויגן דאַרפֿן אויפֿנעמען אַן אויפֿגייענדיקן טאָג איבער אַ לאַנד, וואָס מיר זעען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן.

דערצו נאָך, ווען דאָס לאַנד הייסט ענגלאַנד, און דערצו נאָך, ווען מיר פֿאָרן מיט אַ באַס, וואָס פֿירט אונדז קיין לאָנדאָן — די שטאָט, איבער וועמעס גורל מיר האָבן אַלע אין אַמעריקע, אין משך פֿון דער מלחמה, אַזוי פֿיל געציטערט און געזאָרגט; די שטאָט, וואָס איז געווען די ערשטע אָנצושטעקן די אַטאַקירטע וועלט מיט דעם גלויבן, אַז היטלער וועט און מוז פֿאַרלירן די מלחמה.

דער באַס שטעלט זיך אָפּ אויף אַ קורצער ווײַלע ביי אַ קלײנער קרעטשמע.

מען סאַרווירט קאַווע און סענדוויטשעס. קאַווע אין אַ הויכן בלעכענעם קרוג.

יעדער שעפּט פֿונעם קרוג אויפֿן אַלטן, אַמאָליקן שטייגער, אַזוי ווי מען שעפּט וואַסער פֿון אַ ברונעם, אַריינטונקענדיק דעם עמער. די קאַווע איז אָבער קוים־קוים לעבלעך און ביטערלעך. נישטאָ, ווייזט אויס, קיין צוקער.

מיר פאָרן ווייטער.
אַט הייבן זיך אָן באַווייזן לאָנדאָנס פאָרשטעט.
ערב־לאָנדאָן.
עולם פון אַלע זייטן איילט זיך צו דער אַרבעט. גאַנצע מחנות אויף בייסיקלס.
איך זוך מיט די אויגן דורכן פענצטער פון באַס די ערשטע שפּורן פון דער מלחמה.
אָט זענען זיי. אָט קומען זיי מיר אַנטקעגן.
שויבן, פאַרשטעלטע מיט ברעטער. איינזאַמע צעדרייטע ווענט — איבערבלייבעכצן פון אויפגעריסענע געביידעס. לעבער. — דערווייל נישט קיין סך.
נענטער צום צענטער פון לאָנדאָן הייבן אָן אָנקומען אונדז אַנטקעגן גאַנצע בלאָקן מיט צעשטערטע בנינים.
אומעטום — פענצטער פאַרהאַקטע מיט ברעטער. נישטאָ, ווייזט אויס, קיין גלאָז גענוג צו מאַכן צוריק זעענדיק די אויסגעהאַקטע שויבן.
די גאַסן אַליין, אָבער, די ברוקן, מוסטערהאַפט ריין און אויפגעקליבן. קיין סימן פון ברוכוואַרג, פון אָנגעוואָרפענע שטיינער און ציגל. אַ שי־מערירונג איבער די ברוקן.
מען דערשפּירט גלייך אַן עקשנותדיקע, געדולדיקע האַנט, וואָס האָט די ברוכוואַרגן גלייך אָפּגעראַמט.
הינטער די, מיט ברעטער פאַרשלאָגענע, פענצטער גייט אָן ווידער דאָס לעבן.
קראָמען, געשעפטן, וואוינונגען.
אַקוראַט ביי די ווענט מיט די פאַרהאַקטע שויבן לויפט אונדז נאָך, אין ריטם פון אונדזער דרייען זיך איבער לאָנדאָן, אויף זיין צעבליטן אַפּריל־דיקן בייסיקל — דער פרילינג פון 1946.

*

— — — האָטעל עספּלאַנאַד. אַנטקעגן — אַ טונקעלע, שפּיציקע קירכע. קאַטעדראַל־מעסיק. אַ צעצווייגונג פון גאַסן. אַן אונטערגרונט־סטאַנציע. אַליין אָפּגערוקט פונעם צענטער פון לאָנדאָן. אַרום און אַרום — רו און שטילקייט.
אין האָטעל גופא — אויך אַ שטילקייט, אָבער שוין נישט אַזאַ רואיקע. אַ פאַרטונקלטע אַ ביסל. אַ נערוועזע און אַ פאַרטרויערטע.
די מערסטע געסט אין האָטעל — יידן. אָבער וועלכע יידן — הייב איך נישט אָן צו וויסן.
ווייטלעכע, קאַלטלעכע, נעט־געקליידטע, מאַנירלעכע יידן.

עס קאָן זיין, אַז ווען דו וואָלסט צוגיין צו זיי נאָענט און אָנגערירט זיי מיט אַ געהעריקן שליסל ביים האַרץ — וואָלטן זיי מיט גרויס גערנקייט גלייך אויפגעעפנט אויך זייער האַרץ פאַר דיר. אָבער איך האָב עס נישט געטאָן. כאָטש איך האָב געוואוסט (ד. ה. אין פאַרלויף פון טעג זיך דער־וואוסט), אַז אַ גרויסער טייל פון זיי זענען היטלער־קרבנות, אַנטלאָפענע פון דייטשלאַנד, פון עסטרייך און פון אַנדערע ווינקלען פון אייראָפּע.

די איינציקע, מיט וועמען מיר האָבן אין צייט פון די מאָלצייטן יאָ פאַרפירט נאָענטע שמועסן, זענען געווען אייניקע פון די קעלנערס און באַדינערינס.

די מערסטע פון זיי, אפשר אַלע, היטלער־געליטענע.

✶

13־טער אַפּריל.

— — — צוויי פון די האָטעל־באַדינערינס רירן אונדז באַזונדערס מיט זייער שטילער פריינטלעכקייט און דערהויפּט מיט זייערע אויגן, וואָס זענען פול מיט עפּעס אַ סודותדיקייט און אין דער זעלביקער צייט מיט אַזאַ מין פאַרלאַנג די סודותדיקייט צו אַנטפּלעקן.

איינע פון די צוויי זעט אויס טרויעריק־מונטער און אָפּטמאָל אפילו האַפּערדיק; די צווייטע, אָבער, זעט מען, ליידט פון עפּעס שטאַרק, שטיקט עפּעס אין זיך און האָט קוים־קוים כוח איינצוהאַלטן זיך נישט צוזאַ־מענצוברעכן.

אַז מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט זיי, האָבן מיר זיך דער־וואוסט אַט־וואָס:

ביידע קומען זיי פון עסטרייך. אַנטלאָפענע פון היטלערן. ביידע האָבן זיי געהאַט מענער. און די מענער האָט מען אָפּגעריסן פון זיי און פאַר־שלעפּט ערגעץ. אַרבעטן זיי אַלס רינסטן אין האָטעל דאָ און פאַרדינען זייער ברויט.

דער ערשטערס מאַן האָט זיך נאָך יאָרן פאַרלאָרנקייט אָפּגעזוכט. וואו? — אין ארץ ישראל.

זי האָט שוין פון אים אַ בריוו און באַלד וועט זי באַקומען אַ סערטי־פיקאַט. זי גרייט זיך שוין צו איר רייזע.

פאַרשטייט זיך, אַז זי פילט זיך גליקלעך און — אומגעדולדיק.

איר מאַן האָט זי ליב. איר מאַן לעבט. איר מאַן נעמט זי קיין ארץ ישראל.

אָבער ווי זאָל איר איינגיין איר פרייד אין אָנגעזיכט פון דער אומ־

גליקלעכקייט, אין וועלכער עס געפינט זיך איר חברטע, די צווייטע קעל־נערין.

זי, די צווייטע, האָט מיט אַ לאַנגער צייט נאָך צוריק געקראָגן אַ זי־כערע ידיעה, אַז איר מאַן איז אומגעקומען ערגעץ אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

די ידיעה האָט זי צעבראָכן.

זי האָט וואָכנלאַנג איר מאַן באַוויינט און באַקלאָגט, געווען קראַנק און פאַרצווייפלט. ווי נישט איז נאָכדעם געשטאַרקט זיך אַביסל, גענומען צוריק אַרבעטן און אָנגיין מיט איר שטיקל לעבן.

„מען מוז דאָך ווייטער לעבן", האָט זי געזאָגט, דערציילנדיק איר נעשיכטע.

געזאָגט עס מיט אַ מין שולדיקייט, וואָס זי האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז איר מאַן איז טויט. אָבער פאַרט שלום געמאַכט. וואָרים וואָס האָט זי געקאָנט אַנדערש טאָן?

מיטאַמאָל, שטעלט זיך איך פאָר, באַקומט זי, אָט מיט עטלעכע חדשים צוריק, אַ ידיעה דורך אירן אַ גוטן פריינט, אַז איר מאַן איז נישט טויט, אַז ער לעבט, און אַז זי זאָל זיך גרייטן אויף זיין באַלדיקן צוריקקער.

וואו אָבער איר מאַן געפינט זיך — וועגן דעם האָט איר פריינט נישט געשריבן.

ס'איז אַדורך אַ וואָך און צוויי און דריי אין גוואַלדיקער שפּאַנונג און דערוואַרטונג, און — דער מאַן איז נישט צוריקגעקומען.

און קיין בריוו פונעם פריינט איז אויך מער נישטאָ.

און אָט זענען שוין פאַריבער באַלד חדשים, און אַלץ קיין שפּור און קיין ידיעה מער. נישט פון איר מאַן, נישט פון איר פריינט.

עפּעס אַזוי ווי עמיצער פון אַ יענער וועלט וואָלט אָפּגעשפּילט אַ שפּיל מיט איר, אָדער גאָר אַרויפגעוואָרפן אויף אירע אָרעמע, אויסגעמאַטערטע פּלייצעס אַ מין קללה אַזאַ — זי זאָל קיינמאָל מער נישט וויסן פון רו און פון איינגעשטילטקייט, זי זאָל אויף אייביק זיין פאַרשאָלטן מיט אַן אומזי־כערקייט, מיט אַ ספק: ער לעבט, איר מאַן, צי ער לעבט נישט? איז דער בריוו פון איר פריינט געווען אַווירקלעכקייט, צי גאָר אַ חלום? — — —

זי שלאָפט נישט, זאָגט זי, גאַנצע נעכט. ביי־טאָג, אין דער אַרבעט, פאַרטומלט זי זיך אַ ביסל. זי באַהאַלט איר צער; זי וויל נישט, אַז די געסט אין האָטעל זאָלן עפּעס חושד זיין אין איר. זי דערלאַנגט עסן און מוז נאָך געבן אַמאָל אַ שמייכל. אָבער ביינאַכט ווערט איר האַרץ ממש צע־ריסן, זאָגט זי.

פאַרוואָס קומט איר אַזאַ מאַטערניש? פרעגט זי מיט אַ שטילן, דערשטיקטן קול, און טרערן נעמען זיך קייקלען פון אירע אויגן איבע־רע אויפגעצוקטע באַקן.

זי נייט אָפּ שנעל פון אונזער טיש און יאָגט אַרונטער אין קעלע־

שטאָק, וואו עס געפינט זיך די קיך.
די חברטע, לויפט איר נאָך ווי א פאַרשולדיקטע.

*

— — — איך שפּאַציר אַרום איבער די שטילע גאַסן נישט ווייט פון דעם האָטעל.
איך רייס זיך אַוועק פון מענטשן, פון באַזוכער.
איך וויל אַליין, אָן באַגלייטער, דערשפּירן דעם אָטעם פון לאָנדאָנער פאָלקס־לעבן. מיך אימפּאָנירט שטאַרק די שטילקייט און די געלאַסנקייט פון די מענטשן, וואָס קומען מיר אַנטקעגן. איך הייב אָן צו דערשפּירן די עקשנותדיקע רו, מיט וועלכער יעדע וואַנט, יעדער שטיין אָטעמט.
וואָס יסורימדיקער ס'איז געווען די שרעק פון די באָמבאַרדעס, וועלכע זענען געפאַלן איבער לאָנדאָן אַרום צוויי הונדערט מעת־לעת אָן אויפהער כמעט; וואָס אימהדיקער ס'איז געווען דער חורבן פון איבער א מיליאָן גע־ביידעס אין לאָנדאָן, אַלץ טיפער, ווייזט אויס, איז געוואָרן דער ווילן פון יעדער איבערגעבליבענער טרעפּ, פון יעדער נישט־אַרויסגעזעצטער שויב צו מאַכן אַן איינדרוק פון שטילקייט, פון מנוחה.

*

— — — אָט זע איך א סצענע, וואָס שמידט מיך צו צו זיך:
איך שטיי און באַקוק די געגנט. מיין אויג פאַלט אויף א גאַניק פון א צוויי־שטאָקיק הויז.
אויף א טרעפּ פונעם גאַניק שטייט א יינגעלע פון א יאָר פינף, גאַנץ אַרעם אָנגעטאָן, און קוקט מיט אָנגעשטרענגונג ערגעץ אין דער ווייטקייט אַריין.
איך פאַרשטיי, אַז ער וואַרט אויף עפּעס, אָדער אויף אימיצן. זיין וואַרטן פאַרכאַפּט מיך. איך קוק אים נאָך.
מיטאַמאָל, פון ראָג גאַס, באַווייזט זיך אַן אויטאָמאָביל — א לייכ־טער לאַסט־וואָגן.ביים רעדל זיצט א פרוי אָנגעטאָן אין אַרבעט־קליידער.
דער וואָגן פאָרט־צו געשיקט און דערפאָרן צום שוועל פון דעם הויז, וואו עס שטייט און וואַרט דאָס יינגעלע.
דאָס יינגעלע לאָזט זיך לויפן צו דער אָפּגעשטעלטער מאַשין. די פרוי שפּרינגט אַרויס פון דער מאַשין, כאַפּט זיך אַרום מיטן יינגעלע, הייבט אים אויף די הענט, נעמט אים אַרום מיט מאַמעשער גליקלעכקייט און איילט אַריין מיט אים אין שטוב.
דאָס איז, הייסט עס, פאַרשטיי איך, א מאַמע, וואָס אַרבעט אַלס לאַסט־וואָגן־טרייבערין.
זי קומט, הייסט עס, אין באַשטימטע מאָמענטן, אַהיים צו זיך, צום קינד. דאָס קינד ווייסט שוין די רגע און וואַרט אויף דער מאַמען.

ביידע ווייסן זייערע פּליכטן און ביידע באַגעגענען זיך אין באַוואוסט־זיין פון זייערע פּליכטן און אין אַנוואוקס פון זייער בענקשאַפט.

איך בין געשטאַנען און געוואַרט צו זען די צווייטע העלפט פונעם בילד.

נישט לאַנג באַדאַרפט וואַרטן.

אין א קורצער ווײַלע אַרום קומט די מאַמע אַרויס פון שטוב. דאָס יינגעלע נאָך איר. די מאַמע גיט א טוליע־צו דאָס קינד צו זיך. באַפרייט זיך פון אים. א שפּרונג אַריין אין דער מאַשין און — אַפּ. דאָס יינגעלע שטייט און פאָכעט מיט די הענטלעך...

★

12-טער אַפּריל

פינף טעג שוין אין לאָנדאָן.

די מערסטע צייט פאַרפּטרן מיר גאָר אויף גוטצומאַכן שטערונגען בנוגע אונדזער ווייטערדיקער רייזע קיין דייטשלאַנד. שטערונגען אויף וועלכע מיר האָבן זיך גאַרנישט געריכט.

דוכט זיך אַלץ איז געווען איינגעאָרדנט ווי עס באַדאַרף צו זיין אין ניו־יאָרק. לאָזט זיך אויס, אַז נישט.

עס פעלט נאָך אַלץ, ווייזט זיך אַרויס, עפּעס א קאַזיאָנע פּאַפּירל.

אָ, די אייביקע קאַזיאָנע פּאַפּירלעך!

מיר זענען איבעראַשט ביז גאָר. מיר האָבן דאָך, דוכט זיך, גוטע, אין שטעמפּלען איינגעטונקטע, פּאַספּאָרטן. אין די פּאַספּאָרטן שטייט דאָך בפירוש געשריבן, אַז מיר פאָרן מיט דער דערלויבעניש פון „אונרא״, און אַז דער הויפּט־אָפיס פון „אונרא״, וואָס זיצט אין לאָנדאָן, דאַרף אונדז איבערנעמען און איינאָרדנען אונדזער ווייטערדיקן אַפּפליען קיין מינכען. די לאָנדאָנער „אונרא״ דאַרף אונדז געבן אַלע נויטיקע ווייטערדיקע דאָקומענטן, אַלע צייכנס פאַר אונדזערע „אונרא״־קליידער.

לאָזט זיך אָבער אויס, צו אונדזער געפּלעפּטקייט, אַז אונדז פעלט עפּעס א פּאַפּירל פון וואַשינגטאָנער „אונרא״־אָפיס, וואָס דאַרף אונדז דירעקט פאַרבינדן מיטן לאָנדאָנער „אונרא״ און אויך מיט דער אַמעריקאַנער מיליטערישער מאַכט אין פראַנקפורט אם מאַין.

פעלט אונדז איין דאָס האַרץ.

ווער ווייסט, אפשר פאַרדרייט זיך עפּעס ווידער דאָרט אין דער מיליטערישער הויפּט־קוואַרטיר און גיט אונדז נישט קיין דערלויבעניש צו פאָרן ווייטער פון לאָנדאָן!

מער וואָלט אונדז נישט געפעלט. אזויפיל אָנשטרענגונגען דורכגע־מאַכט ביז לאָנדאָן און מיטאַמאָל — ווידער א שטיין אין וועג!

אָבער פאַרפאַלן. וואָס קאָנען מיר טאָן?

דער לאָנדאָנער אָפיס האָט טעלעגראַפירט קיין פראַנקפורט וועגן אונדז און הייסט אונדז האָבן געדולד און וואַרטן, ווייל מיר דאַרפן וויסן, אז ס׳איז נאָך אַלץ נאָך־מלחמה־צושטאַנד — אָקופּאַציע־צושטאַנד.

אַזוי זאָגט מען אונדז און אַזוי פילן מיר. יאָ, ס׳איז טאַקע ריכטיק אַזוי.

מען הייסט אונדז וואַרטן — וואַרטן מיר. א ברירה האָבן מיר.

*

נאָך־מלחמה־צושטאַנד. יאָ, — אין אַלץ, צו־וואָס דו רירסט זיך צו, דערפילסטו דעם אָטעם פון דער נאָר־וואָס פאַרענדיקטער מלחמה.

דאָס גאַנצע לעבן איז נאָך אַלץ אונטערן מיליטערישן צייכן.

די פייערן זענען פאַרלאָשן, די הרוגים זענען פאַרדעקט מיט דער ערד, אָבער דאָס ווייטערדיקע פשוטע מענטשלעכע לעבן צאַפּלט זיך נאָך אַלץ אין אַנגסטן, כאָטש לפּנים זעט עס אויס, אַז מענטשן זענען ווי ניט איז שוין אריין אין נאָרמאַלקייט צוריק.

*

עס הערשט אין לאָנדאָן א דוחק אין די נויטיקסטע זאַכן — אין שפּייז, אין קוילן, אין באַלייכטונג, און דער מענטש איז נאָך גאַנץ ווייט פון צו זיין פריי פון מלחמה־שרעק.

זיי זענען בריות, די מענטשן, צו מאַכן אַן איינדרוק פון באַרואיקונג, פון קאָנטראָל איבער זיך, אָבער איבער דער דאָזיקער רואיקייט שוועבט, פילסטו, א שווערע שטומע טענה.

די לעכער פון די טויטע פענצטער, די גריבער פון די אויפגעריסענע גאַסן אין צענטער פון שטאָט, די מוראַדיקע רואינעס פון גאַנצע סקווערן האַלטן אין איין אַרויסשרייען זייער פּחד, זייער ווייטיק צו דער נאָענטער פאַרלינגדיקער זון בייטאָג און צו די ווייטע שטערן ביינאַכט.

דו באַוואונדערסט, אָבער אין דערזעלביקער צייט ווערסטו מיט אַמאָל ווי דורכגענומען מיט גרויל, ווען דו זעעסט ווי אַזוי די צעשאָסענע לאָנדאָנער גאַסן זענען פול מיט מענטשן, און די מענטשן גייען פאַרביי אַלע חורבות און שטעלן זיך אפילו נישט אָפּ אויף קיין איין רגע א קוק צו טאָן אויף זיי.

אַזוי ווי די אויפגעריסענע וועגט, קוימענס, פאַרהאַקטע פענצטער וואָלטן געווען פון אייביק אָן א טייל פונעם בילד פון דער שטאָט.

אַזוי ווי די רואינעס וואָלטן געווען נישט קיין מלחמה־חורבות, נאָר

עפּעס אויסטערלישע נישט־דאַאיקע אָרנאַמענטן אַזוינע.

וואָס מלחמה? ווען מלחמה?

מענטשן, ווייזט אויס, ווילן די מלחמה פאַרגעסן, אפילו ווען ערגעץ אין די תהומען פון דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט־פּאָליטיק טויכן־אויף נייע שרעק־פייערלעך, וואָס וואָרענען: סכנה!

מענטשן מוזן, ווייזט אויס, אביסל אָפּרוען, — מוזן זיי מסתמא אויס־טראַכטן עפּעס אַן אָפּנאַרעניש סיי פאַר זיך, סיי פאַר די רואינעס אַליין.

ס'איז אַראָפּגעפאַלן מסתמא עפּעס אַ מאָדנער גאָט אַזאַ פון ערגעץ, פון פאַרזעענע הייכן, האָט גענומען אַ גרויס שטיק לאָנדאָן, פאַנאַנדערגע־ריסן און אויסגעלייזדיקט.

ער האָט געשפּילט אַ שפּיל אַזאַ מיט מויערן, מיט קירכעס, מיט סקווערן, מיט בריקן.

אָפּגעשפּילט — מיד געוואָרן און זיך אָפּגעטראָגן.

די שפּילצייג זענען אָבער איבערגעבליבן.

שטייען זיי, אָדער ליגן זיי, און הויערן און לויערן און אָטעמען נאָכ־טיק און לעבעדיק.

היטלער? — נישט געווען קיין היטלער.

אויב ס'איז יאָ געווען אַ היטלער, איז ער געווען נאָר פאַר אונדז — פאַר יידן.

און דאָס איז דער חילוק צווישן דעם יידישן חורבן און דעם וועלט־חורבן.

די וועלט איז חרוב געוואָרן פון דער מלחמה, אָבער מיר יידן זענען חרוב געוואָרן פון היטלערן און פון זיינע דייטשן.

יאָ, ס'איז אַ גרויסער חילוק. גאָר, גאָר אַ גרויסער חילוק. אונדזער חורבן האַלט נאָך אָן אויך היינט. די פעלקער זעצן פאָר אונדזער חורבן אויך היינט.

אַז איך קום אויף פּיקאַדילי פיל איך, אַז דאָ איז געווען מלחמה;

אַז איך קום אָבער אויף ווייטשעפּעל, דעם יידישן געגנט, פיל איך, אַז דאָ איז געווען היטלער.

און געוויס און געוויס וועל איך עס פילן, ווען איך וועל זען דאַכאַו, צי מאַידאַנעק, צי טרעבלינקע, צי וואַרשע.

אויף איין זייט וואַרשע, אויף דער פּוילישער, איז געווען מלחמה, אויף דער צווייטער זייט וואַרשע, אויף דער יידישער, איז געווען היטלער.

*

ווייטשעפּעל — אַ נאָמען נישט קיין היימישער פאַר מיר. איך בין דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן דאָ.

ווי האָט ווייטשעפּעל אויסגעזען פאַר היטלערן ווייס איך נישט. ווי

אָבער זעט אוים ווייטשעפּעל איצט, נאָך היטלערן, דאָס וויים איך. דאָס זע איך.

איך גיי אַרום איבער ווייטשעפּעל. איך וויל דאָס אָרט דערקענען, כאָטש איך האָב עס נישט געקענט פון פריער. איך וויל עס דערקענען, און איך דערקען עס, דורך די חורבות, דורך דער ייִדישקייט, וואָס וויינט אַרוים פון צווישן די חורבות.

אָט זענען איינגעפאַלענע שולן, אָט סטאַרטשען אַרוים סימנים פון אַ מזרח־וואַנט.

אומגעלומפּערטע לעכער, געוועזענע בית־מדרש־פענצטער, אָטעמען מיט קאַלטן גרויל.

נישטאָ קיין גרויליקערע זאַך ווי אַן איינגעפאַלענער הייליקער בנין.

צווישן אַלע איינגעפאַלענע שולן — איין שול אַ גאַנצע.

ווי אַזוי איז די שול געבליבן גאַנץ? ווער קען ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע?

און אַז זי איז געבליבן גאַנץ, ווייעט דען נישט פון איר מיט נאָך מער עלנט?

מיר קומען אַריין אין איר. ס׳איז שבת בייטאָג.

פּוסט. ליידיק.

עטלעכע בענק טוליען זיך איינע צו די אַנדערע אין קעלט און אין טונקלקייט.

אַ פאַרשווין שיילט זיך אַרוים פון דער טונקלקייט. אַ פאַרשווין מיט אַ קאַשקעט אויפן קאָפּ.

אַ שומר — נישט קיין שומר. גיכער זעט ער אוים ווי אַ קברות־מאַן.

וואָרים אויב ער איז אַ שומר — איז וועמען היט ער?

צי איז ער נישט אַמאָל דער איינציקער באַקלאָגער פון אַ פאַרשוועכ־טער, צעבאָמבאַרדירטער וועלט?

★

13־טער אַפּריל.

— — — מיר גייען אַלע דריי, שייוועד, אפרת און איך, אין אַ יידישן רעסטאָראַן, אויף ווייטשעפּעל, עסן מיטאָג, שבת־מיטאָג.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי לייכט: מיר גייען אריין. ס׳האָט אונדז גענומען זייער לאַנג, ביז מיר האָבן זיך דערפרעגט אויף אים, אויף דעם יחסן אין דעם היינטיקן ווייטשעפּעל. שוין איינמאָל אַ רעסטאָראַן, אַ יחסן!

אַ קלייטל מיט אַ זעקס־זיבן קליינע טישלעך.

זיין יחוס? — נישטאָ קיין סך אַנדערע. דאָס איז זיין יחוס.

מען סאַרווירט אייך דאָ אַ פולן מאָלצייט, אַ שבתדיקן. אָבער די ריינקייט דאָ איז שוין גאָרנישט קיין שבתדיקע.

זאָל עס ווייטשעפּעל נישט נעמען פאַר אומגוט. פאַרקערט, איך פאַרצייכן עס פון גוט־ברודערשאַפט וועגן.

איך פאַרצייכן אויך די אומגעלומפּערטע גרויסע טעלער, לעפל, גאָפּל. ווייזט אויס, חפצים־יתומים פון די באָמבאַרדעס.

איך פאַרצייכן אויך דעם טישטוך, פון וועלכן מען קלייבט זעלטן אראָפּ, ווייזט אויס, דאָס איבערבלייבעכץ פון די פריערדיקע עסערס.

אַ שאָד געוועזן אראָפּצוקלייבן עס אין דער צייט פון דער מלחמה. אַ שאָד, ווייזט אויס, אראָפּצוקלייבן עס אויך איצטער.

מען דאַרף זיך מודה זיין, אַז דער ערשטער אימפּולס אונדזערער איז געוועזן — נישט זעצן זיך צום טיש. אוועקגיין.

אָבער מיר האָבן עס נישט געטאָן. דאָס יידישע האַרץ האָט נישט דערלאָזט.

צי זענען מיר דען געקומען אין אַ צעשאָסענער, באָמבאַרדירטער יידישער וועלט זוכן היגיענע?

פאַרגעסט אין טישטיכער, אין נעפּקינס, אין אַנדערע וואווילטאָגן אַזוינע. פאַרגעסט.

דעם ערשטן טעלער זופּ קריגט עמאַ שייוועד, אָבער נישט זי אַליין קריגט עס, נאָר אויך איר קלייד.

די קעלנערין נעמט זיך עס נישט צום האַרצן. זי קוקט אפילו נישט אין אונדזער זייט.

זי ווייסט — מיר וועלן נישט אוועקגיין.

זי ווייסט — עסן מוז מען.

מען מו־ז־ז־ז.

מיר ווערן אַלע דריי געשטימט פילאָזאָפיש און טייטשן אויך דעם אינצידענט אריין אין דער גורלדיקייט פון אונדזער נסיעה.

מיר דאַרפן אַלץ מקבל זיין באהבה.

אַז מיר גייען אַרויס פונעם רעסטאָראַן און דערזעען פאַר זיך ווידער און ווידער דעם חורבן אַרום, און דערפילן נאָכאַמאָל, וואָס די ברידער

אונדזערע אין וויטשעפּעל האָבן דורכגעמאַכט אין דער צייט פון די היטלער־באָמבאַרדעס — ווערן אַזוינע רעסטאָראַן־אַפּקומעניש אַוועקגערוקט אָן א זייט.

איין זאַך אָבער בלייבט יאָ איינגעקריצט אין דיין געדעכעניש, און דאָס איז:

עסן איז געוואָרן איבער גאַנץ אייראָפּע ממש אַ פּאַטאָליסטישער ענין.

נישט קיין קלייניקייט — ע־ס־ע־ן!

אַ שטיקל פּעטס, וואָס מען קען עס אין מויל נישט נעמען, ווערט דערהויבן צו — איך וויים אַליין נישט צו וואָס.

נישט מען עסט — נאָר מען איז פאַרמשפּט צו עסן.

ווי אַ פאַרמשפּטער מוז יעדערער דורכמאַכן דריי מאָל, אָדער צוויי מאָל, אָדער אפשר נאָר איין מאָל אַ טאָג די פּיין פון אַ מאָלצייט.

באמת, גאַנץ אייראָפּע איז היינט אַ פאַרמשפּטע דורכצומאַכן די מאַר־טיראָלאָגיע פון עסן...

★

15־טער אַפּריל.

אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן מיר פאַרלאָזן לאָנדאָן. מירן פליען מיט אַ מיליטערישן עראָפּלאַן קיין פראַנקפורט אַם מאַין. פון פראַנקפורט וועלן מיר מיט דער באַן דאַרפן פאָרן קיין מינכען, וואו ס'איז די צענטראַלע פון דער „אונרא".

אין מינכען וועט זיין אונדזער הויפּט־פּונקט, וואָס וועט אונדז פאַר־בינדן מיט די לאַגערן פון דער שארית הפליטה.

יעדער טאָג פאַרשטאַרקט אין אונדז אונדזער אומגעדולד.

אַלע פּאַפּירן האָבן מיר שוין, דאַנקען גאָט, פאַרטיק. די מניעה, אָן וועלכער מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אין דעם לאָנדאָנער „אונרא"־אָפיס ביים אָנקומען, איז לפנים באַזייטיקט געוואָרן.

דער וועג קיין דייטשלאַנד איז פריי פאַר אונדז. אַראָפּ אַ שטיין פון הארצן.

איך האָב אָבער געזאָגט נאַר־וואָס, אַז די מניעה איז לפנים באַזיי־טיקט געוואָרן. פאַרוואָס לפנים? — ווייל טיף־טיף אין זיך פילן מיר, אַז נישט געקוקט אויף די באַזייטיקטע מניעות, איז ערגעץ נאָך אַלץ דאָ, אין דער גאַנצער „אונרא"־אַטמאָספערע, און אויך אין דער אַמעריקאַנער מאַכט־ספערע, אַ בייזער שאָטן, וואָס לויערט אויף אונדז.

לויערט אויף אונדז און גרייט זיך צו אָנברענגען מכשולים קעגן אונדז.

פאַרוואָס? פאַרוואָס? — ווייסן מיר נישט.

אָבער ס'איז דאָ, פילן מיר באַשיינפּערלעך, ערגעץ אַ קעגנער, אַן אומ־פאַשטענדלעכער קעגנער, פון וועמען מיר וועלן נאָך האָבן צרות.

אַזוי זאָגט אונדז דאָס האַרץ.

*

די לאָנדאָנער „אונרא״ האָט אונז געגעבן רויטע געוואַנט־צושניטן מיט ווייסע בוכשטאַבן „אונרא״ אויף זיי.

די דאָזיקע צייכנס דאַרפן מיר אַרויפנייען אויף דער סאַמע הויך פון ביידע אַרבל.

טוען מיר עס, ווייל די אָפיציעלקייט פון דער „אונרא״־יוניפאָרם מוז אָפּגעהיט ווערן. אָן דער יוניפאָרם קאָנען מיר בכלל נישט לאָזן זיך קיין דייטשלאַנד און וועלן נישט קאָנען אויפגענומען ווערן פון די „אונרא״־באַאַמטע אין מינכען, וועלכע וועלן דאַרפן אונדז באַזאָרגן מיט עסן, מיט וואוינונג און מיט טראַנספּאָרטאַציע.

מיר נייען אויך אָן אונטער דעם „אונרא״־צייכן דעם נאָמען פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אויף יידיש, העברעאיש און ענגליש.

די יידישע און העברעאישע אותיות נייען מיר אָן אַליין, ווי אַ דע־מאָנסטראַטיוון צייכן פון אונדזער יידישקייט.

דאָס האַרץ זאָגט אונדז אונטער צו טאָן אַזוי, כדי מיט וואָס נישט אין לייכטער צו מאַכן פאַר זיך אַליין די אומבאַקוועמלעכקייט, און אפשר גאָר דעם קאָמיזם, וואָס מיטאַמאָל נעמען מיר, דערוואַקסענע יידן, יידישע דיכטער, און טוען זיך אָן אין האַלב־מיליטערישע יוניפאָרמען.

ווי קומען מיר אַריין, פרעגן מיר זיך אַליין, אין אַ יוניפאָרם?

איך דערפיל מיט דער פולסטער שאַרפקייט, ווי נישט ליב איך האָב בכלל אַ זעלנערישן מונדיר. איך ווער דערשטוינט פון דער ענדערונג, וואָס דער מונדירטער בגד טראָגט אַריין אין מיין געמיט.

ס'ווערט נאָך גרעסער אין מיר מיין דערווידערונג צום גאַנצן אופן פון פאַנאַדערטיילן דורך אויסערלעכע לבושים געזעלשאַפטלעכע שיכ־טונגען, צום גאַנצן מיליטאַריסטישן יוניפאָרמירטן קנאַק, וואָס די מענטש־לעכע געשיכטלעכע טיפּשות און מאַכט־עבודה־זרה האָבן אויסגעטראַכט.

די יידישע אונטערגענייטע אותיות, כאָטש זיי פאַרגרעסערן נאָך מער דאָס אויסערלעכע און דעמאָנסטראַטיווע, און וואָס ביי אַנדערע געלעגנ־הייטן וואָלט איך, צוליב דעם, זיך געפילט נאָך מער נישט היימלעך, — אין דעם פאַל אָבער פאַרלייכטערן זיי אין מיר אַ טייל פון דער אומנאַטיר־לעכקייט, וואָס דער בגד צווינגט אַרויף אויף מיר.

איך פיל בחוש, אַז בנוגע אונדזער איצטיקער רייזע — אַ רייזע קיין דייטשלאַנד—וועלן די יידישע אותיות אויף אונדזער אַרבל זיין עפּעס מער ווי

אַן אויסערלעכע דעמאָנסטראַציע.

יאָ, עפּעס מער.

אין דעם לאַנד, וואָס האָט געצוואונגען יידישע אָרעמס צו טראָגן געלע צייכנס און מגן־דודס ווי סימבאָלן פון שאַנד און דערנידערונג, וועלן יידישע צייכנס, וואָס איך ניי אָן מיט מיין אייגענעם ווילן פּראָמינענט אויף ביידע אַרבל, זיין אַ המשך פון דער געלער לאַטע, וועמעס שאַנד מיר האָבן נאָך פון פריער דערהויבן צו אַ יחוס־שטאָלץ, אַ נצחון־שטעכעניש פאַר די אויגן פון יעדן דייטש־נאַצי, וואָס וועט קוקן אויף זיי.

ער וועט קוקן אויף די יידישע אותיות און וועט, נעבעך, נישט קאָנען אויסשטרעקן זיין היטלער־האַנט כדי צו כאַפּן מיך און אַוועקשלעפּן צו אַ דערבייאיקן גאַז־קאַמער.

ס'וועט זיין אַ רחמנות, נעבעך, אויף דער היטלער־האַנט.

*

— — — אַן עפּיזאָד, וואָס מיר האָבן צוגעזען אין אַן אָרעמער לאַנ־דאַנער קאַפעטעריע.

מיר זיצן ביי אַ טישל און וואַרטן אויף באַשטעלטן טיי און עפּעס צובייסן.

ענדלעך דערלאַנגט מען אונדז דאָס באַשטעלטע. מיר טרינקען און בייסן־צו.

אַלץ איז אויפן קאַרט. צופיל דערלויבן זיך קאָנסטו נישט.

איך ווייס נישט ווי אַזוי, צי פון אונדזער טישל, צי פון אַ צווייטן דערביי, איז אימיצנס אַ שטיקל ברויט אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד.

אַראָפּגעפאַלן און געבליבן ליגן.

גלייך ווי פון הינטער אַ באַהעלטעניש איז אויסגעוואַקסן לעבן אונדז אַ פרוי אין אַ צעטראַמפּלטן הילוך. אירע אויגן — אָנגעצונדן, איר שמייכל — צעקרימט.

— מען טאָר נישט לאָזן ברויט זיך וואַלגערן אויף דער ערד. מען טאָר נישט, גוטע מענטשן, מען טאָר נישט. איין קליינקייט — ברויט!

איר קול ווערט פאַרשטיקט אין האַלדז ביי איר. זי גיט זיך אַ לאָז אַראָפּ צום דיל, אַ כאַפּ דאָס שטיקל ברויט מיט ביידע הענט, נעמט עס טוליען צום האַרצן, ווי מען טוליעט אַ קינד און הייבט ווידער אָן טענהן:

— ס'טייטש, לאָזן ברויט זיך וואַלגערן, זיך וואַלגערן — — אַי, אַי, אַי, ברויט, — קינדעלע מיינס, ברויט...

זי נעמט נישט דאָס שטיקל ברויט אין איר מויל אַריין, כאָטש זי זעט אויס הונגעריק צו זיין, נאָר זי דריקט עס נאָך מער צו צו איר ברוסט.

נאָכדעם באַהאַלט זי דאָס שטיקל ברויט טיף אין איר בוזעם און נעמט זיך אַוועקשאַרן צום אַרויסגאַנג.

ווער ווייסט, וואָס זי האָט געמיינט מיט איר צוטוליען דאָס ברויט צו איר האַרצן?

אפשר האָט זי געמיינט אין דעם מאָמענט, אַז זי טוליעט גאָר צו אירם אַ קינד, וואָס איז אומגעקומען, קאָן זיין, אין די באָמבאַרדעס, ווער ווייסט?

און אפשר איז טאַקע ברויט געוואָרן ביי איר אַן אמתע הייליקייט?

און אפשר איז טאַקע ברויט, ניט נאָר ביי דער וואַנזיניקער פרוי, נאָר ביי דער גאַנצער וועלט געוואָרן מיטאַמאָל געגליכן צו אַ לעבעדיק וועזן? ווער ווייסט?

★

16־טער אַפּריל.

אַ צוזאַמענקונפט מיט די יידישע שרייבער פון לאָנדאָן.

פאַרשטייט זיך — באַגריסונגען. רעדעס. ווי עס פירט זיך. ווי ס'איז נייטיק מסתמא.

דערווייל האָט נאָך קיינער פון אונדז נישט אויסגעפונען קיין אַנדער אופן פון קאָלעגיאַלן קאָנטאַקט.

רעדעס — וואַרעמע, ליידנדיקע.

ביסט גערירט פון דער נאָענטקייט, וואָס קאָלעגן ווייזן אַרויס צו דיר מיט דער הילף פון זייער וואָרט, און נאָך מער ביסטו גערירט פונעם טרויער, וואָס דו הערסט אַרויס פון אַלעמענס רעדעס.

די יידישע שרייבער אין לאָנדאָן זענען טרויעריק. עס רעדט פון זיי אַרויס אַן עלנט, אַ פאַרלאָרנקייט.

אַן עולם פון איבער פופציק פערזאָן. הייסט דאָך עס — אַ גאַנץ גרויסע צאָל שרייבער.

אַ היפּשער טייל פון זיי — וויכטיקע, באַוואוסטע שריפטשטעלער.

אָט זע איך די, וואָס איך קען פערזענלעך פון אַמאָל, פון מיין ערשטן באַזוך אין לאָנדאָן אין 1937, און אָט אייניקע, וואָס איך קען דורך בריוו: פוקס, שטענצל, קעניג, שטיינבערג, עובד, ליסקי מיט זיין פרוי, לאַקער, מלכה לאַקער, לעפּטוויטש, פאַדרוזשניק, טויבש, פאַלמע.

אַ שווערער איינדרוק זעצט זיך אָפּ אין מיר:

דער נאָענטער גורל־אומעט פון אונדזער ליטעראַטור פילט זיך דאָ מער ווי אומעטום. אין יעדן שרייבער פילט זיך אַ יתומדיקייט.

איך פיל עס אין פוקסן. איך פיל עס אין קעניגן.

מען זאָגט מיר, אַז אין לאָנדאָן — און איבער גאַנץ ענגלאַנד אוודאי — איז קיינמאָל נישט געווען קיין פאַרנעם־באַוואוסטזיין פון אַ יידישער לי־

טעראַטור. די יידישע ליטעראַטור, זאָגט מען מיר, האָט אין ענגלאַנד בכלל נישט דערוויזן אַרויסצוליינגן אַ שאַרפן חותם אויף דעם לעבן פון די ענגלישע יידן.

אַז אַלע שרייבער אין לאָנדאָן זאָגן עס — מסתמא איז עס אמת. אָבער מיט דעם, וואָס אַ פאַקט איז אַ פאַקט, ווערט נאָך קיין זאַך נישט פאַרענטפערט און אויך נישט באַרעכטיקט.

צי איז דער פאַקט נישט טיילווייז די שולד פון די שרייבער אַליין?

ווײ, וואָס די גרויסע יידישע ישובים אין דער וועלט צעטוען עס מיט אונדזער יידיש!

וואָס וועט עס ווערן פון זיי — פון די גרויסע יידישע ישובים אין זייער אַנטרינונג פון יידיש און, במילא, פון יידישן קולטור-לעבן בכלל?

וואָס פאַר אַ דור קומט עס אַרויס פון זיי? וואָס פאַר אַ יוגנט?

וואָס וועט ווערן פונעם חורבן, פון די איינגעפאַלענע בנינים, ווען מען וועט זיי שוין אָפּבויען צוריק? וואָס פאַר אַ ליכט וועט אויפגיין איבערן חורבן? וואו איז דעם פאָלקס פנים, וואָס פון אים שטראַלט אַרויס דאָס ליכט?

איך זוך, פאָלק, דיין פנים.

צי טראָגט אין זיך אונדזער היינטיקער חורבן זאָמען פון גרויסע שאַפונגען, ווי ס'האָבן געטראָגן אין זיך אונדזערע חורבונות פון אַמאָל?

צי טראָגסטו גרויסע שאַפונגען אין זיך, פאָלק?

צי איז נישט אונדזער הייַנטיקער חורבן, חלילה, אַן ענדגילטיקער?

האָב נישט פאַריבל, ווייטשעפּעל, וואָס גראָד ביי דיר פרעג איך עס. כ'האָב עס געקאָנט אויך ביי ניו-יאָרק פרעגן, ביי אונדזער גאַנצער יידישער אַמעריקע, — אָבער איך פרעג עס ביי דיר, ווייטשעפּעל, ווייל ביי דיר זע איך קענטיקער די שטריכן פון אונדזערע סכנות.

אָבער פרעגן, פרעג איך עס, אין דער אמתן, ביי אַלע יידישע ישובים, סיי ביי די חרובע, סיי ביי די גאַנץ-געבליבענע, סיי ביי די אומגעקומענע, סיי ביי די אויפקומענדיקע, סיי ביי די יידן, וואָס זיצן אויף ערטער, סיי ביי די יידן, וועמענס טעג און נעכט זענען אָנגעפילט מיט פיבער פון פליטה.

*

ס'וועט זיין אַ זינד פון מיר, ווען איך וועל נישט אָפּגעבן קיין באַזונדערן כבוד די פּאָר געציילטע יחידים אין לאָנדאָן, וואָס האָרעווען, מיט אַ טראַגישער האָרעוואַניע, כדי אָנצוהאַלטן אַ ברענענדיק ליטעראַריש ליכטל אין דער טונקלקייט פון יידישן לעבן אין ענגלאַנד.

אַזאַ פּאַטעטישער יידיש-האָרעפּאַשניק איז דער ליבער א. שטענצל.

ער איז אי דאָן-קיכאָט פון יידיש, אי לאַמעד-וואָווניק פון יידיש.

ער איז דירנדיק ביז גאָר אין זיין יידיש-ליבשאַפט, יידיש-קנאות און, ווי אַליין אַ דיכטער, אין זיין יידיש-עלנט.

ער גיט אַרויס, מיט גרויס מי און געלט־מאַטערניש, חודש־העפטן: „לשון און לעבן", און שוין אינעם נאָמען אַליין פון דער שריפט ליגט די אַנדייטונג אויף דער פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג, וואָס ער, מיט דער הילף פון משה עובד, לייגט אַריין אין דעם קאַמף צו פאַרפעסטיקן אַ שטיקל פּאָזיציע אין לאָנדאָן פאַר דעם פאַרנאַכלעסיקטן יידישן לשון.

דאָס בילד פון זיין פּאַטעטישער, מסירת־נפשדיקער איבערגעבנקייט צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור האָב איך געזען, ווען מיר זענען אומגעריכטערהייט אַריינגעקומען שבת בייטאָג, אין דער פּסח־וואָך, אין דעם קליינעם זאַלכל ערגעץ אויף דער רואינירטער וויטשעפּעל, וואו ער, שטענצל, פירט אָן, פון וואָך־צו־וואָך, אַ מין עונג־שבת.

ער האַלט אָן דעם טשיקאַוון עונג־שבת שוין אַ לאַנגע צייט, וואָך־איין, וואָך־אויס. עס מעג דונערן און בליצן, עס מעגן פאַלן באָמבעס איבער וויי־טשעפּעל — ער, שטענצל, גיט נישט אויף די שעה, ווען עס פאַרזאַמלט זיך, אונטער דער ווירקונג פון זיין עקשנות, אַן עולם פון אַ הונדערט מענטשן צו פאַרברענגען מיט אים אין אַן אַטמאָספערע פון יידיש־לשון, פון יידישער ליטעראַטור און פון יידישער נגינה.

ער האַלט פאַרן עולם לעקציעס וועגן יידישער געשיכטע, ריכט אָפּ מיטן עולם ליטעראַרישע יום־טובים א. א. וו.

דאָס בילד, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר, ווען מיר זענען אַריינגעקומען אומגעריכטערהייט, האָט אי גערירט, אי פאַרקלעמט.

דער עולם — אַ הונדערט מענטשן, ווי געזאָגט, — איז באַשטאַנען פון אַ דורכויס עלטערן עמך־שיכט.

פון דעם פאַקט אַליין קאָן מען, און מוז מען, בפירוש גערירט זיין:

פשוט פאָלק קומט שבת בייטאָג הערן אַ יידיש וואָרט פון אַ יידישן פּאָעט, ווי מען פלעגט אַמאָל קומען הערן אַ מגיד.

הלוואַי, וואָס־מער אַזוינע צונויפקומס. אָבער די צרה ליגט טאַקע אין דעם הלוואַי.

קוים, קוים אַ הונדערט עלטערע מענטשן, אין אַ גרויסן לאָנדאָנער ישוב. קיין איין יונג פּנים נישטא.

אָנפילן דאָס האַרץ מיט אָפּטימיזם בנוגע יידיש אין לאָנדאָן קאָן מען דערפון נישט.

כ'האָב דערפילט אַ שניידנדיק רחמנות צו אונזער יידיש.

איך פיל עס אויך נישט איין מאָל אין ניו־יאָרק.

די צונויפגעטוליעטע יידיש־פאַרזאַמלונג פון עלטערע יידן, אין אַן אַרום פון צעשמעטערטע גאַסן, האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק פון אַ פאַרוואָגלטער מחנה נשרפים, וואָס ווילן אונטערמינטערן איינע די אַנדערע מיטן איינענעם ביסל עלנט.

איך האָב געזאָגט צו זיך אַליין שאַרף און בייסיק:

אַט־דאָס, הייסט עס, איז דער מצב.

ווען איך בין אַרויס, איז מיין האַרץ, וואָס אַ רגע, אַלץ מער און מער אָנגעפילט געוואָרן מיט טיפער פּיעטעט צו דעם ריטער פון יידיש — צו שטענצלען, וועלכער איז איבערגעבליבן אין זאַלבל — כאָטש אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט גיין באַגלייטן מיך — צו פאַרענדיקן ביזן סוף דעם ליב־אָרעמען, זיס-עלנטן עונג־שבת.

★

19־טער אַפּריל.

די לעצטע נאַכט אין לאָנדאָן. מאָרגן פליען מיר אָפּ קיין פראַנקפורט אם מאַין.

איך לאָז זיך נאָכאַמאָל וואַנדערן איבער די נאַכטיקע חרובע געגנטן פון לאָנדאָן.

איך וויל זיי נאָכאַמאָל אָנקוקן איידער איך פאָר אַוועק.

מאָרגן וועל איך ווידער זען חורבן, אָבער דאָס וועט זיין גאָר אַן אַנדער חורבן, דאָס וועט זיין דייטשער חורבן.

אַן אָפּפאָר פון אַ שטאָט, אין וועלכער דו האָסט פאַרבראַכט אפילו נאָר עטלעכע טעג, איז אַ באַזונדערע איבערלעבונג.

ווערסט נישט ווילנדיק צוגעבונדן צום צימער, וואו דו געפינסט זיך, צו דער לאַנדשאַפט אַרום, צו די פּנימער פון מענטשן, וואָס קומען דיר אַנט־קעגן אין משך פון טעג.

וואָס דאַרף מען מער — אפילו צו אַ קאַמער אין אַ תפיסה ווערט מען צוגעבונדן נאָך דעם ווי מען זיצט דאָרט אָפּ אַ געוויסע צייט. דו טראָגסט אַוועק מיט זיך אַ בענקשאַפט אַזאַ, וואָס אפילו אין יאָרן אַרום שפּעטער גייט זי אויף אין דיר, אָט־די מאָדנע בענקשאַפט, און גיט דיך אַ רוף: קום, לאָמיר גאָר גיין אַ קוק טאָן, וואָס עס מאַכן די תפיסה־ווענט, די עלנטע טיר.

אינגאַנצן געווען אין לאָנדאָן אַ טאָג צען, אָבער דער אומעט, וואָס כאַפּט דיך אַרום ביי דעם געדאַנק, אַז מאָרגן פאַרלאָזסטו די שטאָט, ציט דיך איבער די גאַסן אַוועק.

איך טראַכט, אַז ס'איז דאָ אינעם אומעט אי יידישע היימלאָזיקייט, אי יידישע צוגעבונדנקייט. — בענקשאַפט נאָך גרויסער וועלט און — צוגעפאַלנקייט צו קליינע אָרעמע פיר איילן.

איך וואַנדער איבער די איינגעפאַלענע גאַסן.

די שפּיציקע ווענט, די מיט געדיכטער פינצטערניש אָנגעפילטע פענצטער־ און טירן־לעכער גיסן דיך אָן מיט אימה און — מיט עפּעס אַ כישוף, וואָס שלעפּט דיך אַלץ טיפער און טיפער אין די חורבות אַריין.

בלייב שטיין און הער זיך צו: וואָס זאָגן, וואָס דערציילן די באַמבאַר־דירטע ווענט?

צי זינגט נישט אויף אין דיר דאָס געדעכעניש פון אַלע דיינע יידישע חורבונות, וואָס אַנטקעגן זיי זענען איצטיקע רואינעס אַ שפּיל?

איך נעם שנעל אַוועקיאָגן.

אַ היים־בענקשאַפט גיט מיט אַמאָל אַ טויך־אויף: זיצן ביי אַ טיש, אויף אַ שטול. אַרומשפּאַנען איבער אַ צימער, ווען אַלע שטוביקע שלאָפן.

אַלץ שלאָפט. אַלע שלאָפן.

ניו־יאָרק שלאָפט. לאָנדאָן שלאָפט.

אַלע רואינעס שלאָפן.

כ׳פאַרצייכן:

לאָנדאָן שטייט פעסט. אפילו די לאָנדאָנער חורבות שטייען פעסט. דאָס יידישע לעבן אָבער איז צעשמעטערט ביזן סאַמע גרונט.

מיין גאָט, מיין גאָט — ביזן סאַמע גרונט.

און איך בין נישט מער ווי אַ טייל פון דער צעשמעטערטקייט.

און איך בין נישט מער ווי אַ טייל פון אַ יידישן חורבן אין סאַמע באַגינען פון אַ פרילינג־טאָג, אין ניינצן־זעקס־און־פערציק.

★

אין מינכען

20־טער אפריל.

אפגעפלויגן פון לאנדאן קיין פראנקפורט אין א העלן פרימארגן. דאס מאל פליען מיר נישט אין קיין לוקסוסדיקן פאסאזשיר־עראפלאן, נאר אין א מיליטערישן.

אויס באקוועמלעכקייט, אויס פריוואטע שטולן. — צוויי לאנגע בענק אזוינע ביי די זייטן פון ביידע ווענט.

די ווענט נישט באשלאגן. סקעלעטיש, נאקעט.

מיר זענען ניין פאסאזשירן. אלע אין יוניפארמען. מיר, דריי, פון „אונרא", די איבעריקע — אמתע מיליטער־לייט. איינער — א גענעראל.

אלע פילן זיך ווי איין משפחה. קיין שום אנגעבלאזנקייט. אמעריקאניש. דעמאקראטיש, אדער — אפשר גאר עראפלאניש.

ערשט דא, אינעם מיליטערישן עראפלאן, דערפילסטו, נאך מער, אז די וועלט איז נאך גארנישט ארוים פון איר מלחמה־צושטאנד.

אייראפע איז נאך דורכויס אין די הענט פונעם מיליטער־מאן. דורכויס.

איך זיץ איינגעשטייפט אינעם שויץ־גארטל. מיין קאפ ארייגעטאן אינעם קיילעכדיקן פענצטערל. כ'קאן מיינע אויגן נישט אוועקנעמען פונעם בילד וואס האלט זיך אלץ מער און מער אין איין אנטפלעקן פאר אונדז — דארט, אונטן, אויף דער ערד — אין וואונדער־שיינקייט.

די ערד וויקלט זיך פונאנדער מיט אירע טעפיכארטיקע פעלדער, וועלדער, וועגן, טייכן, בנינים.

אויב, ווען דו פליסט ביינאכט אין אן עראפלאן, האסטו אן איינדרוק, אז גאט ליגט אויסגעצויגן איבער דער גאנצער אויסגעשפרייטקייט פון דער ערד און שלאפט, אדער רוט, איז דער איינדרוק, איצט, אינעם ליכטיקן פרימארגן, אז גאט שפאנט ארום איבערן טעפעך, וואס די ערד שטראלט ארויס פון זיך און שפרייט אויס אונטער די פיס פון איר באשעפער.

דו זעסט אים ארומשפאנען איבערן צעבליטן פנים פון דער ערד אפילו דורך א פענצטערל פון א מיליטערישן עראפלאן, וועלכער האט אט־נישט לאנג מסתמא דורכגעפירט באמבע־אטאקעס.

איך וויים נישט פארוואס אין דער הויך נעמט דיך דורך דער גאט־געדאנק שארפער און נאכאנאנדיקער. עס קאן זיין, אז ס'איז פון מורא, טאמער פאלסטו אראפ.

מען דאַרף זיך מודה זיין, אַז דער געדאַנק טאָמער פאַלסטו אַראָפּ, פאַרלאָזט דיך ניט אויף קיין איין רגע. דער געדאַנק, — און דער טייל מורא וואָס אין אים, — איז אָבער נישט קיין אַגרעסיווער. נישטאָ קיין פּחד אין אים. ער איז זיס־פאַרוויגנדיק און אין דערזעלבער צייט וואַך און פּי־בערדיק אין דער אַנונג, אַז מיט דיר שפּילט זיך אָפּ אַ נס.

אָט פליען מיר איבערן ענגלישן קאַנאַל. אָט קומט פראַנקרייך. אָט קומט בעלגיע.

די שיינקייט פון דער פרילינג־וועלט וואַקסט אין מינוטן, נישט אין שעהן. און אויך אַזוי שנעל בליען זיך פונאַנדער די טעפּיכער איבער אַלע אויסשפּרייטן פון דער ערד.

מיר עסן מיטאָג אין עראָפּלאַן. אַ מיליטערישער מיטאָג.

יעדער באַקומט פונעם געהילף פון דעם עראָפּלאַן־פירער אַ פּאַפּירן קערבל מיט סענדוויטשעס. דריי סענדוויטשעס פון אַלטן ברויט מיט עפּעס אַ באַשמירעכץ. אויך אַביסל פּרוכט־זאַפט.

איך זע, צו מיין פאַרחידושונג, ווי דער גענעראַל הייבט דער ערשטער אָן צו עסן די סענדוויטשעס מיט גרויס אַפּעטיט, מיט פולן טעם. עסט זיי אויף איינס־און־צוויי ביזן לעצטן ביסן, אין דער צייט, ווען מיין גומען וויייזט אַרויס זייער ווייניק באַגייסטערונג פאַר דער געשמירעכץ.

איך קלייב זיך צו מאַכן דעם פּירוש אויף דעם, ערשט מען זאָגט אונדז אָן, אַז מיר זענען שוין ביי פראַנקפורט.

איך פאַרגעס אָן דעם גענעראַל און אָן די סענדוויטשעס.

אַלע נערוון ווערן אָנגעשטרענגט.

מיר לאַנדן אויף אַ לופט־פעלד פון נאַצי־לאַנד.

די איבעריקע פּאַסאַזשירן פילן עס נישט אַזוי, אָבער מיר דריי, וואָס פאָרן צו דער שארית הפּליטה אין דייטשלאַנד, מיר פילן עס. מיר זענען אַנדערש.

מיר טראָגן טאַקע „אונרא"־מונדירן, אָבער געהערן געהערן מיר מיט אונדזער גאַנצן וועזן נאָר צו דער שארית הפּליטה אַליין.

דער עראָפּלאַן שטעלט זיך אָפּ. מיר שטייגן אַרויס. מיר באַרירן מיט אונדזערע פיס דעם באָדן פונעם לאַנד, וואָס הלוואי וואָלטן מיר אים נישט באַדאַרפט אָנרירן.

פונעם לופט־פעלד ברענגט מען אונדז צום וואָקזאַל אין פראַנקפורט, פון וואַנען מיר דאַרפן מיט דער באַן, דורך דער נאַכט, פאָרן קיין מינכען.

פונעם לופט־פעלד צום וואָקזאַל פאָרן מיר דורך דעם גרעסטן טייל פון פראַנקפורט, און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזערע אויגן דאָס ערשטע בילד פונעם דייטשן חורבן — די ערשטע חרובֿע דייטשע שטאָט וואָס מיר זעען.

גרויזאַם און פאַרכאַפּנדיק איז די וויסטעניש פון די רואינעס אין פראַנק־פורט.

גאַס נאָך גאַס, סקווער נאָך סקווער, אויף מײַלן און מײַלן — קופּעס ציגל, שטיינער, ווענט־לעבער, קוימענס.

צעקרימעניש, פאַרשאָטעניש, גרויליק און דערווידערדיק אין דער פאַר־ווירקלעכטער נקמה, וואָס די נאַצי־גאַסן האָבן פאַרדינט און אַרויפגעבראַכט אויף זיך דורך דער גערעכטער שטראָף פון די עלאָים־פּליער — געבענטשט זאָלן זיי זיין.

איך פאַרגלייך דעם חורבן אין לאָנדאָן מיט דעם חורבן, וואָס איך זע אין פראַנקפורט. — קיין פאַרגלייך נישט.

דאָ איז דער חורבן טאָטאַל. דאָ איז דער חורבן — מפּלה.

דאָ איז דער חורבן אָנגעוואַליעט, אָנגעהאַרבעט. די האַנט, וואָס וואָלט אים אפשר אַביסל אָפּגערייניקט, איז צעבראָכן.

און צעבראָכן האָט מען געמוזט די דאָזיקע האַנט, ווייל די איינציקע תאווה פון דער האַנט איז געווען — נאָר פּייניקן, נאָר שמייסן לייבער, נאָר צינדן קרעמאַטאָריעס, נאָר טרייבן לעבעדיקע מענטשן, אומשולדיקע קרבנות, אין טויט־קאַמערן אַריין.

זעט מען נישט קיין צייכן פון אַ האַנט, ווי מען זעט עס אין לאָנדאָן, וואָס זאָל כאָטש אַביסל אָפּראַמען די קופּעס ציגל און ברוכוואַרג פון די צעריסענע געביידעס, אָפּרייניקן אַביסל די פראָנטן פון די געביידעס, פאַר־גלעטן אַביסל די העסלעכקייט פון די לעבער און פון די חורבות־צעקרימע־נישן.

דאָס אויג כאַפּט זיך צו מיט, אָך און וויי, הנאה צו די דייטשע חורבות־פאַרזעעניש, אָבער עס ווערט גלייך מיד און עס זוכט אַ שטיקל גאַס, נישט קיין צעשטערטס, און עס געפינט נישט.

עס פאַרגייט נישט קיין רגע און די ברעמען מיינע פאַלן צוזאַמען, זיי פאַרמאַכן זיך, און איבער מיין גאַנצן האַרצן צעגיסט זיך אַ גרויליקער טרויער — אַ טרויער פון אומזין.

אָן אומזין, מיט וועלכן די דייטשן האָבן אָנגעפילט די גאַנצע וועלט, און קודם־כל — זייער אייגענע וועלט.

אויפן וואָקזאַל אין פראַנקפורט שטייען מיר אַ פּאָר שעה און וואַרטן אויפן צוג קיין מינכען.

דער וואָקזאַל זעט אויס ווי אַ ריזיקער סקעלעט פון אַ מאָנסטער־חיה. אָפּגעשונדן, דורכגעלעכערט, איבערגעבראָכן ריפּ אויף ריפּ, רוק און לענד.

עס בלאָזן ווינטן דורך די לעכער און דרייען זיך אַריין און אַרויס דורך אַלע ווי־נישט־איז צוריק־איינגעשטעלטע טירן און דורכגאַנגען.

מיר שטייען מיט אונדזער געפּעק אויף דער גאַס ביים הויפּט־אַריינגאַנג און נעמען אַריין אין זיך די פאַרוויסטעניש פון די אַרומיקע סקווערן.

דייטשע קינדער, אויך דערוואַקסענע טרעגער, היטלער־הערן, לויפן אָן, רינגלען אונדז אַרום מיט חניפה און אונטערטעניקייט, באָטן זיך אָן צו טראָגן אונדזער באַגאַזש.

אויף געלט קוקן זיי נישט ארויס אזוי ווי אויף סיגארעטן.

אז מיר האָבן סיגארעטן — אין דעם זענען זיי זיכער.

מיר זענען דאָך עפּעס אמעריקאנער. דערצו נאָך — אין „אונרא״ מונדירן. און וואָס קאָן נאָך זיין חשובער פאר א דייטש ווי א יוניפאָרם.

זייער חניפה רופט ארויס אין אונדז אנגסט.

די קינדער שטרעקן אויס צו אונדז זייערע הענט, בעטן טשואינג־גאם, עס ווילט זיך צו זיי זאָגן: גייט אין מאַידאנעק, וועט איר האָבן גאם, הייסן גאם; מיר זאָגן עס זיי נישט. אָבער קיין גאם גיבן מיר זיי נישט.

ערשטנס, ווייל מיר האָבן נישט, און, צווייטנס, וואָלטן מיר זיי עס נישט געגעבן אפילו ווען מיר האָבן.

זיי, די קליינע דייטשע קינדער, ווייסן אפשר נישט, וואָס זייערע טאַטעס און דערוואַקסענע ברידער האָבן געטאָן מיט אונדזערע יידישע קינדער, אָבער מיר ווייסן דאָך.

צי זענען די דייטשע קינדער שולדיק פאר די זינד פון זייערע עלטערן?

קריך נישט אין דעמדאָזיקן פּילפּול איצט אריין. יאָ שולדיק — נישט שולדיק, אָבער קיין טשואינג־גאם קומט זיי דאָך אוודאי נישט דערפאר, וואָס זייערע עלטערן האָבן געוואָרפן אין גאַז־אויוונס מיליאָנען פון אונדזערע יידישע קינדער.

ניין, עס קומט זיי נישט.

איך דערזע, ווי חבר אפרת, אויסרויכערנדיק א סיגארעט, גיט א וואָרף דאָס עקל, און ווי גלייך גיבן זיך א וואָרף אויפן עקל אלע יינגלעך, און עס ווערט א געראנגל ווער עס זאָל פארכאַפּן פאר זיך דאָס עקל פונעם סיגארעט.

די דאָזיקע סצענע דערציילט אונדז מער ווי אלע בילדער פון די רואינעס ארום.

איך גיב א זאָג צו אפרתן:

— ככה יעשה לנאצי אשר החורבן חפץ ביקרו.

אפרתן געפעלט דער זאָג. ער שמייכלט מיט הסכמה.

✶

21־טער אַפּריל.

— — — אָנגעקומען אַזייגער זיבן, אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן, קיין מינכען, צו די צווייטע טעג פּסח.

טרעגער, ווי אין פראַנקפורט, כאַפּן אונדזער געפּעק, יאָגן מיט אים צום וואָרט־זאַל פון וואָקזאַל, קוקן אויס די אויגן נאָך סיגאַרעטן.

כ׳האָב קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט זיך, אַז אַ סיגאַרעט זאָל דערהויבן ווערן צו אַזאַ הויך.

איך אַליין רויכער נישט. האָב איך נישט געהאַט קיין איבעריקן חשק מיטצונעמען מיט זיך פון ניו־יאָרק, און דערנאָך פון לאָנדאָן, פּעקלעך סיגאַרעטן. אָבער די, וואָס האָבן שוין עפּעס געוואוסט וועגן דער גדולה פון אַ סיגאַרעט איבער איראָפּע און דערהויפּט אין דייטשלאַנד, האָבן גע־טענהט: נעם־מיט וויפל דו קאָנסט, וועסט זען ווי ס׳וועט צוניץ קומען.

און זיי האָבן געטראָפן.

צוגעוואוינען זיך אָבער צו אַזאַ מין גדולה פון אַ סיגאַרעט איז מיר נישט אַזוי לייכט.

עס זעט מיר אויס ווילד. די גאַנצע מענטשלעכע פּראַצע ווערט כמעט ווי נישטיק, אויב מען קאָן זי פאַרגיטיקן מיט אַ סיגאַרעט.

שלעפּט אַ מענטש דיינע געפּעק מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, שלעפּט זיי בלאָקן ווייט, און איז גליקלעך, ווען דו גיטסט אים דערפאַר עטלעכע סיגאַרעטן. און אויב דו גיטסט אים אַ גאַנץ פּעקל, וואָס באַשטייט פון צוואַנציק שטיק, קוקט ער דיך אָן מיט שטוינונג געפּלעפּט און אי־בעראַשט, אַזוי ווי דו וואָלסט אים געגעבן אין האַנט אַן אוצר.

שפּעטער אַ ביסל ווערט מיר פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. גאָר פּשוט: פאַר אַ פּעקל אַמעריקאַנער טשעסטערפילדס, אָדער קעמעלס, באַקומט דער מזלדיקער טרעגער, אויב ער פאַרקויפט עס, הונדערט־פופציק, אָדער צוויי הונדערט מאַרק. אַזוי גרויס איז דער טאַבאַק־הונגער אין דייטש־לאַנד.

כאָטש עס ווערט מיר פון מינוט־צו־מינוט פאַרשטענדלעך, פיל איך זיך אָבער נאָך אַלץ מאָדנע צו זען די ירידה סיי פון דער מענטשלעכער פּראַצע, סיי פון די מענטשלעכע באַדערפענישן.

אמת, קיין מיטלייד צו אָט־דער ירידה וועקן די מינכענער טרעגער נישט אויף אין מיין האַרץ. ווער ווייסט, צי האָט נישט איינער פון זיי, ווי ער שלעפּט איצט אונדזערע טשעמאָדאַנעס, געשלעפּט יידישע מענער, פרויען און קינדער אין גאַז־אויוון אַריין!

ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן דעם, ציטער איך אויף אפילו פון דער באַרירונג, וואָס זייערע הענט גיבן אונדזערע טשעמאָדאַנעס.

*

אויך דער מינכענער וואָקזאַל, ווי דער פראַנקפורטער, זעט אויס ווי אַן אָפּגעשונדענער מאַנסטער, צעלעכערט און צעמזיקט, גרויליק אין זיין העסלעכקייט.

ביסט באַוועלטיקט פונעם געדאַנק: דאָס איז געווען פון היטלערס מינכען. מינכען — דער געוועזענער אומגליק פון דער וועלט — איצט צע־וואַלגערט אין שטויב און אין נישטיקייט, אין געשטאַנק און אין אייגענעם אָפּפאַל.

היטלערס מינכען. כן יאבדו!

*

פאַרלאָזנדיק לאָנדאָן האָבן מיר דעפּעשירט צום יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מינכען, צו דר. זלמן גרינבערג, דעם פּרעזידענט פונעם צענט־ראַל־קאָמיטעט, וועגן אונדזער אָנקומען דעם 21־טן אַפּריל.

מיר האָבן אי יאָ דערוואַרט, אי נישט דערוואַרט (גיכער נישט דער־וואַרט), אַז מען זאָל אונדז באַגעגענען אויפן מינכענער וואָקזאַל, אונדז לייכטער מאַכן אונדזערע ערשטע טריט אין דער דאָזיקער חרובער שטאָט און אונדז העלפן אין אונדזער פרעמדקייט ביז מיר וועלן זיך אפיציעל פאַר־בינדן מיט דער הויפּט־קוואַרטיר פון „אונרא".

ווי דאָס האַרץ אָבער האָט אונדז געזאָגט, האָט אונדז אויפן וואָקזאַל אין מינכען קיינער נישט באַגעגנט. און כאָטש מיר האָבן עס פאַרויסגעזען (אַלץ אין דרך פון מקבל באהבה זיין אַלע שוועריקייטן), האָבן מיר זיך דערפילט היפּש פאַרלאָרן און אַנטוישט.

נישט אַזוי פון אָפיציעלקייט וועגן, ווי פּשוט: פון וועגן דעם עלנט, וואָס כאַפּט דיך אַרום אין אַזוינע רגעס.

אחוץ דעם האָבן מיר טאַקע געוואָלט, איידער מיר דערשלאָגן זיך צו דער הויפּט־קוואַרטיר פון „אונרא", זיך זען אַפריער מיט די פאָרשטייער פון אונדזערע יידן, צו וועמען מיר פאָרן. דעם ערשטן שלום־עליכם אָפּגעבן זיי — די פאַרטרעטער פון יידן אין די לאַגערן.

ווייל קומען, קומען מיר דאָך צו זיי, נישט צו דער „אונרא". די „אונ־רא" דאַרף זיין פאַר אונדז נאָר אַ הילפס־מיטל, אַ דורכגאַנג צו די לאַגערן.

א נס: ס׳איז דאָ דערבײַ, נישט װײַט פֿונעם מינכענער װאָקזאַל, דער אַמעריקאַנער רױטער קרײַז.

מיר פֿאָרן אַרײַן אין דער געבײַדע פֿונעם רױטן קרײַז מיט אַלע אונדזערע פּעק.

מען נעמט אונדז אױף זײער פֿרײַנטלעך. מען גיט אונדז פֿרישטיק פֿאַר צװײ און אַ האַלב מאַרק (אױף אַמעריקאַנער געלט 25 סענט) און מען גיט אונדז אַלע נױטיקע אינפֿאָרמאַציעס.

עס הײבט זיך אָן אַ גײעניש, אַ לױפֿעניש, ביז מיר זעצן זיך אַרײַן אין אַ מיליטערישן דזשיפּ, און דער דזשיפּ נעמט אונדז פֿירן צו די „אונרא"־װאױנונגען, װײַט, עק מינכען, אין אַ געגנט, װאָס איז געבליבן גאַנץ (אָדער די עלאָים־פֿליער האָבן בכיװן איבערגעלאָזט גאַנץ) פֿון די באָמבאַרדירונגען.

דער שאָפֿער, װאָס פֿירט אונדז, זעט אױס, אין זײַן גאַנצער באַנעמונג צו אונדז, װי אַ דײַטש, אַ נאַצי. עס שלײדערן אים אַלע אבֿרים פֿון עפּעס אַן אױפֿרעגונג. אַ יוכע קאָכט אין אים.

װאָס איז דער כעס זײַנער?

ס׳איז קריסטלעכער פּסח און ער דאַרף גײן אין קלױסטער אַרײַן. האָט ער נישט קײן צײַט צו פֿירן אונדז צו דער „לאַים"־געגנט; אָבער פֿירן מוז ער אונדז, לױט דעם באַפֿעל, װאָס ער האָט באַקומען פֿון דער „אונרא"־קװאַרטיר.

ער איז מלא רציחה אױף אונדז, זעען מיר. ער פֿליט, ער יאָגט מיטן דזשיפּ װי אַ טײַװל. מיר פּרובירן אים אײַנשטילן. מיר זאָגן אים, אַז, ערשטנס, זענען מיר נישט שולדיק, און, צװײטנס, װעט ער געװיס נישט פֿאַרשפּעטיקן אין קלױסטער אפֿילו אױב ער װעט קומען אַהין אין אַ האַלבער שעה אַרום. אָבער אונדזערע רײד העלפֿן נישט. ער פֿליט און שפּרינגט מיטן דזשיפּ איבער די חרובֿע גאַסן, אַז ס׳איז ממש אַ סכּנה. ער שיפּעט און שפּײַט און שילט.

מיר הײסן אים אײַנשטילן זיך און פֿאָרן רואיקער, אַז נישט װעלן מיר אים אָנקלאָגן אינעם הױפּט־אַפּיס.

אונדזער װאָרענונג העלפֿט.

ער נעמט גײן שטילער דורך די חרובֿע גאַסן, צװישן בערג נישט־אָפּגעראַמטן ברוכװאַרג פֿון געװעזענע הײַזער, האָטעלן און רעגירונגס־געבײַדעס.

ער דרײט זיך צװישן די העסלעכע קופּעס און בערג װי דורך אַ לאַבירינט פֿון אומגליק און פֿינצטערניש.

דאָס האַרץ הערט נישט אױף אַלע װײַלע אױפֿגעציטערט צו װערן אי פֿון חורבן־אַנגסט, אי פֿון נצחון־פֿרײד.

חורבן־אַנגסט? יאָ. כ׳פֿאַרטראַג נישט דאָס בילד פֿון צעשטערונג.

נקמה־פֿרײד? יאָ. װײַל ס׳איז גערעכטיקײט־פֿרײד. גערעכטיקײט־אָפּצאָל.

געדענק מײַדאַנעק, געדענק װאַרשע!

אַט טאַרטשען ריזיקע אויסגעקרימטע ווענט פון אַ געוועזענעם גרויסן האָטעל, אָדער פון אַ מוזעאום, אָדער פון אַן אָפּערע־געביידע. אויבן, אויפן שפּיץ פון אַ וואַנט, שטייט אַ שטאָלענע פיגור מיט אַ פייל אין האַנט.

די פיגור איז געבליבן גאַנץ. אויך דער פייל־און־בויגן זענען אויס גאַנץ. אָבער וואוהין צו שיסן איז נישטאָ מער.

שיס, פיגור, אין אייגענעם חורבן.

און אַט שטעקן אַרויס פון אַ צוויי־בלאָקיקער דורכגעריסענער געביידע שטיקער ווענט מיט דייטשע פּאָלקלאָר־מאָלערייען, וואַלקירעס, נימפעס, ריטערס. זיי שטעקן אין שטויב, איז ברוכוואַרג. אונטער זיי — טויט און אומקום־אָפּגרונטן.

אַט פלעכטן זיך אַריין דריי ווינקלען פון גאַסן, אַריינגעוואָלגערטע איינע אין די אַנדערע מיט זייערע פאַנטאַסטישע בראָכן. שפּיציקע באַלקעס. צונויפגעקלאַמערטע טרעפּ און באַלקאָנען. פאַנאַנדערגעריסענע לעכער פון פענצטער. שטאָלענע איבערגעשפּאָלטענע ריפּן, אַריינגעשניטענע אין שוואַרצע ליידיקייטן, ווי ביינער פון אוראַלטע ריזן־חיות.

מיר יאָגן מיטן דזשיפּ אַזוי ווי דורך די געדערעם פון אַ פאַנאַנדערגעשאָטענעם גיהנום.

צווישן די חורבות שפּאַנען ערגעץ די מינכענער דייטשן. זיי גייען אין קלויסטער, זענען מיר זיך משער.

זיי גייען קניען פאַר יעזוסן — זייער דערלייזער.

די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זיי האָבן פאַרברענט, וועלן נישט קומען מתוכח זיין זיך מיט זיי אין דעם אָנגעזיכט פון זייער דערלייזער.

זיי וועלן נישט קומען טענהן: וואו איז דיין ליבע, וואָס דו האָסט געפּריידיקט? וואו איז דיין גוטסקייט, וועגן וועלכער דו האָסט אַזויפיל גערעדט? — —

זאָלן זיי, די דייטשן, די נאַצים, זיין אַליין מיט זייער דערלייזער.

זאָלן זיי אַרויפלייגן אויף זיינע אַקסלען אַ צעטראַמפּלטן פּרוכת פון אַ וואַרשעווער שול.

זאָלן זיי אין זיין קרוין אַריינשטעלן, אַנשטאָט דימענטן, שוואַרצאַפּלען פון אויסגעשטאָכענע אויגן פון יידישע קינדער.

זאָלן זיי אָנצינדן, גלייך אין געזיכט אים אַריין, ליכט געמאַכט פון פעטס פון יידישע גופים, און זאָלן זיי אים וואַשן די פיס מיט זייף געמאַכט פון מאַרכן פון יידישע מאַמעס.

גייט, גייט אין קלויסטער אַריין.

*

— — — ס׳נעמט גאָרנישט קיין סוף צו דער טראַסקעריי פונעם דזשיפּ, און ס׳נעמט גאָרנישט קיין סוף צו דער וויסטעניש.

דאָס איז אָבער נאָר מײַן אומגעדולד, וואָס מאַכט אויסזען אין מײַנע אויגן דעם וועג לענגער ווי ער איז.

אין מײַן אומגעדולד טראַכט איך וועגן מײַן שײַכות צו אָט־דער דײַטשער מינכענער באַפעלקערונג, וואָס שאַרט זיך ווי אַ שאָטן אין איר אײַגענעם קעניגרײַך פון חורבן.

אָך און וויי צו דער דאָזיקער שײַכות, צו דעם גאַנצן בילד, אין וועלכן איך בין אַרײַנגעשטעלט.

זיי שאַרן זיך ווי שאָטנס אין זייער קעניגרײַך פון חורבן, און מיר, עמאַ שייוועד, ישראל אפרת און איך, יאָגן אין אַ מיליטערישן דזשיפּ, אָנגעטאָן אין מונדירן, ווי זיגער.

ווי קומען מיר צווישן די זיגער? וואָס פאַר אַ,ווינד און וויי, זיגער זענען מיר?

וואָס פאַר אַ זיגער בין איך?

*

— — — אײַנגעקוואַרטירט זיך, ווי־נישט־איז, אין „לאָים", אין די „אונרא"־וואוינונגען פון מינכען.

באַקומען אונדזערע עס־קאַרטן, וואָס גיבן אונדז אַ דערלויבעניש דרײַ מאָל אַ טאָג אַרײַנצוקומען אין די שפּײַז־זאַלן פון דער „אונרא" און עסן דאָרט (די שפּײַז־זאַלן געפינען זיך אין אַן אַנדער פּלאַץ און מען דאַרף דרײַ מאָל אַ טאָג פאָרן אַהין מיט אַן „אונרא"־באָס).

איצט דאַרפן מיר גיין פאָרשטעלן זיך פאַר יענע „אונרא"־באַאַמטע, וואָס האָבן אויפזיכט איבער טראַנספּאָרטאַציע און מיט וועמען מיר וועלן דאַרפן אויסאַרבעטן דעם גאַנצן פּלאַן פון אונדזער רייזע איבער די לאַגערן.

אין זייערע הענט פאַקטיש וועט ליגן דער גורל פון אונדזער רייזע. אָן זיי וועט זיך ווענדן דער טעכנישער דערפאָלג פון אונדזערע אַרומפאָרעניש.

מיט זיי וועלן מיר דאַרפן אויסאַרבעטן די דאַטעס, ווען און ווי לאַנג מיר וועלן שטיין אין אַ לאַגער. זיי וועלן אויך דאַרפן אונדז פאַרבינדן מיט דעם „אונרא"־פאַרוואַלטער פון יעדן לאַגער.

עמאַ שייוועד איז באַזונדערס באַזאָרגט מכוח אַ שטענדיקן אַקאָמפּאַניסט, וואָס זאָל שטיין צו איר הילף און וואָס זאָל מיטפאָרן מיט אונדז פון לאַגער צו לאַגער.

דער ענין טראַנספּאָרטאַציע איז דער וויכטיקסטער און אויך דער שווערסטער אין אַן אָקופּירטן לאַנד.

יעדע מאַשין איז פאַררעגיסטרירט. יעדע קלענסטע נסיעה ווערט פאַרצייכנט. געזאָלין ווערט געוואויגן און געמאָסטן.

(פאַרשטייט זיך — די הויכע שישקעס און די צוגעשאַרטע ביוראָ־קראַטן ווענן נישט און מעסטן נישט, ווען זיי דאַרפן אויטאָמאַבילן פאַר זיך).

מיר, דרייען, צווישן זיך, האָבן שוין אָנגעוואָרפן אונדזער פּלאַן, באַקענט זיך שוין מיט דער געאָגראַפישער מאַפּע פון די יידישע לאַגערן אין מינכענער און פראַנקפורטער ראַיאָנען, און מיר האָבען שוין מער־ווייניקער א שטיקל פאָרשטעלונג וויפיל לאַגערן מיר זאָלן באַזוכן און וויפיל צייט אַן ערך מיר זאָלן אויף דעם באַשטימען.

מיר האָבן אָנגעצייכנט אַ צוואַנציק לאַגערן און אויסגערעכנט אויף דעם אַ זעקס־זיבן וואָכן.

אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן אויסגעפּלאַנירט מוז אָנגענומען און באַשטעטיקט ווערן פון דעם „אונרא"־טראַנספּאָרטאַציע־אָפיס.

קומען מיר אריין אין דעם דאָזיקן אָפיס און ס'נעמט אונדז אויף אַ יידישער באַאַמטער מיטן נאָמען איזראַעל, אַ יונגערמאַן פון באַלטימאָר.

ישראל אפרת ווערט שטאַרק דערפרייט, ווען ער דערזעט דעם יונגנמאַן. — אין קלייניקייט, דער דאָזיקער איזראַעל איז אַ זון פון אַ פאַרשטאָרבענעם ציוניסטישן עסקן פון באַלטימאָר, וועמען ער, אפרת, האָט גוט געקענט.

אפרת ווייזט, נאַטירלעך, ארויס זיין אָנגענעמע איבערראַשונג, און מיר אַלע נעמען זיך פרייען, וואָס אַ ייד, און אַ באַקאַנטער נאָך דערצו, וועט זיין אונדער פאַרזאָרגער.

אונדזער פרייד איז אָבער געווען אַן אומזיסטע און זייער אַ קורצע.

ס'האָט נישט גענומען קיין רגע און מיר האָבן מיט אַמאָל דערזען פאַר זיך, צו אונדזער שטוינונג, אַן אָנגעבמורעטן, הארטן „אונרא"־ביוראָקראַט.

יחוס פון אַ טאַטן, יידישקייט, העפלעכקייט פון פריינטשאַפט — דאָס אַלץ איז בלאָטע אין די אויגן פון טשינאָווניקעס, וואָס קומען אַהער נאָר ארויפצוארבעטן זיך אויפן חשבון פון די „די־פּי", אויף וועמען זיי קוקן פון אויבן אראָפּ.

די ערשטע בלאָסע פריינטשאַפט־מינע זיינע איז גלייך אָפּגעשטאָרבן. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אין זיין אָפיס־שטול אַנטקעגן אונדז דרייען, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די אויגן אַראָפּגעזונקען אין שווערער און אומפריינטלעכער שטומקייט.

דערנאָך, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ און אויך נישט די אויגן, האָט ער אונדז גענומען לייענען אַ לעקציע וועגן „אונרא": מיר זאָלן נישט מיינען, אַז אזוי און אזוי, נאָר מיר זאָלן וויסן, אַז ס'איז אזוי און נישט אַנדערש. יאָ, אזוי און נישט אַנדערש. „אונרא", דאַרפן מיר וויסן, איז — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! מיר זאָלן נישט וואָגן צו מיינען, אַז יידישע שרייבער קאָנען זיך נעמען און קומען פון אמעריקע און לאָזן זיך איבער די לאַגערן צו די „די־פּי", גלאַט אזוי און אזוי. — — מיר ווילן וויסן

אין פאַרויס, זאָגט ער, וואָס אַזוינס וועט איר רעדן צו די „די־פּי" אין די לאַגערן. יאָ, מיר מוזן עס וויסן אין פאַרויס.

און פאַר אונדזער אינפאָרמאַציע וועגן וואָרנט ער אונדז, אַז וועגן אַלץ, וואָס מיר וועלן טאָן און רעדן אין די לאַגערן פון די יידישע „די־פּי" וועט ער אין דעם זעלבן טאָג גלייך האָבן אַ פולשטענדיקן באַריכט. קיין זאַך וועט נישט זיין פאַרבאָרגן פאַר אים. ער וועט האָבן אַ חשבון פון אונדזער יעדן מינדסטן טראָט.

מיר אַלע דריי — שייוועך, אפרת און איך, האָבן זיך איבערגעקוקט דערשטוינטע. הייסט עס, אַז „אונראַ" איז טאַקע קעגן אונדז, אַז אָט־דער הכם וועט אונדז אָנטאָן צרות.

גלייכצייטיק האָט אונדזער איבערקוקן זיך איבערגעגעבן איינע די אַנ־דערע אַ פעסטן באַשלוס, וואָס איז טאַקע דאָ אויפן אָרט געפאַסט געוואָרן אין יעדן איינעם פון אונדז.

דער באַשלוס האָט געמיינט: מיר וועלן נישט נתפּעל פון אַלע שטערונ־גען. מיר וועלן טאָן ווי אונדזער הארץ וועט אונדז הייסן טאָן.

דעם „אונראַ"־חכם פון באַלטימאָר איז אָבער נאָך נישט גענוג געווען זיין לעקציע. ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אָנשטרענגונג:

— מיר וואָלטן וועלן האָבן אַ געשריבענעם סטייטמענט וועגן די פּראָגראַמען פון די אָוונטן, וואָס איר וועט דורכפירן אין די לאַגערן, און אויך טעזיסן פון אייערע רעפעראַטן.

— וואָס איז עס — צענזור?

— רופט עס ווי איר ווילט; פאַרגעסט נישט, אַז איר זענט אין אַן אָקופּאַציע־רעזשים.

מיר ענטפערן: גוט. מיר וועלן אייך געבן אַ סטייטמענט. מיר האָבן נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן, און אונדז אַרט נישט, אַז איר וועט נעמען די פּינקטלעכע רעקאָרדס פון אונדזערע רעדעס אין די לאַגערן. איר ווילט טעזיסן? מיר קאָנען זיי, אומגעפער, אייך שוין זאָגן: אונדזערע רעפעראַטן וועלן זיין באַזירט אויף יידישער היסטאָרישער דערפאַרונג. אויף דער הייליקייט פון יידישער מאַרטיראָלאָגיע, אויף דעם גלויבן אין יידישן קיום, אויף דער יידישער האָפענונג אויף גאולה.

דער גרויסער יידישער למדן האָט גענומען זשמורען מיט די אויגן אין צעטומלעניש פון די סכעמאַטישע, נישט אָן סאַרקאַזם אַרויסגעזאָגטע, אַב־סטראַקציעס, וואָס מיר האָבן אויסגעלייגט פאַר אים.

ער האָט געווענדט זיין בליק צום דערבייאיקן דעסק, וואו ס'איז געזעסן אַ העכערער „אונראַ"־באַאַמטער און זיך צוגעהערט צו אונדזער טשיקאַוון שמועס. דער דאָזיקער בליק זיינער האָט געפרעגט: נו, וואָס זאָגט איר? וואָס איז אייער מיינונג?

דער מאַן ביים צווייטן דעסק האָט אַ זאָג געטאָן קורץ:

— אָ.־קעי.

דייטשן פליקן און ברענען די פאוח דעם דוואַרטער רבס זון,
צווינגענדיק אים דער ביי אָנצוטאָן זיך אין אַ טלית.

אין גאַרמיש

22-טער אפריל

— — — — די סיבה פאַרוואָס קיינער פון די מינכענער יידן, נישט פון צענטראַל־קאָמיטעט, נישט פון דער צייטונג „אונדזער וועג", צו וועמען מיר האָבן געשיקט טעלעגראַמעס פון לאָנדאָן, האָבן אונדז נישט באַגעגנט ביי אונדזער אָנקומען אויפן וואָקזאַל אין מינכען, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער אַ פשוטע: אונדזערע טעלעגראַמעס זענען נישט דערהאַלטן געוואָרן באַצייטנס און קיינער האָט נישט געהאַט קיין באַגריף ווען מיר קומען אָן.

דאָס איז געווען אונדזער ערשטע דערפאַרונג מיט טעלעגראַמעס אין דער אַמעריקאַנער־זאָנע, און בכלל מיט קאָמוניקאַציע־פאַרבינדונגען.

מיר ווערן אַזוי־אַרום געוואָרנט, אַז מיר זאָלן זיך אויך אויף ווייטער ריכטן אויף פאַרשפּעטיקונגען און פאַרזאַמונגען.

אַלץ איז אין דעם אָקופּירטן דייטשן לאַנד איבערגעדרייט און איי־בערגעוואָרפן. דער רוים איז צעשטערט און אויך די צייט איז צעריסן.

אויך אונדזערע באַמיאונגען אין דעם ערשטן טאָג פון אונדזער אָנקו־מען צו פאַרבינדן זיך מיט וועמען נישט איז פון צענטראַל־קאָמיטעט, האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן, ביז העט אין דער נאַכט.

אַ צאָל מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, צווישן זיי אויך זלמן גרינבערג און לוי שאַליטאָן, רעדאַקטאָר פון „אונדזער וועג", זענען געווען אויסער מינכען, אין אַ שטעטל, אין די טיראָלער בערג, מיטן נאָמען גאַרמיש.

זיי זענען אַוועק אַהין צו פאַרברענגען די אַנדערע טעג פּסח מיטן ביסל יידן, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין גאַרמיש (אַ דריי הונדערט יידן אָן ערך) און גענומען אויפשטעלן דאָרט אַ שטיקל קהילה פון צווישן זיך.

די עטלעכע הונדערט צונויפגעזאַמלטע יידן אינעם באַרג־שטעטל גאַר־מיש האָבן מיט דער הילף פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, דורך די באַמיאונגען פונעם צענטראַל־קאָמיטעט אין מינכען, דערוויזן אויסצוקעמפן ביי דער אָר־טיקער שטאָט־פאַרוואַלטונג אַ געביידע פאַר אַ בית־המדרש און אויך פאַר אַ פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ.

זיי האָבן שוין אויך אויסגעקליבן פאַר זיך אַ רב.

דאָס גאַנצע ישובֿל פֿון גאַרמיש באַשטייט פֿון כּולו מענער און פֿרויען, אָן קינדער כּמעט.

די קינדער דאַרף מען זוכן אינעם אַש פֿון די דייטשע קרעמאַטאָריעס.

אויך דער רב פֿונעם ישובֿל, רב באָרנשטיין, איז אַליין. — סיי זיין פֿרוי, סיי זיינע קינדער זענען אומגעקומען אין גאַז־אויוון.

די עטלעכע פּרטים וועגן דעם יידישן ישובֿל פֿון גאַרמיש דער־וויסן מיר זיך, ווען אונדז געלינגט דאָך, אין שפּעטן אָוונט, צו פֿאַרבינדן זיך טעלעפֿאָניש מיט דר. גרינבערגן און מיט אַ פּאָר אַנדערע פֿאַרשטייער.

זייער איבעראַשונג און זייער אומגעדולד צו זען אונדז און צו אויפֿנע־מען אונדז, איז געווען נישט קלענער פֿון אונדזער אייגענער אומגעדולד.

דר. גרינבערג לייגט אונדז פֿאָר, אויפֿן טעלעפֿאָן, צו קומען אויף סוף־פּסח קיין גאַרמיש. ער וועט שיקן אַ מאַשין נאָך אונדז. ס'איז נישט מער ווי אַרום זעכציק מייל פֿון מינכען. אַז מיר וועלן קומען, זאָגט ער, וועלן מיר דערגרייכן צוויי זאַכן: ערשטנס, וועלן מיר זיך אַ ביסל אָפּרוען פֿון וועג, און צווייטנס, וועלן מיר האָבן אַ געלעגנהייט גלייך אַריינצוגיין אינעם לעבן פֿון דעם ביסל יידן, וואָס אין בייערן. אמת, גאַרמיש איז נישט קיין לאַגער. צו דעם ערשטן גרויסן יידישן לאַגער וועלן מיר פֿאָרן נאָך גאַרמיש. דאָס וועט זיין לאַנדסבערג. אָבער קיין לאַנדסבערג וועלן מיר קאָנען פֿאָרן ערשט אין עטלעכע טעג אַרום. דערווייל וועט גאַרמיש אונדז שוין געבן די מעגלעכקייט צו זיין צווישן יידן פֿון דער שארית הפּליטה.

דר. גרינבערג בעט אונדז נישט צו ישובֿן זיך. גאַנץ־פֿרי וועט ער שיקן אַ מאַשין נאָך אונדז, זאָלן מיר גלייך נעמען און קומען אַלע דריי. מיר וועלן פֿאַרפֿאָרן צום גאַרמישער רב אין הויז, און אַלץ וועט זיין איינגע־אָרדנט פֿאַר אונדז אויפֿן בעסטן אופֿן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר נעמען אָן דר. גרינבערגס איינלאַדונג מיטן גאַנצן הארצן און — מיט אונדזער גאַנצער אומגעדולד.

*

דער אויטאָ קומט נאָך אונדז אין צייט.

מיר פֿאָרן פֿון מינכען קיין גאַרמיש אין דער ריכטונג פֿון די טיראָלער בערג.

דער וועג שלענגלט זיך דורך וואונדערלעך גוט־באַאַרבעטע דייטשע פֿעלדער און שטעטלעך.

וואָס ווייטער פֿון מינכען, פֿון דער גרויסער שטאָט, אַלץ ווייטער פֿון חורבן.

די זייטיקע דערפֿער און שטעטלעך זענען פֿון דער מלחמה כּמעט נישט אָנגערירט געוואָרן.

איין זאך דערמאָנט שטענדיק יאָ, אַז דו פאַרסט איבער מלחמה־שפורן. דאָס איז דער וועג אַליין.

ער איז ערטערווייז צעקלאַפּט און לעבערדיק.

איבער די דאָזיקע וועגן, דערציילט אונדז דער שאָופער — אַן אונדזער ריקער, אַ ייד פון דער שארית הפליטה,—זענען געגאַנגען היטלערס אַרמייען, האָבן זיך געקייקלט טאַנקען צו די פראָנטן, און איבער די זעלביקע וועגן זענען אויך מיר, יידן, געגאַנגען אויף אונדזערע לאַגער־מאַרשן, אויף אונדזערע טויט־מאַרשן.

ווערסט אויפגעציטערט פונעם געדאַנק, אַז אָט מיט דעם זעלביקן וועג, מיט וועלכן דו פאָרסט איצט, זענען נישט מער ווי מיט אַ יאָר צוריק געגאַנגען צענדליקער טויזנטער יידן צום טויט און צו פאַרפייניקונג.

דו ווילסט אַריינדרינגען מיט דיינע בליקן אין דעם וועג אַריין.

דער ייד, וואָס פירט אונדז, רעדט עס אַרויס, דוכט זיך מיר, צו פּשוט, צו געוועגלעך. און אפשר דוכט זיך עס נאָר. ער אַליין איז דאָ געגאַנגען, דאָ מאַרשירט. ער איז פון הי, פונעם מאַרש אַליין. ער זאָגט עס אַרויס שטיל, כמעט נאַכלעסיג. אָבער הינטער זיין שטילקייט — וויפל פאַרבאָרגעניש, וויפל פאַרשווויגענע אַנגסט!

מיר היטן זיך מער נישט אָנצורירן די דאָזיקע פאַרבאָרגעניש מיט ווערטער. זי וועט זיך עפענען אַליין מסתמא. דערווייל ווערן מיר פאַרזונקען טיפער און טיפער אין שווייגעניש, און נאָך טיפער — אין פיינלעבקייט פון דער אַרומיקער שיינקייט, פון דער צעבליטער בייערישער פרילינג־לאַנדשאַפט.

אַלץ שפּראָצט, אַלץ וואַקסט אַרום און אַרום. יעדעס פּיצל פעלד איז פאַראַקערט און פאַרזייט. יעדעס שטיקל וואַלד איז אָפּגערייניקט און אָפּגעהיט.

ווי קאָן מען זיך גאָר פאָרשטעלן, אַז צווישן אָט־די פעלדער מיט די אויפגייענדיקע זאַנגען און גרינסן האָבן זיך אָפּגעשפּילט סצענעס פון מיליאָנען מאָרדן און פאַרפייניקונגען?

אָבער זיי האָבן זיך דאָך אָפּגעשפּילט. מער נישט — מיר האָבן נישט קיין כוח פאַרצושטעלן זיך דעם גאַנצן אמת, דעם פולן אמת.

וואָרים, ווען מיר פאַרמאָגן יאָ אַזאַ כוח, וואָלטן מיר דאָך געוויס נישט איינגעזעסן אין דער מאַשין. מיר וואָלטן אַרויסגעשפּרונגען און וואָלטן צוגעפאַלן צו דער ערד און זי אָנגערירט מיט די ליפּן. וואָרים די ערד, וואָס דיין הארץ פאַרשעלט, איז דאָך הייליק פון יידישע טויט־מאַרשן.

פאַרשאָלטן און הייליק.

איך קאָן אָבער די טויט־מאַרשן נישט אויסמאָלן פאַר זיך אין זייער פולער פּרטימדיקייט. מיין כוח־הדמיון סטאַיעט מיר נישט. און דער שאָופער ביים רעדל וויל נישט עפענען די ליפּן מער. גאָרנישט אין דרך פון די

מערסטע לאגער־יידן, וועלכע זענען נישט קארג אין זייער גערנקייט צו דערציילן פאר אייך וואס מער פון זייערע איבערלעבונגען.

*

די דירה פונעם גארמישער רב (אויף דעם צווייטן שטאק פון אן אקופירטן דייטשן הויז) איז שוין אנגעפילט מיט יידן, וועלכע ווארטן אונדז מקבל־פנים צו זיין. און ווען מיר קומען אריין, איז צו דעם אויס־דרוק פון זייער שמחה, און אוודאי אויך פון אונדזער, באמת נישטא קיין גרענעץ.

אין איין רגע דערפילן מיר, אז מיר זענען ענדלעך געקומען צו די, צו וועמען מיר האבן באדארפט קומען, אז מיר זענען ענדלעך דא, וואו מיר דארפן זיין, — אין דער סביבה פון אונדזערע ברידערלעכע, טויט־געליטענע, מיט נסים־אפגעראטעוועטע יידן פון דער שארית הפליטה, וואס קוקן אויס די אויגן זייערע אויף דרישת שלום פון די ברידער־יידן פון דער וועלט.

אלע ספקותדיקע טראכטונגען אונדזערע מכוח דעם עצם ענין פון אונדזער רייזע אהער ווערן אין איין רגע בטל ומבוטל. —

אין דער רגע, ווען מיר שטייען פנים־אל־פנים מיט די יידן, אינעם הויז פונעם גארמישער רב, און זעען אין זייער אלעמענס אויגן דעם אפ־גלאנץ פון א פרייד, וואס מען זעט זי ביי מענטשן נאך א דורכגעטראגענער שווערער קראנקהייט. עס זענען געווען זייער ווייניק שאנסן צו בלייבן לעבן — און אט איז מען פארט לעבן געבליבן, פארט דורכגעליטן און מנצח געווען איבער דער קראנקהייט.

אין דעם אפגלאנץ פון דער פרייד איז אבער אויך געווען אן אויפציטער פון א באהאלטענעם געיאמער — א געיאמער נאך די אומגעקומענע פרויען, קינדער, ברידער און שוועסטער.

מען האט נישט באדארפט לאנג אנשטרענגען זיך צו דערזען, אפילו אין דער ערשטער רגע פון אונדזער באגעגעניש, דעם יזכור־אויפציטער אין די אויגן פון די אויפגעזאמלטע יידן אינעם רבס הויז.

נישט איין אויג האט גלייך גענומען פארוואלקנט ווערן, נישט איין ברעם האט גלייך גענומען צוקן.

דער רב און אויך אזוי דר. גרינבערג און קאלעגע ל. שאליטאן האבן עם גלייך באמערקט און טאקטיש־פארזיכטיק א טרייב געטאן דעם טרויער פון זיך און אויך פון אלעמען.

דער רב, א מענטש פון א יאר פופציק, מיט א גוט טרייסטנדיקן שמייכל אויף די ליפן, האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א מוסטער פון אמתער יידישער פרומער שטילקייט, פון יום־טובדיקער שוויינגדיקייט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואס די גאנצע משפחה איז אים אומגע־קומען, און וואס דער צער זיינער האט אין געוויסע מאמענטן שארף ארויס־

געגליט פון אונטער זיינע ברעמען, האָט ער אין משך פון דער גאַנצער צייט קיין איין זיפץ נישט געטאָן און קיין איין מאָל נישט פרובירט נעמען דערציילן זיינע איבערלעבונגען און די מעשה פון זיין משפחהס אומקום, ווי עס האָבן עס שפעטער, אין פאַרלויף פונעם גאַנצן מעת־לעת געטאָן די מערסטע פון די פאַרזאַמלטע אין זיין שטוב.

דער רב האָט שעמעוודיק פאַרנומען זיין אויבנאָן ביים גאַנץ גרויסן טיש, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט עטלעכע פלעשער וויין, מצות (געגעבן פון „דזשאַינט") און אָרעמלעכן כיבוד, האָט געבענטשט אונדזער קומען מיט אַ פרום־טראַדיציאָנעלער ברכה, און גלייך נאָכדעם האָבן אַלע געהויבן כוסות אין באַגריסונג.

ס'איז אוודאי נישט מעגלעך געווען אָפּצוטיילן די באַגריסונג־פרייד לכבוד אונדזער קומען פון דער דערמאָנונג, אַז היינט איז דער ערשטער פסח נאָך דער באַפרייאונג, דער ערשטער פסח, וואָס די שארית־הפליטה פראַוועט נישט אונטער היטלערס קנוט.

ס'איז אָבער אויך נישט מעגלעך געווען נישט צו דערמאָנען, אַז אָט איז שוין אַ יאָר נאָך דער באַפרייאונג, און די יידן זיצן נאָך אַלץ אין לאַגערן (אמת, פרייע לאַגערן, אָבער דאָך לאַגערן) אויף דער דייטשער ערד, און די גרענעצן פון אַלע לענדער און אויך פון ארץ ישראל זענען נאָך אַלץ פאַרשלאָסן פאַר זיי.

דער גאַרמישער רב האָט עס טאַקע אַלץ דערמאָנט אין זיין ברכה צו אונדז, אָבער ער האָט עס געטאָן רואיק, פאָרזיכטיק, אַלץ מיט דער כוונה נישט צו צעשטערן די געהויבנקייט פון דער רגע און פונעם עונג־יום־טוב בכלל.

מיר האָבן זיך אַלע אַרומגעזעצט אַרום טיש, דעם רבס אַ שוואָגער (וועמעס פרוי און קינדער זענען אויך אומגעקומען) און נאָך אייניקע פון די היימישע געסט האָבן דערלאַנגט טיי.

דער עולם האָט געגעסן, וואָס עס האָט זיך געלאָזט: אַזוי־מצה און געפּרעגלטע מצה, געטרונקען וויין און טיי.

עס זענען געווען אויפן טיש צוויי סאָרטן מצות. איין סאָרט, וואָס דער „דזשאָינט" האָט צוגעשטעלט — אַמעריקאַנער מצה — און איין סאָרט, וואָס די גאַרמישער יידן האָבן אַליין דערוויזן צו באַקן.

די מצות, וואָס די גאַרמישער יידן האָבן אַליין געבאַקן, זענען אפשר נישט אַזוי געראָטן ווי די אַמעריקאַנער מצות, נישט אַזוי דין און קרוכלע, און ציינער דאַרפן אַביסל שווערער אַרבעטן כדי צו צעקייען זיי. — דערפאַר אָבער רופן זיי אַרויס אין דיר אַ באַזונדערע התרוממות דורך דעם וואָס זיי זענען געבאַקן געוואָרן אין אַן אויוון דאָ, וואו ערשט מיט איין יאָר צוריק האָט געפלאַקערט דער קרעמאַטאָריע־אויוון.

שוין לאַנג, אַז איך האָב אַזוי טיף נישט געשפּירט דעם טעם פון יידישן פסח; שוין לאַנג נישט געפילט זיך אַזוי איינגעוויקלט אין יידישער נאַטיר־

לעבער ווארעמקייט, אין יידישער פרומער, זיס־אומעטיקער, געעבנטשט־טראגישער יום־טובדיקייט.

שוין לאנג נישט געפילט אזוי די זעלטנקייט פון דער זכיה צו זיין א ייד.

*

די יידן ביים טיש, אונטערן דרוק פון נאך צוגעקומענע געסט, האבן גלייך באשלאסן, אז אין אוונט זאל אינעם זאל פון דער שול דורכגעפירט ווערן א קבלת־פנים פאר אונדז, כדי מיר זאלן קאנען האבן די מעגלעכקייט צו זיין מיט אלע גארמישער יידן אינאיינעם, און זאל אונדז נישט זיין קשה, זאגן זיי, דער אויסדרוק „אלע גארמישער יידן", ווייל וויפל עס זענען דא יידן אין גארמיש, אזויפיל וועלן זיין אויפן אוונט אינעם זאל. אלע ביז איינעם. און מיר זאלן זיך, אגב, אויך ריכטן (דאס פארטרויען אונדז די פריינט גרינבערג און שאליטאן), אז אין וועלכן לאגער מיר וועלן נאר קומען, מעג דער לאגער זיין ווי גרויס, וועלן צום ערשטן אוונט קומען אונדז מקבל־פנים זיין בוכשטעבלעך אלע מיטגלידער פון לאגער.

מיר פרובירן טענהן, אז מיר זענען נעקומען קיין גארמיש נישט צוגעגרייט צו א באלדיקן אוונט; דערהויפט טענהט עמא שיווער, אז פאר איר וועט זיין אוממעגלעך צו זינגען אן א וועלכער־נישט־איז פראבע און אן א פיאנא־באגלייטער. אבער אונדזערע איינווענדונגען מאכן נישט קיין איינדרוק.

— וואו שטייט עס געשריבן, אז אוונטן מוזן זיין צוגעגרייט? — טענהט דער עולם. ביי דער שארית הפליטה איז קיין זאך נישט צוגעגרייט. מען נעמט און מען קומט זיך צוזאמען איינס־און־צוויי, און — עס איז אן אוונט. וואס איז דער פראגראם? דער פראגראם איז — אונדזער אלעמענס גייסטיקער הונגער. אונדזער דארשט נאך א לעבעדיק, ווארעם ווארט, נאך א יידיש ווארט — דאס איז דער פראגראם. און וואס שייך פיאנא־באגלייטער, האבן מיר זיי צווישן זיך. און אויב ס'זענען נישטא קיין פיאנא־באגלייטער, איז רעכט אן זיי.

זיי זענען געווען גערעכט. מיר האבן, אן ווייטערדיקע טענות, מיט זיי מסכים געווען און גענומען אויף־שנעל גרייטן זיך צום אוונט.

און — מיר האבן קיין חרטה נישט געהאט.

*

... ווען מיר זענען אריינגעקומען א זייגער אכט־דרייסיק אינעם פארזאמלונגס־פלאץ פון דער געביידע, וואס איז אפגעגעבן געווארן פאר א יידישן שטיקל צענטער אין גארמיש, זענען אלע ערטער געווען באזעצט.

דער גאַנצער גאַרמישער עולם, אַ דריי הונדערט אין צאָל, איז שוין געווען דאָ. געוואַרט.

אויף דער בינע האָט דער יזכור־טאָוול, באַלויכטן פון ברענענדיקע ליכט, געגליט מיט דעם רויטן ציפער פון זעקס מיליאָן.

דער עולם — אין דורכשניט אַ יונגער, האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן חלל פון דעם נישט־גרויסן זאַל מיט הייסער שפּאַנונג. די שפּאַנונג האָט זיך איבערגעגעבן ווי אַן עלעקטרישער שטראָם צו אונדז — אַריינגעקומענע געסט.

אַ יום־כּיפּור־געמיט האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען.

אין אַלע אבֿרים האָב איך דערפילט אַ פּחד. אין די קני — אַ וואַקלונג.

כ'האָב קיינמאָל אַזוי נישט מורא געהאַט פאַר רייד, פאַר מיינער אַ רעדע, ווי כ'האָב מורא געהאַט איצט — פאַר רייד, וואָס מיר, גע־קומענע פון אַמעריקע, אפרת און איך, וועלן דאַרפן באַלד רעדן צו די יידן, וואָס פילן אָן דאָס זאַלכל פון ווינקל צו ווינקל.

אויך עמאַ שייווער, וועמעס אויפגאַבע איז צו זינגען, נישט צו רעדן, האָט זיך געפילט צעטומלט. זי האָט אָבער פאַרטיקע לידער, זי דאַרף נישט אימפּראָוויזירן.

אַנדערש איז אָבער, ווען דו דאַרפסט רעדן צו מענטשן אין אַ רגע, וואָס איז אַליין אין זיך אַ השתפּכות הנפש, ווען אַלע דיינע געדאַנקען, וואָס דו האָסט געטראַכט מיט עטלעכע מינוט פריער, און וואָס דו האָסט געמיינט, אַז זיי וועלן זיין דער יסוד פון דיינע רייד, ווערן פּלוצלונג אויפגעלייזט אין אָנ־געזיכט פון הונדערטער אויגן, וואָס נעמען דיך דורך מיט אַ פייער־פיבער אַזאַ, און דו ווייסט נישט, וואָס איז שטאַרקער אין זייערע אויגן — דאָס פייער, צי דער פיבער, און דו ווייסט אויך נישט, וואָס איז העלער אין זיי — די פרייד פון פריי זיין, די פרייד פון לעבן און פון וועלן ווייטער לעבן, צי דער אָפּשיין פון די ליכט, וואָס ברענען מיט אבֿלות אויף דעם אומקום פון זעקס מיליאָן.

און וואָס הייסט רעדן אין אַזאַ מאָמענט? אין אַזאַ מאָמענט הייסט רעדן — דרשענען, אויפן זעלבן שטייגער ווי דאָס האָבן געטאָן אַמאָל אונד־זערע מגידים. איבערהויפּט די פון זיי, וואָס האָבן געהאַט די זכיה אין מאָ־מענטן פון זייער רעדן באַרירט צו ווערן פון די פליגלען פון יצירה... און אפשר הייסט רעדן אין אַזאַ מאָמענט — מתוודה זיין זיך?

און אַט ביסטו נישט קיין רעדנער און נישט קיין בעל־דרשן, און די אחריות פאַרן וואָרט נעמט דיך אַרום ווי מיט אַ קלעם.

און אָט איז אַזאַ רגע, ווען פייער־אויגן רינגלען דיך אַרום — דיך און דיין וואָרט־געקלעם, און די גליקלעכסטע דערלייזונג, פּילסטו, וואָלט געווען פאַר דיר, ווען דו קאָנסט זיך אַוועקזעצן צווישן עולם און צוזאַמען מיט אים זיצן און — שווייגן. צוזאַמען מיט אים זיצן און וואַרטן, אַז אָט־אָט וועט זיך אויפהייבן איינער, נישט דו, און געבן אַ זאָג עפּעס אַזוינס,

וואָס וועט אַ ליכט־טאָן מיט ליכט פון ישועה און וועט גלייך אויפן אָרט אָנפילן יעדנס הארץ מיט גליק פון נחמה.

גלייך אויפן אָרט.

נחמה, וואָס איז דורכוים גליק.

גליק, וואָס איז דורכוים נחמה.

דאָס גענייניקטע יידישע הארץ זאָל ווערן געטרייסט אין פול, זאָל ווערן בארויקט, זאָל ווערן געהיילט.

ווער איז דער, אויף וועמען מיר אַלע וואַרטן? וואו איז ער? פון וואַנען דאַרף ער קומען?

דער, אויף וועמען אַלע וואַרטן אויף אַן אמת — דער קומט דאָך נישט, דער באַווייזט זיך נישט.

כאַפּט דיך אָן אַן אימה און אַ פאַרשעמטקייט, ווען דער גורל ליינט אַמאָל אַרויף אויף דיינס אַ חבר, אויף דיינס אַ פריינט, און אַמאָל אויף דיר אַליין, אַ באַשערטקייט צו זיין אַן אָפּהילך פון יענעם, וואָס דאַרף ערשט אַנטפּלעקט ווערן, צו זיין אַ שאָטן פון דעם בשורה־ברענגער, וואָס מען ווייסט נישט וואו ער איז.

דו טראַכסט דאָס אַלץ, ווייל אין תוך איז דאָך נישטאָ קיין גרינט־לעכער חילוק צווישן דעם אמת פונעם וואָרט, וואָס דו רעדסט אַרויס, און צווישן דעם אמת פונעם וואָרט, וואָס דו שרייבסט־אויף אויפן פּאַפּיר.

און אָט דערוואַרט מען עפּעס פון דיר דערפאַר, ווייל דו האָסט ווער־טער אַרויפגעצייכנט אויפן פּאַפּיר און דו האָסט זיי אַ נאָמען געגעבן: לי־דער, דערציילונגען, דראַמעס, עסייען, און אַזוי ווייטער. — ווילן מענטשן, אַז דו זאָלסט נעמען די ווערטער און אַרויפצייכענען זיי אויף זיי אַליין, אויף די מענטשן, מיט אַ פאַרצייכענונג פון זייער צאַפּלדיקער גליענדיקער פּיין.

זיי ווילן דאָס דירעקטע וואָרט — דאָס וואָרט, וואָס זאָל אָפּברענען די ליפּן, וואָס זאָל דורכגליען דעם גומען.

זיי ווילן דאָס וואָרט, וואָס זאָל זיין זייער ראַטעווענדיקע טאַט.

וואו־זשע נעמט מען אַזאַ וואָרט?

וואו איז פאַראַן און ווער פאַרמאָגט היינט אַזאַ וואָרט?

פונדעסטוועגן דערלאָז נישט, אַז צוליב דעם, וואָס זיי אַלע, צוזאַמען מיט דיר, פאַרלאַנגען צופיל פונעם וואָרט, זאָל אויך דאָס ביסל, וואָס איז נאָך דאָ אין וואָרט, פאַרמינערט ווערן, הילפלאָז ווערן.

גלייב אין דעם אָנצינדנדיקן כוח פונעם יידישן וואָרט, וואָס שאַפט קאָנטאַקט פון מענטש מיט מענטש; גלייב נאָך מער אין יידישער קהל־באַ־העפטונג, אין יידישער ציבורדיקייט.

געווען אַ יידישער ציבור אין די נעגל פון רשעות, אַ יידישער ציבור אין דער פינצטערניש פון בונקערס — און אָט זיצט אַ יידישער ציבור, נאָך היטלערס בונקערס, אין פרייען צוזאַמענקום, אין אַ זאַל, אין אַן אימפּראָווי־

זירטן בית־המדרש.

געווען א בונקער, און אַט — א בית־המדרש.

און מיר — געקומענע פון אַמעריקע — נאָך וואָס זענען מיר גע־קומען? — נישט מער, אָבער אויך נישט ווייניקער, ווי צו אריינגיין אין דעם דאָזיקן אויסטערלישן ציבור, אראָפּצונעמען פון זיך א ביסל כּאָטש פון דעם שולד־געפיל, וואָס איז אונדז די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען און נאָכגעהאַנגען — א שולד־געפיל פאַר זיין ערגעץ ווייט, ערגעץ דאָרט אי־בער ימען, ווען דאָ האָבן געברענט גאַז־אויוונס.

הייסט עס, אַז מיר שטייען אויף דער בינע, אונטערן ליכט פון „יזכור", און רעדן נאָר וועגן זיך, וועגן אונדזער פּערזענלעכן געמיט, און נישט וועגן זיי — וועגן די, וואָס זיצן אויף די בענק אין זאַל?...

ניין, עס הייסט נישט אַזוי. איך זע קלאָר אין די פּנימער פון דער גאַרמישער שארית הפּליטה, אַז זיי נעמען־אויף אונדזער התנצלות ווי אַן אייגענע התנצלות, אַז זיי טוען אריין זייערע ברעמען אין דעם אויפגע־רודערטן טרויער פון אונדזערע רייד, און אַז זיי ווערן זיך נישט אַנטקעגן דעם טרויער פון אונדזערע רייד.

פּאַרקערט, זיי באַגריסן אים, דעם טרויער, זיי נעמען אים אויף ווי עפּעס אַזוינס, וואָס קומט אַרויס פון זייער אייגן האַרץ און זוכט א לבוש, א געשטאַלט...

אין יעדן מינדסטן אויסדרוק, אין שוואַכסטן צוק פון א ווינקל פון א ליפּ, וואָס איך זע צווישן עולם, איז דאָ דער אויסגעשריי פון א ציבור — איז דאָ דאָס צוזאַמענגיסן זיך, דאָס צונויפשמעלצן זיך פון א פאָלקס האַרץ. א קליינינקע געמיינדע, אָבער א גרויס פאָלקס האַרץ.

איך געדענק אַליין נישט וועלכע ווערטער זענען געקומען צו אונדז אין מויל, ווען מיר האָבן פּרובירט אויסדריקן פאַרן גאַרמישער עולם אונדזער פרייד פון קומען פּנים־אל־פּנים מיט יידן פון דער שארית הפּליטה. איך געדענק אויך נישט ווי אַזוי די ווערטער זענען געקומען צו אונדז אין מויל.

איך געדענק נאָר איין זאַך: איך בין צוזאַמען מיט מיינע ווערטער נישט איין מאָל אַראָפּגעזונקען, ווי מען גיט האַסטיק א זונק אראָפּ פון דער הויך און מען פילט ווי דאָס האַרץ שטעלט זיך אין דיר אָפּ.

אויפן מאָמענט האָב איך אין זיך אַליין געטאַדלט מיין רעדנערישע אומ־פייאיקייט, אָבער ווען כ'האָב דערפילט, אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך אין מיר אָפּ, האָב איך דערשפּירט, אַז מיין יידישע בענקשאַפט האָט דערגרייכט צו א פּונקט פון פּאַרפּולונג.

אויך אַזוי, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, לעבט איבער אפרת אין זיין רעדן צום עולם, אויך עמאַ שייוועראָ אין איר זינגען.

עמאַ שייוועראָ האָט געזונגען כּל־נדרי, געזונגען טיף, מיט א סך האַרץ. און זאַל איז געהאַנגען א שטיל געוויין. דאָס געוויין האָט מיטגעזונגען. ס'איז נישט געווען קיין דיסאָנאַנס — פּסח־נאַכט זינגען כּל־נדרי.

די ליכט ביי דעם יזכור־טאָוול האָבן געברענט יום־כיפורדיק.
יציאת־מצרים האָט אָפּגעהילכט מיט אַן על־חטא פון אַ וועלט און מיט אַ ווידוי.
מיליאָנען יידישע נשמות האָבן געפלאַטערט איבער אַלעמענס קעפּ, גערוישט מיט זייערע דורכגעפלאַקערטע פליגל.
אַן אויסטערלישער יום־כיפורדיקער פסח.

*

שפּעטער זענען מיר ווידער געזעסן ביים רב אין שטוב און שעהן לאַנג, ביז טיף אין דער נאַכט געהערט מעשות פון יציאת־געטאָ, יציאת־קאַצעט, יציאת־דאַכאו, יציאת־טרעבלינקע.
געזעסן אַרום טיש ענג צוזאַמענגענומען, דער רב אויבן־אָן.
אין זאַל, ביי דער פאַרזאַמלונג, האָבן מיר, געסט, גערעדט; דאָ ביים טיש האָבן מיר געשוויגן. גערעדט האָבן די יידן פון דער שארית הפליטה.
גערעדט — דערציילט, געפיבערט.
איינער נאָכן אַנדערן. איינער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז דער פריערדיקער האָט געענדיקט. אָפטמאָל איבערגעריסן דעם אַנדערן און גענומען דערציילן נאָך זייגס.
זיינס איז מוראדיקער, טראַגישער, אומגעוויינלעכער. — כאָטש אין דער אמתן איז יעדנס דערציילונג געווען ענלעך כמעט צו דער דערציילונג פון דעם פריערדיקן.
איין רשעות האָט זיי פאַראורזאַכט, איין גרויל האָט זיי געשפּייזט, איין אַנגסט האָט זיי געפּייניקט.
פאַר אונדז איז אָבער יעדנס דערציילונג געווען ניי און אומגעווענלעך, און אַזוי ווי מיר זענען געווען די סיבה, וואָס האָט אַלעמען אָנגערעגט צו רעדן און צו דערציילן, האָט יעדער פון די פאַרזאַמלטע געוואָלט אַרויסרעדן פון זיך דאָס גאַנצע האַרץ — יאָ, דאָס גאַנצע האַרץ.
מיר זענען געזעסן שטיל און אַריינגעזאַפּט אין זיך אַלע גרוילן ביז איבערגעלאַדנקייט.
מיר האָבן אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון מידקייט. געזעסן איבערגעבויגענע איבערן טיש און — געהערט — — — —
— מעשה מיט ג. — ער זיצט טאַקע דאָ ביים טיש. ווי אַזוי ער האָט אַרויסגעראַטעוועט זיין צוויי־יאָריק יינגעלע פון קאָוונער געטאָ, אָפּגעראַטעוועט אים פון די הענט פון די כאַפּערס. ער האָט איינגעשלעפערט דאָס קינד מיט אַ שלאָף־געטראַנק, אַריינגעלייגט דאָס קינד אין אַ רוקזאַק, פאַרוואָרפן דעם זאַק אויף דער פּלייצע און אויף אַ קונציקן אופן דורכגעשמוגלט זיך אין טומל פון כאַפּעניש דורך דער וואַך, וואָס ביים געטאָ־טויער...

דאָס קינד איבערגעגעבן דערנאָך אין די הענט פון אַ באַקאַנטן פּויער.

דער פּויער האָט געהאַלטן ביי זיך דאָס קינד צוויי יאָר און דאָס קינד איז צוגעבונדן געוואָרן צום פּויער, און אויך דער פּויער צום קינד.

נאָך די צוויי יאָר איז געקומען די מעגלעכקייט, אַז דער טאַטע זאָל קאָנען נעמען דאָס קינד צוריק צו זיך, אָבער ערשט איצט נעמט זיך פאַנאַנדערשפּילן די דראַמע צווישן דעם פּויער און צווישן דעם טאַטן מיטן קינד.

דער פּויער וויל זיך נישט שיידן מיט דעם קינד. דער טאַטע שטייט אַ פאַרצווייפלטער מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום יינגעלע, און דאָס יינגעלע וואַקלט זיך אַ פאַרלאָרנס, אַ וויינענדיקס, צווישן ביידן.

ענדלעך קומט דער פּויער דורך מיט דעם טאַטן, און דאָס יינגעלע זאָגט מיט טרערן אין די אויגן:

— נו, גוט, זיי דו פון איצט־אָן מיין טאַטע. — — —

*

— — — אַ מעשה מיט אַ מוטער (זי זיצט טאַקע דאָ ביים טיש), וואָס האָט באַהאַלטן איר איינציק־אָפּגעראַטעוועט מיידעלע אין אַ קופּע שמוציקע וועש אין אַ לאַגער. די נאַצישע קינדער־מערדער, צוזאַמען מיט זייערע ליטווישע און אוקראַינישע אַרויסהעלפער, האָבן אַריינגעשטאָכן זייערע באַיאָנעטן אין דעם באַרג וועש. אַ באַיאָנעט האָט דורכגעשטאָכן דעם קינדס אַ פיסל; אָבער דאָס קינד, דאָס מיידעלע, האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס און איז אַזוי־אַרום געראַטעוועט געוואָרן. די מאַמע שלעפּט אַרויס דאָס קינד פונעם באַרג וועש און נעמט פאַרבאַנדאַזשירן דאָס דורכגעשטאָכענע פיסל. דאָס מיידעלע האַלט אַלץ איין דעם שאַרפן ווייטיק אין זיך און פּרוּווט נאָך טרייסטן די מאַמע — זי זאָל נישט וויינען. — — —

*

— — מעשה פון אַן אַנדער קינד, פון אַן עופהלע, וואָס טאַטע־מאַמע, אין בהלה ביים אַנטלויפן פון די נאַצי־מערדער, האָבן עס אונטערגעוואָרפן אונטער אַ שוועל פון אַ פּאָליאַק, כדי ער, אָדער עמיצער אַן אַנדער נישט־ייד זאָל עס אויפקלייבן און ראַטעווען. דער פּאָליאַק האָט דאָס קינד אויפגעהויבן, צוגענומען אין שטוב צו זיך און — אָפּגעשמדט עס.

די מאַמע פונעם קינד ווערט געכאַפּט און אַוועקגעשלעפּט צום אומקום.

דער טאַטע דרייט זיך דורך נסים אַרויס פון טויט. ער קומט (נאָך היטלערס מפּלה) אויפזוכן זיין קינד. ער געפינט עס אויס, אָבער דער פּאָליאַק, אַ רשע, וויל אים דאָס קינד נישט צוריקגעבן. דאָס קינד איז זיינס. טענהט ער; ער האָט עס אָפּגעשמדט — איז עס זיינס אויף אַלע מאָל.

און אָט דאַרף דער טאַטע ווידער אַנטלויפן פון פּוילן. ער קאָן נישט לעבן דאָרט. דאָס קינד קאָן ער נישט צוריקקריגן — יאָגט אים דער עלנט, טרייבט אים וואָס ווייטער, פון דער רשעות און פונעם צלם אוועק.

און אָט איז ער דאָ צווישן דער שארית הפליטה. חדשים, חדשים. און אָט נעמט אים ווידער ציען צוריק קיין פּוילן — צום קינד. ער מוז עס אַרויסראַטעווען, ער מוז. ער וועט איבערקערן די וועלט, ער וועט — ער ווייסט אַליין נישט וואָס, אַבי צוריקבאַקומען זיין קינד. ער דאַרף האָבן דער־רויף אַ סך געלט. ער וועט מוזן אַנשטעלן אַדוואָקאַטן. ער וועט מוזן זיך לאָדן מיטן פּוילישן אַדאָפּטירער פון זיין קינד. — — —

ער וועט — ער וועט — ער וועט —

*

— — — אַ מעשה וועגן זיבן הונדערט יידישע פרויען אויף אַ ברענענדיקער נאַצי־שיף. די שיף פלאַקערט. די זיבן הונדערט פרויען, אין טויט־פּחד, אויסגעהונגערטע, האַלב־נאַקעטע, רייסן זיך צו די אַרויסגאַנגען, וואַרפן זיך איינע אויף די אַנדערע. די פלאַמען כאַפּן זיי אַרום, און — — —

די פרוי, וואָס דערציילט די מעשה, זיצט דאָ ביים טיש, זי איז איינע פון די געציילטע, וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן דורך אַ קאַפּיטאַן פון אַ צווייטער שיף. אירע ליפּן ווערן צונויפגעקלעמט. זי קאָן נישט דערציילן די פּרטים פון דער געשעעניש. — זי בלייבט זיצן שטיל. מיטאַמאָל גיט אַ מאָדנער שמייכל זיך אַ ריס אַראָפּ פון אירע ליפּן — שיר נישט אַ פרייד־אויסגעשריי פון איינער, וועלכע האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַ שׂרפה, און וואָס די זכרונות וועגן די פלאַמען פלאַקערן־אויף אין איר מיט אַ שטענדיק־נייער גליקלעכקייט, וואָס זי איז נישט פאַרברענט געוואָרן.

*

אַזוי מעשה נאָך מעשה, דערציילונגען פון די קרבנות אַליין, וואָס זיצן אָט־דאָ מיט דיר ביים טיש. דו זעסט זייערע פּנימער. דו זעסט די נומערן אויסגעברענט אויף זייערע הענט. דו פילסט ווי עס טריקענען זייערע ליפּן ביים דערציילן און ווי ס׳רייסט זיך אַ פאַרשטיקט געוויין דורך זייער האַלדז.

זיי ווילן דאָס געוויין איינהאַלטן. זיי ווילן זיך נישט אַרויסווייזן פאַר צו־ווייך, פאַר צו־סענטימענטאַל. אָבער נישט אַלעמאָל געלינגט עס זיי. אַן אונטער־געוויין באַגלייט סיי־ווי יעדעס וואָרט זייערס.

מעשיות וועגן אייגענע מענטשלעכע שוואַכקייטן און סתירות; וועגן אייגענע דורכפאַלן און פאַראַטן.

מעשיות אויך וועגן קרבן־העלדישקייטן; וועגן אויסדויער און לעצטע האָפענונגען.

*

פלאַץ צום שלאָפן האָט מען באַשטעלט פאַר אונדז אויף דעם ערשטן אונטערשטן שטאָק פונעם זעלבן הויז.

אויף דעם אונטערשטן שטאָק האָט געוואוינט דער אייגנטימער פון דער גאַנצער געביידע, אַ דייטש.

אין צימערן פון אָט־דעם דייטשס דירה זענען מיר געשלאָפן.

די צימערן — עכט דייטשיש: צוגעקליבן, צוגעפוצט מיט פרענזלעך, מיט שמאַכטעלעך. די בעטן אָנגעהורבעט מיט ווייכע פוכענע פערענעס.

איך האָב זיך אַריינגעלייגט אין בעט. אָבער שלאָפן האָב איך נישט געקאָנט. ס'האָט מיר געברענט דאָס לייב פון די דערציילונגען פון מיינע פסח־ברידער.

נאָך מער האָט מיר געברענט דאָס לייב פון די פוכענע פערענעס, אין וועלכע מיין גוף איז אַריינגעזונקען: צי זענען די דאָזיקע פערענעס צומאָל נישט קיין יידישע פערענעס, וואָס אַ נאַצי האָט אַוועקגעשלעפּט פון אַ וואַרשע, צי פון אַ בערלין, און זיי פאַרשלעפּט אַהער און אָנגעפּאַקט מיט זיי די דייטשע בעטן?

איך האָב זיך אַרומגעשליידערט פון איין זייט אויף דער צווייטער. אַחוץ דעם פערענע־קאָשמאַר האָט מיך נישט געלאָזט שלאָפן דער פאַקט אַליין, וואָס איך שלאָף ביי אַ דייטש אין שטוב.

איך ווייס נישט, וואָס האָט מיך מער געפּייניקט, צי דער פערענע־קאָשמאַר, צי דער דייטש־קאָשמאַר: צי איז נישט צומאָל דער דייטש, דער באַלעבאָס פון דער דירה, אַליין נישט געווען איינער פון די, וואָס האָבן ראַבירט יידישע פאַרמעגנס, געשלעפּט יידישע פרויען און קינדער אין די גאַז־אויוונס אַריין? צי איז ער נישט צומאָל גאָר געווען דער, וואָס האָט אומגעבראַכט די פרוי און קינדער פונעם עלנטן גאַרמישער רב, וועלכער וואוינט איצט אויבן אינעם זעלביקן הויז. — — —

אַלץ קאָן מעגלעך זיין — אַלץ, אַלץ.

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען, אַרויסגעשלייכט זיך אויף דער גאַס.

ס'איז שוין געווען אָנהויב באַגינען. אַלץ אַרום און אַרום איז געווען פאַרזונקען אין פאַרטאָגיקן שלאָף. אויף די שפּיצן פון די בערג אַרום גאַרמיש האָבן זיך גענומען שוין באַווייזן סימנים פון ערגעץ־זון, פון ערגעץ־ליכט.

איך בין געשטאַנען ביי דער טיר, געקוקט מיט פאַריסענע אויגן צו די באַרג־שפּיצן, און אינווייניק אין מיר האָט אַ קול נישט אויפגעהערט צו איבערחזרן:

— אַלץ קאָן מעגלעך זיין. אַלץ. אַלץ.

★

זשיטאָמירער יידן מוזן זיך צוקוקן צו דער עקזעקוציע, וואָס די דייטשן פירן
דורך איבער זייערע ברידער.

אין לאַנדסבערגער לאַגער

25־טער אַפּריל.

. . . מיר זענען אָנגעקומען אין דעם יידישן לאַגער פון לאַנדסבערג.
דער לאַגער געפינט זיך אין עק־שטאָט מיטן זעלביקן נאָמען.

דער לאַגער פאַרנעמט אַ היפּשן שטח. איז אַן אָפּגעשלאָסן וועלטל פאַר זיך, ווי ס'איז יעדער יידישער לאַגער אין די אָקופּירטע זאָנעס פון דייטשלאַנד. זיין באַפעלקערונג באַשטייט, אַן ערך, פון אַ פינף מיט אַ האַלב טויזנט נפשות.

מען וואָלט געקאָנט אַזוי אַרום עס אָנרופן: אַ פול יידיש שטעטל, ווען — ווען עס וואָלט געהאַט אַרום זיך יענע אַטמאָספערע, וואָס עס האָבן געהאַט אַמאָל יידישע שטעטלעך בשעת נישט נאָר די ישובים אַליין, נאָר אויך דער אַרום, די לופט, די טייכן, די בריקן, די וועלדער, די פעלדער (אַפילו ווען זיי האָבן נישט געהערט צום שטעטל) האָבן געהאַט אין זיך עפּעס אינטים־יידישעס, עפּעס שבת־יום־טובדיקס.

דער לאַנדסבערגער יידישער לאַגער האָט טאַקע אַרום זיך וואונדערבאַרע צעבליטע פעלדער, אויסגעצייכנטע וועגן, אַ לאַנדשאַפט דאָס אויג צו פאַרכאַפּן (אַגב, געפינען זיך די מערסטע יידישע לאַגערן אין שיינע נאַטור־פלעצער פון בייערן), אָבער די גאַנצע נאַטור אַרום האָט נישט קיין שייכות צום יידישן ישוב, און דער ישוב האָט נישט קיין שייכות צו איר, פשוט דערפאַר, ווייל ער איז אַ לאַגער.

אין דעם לאַגער געפינען זיך יידן, וואָס זענען נאָך אַלץ אין בלוטיקן קריג מיטן לאַנד, מיט דעם פאָלק פון דעם לאַנד און מיט זיינע לאַנדשאַפטן.

די לופט, וואָס די לאַגער־יידן אָטעמען נאָך היינט, נישט געקוקט אויף די געשמאַקע ריחות פונעם אַרומיקן דייטשן פרילינג, איז נאָך אַלץ די געדענקטע לופט פון די פאַרשטיקטע תפיסות און גאַז־קאַמערן.

דער לאַגער איז אָפּגעשיידט פון דער אַלגעמיינער שטאָט מיט אַ טויער. ביים טויער — אַ וואַך. אַ יידישע וואַך, אַ באַוואָפנטע מיט קאַלט געווער, ניט, חלילה, מיט היים געווער.

מיט היים געווער איז באַוואָפנט די דייטשע שוץ־וואַך איבער דער שטאָט, און מיט היים געווער זענען באַוואָפנט די אַמעריקאַנער זעלנער פון דער אָקופּאַציע־מאַכט.

דער היינטיקער דייטשער וואכמאַן — נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַ פּאַראַיאַריקער נאַצי — איז, ווייזט אויס, מער ראוי און מער בארעכטיקט צו האָבן אַפּיציעל אַ רעוואָלווער אין קעשענע, ווי דער, וואָס איז געווען דעם נאַצים קרבן, צוליב וועמענס ישועה און באַפרייאונג די אַנטי־נאַצי־וועלט האָט, היסט עס, געפירט מלחמה מיט היטלערן.

אינעווייניק, אינעם יידן־לאַגער, קאָן טאַקע אָן אַ דערלויבעניש קיין דייטש און קיין דייטשער פּאָליציימאַן נישט אַריינקומען. אָבער נאָענט צום לאַגער קאָנען זיי יאָ צוקומען. און ווען זיי דאַרפן (ד. ה. ווען עס מאַכט זיך זיי אַ געלעגנהייט נישט צו זיין געשטערט פון דער מיליטערישער אָקופּאַציע־מאַכט) אָפּטאָן עפּעס אַ נבלה, מאַכן אָן אָנפאַל אויף אַ לאַגער אָדער פּראָוואָצירן אַ ראַיאָט און אַ הריגה אין אַ לאַגער גופא, ווי ס'איז געווען אַ שטייגער אין שטוטגאַרט — רייסן זיי זיך אַריין אָן דערלויבענישן און טוען אָפּ זייערע נאַצישע אָפּטועניש ווי עס געלינגט זיי.

נישט צו לייקענען, אַז ס'האָט מיר גאַנץ שטאַרק געזעצט אין האַרצן, ווען אונדזער מאַשין איז צוגעפאָרן צום טויער, אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן, אַז דאָ געפינט זיך דער לאַנדסבערגער לאַגער פון די יידישע „די־פּי", ווען דער טויער האָט זיך ברייט גאַסטפריינטלעך פאַנאַנדערגעעפנט פאַר אונדז, אַריינגענומען אונדז אינעווייניק און זיך גלייך פאַרמאַכט צוריק.

כאָטש מיר זענען דאָך שוין געווען אין אַ ישוב פון דער שארית הפליטה — אין גאַרמיש — פונדעסטוועגן האָט אונדז דאָס אַריינקומען אין לאַנדסבערג אויסגעזען ווי אַן ערשטער אַריינקומען.

מסתמא דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען פאַר אונדז דער ערשטער יידישער ישוב אין אָפּגעשלאָסנקייט — דער ערשטער ישוב, וואָס מען דאַרף אַריינפאָרן אין אים דורך אַ באַוואַכטן טויער.

יאָ, דאָס האַרץ האָט האַסטיק געזעצט, ווען דער טויער האָט זיך פאַרמאַכט, און איך האָב דערפילט מיט אַ מאָדנער אויפגערודערטקייט אין אַלע אברים, אַז אָט זענען מיר ענדלעך אין אַ יידישן לאַגער.

זע, די געביידעס, זע, די שטאָקיקע הייזער. זע, די גרויסע אַרמאַרי. קאַזאַרמעס — נישט קאַזאַרמעס. זע, גאַסן, געסלעך, אפילו אַ סקווער.

זע, אַן עולם איילט, רינגלט אַרום אונדזער מאַשין און אונדז אַליין.

שלום עליכם, — עליכם שלום. האַנט־דריקן — אויסרופן — באַגריסונגען. — — —

זע, דאָס איז דאָך טאַקע דאָס לאַגערדיקע פאָלק ישראל אונדזערס, די אָפּגעראַטעוועטע רעשטלעך פון אונדזער פאָלק. אָט איז זי — די שארית הפליטה. אָט איז זי.

דער אָנשטראָמענדיקער עולם וויל גלייך, דאָ אויפן פּלאַץ, נעמען דורכפירן אַ קבלת־פּנים, אָבער די אָפּיציעלע פּליכטן, וואָס מיר האָבן, ווי אונרא"־אָנגעהעריקע, פאַרהאַלטן דעם שטראָם. מיר קאָנען קיין זאַך נישט טאָן איידער מיר שטעלן זיך פאַר פאַר דעם „אונרא"־פאַרוואַלטער

פונעם קעמפּ.

מיר קומען אַריין, אין דער באַגלייטונג פון אייניקע מיטגלידער פון דעם קעמפּ־קאָמיטעט, אין דעם „אונרא"־אָפיס.

דער אָפיס, אויפן אַמעריקאַנער שטייגער, נעט און גרוימיק, מאַשינקעס קלאַפּן לייכט און פלייסיק.

מיר שטעלן זיך פּאָר, מיר פרעגן זיך נאָך אויפן „אונרא"־דירעקטאָר.

אַ סעקרעטאַרין גייט אַריין אין צימער פונעם דירעקטאָר, קומט אַרויס און זאָגט אונדז, אַז דער דירעקטאָר איז פאַרנומען. זי הייסט אונדז וואַרטן.

אַמעריקע, וואָס זענען געקומען צו זיי, צו די יידן פון לאַגער.

די יידישע מיטגלידער פונעם קעמפּ־קאָמיטעט פילן זיך באַליידיקט, וואָס דער דירעקטאָר קומט נישט אַרויס גלייך אויפצונעמען די געסט פון מיר, די געסט, דערפילן גלייך דורכדעם די מחיצה, וואָס עקזיסטירט צווישן דעם דירעקטאָר און דעם קעמפּ, און כאָטש מיר אַליין דערפילן זיך אויך אויפן מאָמענט געקרענקט פונעם דירעקטאָרס לאָזן אונדז זיצן און וואַרטן, ארט אונדז אָבער דער פאַרדראָס פון די קעמפּ־מיטגלידער מער ווי אונדזער אייגענער פאַרדראָס.

— ווי הייסט אייער „אונרא"־דירעקטאָר? — פרעגן מיר.

— דר. גלאַזגאָלד.

— אַ ייד?

— יאָ, אַ ייד.

— נו, נעמט זיך נישט אַזוי צום האַרצן, וואָס ער מאַכט אונדז צום וואַרטן, — זאָגן מיר. — מסתמא איז ער פאַרנומען.

אונדזערע באַגלייטער אָבער נעמען זיך עס יאָ צום האַרצן, ווייל וואָס לענגער עס געדויערט אונדז דאָס וואַרטן אויף דער אָפיציעלער אויפנאַמע פונעם דירעקטאָר, אַלץ מער ווערט צעשטערט אין פאַרנט פונעם אָפיס, אויף דער גאַס, די אוממיטלבאַרקייט פון די באַגריסונגען, וואָס די וואַרטנדיקע האַלטן גרייט פאַר אונדז. דער עולם צעגייט זיך ביסלעכווייז אַ פאַרגיטיק־מער מיט דעם, וואָס די קאָמיטעט־מיטגלידער טיילן אים מיט, אַז נאָך היינט ביינאַכט וועט געווים פאַרקומען דער ערשטער אָוונט, דער קבלת־פּנים לכבוד אונדז, אין דער אַרמאָרי.

ענדלעך דערוואַרטן מיר זיך. דער דירעקטאָר קומט אַרויס פון זיין אָפיס און לאַדט אונדז איין צו זיך.

ער נעמט אונדז אויף גאַנץ העפלעך, גאַנץ קאָרעקט־פריינטלעך, שיער־נישט פריידיק. יאָ, שיער־נישט.

מיר באַקענען זיך, מיר רעדן זיך פאַנאַנדער, מיר דערציילן אים, וואָס מיר האָבן בדעה צו טאָן, דאָ, אינעם לאַנדסבערגער לאַגער.

מיר זאָגן אים, אַז אַ חוץ אַ מאַסן־אָוונט, ווי אַן ערשטע באַגעגעניש מיט אונדזערע ברידער אינעם לאַגער, ווילן מיר דורכפירן נאָך אַ פּאָר קלענערע קולטור־פאַרזאַמלונגען פון אַן אינטימען כאַראַקטער. מיר ווילן,

מער פון אַלץ, באַקענען זיך מיט דעם עצם־לעבן און געמיט־צושטאַנד פון דער שארית הפליטה. מיר ווילן נישט זיין גלאַט אַזוי צופעליקע דורכפאָרער. מיר האָבן בדעה דערפאַר צו פאַרברענגען דאָ, אין לאַגער, אַ פּאָר טעג.

דער דירעקטאָר, דר. גלאַזגאָלד, אַ מענטש, וואָס מאַכט אַן איינדרוק פון אַן ענערגישן אַדמיניסטראַטאָר, האָט אונדז אָנגעקוקט מיט דורכדרינגנ־דיקע אויגן. זיינע דינע, שאַרפע ליפּן האָבן עטוואָס אַ שמייכל געטאָן.

— איר קאָנט דאָ זיין וויפיל איר ווילט, איר קאָנט אייך טאָן דאָ וואָס איר ווילט. דעם איינדרוק אָבער פון אייער זיין און פון אייער טאָן וועלן מיר אָפּשאַצן דערנאָך.

— וואָס מיינט איר מיט דעם?

— איך קאָן איצט נישט זאָגן גענוי, וואָס איך מיין מיט דעם, ביז איך וועל נישט זיין אַליין אויפן ערשטן אָוונט און הערן און זען, וואָס אויף דעם אָוונט וועט פאָרקומען. איך בין זיכער, אַז דער אָוונט וועט זיין אַן אימפּאָזאַנטער, אַ גרויסער; דערווייל — זאָגט ער, קומט מיט מיר אין אונדזער „אונרא"־קוואַרטיר, וואָס געפינט זיך אין שטאָט, אַ פיר־פינף גאַסן פון דעם לאַגער; דאָרט וועט איר מיט אונדז, מיטן „אונרא"־סטעף, עסן און אויך שלאָפן.

— פאַרוואָס נישט דאָ אין לאַגער גופא?

— גאָר פשוט, דאָ, אין לאַגער, איז שטאַרק ענג, און דאָס עסן איז אויסגעטיילט. איר וועט דאָך נישט וועלן צונעמען דאָ אין לאַגער עמיצנס אַ פּלאַץ און עמיצינס אַ חלק עסן...

זיין פּנים איז געוועזן ערנסט, געמאַכט אפילו אַן איינדרוק פון סימפּאַ־טישקייט, אָבער די גאַנצע סימפּאַטישקייט איז געווען פאַרצויגן מיט עפּעס אַ מאָדנער קאַלטקייט, מיט עפּעס אַ טרוקנקייט, וואָס האָט אונדז אָנגע־שטעקט כמעט ווי מיט אַ מורא.

וויל ער באמת זיין פריינטלעך צו אונדז, אָדער ער וויל נאָר אַרויס־ווייזן אָפיציעלע פריינטלעכקייט און נישט מער?

די פראַגע האָט מיך אינטערעסירט נישט אַזוי צוליב מורא פאַר אים — וואָרעם סוף־כל־סוף פאַרוואָס זאָלן מיר מורא האָבן פאַר אים?, וואָס קאָן בכלל זיין עפּעס אַזוינס אין אונדזער טעטיקייט פאַרוואָס מיר זאָלן דאַרפן מורא האָבן?

די פראַגע וועגן זיין פריינטלעכקייט האָט מיך אינטערעסירט נאָר פון אַן אַנדער זייט: ס'האָט מיך פשוט געפּלעפט דער פאַקט, וואָס אָט איז שוין דער צווייטער פאַל, וואָס מיר זעען פאַר זיך אַ יידישן „אונרא"־באַאַמטן, און אויך דער דאָזיקער יידישער באַאַמטער, פאַרנעמענדיק אַן אַמט פון אַ דירעקטאָר אין אַ יידישן לאַגער, מאַכט נישט קיין איינדרוק פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַן אמתע שייכות צו די לײַדן, צו דער באַזונדערער טראַגיק פון דעם „די־פּי"־ייד.

און אין דעם באַשטייט דאָך איינער פון די הויפּט־אומגליקן אינעם

לעבן פון די יידישע די־פי״: די מערסטע „אונרא״־דירעקטאָרן זענען נישט באַרופן צו דעם וויכטיקן אמט, וואָס זיי פאַרנעמען.

ס׳איז אמת, אַז אין דעם גאַנצן מעכאַניזם פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער גאָרער וועלט פאַרנעמען די הויפּט־ערטער מענטשן, וואָס זענען נישט ראוי און נישט פעאיק דערצו, אָבער אין ערגעץ זעט זיך עס נישט אָן אַזוי אומגעלומפּערט, ווי דאָרט, וואו מענטשן קאַזיאָנע, קאַלטע, אָפיציעלע, ווערן פאַרוואַלטער פון גוטסקייט, און דאַרפן אָנפירן מיט אַ לעבן פון אַ מחנה געפּייניקטע, וואָס קוקן אויס די אויגן נאָך פּשוטער, נאָך וואַרע־מער אינטימקייט.

*

... מיר קומען אינעם „אונרא״־הויז, אויף דעם דירעקטאָרס איינלאַ־דונג, מיר קוואַרטירן זיך איין דאָרטן. מיר עסן אָוונט־ברויט מיטן גאַנצן „אונרא״־סטעף צוזאַמען.

מיר גרייטן זיך צום אָוונט.

אַלץ איז דאָ אינעם הויז אין פולסטער אָרדענונג, און פולסטער באַ־קוועמלעכקייט. עס קאָכן קוכערס, עס סאַרווירן דינסטן, דייטשע מיידלעך.

איבעריק צו זאָגן, אַז מיר פילן זיך אין דער אומגעבונג גאַנץ נישט היימלעך.

מער פון אַלץ דריקט אויפן געמיט דער גאַנצער גייסט פון אָט־דער דאָזיקער פּריוועלעגירטקייט, וואָס איז נאָך דערצו אַרומגערינגלט מיט אַ לופט פון אַ הויז, וואָס פון אַלע ווענט שרייט אַראָפּ די כאַראַקטעריסטישע איבערגעבליבענע דייטשישקייט. ווייזט אויס, אַ הויז פון אַ געוועזענעם דייטשן פּריץ.

גרויסע רחבותדיקע צימערן, ברייטע געטעפּעכטע טרעפּ פון איין שטאָק צום צווייטן. אַלע ווענט, סיי פון די צימערן, סיי פון די זייטן ביי די טרעפּ, באַהאַנגען און באַדעקט מיט צענדליקער, צענדליקער קעפּ פון הירשן.

הערנער, הערנער, הערנער פון אַלערליי גרויסן און געפּלעכטונגען. צע־צווייגטע, צעשפּרייטע, שאַרפע, שטעכיקע.

טראָפייען פון אַ יעגער, צי פון אַ סך יעגערס צוזאַמען.

אונטער יעדן הערנערדיקן הירשן־קאָפּ — אַן אויסגראַווירט בלעטל: דער דאַטום און דאָס אָרט, ווען און וואו דער הירש איז געטויט געוואָרן.

דאָס דאַרף זיין, הייסט עס, אַ פאַראייביקונג פון יעגערשן רום, פון שי־סערישן שטאָלץ — צו לויבן און צו אַכפּערן די טויטנדיקע, אין ציל־טרע־פנדיקע קויל, די גלאָרייכע יעגערישע ביקס.

אויף איין וואַנט הענגט אַ גרויס בילד: צווישן קוסטעס זיצט אַ דייט־טשער יעגער מיט אַ לאַנגער ביקס לעבן זיך. ער זיצט און קוקט דורך אַ בינאָקל אויף אַ שלאַנקן הירש, וואָס שטייט איינגעפּלאָכטן אין וואַלד־קוס־

טעם. אַרום און אַרום איז שטיל. דער הירש איז רואיק און קינדיש זיכער, אַז ס'איז נישטאָ קיין סכנה אַרום אים. דעם הירשס אויגן קוקן ליכטיק און שלווהדיק. דעם יעגערס ליפּן פאַרגייען אין אַ גליקלעכן שמייכל, וואָס אָט האָט ער דורך זיין שפּאַקטיוו דערטאַפּט אַ רואיקן הירש־קרבן. זיין האַנט ציט זיך צו דער ביקס, וואָס ליגט לעבן אים און וואַרט מיט אומגעדולד אַז זי זאָל שוין אָנהייבן שיסן.

אַ חוץ די אומצאָליקע הירש־טראָפּייען, הענגען, צווישן די הערנער אויף די ווענט, אַן אָדלער און אַ פּאַווע אין זייער פולער גרויס און נאַטיר־לעכקייט. דער פּאַוועס עק צעשפּרייט אין אַלע קאָלירן. דעם אָדלערס שנאָבל איז אָנגעצילט, אויסגעשטרעקט. אויך אַזוי זיינע שאַרפע, איינגעדרייטע נעגל.

אַלע איבעריקע חפצים אין די צימערן זענען גראַד דער היפּוך פון דעם אַלעס, וואָס עס טוט זיך אויף די ווענט: באַלעבאַטישע שמאָכטערייען, זיס־סענטימענטאַלע וואַזעלעך און סטאַטועטקעס, פּרענזעלעך און קרויזעלעך.

אַזוי אַרום — אַ געמיש פון נעגל און הערנער מיט ווייכע פּערענעס.

טויטע הירשן און — פּאָרצעלייענע נאַקעטע ווייבער־פיגורלעך.

כלומרשט — די דייטשע אומשולד אַליין. אומשולד, וואָס האָט גע־שונדן הויטן פון דערמאָרדעטע יידישע פרויען, געמאַכט פון די הויטן אַבאַ־זשורן פאַר לאָמפּן און מיט די לאָמפּן באַלויכטן פּרענזעלעך און לענטעלעך אויף שטיל־פרומע שייבעלעך.

*

ווען מיר זענען צוגעקומען אַזייגער אַכט אָוונט צו דער אַרמאָרי פונעם לאַנדסבערגער לאַגער, איז שוין די געביידע געווען פול געפּאַקט מיט אַן עולם קרוב צו דריי טויזנט מענטשן, און אַ היפּשע מחנה איז געשטאַנען אין דרויסן ביים אַריינגאַנג, נישט געווען שוין קיין פּלאַץ פאַר איר אינע־ווייניק.

— דאָס איז לאַגער־עולם, לאַגער־יידן, האָב איך געהאַלטן אין איין זאָגן צו זיך. עולם וואָס איז כולו ציבור, איינהייטלעך אין זיין פּילצאָלי־קייט, אָפּגעטיילט פון דער דייטשער אַרומיקייט, און שטעלט מיט זיך פאַר אַן אויסטערלישע יידישע גאַנצקייט.

עס זענען געקומען צו באַטייליקן זיך אין דעם פּראָגראַם פונעם אָוונט נישט נאָר די פאָרשטייער פונעם לאַגער גופא, די פאַרטרעטער פון די אַלער־ליי גרופּירונגען — הכשרות, ווערקשטאַטן, קיבוצים, פּאַרטייזאַנען א. א., נאָר אויך געסט פון מינכען, פונעם צענטראַל־קאָמיטעט און פון דער צייַ־טונג „אונדזער וועג". עס זענען אויך געקומען די פאָרשטייער פון לאַנדס־בערגער „אונרא" בראש מיט דר. גלאַזגאָלד.

ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך פאַנאַנדערגענומען, האָט זיך פאַר אונדזע־רע אויגן אַ וויג געטאָן אַ ים מיט כוואַליענדיקע קעפּ אונטער אַ שאַרכען פון

גרויס־פּאַנאַנדערגעשפּרייטע טונקעלע, ציטערנדיקע פליגל, טויזנטער קעפּ (מערסטנס יונגע) מיט נאָך אַמאָל אַזוי פיל טויזנטער אָנגעשטרענגטע גליענדיקע אויגן.

דער גלי פון די טויזנטער אויגן האָט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַזוי ווי אַ וואָרנונג־פייער, אַ ווי אַ באַגריסונג־שיין, וואָס פילט דיך אָן מיט גליק בשעת דו דערזעסט זי נאָך אַ לאַנגן וואַנדערן אין אַ ווייסטעניש.

איידער מיר נעמען רעדן און לייענען, און איידער עמאַ שייוועער נעמט זינגען אירע צוגעגרייטע זאַכן, רעדן די אָרטיקע באַטייליקטע און אויך די געסט פון מינכען. די אָרטיקע פירן אויך דורך אייגענע געזאַנג־נומערן.

דאָ, אין אָנגעזיכט פון אַזוי פיל טויזנטער אויגן און אַנטקעגן דער סודותדיקער שאָטנדיקער טונקלקייט, וואָס כוואַליעט זיך פון איין ברעג פון דער אַרמאַרי צו דעם אַנדערן און נעמט אַרום די מערסטע קעפּ, יונגט־לעכע קעפּ, מיט אַ נאַכטיקער הייליקייט, — דאָ זעט אויס דער גרויס־פּאַר־נעמיקער שאַרף־באַלויכטענער יזכור־טאָוול נישט נאָר ווי אַ ברענענדיקער טרויער־צייכן, נאָר אויך ווי אַ מין עמוד־האש אין אָן אויסטערלישער יידי־שער מדבר־נאַכט.

צוהערנדיק זיך מיט טיפן נייגער צו די באַגריסונג־ווערטער און אויך צום געזאַנג פון די מיטגלידער פון דער שארית הפליטה אַליין, איז מיר איינגאַנצן קלאָר געוואָרן, וואָס פאַר אַ טאָן עס דאַרפן האָבן אונדזערע רעדעס — רעדעס פון געסט געקומענע פון אַמעריקע.

דער גאַרמישער אָוונט האָט מיר שוין, אמת, געגעבן דעם שליסל צו דעם געהעריקן טאָן, אָבער ס׳איז נאָך אַלץ געבליבן ערגעץ אַ ספק צי דאָס איז טאַקע דער ריכטיקער טאָן. דער אָוונט אין לאַנדסבערג האָט מיך באַ־פרייט אויך פון אַנדערע ספקות.

ספקות, וואָס האָבן זיך גענומען פון דער מורא, טאָמער איז אונדזער גאַנצע רייזע בכלל נישט אין הסכם מיט דער גרונט־שטימונג פון דער שארית הפליטה, און טאָמער וועלן אונדזערע רייד, וואָס מיר וועלן רעדן, טרעפן אָן דער זייט פון דעם האַרץ פון דער שארית הפליטה.

קלאָרער גערעדט: טאָמער וועט אונדז ניט געלינגען אָפּצואווישן די גרענעץ, וואָס ליגט צווישן אונדז, געקומענע פון אַמעריקע, וועלכע האָבן אַליין אויף זייער לייב נישט פאַרזוכט דעם היטלער־קנוט און קרעמאַטאָריע־פייער, און צווישן די יידן, וואָס זענען אָט־נישט לאַנג מיט זייער לייב און נשמה געלעגן אונטערן קנוט און פייער.

איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט פון די אָרטיקע רעדנער, און צוזאַמען מיט זייערע ווערטער האָב איך אויך געשלונגען די באַוועגונגען פון זייערע הענט און פון זייערע פּנימער, די אויסגעשרייען פון זייערע ליפּן און — פון זייערע פינגער, וועלכע האָבן זיך געריסן אין חלל אַריין אַזוי ווי זיי

וואַלטן וועלן מיט זיי, מיט די פינגער, דורכרייסן זיך דורך דעם גאַנצן האַרץ פון דער גאָרער וועלט.

ווען וואָס האָבן זיי גערעדט און מיט וואָס האָבן זיי אונדז באַגריסט? וואָס האָט אַרויסגעוויזן פון צווישן זייערע ווערטער?

זיי האָבן אונדז באַגריסט מיט דעם נישט פאַרגאַנגענעם ווייטיק פון קאַצעט־ און בונקער־פינצטערניש, מיט די נישט־געשטילטע פלאַקערס פון די קרעמאַטאָריעס, מיט די פאַרשטאָלטע פויסטן פון די פאַרטיזאַנען־קאַמפן, וואָס אַ גרויסער טייל פון די, וואָס זיצן דאָ אין אַרמאַרי איצט, האָבן געפירט אין דער געדיכטעניש פון וועלדער.

זיי האָבן אונדז באַגריסט מיט דער ביטערקייט פון זייער צאָרן, מיט דער פאַרשעלטעניש פון זייער מערכה, וואָס זיי מוזן נאָך אַלץ, אַ יאָר שוין נאָך דער מלחמה, זיצן דאָ אויף דער דייטשער ערד, וואָס ברענט אונטער זייערע פיס.

זיי האָבן אונדז באַגריסט מיט זייער אומגעדולדיקן רייסן זיך קיין ארץ־ישראל, וואָס מיינט פאַר זיי ענדגילטיקע באַפרייאונג. מער פון אַלץ מיינט פאַר זיי ארץ ישראל: צושווימען ענדלעך צו אַן אויסגעחלומטן אייגענעם ברעג, צו היים, צו רו.

זייערע ווערטער ווען ארץ ישראל האָבן אַרומגענומען די טויזנטער קעפּ אין דער אַרמאַרי מיט דער הייליקנדיקער זיכערקייט פון אַ באַנדאַזש, וואָס בינדט אַרום אַן אָפענע, גליענדיקע וואונד.

ס'איז שוין אפילו נישט געבליבן גאָר קיין מעגלעכקייט, אַז עס זאָל זיך אָנזעען קענטיק אַ מחיצה צווישן אונדז, געקומענע פון אַמעריקע, און צווישן די יידן פון לאַגער. סיידן, ווען מיר, געקומענע פון אַמעריקע, וואַלטן, אפילו נאָכן הערן זייערע ארץ־ישראלדיקע גלוסטעניש־אויסרופן, געבליבן ערגעץ שוועבן אויף יענער זייט פון מענטשלעכע אַנגסט־געשרייען און אויך אויף יענער זייט פון יידישן הונגער נאָך נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

אָבער מיט אונדז האָט נישט געקאָנט געשען אַזאַ אויף־יענער־זייטיקייט. אונדזער געמיט איז געווען גרייט אויפצונעמען אין פול דעם גאַנצן וויי־געשריי פון דער שארית הפליטה.

דעריבער, ווען ס'איז געקומען אונדזער ריי צו רעדן און צו לייענען לידער, ווי מיר האָבן אין פאָרויס באַשטימט, זענען מיר שוין געווען ווי אָרגאַנישע טיילן פון דעם עולם אַליין. טראָפּנס וואַסער אין אַ טייכן ברונעם.

ווען איך האָב זיך אויפגעשטעלט רעדן, האָב איך דערפילט, ווי אַלע דרויסנדיקע שאַלעכצן פאַלן אַרונטער; ווי אַלע „דאָרטנס”, אַלע „אַמעריקאַנישקייטן” טוען זיך אָפּ; ווי מיין גאַנץ לעבן ציט זיך אויס אויף דער ערד אָט־דאָ אין דער אַרמאַרי, און איך אַליין ווער נישט מער, און אויך

נישט ווייניקער, ווי אַן אויסגעוואָרצלטער ייד, אַן אַרויסגעריסענער און אַ היימלאָזער. איך ווער אַ „די־פּי" אַליין.

אַ קעלט איז מיר אַ דורך איבערן רוקן־ביין פון דער זיך־דערקענטעניש.

די פריערדיקע רעדנער האָבן נישט באַדאַרפט ביי אונדז פרעגן: וואו זענט איר געווען בשעת מיר האָבן דאָ געקוקט דעם היטלער־טויט אין די אויגן; בשעת מיר האָבן זיך געשטיקט אין געטאָ־אומקום און אומגעוואָגלט ווי חיות אין די וועלדער? — זיי האָבן עס נישט באַדאַרפט פרעגן ביי אונדז, ווייל מיר אַליין האָבן עס געפרעגט, געפרעגט פאַר אַלעמען אין די אויגן און קיין ענטפער נישט געקאָנט געבן דערויף. נישט געקאָנט און נישט געגעבן.

מיר האָבן נישט געבעטן קיין מחילה ביי זיי, ווייל ס'איז נישט געווען דער מאָמענט דערפאַר, און דאָס אייגענע וואָרט האָט אונדז נישט געוואָלט דינען דערצו. אָבער, ווען דער אָוונט איז געווען פאַרענדיקט, האָבן מיר יאָ דערפילט ווי ס'נעמט ווייען אויף אונדז פון אַלע זייטן דער אָטעם פון מחילה.

אויך אַזוי האָבן זיך געשפּירט אפרת און שייוועך. אַלע דריי זענען מיר געשטאַנען צום סוף פון דעם אָוונט דערשעפּטע פון אָנשטרענגונג, אָבער מיט אַ גוט געפיל פון פאַרגעבעניש.

*

די לידער, וואָס מיר האָבן געלייענט, האָבן מיר, נישט צונויפגעזעצטע רעדטערהייט, אויסגעקליבן אַקוראַט אַזעלכע, וואָס זענען געווען צוגעפּאַסט צו אונדזער באַגער אַריינצוגיסן זיך סיי אין דעם יסורים־ים, סיי אין דעם גאולה־רוף פון דער שארית הפליטה — אַ רוף, וואָס קומט פון דער טיפעניש פון דעם יידנס גלייבן אין זיין אייביקייט.

דער אָוונט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיטן געזאַנג פון דעם פאַרטיזאַנען־ליד, וואָס איז געוואָרן די הימנע פון דער שארית הפליטה אין אַלע לאַגערן, און מיט דער התקוה.

ביידע לידער זענען מיט גרויס עקסטאַז געזונגען געוואָרן פון דעם גאַנצן דריי־טויזנט־קעפּיקן עולם אונטער דער אָנפירערשאַפט פון עמאַ שייוועך.

דאָס פאַרטיזאַנען־ליד מעג און דאַרף געזונגען ווערן אומעטום.

איידער צו זינגען דאָס ליד נאָך קרעמאַטאָריעס און נאָך וואָגלעניש אין וועלדער, זאָל עס בעסער געזונגען ווערן פאַר קרעמאַטאָריעס און פאַר וואָגלעניש — געזונגען ווערן, כדי אָנצושעפּן זיך מיט מוט און מיט אָנט־שלאָסנקייט נישט צו דערלאָזן מער קיינעם פאַנאַנדערצולייגן טויט־פייערן איבער דער לעבעדיקער ערד.

דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן פונעם אומגעקומענעם דיכטער הערש גליק. זיין נאָמען איז געווען נישט שטאַרק באַקאַנט, אָבער ער האָט זיך מיט דעם דאָזיקן ליד קונה־אייביקייט געווען.

אַלע לאַגערן האָבן אויפגעכאַפּט דאָס ליד און אויך דעם ניגון דערצו, און פון די לאַגערן איז דאָס ליד אַוועק איבער די יידישע ישובים פון גאַר דער וועלט.

דאָס ליד פון יידישע פּאַרטיזאַנען

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלייערנע פאַרשטעלן בלויע טעג,
ווייל קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זענען דאָ.

פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד ביז ווייסן לאַנד פון שניי —
מיר זענען דאָ מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי,
און וואו געפאַלן איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט —
דאָרט וועט אַ שפּראָץ טאָן אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

עס וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדזער היינט,
און אונדזער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט,
און אַז פאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר —
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און נישט מיט בליי,
ס׳איז נישט קיין ליד פון זומער־פייגל אויף דער פריי, —
דאָס האָט אַ פאָלק פון צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

דערפאַר זאָג קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלייערנע פאַרשטעלן בלויע טעג,
ווייל קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זענען דאָ!

ווען דער גרויסער עולם איז אַרויס פון דער אַרמאָרי און אָנגעפילט דעם דרויסן פונעם לאַגער, איז שוין געווען אַרום האַלבער נאַכט.

דער הימל איז געווען אַ טיפער, אַן אויסגעשטערנטער. ער איז געהאַנגען אַ ווייטער, אַ נישט־דאַאיקער, אַ נישט־שייכותדיקער צום גאַנצן יידישן לאַגער אַזוי ווי די גאַנצע נאַכטיקע אַרומרינגלונג.

טויזנטער יידן, דורכגענומענע מיט נשמה־דייד און יזכור־פייערן, האָבן געשפּאַנט צו זייערע ענגע צוזאַמענוואוינונגען, שטיבלעך און צימערלעך, צו זייערע אָרעמע, הארטע געלעגערס, צו זייערע טונקל־באַלויכטענע ווינקלען און ס'איז געהאנגען איבער זיי אַלעמען נישט זייער הימל, נאָר זייער וויי־געשריי, וואָס די טיפעניש פון דער האַלבער נאַכט האָט צונויפגעפּרעסט אין אַ שטילקייט און אויסגעשפּרייט זי איבער זייערע קעפּ.

איך בין געווען גערן צו בלייבן אַ ווײַלע מיט זיך אַליין אונטער דעם דאַזיקן וויטן, נישט־היימלעכן הימל.

איך האָב זיך ארויסגעדרייט פונעם עולם, וואָס האָט, אגב, אונדז נישט אַזוי לייכט געוואָלט אָפּלאָזן, און אויף אַ פּאָר מינוט אָפּגעקערט זיך אין אַ זייטיק ווינקל; געשטאַנען אין דער שטיל און ארויפגעקוקט מיט פאַריסענע אויגן צום וויטן הימלשן אויסגעשטערנטן אויסשפּרייט.

כ'בין זיך מודה, אַז גראָד איצט, בלייבנדיק אַליין אויף אַ פּאָר מינוט, האָט זיך מיר געוואָלט אויף אַ פּשוטן אופן אויסוויינען זיך. אָבער קיין טרערן זענען מיר אין די אויגן נישט געקומען. מיינע אויגן האָבן אָן געווין געקוקט צו די שטערן, געגישטערט איבער דעם גאַנצן תהום פון זייער שטעכיקער פינקלדיקייט און געזוכט אין דעם תהום דעם יידישן שטערן.

*

— — — מיר קומען פונעם אָוונט צוריק אין דער „אונרא"־קוואַרטיר שלאָפן.

דער דירעקטאָר, אונדזער מכניס־אורח, לאַדט אונדז איין אויף אַ גלעזל טיי מיט אים.

מיר זעצן זיך צום טיש, מיר טרינקען, מיר שמועסן — פאַרשטייט זיך וועגן דעם אָוונט.

מיר זענען נייגעריק צו הערן פון דעם דירעקטאָר, וואָס איז זיין איינדרוק. ער לאָזט אונדז נישט לאַנג וואַרטן. ער זאָגט:

דער אָוונט איז אוודאי געווען זייער איינדרוקספול, אָבער מיט די רעדעס פאַר זיך אַליין, סיי מיט די רעדעס פון די לאַגערניקעס, סיי מיט די רעדעס פון אונדז איז ער נישט אינגאַנצן צופרידן. מילא, די לאַגערניקעס רעדן ווי לאַגערניקעס, אָבער מיר, געקומענע געסט, דאַרפן נישט לאָזן זיך אַזוי אריינשלינגען אין דעם געמיט פון די „די־פּי"; צופיל אינערלעכקייט ווייזן מיר אַרויס, צופיל אידענטיפיצירן מיר זיך מיט דעם צער און מיט דער געשפּאַנטקייט פון דעם „די־פּי"־ייד. — — —

מיר רייסן אויף די אויערן, מיר זיצן צעטומלט הערנדיק אָט־דעם מאָדנעם צוזאָגנג. מיר טראַכטן: אפשר מיינט ער, אַז מיר דאַרפן זיך היטן פון צופיל אַנדריקן אויף די צער־וואונדן פון די יידן. אויב ער מיינט עס,

איז עס אוודאי א געדאנק, מיט וועלכן מען דארף זיך רעכענען. אָבער, צום באדויערן, האָט ער נישט דאָס געמיינט. ער האָט געמיינט עפּעס ערגערס.

שפּעטער אביסל האָט ער גאַנץ קלאָר פאָרטייטשט, וואָס ער מיינט. ער זאָגט אָפן און פּשוט, אַז אונדזערע רעדעס געפעלן אים נישט, ווייל מיר ווייזן אַרויס צופיל סימפּאַטיע צו דעם „די־פּי"־ייד. און ער נעמט דערביי אויסמאָלן אין טונקעלע פארבן דעם כאראקטער פון דעם די־פּי", אַזוי ווי דער „די־פּי" בכלל וואָלט געווען א דעמאָראַליזירטער, נישט־סימפּאַטישער עלעמענט א. א. וו.

אונדזער הויכער צוגאַנג צו דעם „די־פּי"־ייד איז, פאַרשטייט זיך, דורך זיינע רייד נישט געמינערט געוואָרן, אָבער דער פאַקט, אַז אַזוי באַציט זיך צו די לאַגער־יידן א דירעקטאָר, וואָס האָט אויפזיכט איבער זיי, דערצו נאָך — אליין א ייד, — דער דאָזיקער פאַקט האָט אונדז געגעבן אַזוי ווי מיט ַ שטיין איבערן קאָפּ.

מיר זענען אַוועק שלאָפן, אָבער דער שלאָף האָט פאַר שעהן־לאַנג נישט געוואָלט אָנרירן אונדזערע אויגן.

— — — נאָך דעם גרויסן אָוונט אין דער אַרמאָרי פונעם לאַנדסבערגער לאַגער פארבלייבן מיר אויף צוויי טעג, אויף פרייטיק און שבת, אינעם לאַגער.

מיר שטעלן אוים פאַר זיך א פּראָגראַם צו באַזוכן אַלע אַנשטאַלטן פונעם לאַגער: די וואַרקשטאַטן, די שולן, די קינדער־היימען.

מיר נעמען אַריין אין אונדזער צוויי־טאָגיקן פּראָגראַם אויך א באַזוך אינעם קיבוץ „דרור, על שם חנה סעניש", וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון לאַנדסבערג, אין האָלצהאַוזען, א קיבוץ פון א 150 בחורים און מיידלעך, און אויך א באַזוך אין דעם אָרט, וואו עס איז געווען לאַגער נומער צוויי, איינער פון היטלערס גהינומס, וואו עס זענען געמאַטערט געוואָרן צענדליקער טויזנטער נאַצי־קרבנות. דער זכר פון לאַגער נומער צוויי געפינט זיך אויך נישט ווייט פון לאַנדסבערג.

איין פּונקט אין אונדזער פּראָגראַם איז: דורכפירן אין לאַגער אַן אַזויגערופענעם סעמינאַר, אָדער א שמועס אַזאַ, אין וועלכן עס זאָל זיך באַטייליקן אַן אָפּגעקליבענער עולם פון'ם לאַגער, א 150 אָדער 200 מענטשן — די לערערס, די פאַרוואַלטערס, די אויפפּאַסערס.

די דאָזיקע פאַרזאַמלונג זאָל זיך אויסצייכענען מיט דעם, וואָס מיר, געסט, זאָלן זיין נאָר קורצע איינלייטער צו דעם שמועס, דערנאָך זאָלן מיר, אין פאַרלויף פון דער צייט, וואָס די פאַרזאַמלונג וועט געדויערן, זיין צוהערער.

מיר זאָלן אַזוי אַרום הערן פונעם מויל פונעם לאַגער־ייִד אַליין מיט וואָס ער איז גייסטיק פאַרנומען.

אַ חוץ דעם, זאָל יעדערער, וועד עס וויל, קאָנען אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן אין אונדזער אַנוועזנהייט, אפילו אויב ער וועט נישט זיין צום פּונקט פון די געשטעלטע טעזיסן.

עס קאָן גראָד זיין, אַז פון איינעמס אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן גלאַט־אַזוי וועלן מיר אַרויסהערן מער אמת פון דער נשמה און מיר וועלן מער אָפּלערנען, ווי פון גוט און פיין געשטעלטע און געגעבענע פראַגעס און ענטפערס.

אין דער באַגלייטונג פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג, בראש מיט דעם חבר אָלייסקי, באַזוכן מיר און מיר באַקענען זיך מיט דער רעדאַקציע פון דעם יידישן וואָכנבלאַט „לאַנדסבערגער צייטונג״, וואָס ווערט געדרוקט אויף לאַטייניש ער שריפט (ווייל ס'איז נישטאָ קיין יידישע שריפט).

דאָס בלאַט (שוין ביים דרייסיקסטן נומער) ווערט געדרוקט אין דער דרוקעריי פון דער שטאָט לאַנדסבערג, וואו עס איז בימי היטלער געדרוקט געוואָרן אַ נאַצישע צייטונג מיטן זעלבן נאָמען.

די צייטונג איז אויסגעשטעלט שיין און ציכטיק. פיר יידישע האַנט־זעצערס אַרבעטן אויף איר.

נאָך דער צייטונג „אונדזער וועג״, וואָס גייט אַרויס אין מינכען אויף יידישע אותיות, איז די לאַנדסבערגער צייטונג נישט קלענער אין פאָרנעם און ערנסטקייט.

דאָס האַרץ פרייט זיך אי פון דעם פאַקט, וואָס אַנשטאָט אַ נאַצי־צייטונג ווערט געדרוקט אין דער זעלבער דרוקעריי אַ יידישע צייטונג, אי פון דעם, וואָס דו זעעסט ווי יידן, אין וואָס פאַר אַ מצב זיי זאָלן זיך נישט געפינען, לאָזן זיך נישט גייסטיק פאַרווילדעוועון.

אַז די גייסטיקע בענקשאַפט איז דאָ — איז דאָ אויך די שיינקייט פון יידישן וואָרט, אפילו ווען אין אַ קאַלטן, נישט־אינטימען לבוש — איז דאָ דער ציטער פון יידישן קלאַנג.

מאַך צו די אויגן און — הער.

*

מיר באַזוכן די וואַרקשטאַטן פונעם לאַגער: מענער־שניידעריי, דאַמען־שניידעריי, וועש־שניידעריי; פאַך־קורסן פאַר צושניידערינס און דעזיינערס.

מיר באַזוכן אַ שוסטעריי, אַ שלאָסעריי, אַן אויטאָ־מעכאַניקער ווערק־שטאַט, אַ שמידעריי.

אומעטום יונגע בחורים און מיידלעך. ביי די ניי־מאַשינעס, ביי די האַמערס, ביי די שלייפעריי־מאַשינעס, ביי די פייל.

זייער ווייניק מאָטאָר־מאַשינעס.

די עטלעכע, וואָס זענען דאָ, רופן ארויס וואזשנעקייט צו זיך. אונדזערע אויגן קוקן אויף זיי מיט דאנקבארקייט און ווארעמקייט, וואָס זיי פארלייכטערן די ארבעט פון אונדזער לאגער־יוגנט.

אָלייסקי און די אַנדערע באַגלייטער דערציילן אונדז, ווי אַזוי זיי האָבן אריינגעקראָגן די ערשטע פּאָר מאַשינעס אין לאַגער אריין. אַביסל שפּעטער נאָך דער באַפרייאונג איז שוין צוגעקומען ווי־נישט־איז הילף פון דעם „דזשאָינט" און פונעם „אָרט", אָבער אין אָנהויב האָט מען באַדאַרפט מיט הוילע הענט איינשטעלן די ווערקשטאַטן, גיין איבער חרובע דייטשע פאַבריקן און אויסזוכן עפּעס, וואָס עס טויג און וואָס עס לאָזט זיך פארנעמען און איבערטראָגן אין לאַגער אריין.

אין טומל, אין כאָאָס, אין דעמאָראַליזאַציע פון לעבן האָט זיך עס נישט אַזוי גרינג איינגעגעבן; ס'איז אויך נישט אַזוי לייכט געווען אין די ערשטע חדשים, דערהויפּט, ווען די מערסטע לאַגערניקעס זענען נאָך געווען שוואַך און אויסגעצערט און בכלל מבולבל פון דעם צושטאַנד, וואָס מען מוז ווידער זיין אין לאַגערן, — איז נישט אַזוי לייכט געווען צו ווירקן אויף דער לאַגער־יוגנט, אַז זי זאָל זיך נעמען לערנען פאַכן, אַז זי זאָל בכלל באַשליסן ביי זיך, אַז זי דאַרף אָנהייבן ארבעטן, ווערן שעפעריש און גע־זעלשאַפטלעך נוצלעך.

די מערסטע פון דער יוגנט האָבן געטענהט, און אייניקע פון דער יוגנט טענהן נאָך איצט, אַז זיי האָבן אין משך פון זייערע בעסטע יאָרן שוין גענוג אָנגעאַרבעט זיך אין היטלערס קאַטאָרזשנע לאַגערן, אויף די וועגן, שאָסייען, וועלדער און שטיינגריבער, גענוג געגראָבן, געהאַקט און געפלאָג־טערט. איצט ווילן זיי רוען, איצט ווילן זיי זיך שפּילן, איצט ווילן זיי האָבן אַ רעכט אויף פוילן זיך; איצט ווילן זיי, אַז די וועלט זאָל ארבעטן פאַר זייערטוועגן. די וועלט איז נישט קראַנק איצט צו ארבעטן פאַר זיי.

יאָ, אַזוי טענהן נאָך אויך איצט אייניקע פון דער יוגנט.

און אויב יאָ ארבעטן, איז נישט דאָ, אויף דער פארשאָלטענער דייטשער ערד.

אפילו ווען די ארבעט גייט פארן אייגענעם לאַגער, וויל אַזאַ יוגנט־לעכער נישט צורירן זיך צו ארבעט; ער וויל נישט, זאָגט ער, מיט קיין זאַך העלפן דאָ, אויף דער דייטשער ערד, עפּעס אויפצובויען, כדי דאָס, וואָס ער וועט אויפבויען, זאָל נאָכדעם, ווען דער לאַגער וועט אַוועק קיין ארץ ישראל, נישט איבערבלייבן צום נוצן פאַר די דייטשן.

דאָרט, אין ארץ, אַז ער וועט קומען אַהין, — דאָרט וועט ער ארבעטן, דאָרט וועט ער אַקערן און גראָבן, דאָרט איז עפּעס אַנדערש, אָבער דאָ — דאָ נישט. —

(אַזוינס האָבן מיר אַליין, אגב, געהערט טענהן אין דעם יוגנט־קיבוץ אין מיטנוואַלד, נישט ווייט פון גארמיש — אַ קיבוץ, וואָס מיר האָבן באַ־זוכט נאָך פאַר לאַנדסבערג.

די ווענט פון דעם יוגנט־הויז אין מיטנוואַלד זענען געווען אויסגע־האַנגען מיט די אויפשריפטן:

„פון גאַז־קאַמער צו פרייהייט".

„פון קאַצעט צום לעבן."

„שאַפט פאַר אונדז אַ לעבן פון אַרבעט אין ארץ־ישראל.")

די געוועזענע נעגאַטיווע באַציאונג צו אַרבעט איז, אמת, איצט נישט קיין אַפּטע. דורך דער ענערגישער איניציאַטיווע פון אַ טייל פון די עלטערע פאַרוואַלטער, אי דורך דעם אייגענעם דערפילן ווי דעמאָראַליזירנדיק עס איז דאָס אַרומגיין ליידיק, זענען די מערסטע פון דער יוגנט אַריין אין די ווערק־שטאַטן פונעם לאַגער און געוואָרן פליסיקע אַרבעטער.

אַזוי דערציילט אונדז פּריינט אָלייסקי, איינער פון די ערשטע אָרגאַ־ניזאַטאָרן פון די ווערקשטאַטן.

„די צרה איז איצט", זאָגט ער, „אַן אַנדערע: פון איין זייט וואָלטן מיר וועלן, אַז יעדער אַרבעט־פייאיקער פון צווישן אונדז זאָל זיין פאַרנומען מיט אַ וועלכער נישט איז פּראָדוקטיווער אַרבעט; פון דער אַנדערער זייט, אַזוי ווי אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אין אונדזערע ווערקשטאַטן גייט נישט אַרויס און טאָר נישט אַרויסגיין אויף יענער זייט לאַגער, אַלץ גייט פאַרן נעברויך פונעם לאַגער אַליין, האָבן מיר פשוט נישט אַרום וואָס צו באַשעפ־טיקן יעטוועדן איינעם און מיר האָבן, אגב, נישט גענוג מאַטעריאַלן און אויך נישט קיין געצייג און מאַשינעס פאַר אַלעמען.

„דערצו דאַרפן מיר נאָך אַלץ האָבן אין זינען", זאָגט ער, „די באַ־זונדערע מענטאַליטעט פונעם ידישן אַרבעט־מענטש אין לאַגער. די ערש־טע שטערונג — די דורכויס נעגאַטיווע באַציאונג אונדזערע צו אַרבעט דאָ אויף דער דייטשער ערד — איז טאַקע אַריבער. מיר האָבן זי באַקעמפט און זי איז איצט נישטאָ. זי וואָלט אגב, מסתמא סיי־ווי־סיי אַוועק פון זיך אַליין. דער מענטש קאָן דאָך בכלל קיין ליידיקגייעריי נישט פאַרטראָגן, און דער יידישער יונגנטלעכער דאָ, וואָס שטעלט אָן זיין גאַנצע האָפענונג אויף ארץ־ישראל, — און קיין אַנדער האָפענונג האָבן די מערסטע פון אונדז נישט, — ווייסט דאָך, אַז דאָרט אין ארץ־ישראל וועט ער וועלן אַרבעטן — מוז ער דאָך דעריבער זיך צוגרייטן דערצו און מוז אויסנוצן יעדע מעג־לעכקייט, וואָס ער האָט דאָ, צו ווערן אַן אַרבעט־פייאיקער מענטש.

„אָבער," זאָגט ער ווייטער, „אַ מענטש, ווען ער אַרבעט, וויל פילן, אַז דאָס, וואָס ער שאַפט, האָט אַ יסוד, און נאָך מער וויל ער פילן, אַז זיין טאָג־טעגלעך לעבן איז נישט עפּעס גלאַט אַן אָפּקומעניש, אַן ערב־לעבן צו אַ שפּעטערדיקן אמתן זיין, נאָר איז אַ גרויסער יש פאַר זיך אַליין — און גראָד אָט־דאָס געפיל פעלט אונדז אַלעמען — סיי אין לעבן, סיי אין דער אַרבעט. מיר אַלע שטייען אַזוי ווי אויף דער שוועל, גרייט אַוועקצושפּאַ־נען פון דאַנען ביי דער ערשטער קלענסטער מעגלעכקייט. מיר אַלע טראָגן אין זיך אַן אומגעדולד, אַ שטענדיקע נערוועזיטעט. מיר פאַרגינען זיך נישט

הנאה צו האָבן פון דעם דערוויילקן טאָג און פון אונדזער דערוויילקער פאַרנומענקייט, טאַקע דערפאַר ווייל ס׳איז דערוויילקן. מיר פילן זיך אין אַלע לאַגערן ווי די יידן נאָך זייער אַרויסגיין פון מצרים האָבן זיך געפילט אין זייער וואַנדערן איבערן מדבר. יאָ, איר וועט טאַקע אינעם פערנוואַלדער לאַגער זען, ווי איבער דעם אַריינגאַנג פונעם אַלגעמיינעם הויז ברענט אַן עלעקטרישע שילד: „במדבר״. — פונדעסטוועגן, זאָגט ער, זעט, וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן אין משך פון אַ קורצער צייט; זעט, ווי מיר האָבן אַריינגעצויגן אין שעפערישקייט כמעט אַ העלפט פון אונדזער לאַגער־עולם; זעט, ווי מיר האָבן אויפגעזאַמלט און איינגעאָרדנט אין צוזאַמענוואוינונגען און אין שולן די צאָל קינדער, וואָס אונדז איז געלונגען אָפּצוראַטעווען פון היטלערס פאַרניכטונג; זעט דאָס אַלץ און פרייט זיך מיט אונדזער באַשיידענער פרייד״.

טוען מיר טאַקע אַזוי. מיר גייען פון װערקשטאַט צו װערקשטאַט, פון אַנשטאַלט צו אַנשטאַלט, פון איין קיבוץ־וואוינונג צו אַ צווייטער, פון איין קינדער־שול צו אַ צווייטער.

און — ריכטיק: אונדזער פרייד איז אַ באַשיידענע. נישט איין מאָל גיט אַ קלעם דאָס האַרץ, ווען דו קומסט אַריין אין אַ יוגנט־ אָדער קינדער־צוזאַמענוואוינונג און דו זעסט די ענגשאַפט, די צוויי־שטאָקיקע, פון ברעטער צונויפגעקלאַפּטע, בעטן, אויף וועלכע די קינדער שלאָפן.

אויף די בעטן — האַרטע מאַטראַצן, אָן איבערציען, אָן ליילעכער, אָן קישנס.

אין די קינדער־שולן — נישטאָ כמעט קיין לערן־ביכער, נישט קיין יידישע, נישט קיין העברייאישע. זייער ווייניק שרייב־מכשירים, זייער ווייניק שפּילצייג.

דערפאַר אָבער באַקומסטו אַן אַנגענעמען שכר, ווען דו דערזעסט אויף אַלע ווענט פון די יוגנטלעכע און קינדערשע צוזאַמענוואוינונגען אַן אַ שיעור פריילעכע, גלויביקע, ענערגישע, שיין־געמאָלענע (מערסטנס דורך די קינדער אַליין) אויפשריפטן, ווי אַ שטייגער:

„אנו עולים בכל התנאים״,
„עבודה היא חיינו״,
„מיר זענען קינדער פון אַן אייביק פאָלק״.
„מיר ווילן קעמפן פאַר אַ פרייער סאָציאַליסטישער וועלט״,
און נאָך אַזוינע לאָזונגען.

די אויפשריפטן ווערן באַגלייט מיט מאָלערייען, מיט הומאָריסטישע צייכענונגען און באַפּוצט מיט צווייגן און בלומען.

עס פעלט אוודאי נישט אין די מערסטע ציבור־פּלעצער דער יזכור־טאָוול.

נישט די יוגנט, נישט די קינדער ווילן אוועקנעמען פון פאַר זייערע אויגן דעם רויטן „זכור״ און די רויטע ציפער פון זעקס מיליאָן.

מיר קומען אריין אין א צוזאמענוואוינונג פון א רעליגיעזען פארטי־זאנען־קיבוץ „בני עקיבא", און אונדזערע אויגן פאלן־צו גלייך צו א טאוול אויף דער וואנט, אויף וועלכן עס זענען אנגעשריבן צוויי ווערטער:

„יידן, נקמה!"

די בני־עקיבאניקעס דערקלערן אונדז:

די צוויי ווערטער זענען א קאפיע פון אן אויפשריפט, וואס א יידישער קדוש האט געמאכט אויף דער וואנט פון זיין שטוב אין סלאבאדקע בשעת ליטווינער רוצחים זענען אים באפאלן און אומגעבראכט. אין די לעצטע רגעס פון גסיסה האט ער מיט זיין אייגן בלוט אויפגעשריבן אויף דער וואנט די צוויי ווערטער.

טראגן זיי, די בני־עקיבאניקעס, די צוויי ווערטער מיט זיך אומעטום, וואו זיי זאלן נישט זיין:

„יידן, נקמה!"

מיר שטייען צוגעפאלענע צו די דאזיקע צוויי ווערטער און קאנען זיך נשט אפרייסן פונעם ארט.

מר קאנען נישט, אבער מיר מוזן.

מיר באזוכן די שול פון די קלענסטע קינדער. די לערער רופן צונויף די מערסטע פון זיי און זיי זענען אונדז מקבל־פנים.

פרויען — מאמעס, וועלכע האבן פארלארן אין די קרעמאטאריעס זייערע אייגענע קינדער — שטייען איבער די קינדערלעך און ציטערן איבער זיי.

מיר רעדן צו די קינדער, מיר גיבן זיי איבער א גרוס פון די יידישע קינדער פון אמעריקע. די קינדערלעך פרייען זיך, לאכן און פאטשן מיט די הענטלעך. זיי זעען אוים נישט שלעכט און זענען אנגעטאן נישקשהדיק.

די גאנצע אויסגעהונגערטע ליבשאפט זייערע גיבן די מאמעס אוועק צו אט־די קינדער.

מיר שטייען געריהרטע. מיר נעמען אריין אין זיך דעם קינדערשן נס — דעם נס פון זייער בלייבן לעבן.

די גוטע, לאכנדיקע קינדערשע נס־אויגן באגלייטן אונדזערע טריט, ווען מיר גייען ארוים פון דער שול; זיי שפרייטן אוים אונטער אונדזערע פיס, כאטש אויף עטלעכע מינוטן, א ווייס, ליכטיק, שטיקל ערד.

יא, נאר אויף עטלעכע מינוטן.

*

ס'איז שוין נאך האלבן טאג. ס'איז מיטאג־צייט.

מיר באטן זיך אן צו עסן מיטאג צוזאמען מיט אלע לאגער־יידן אין זייער אלגעמיינעם עס־זאל.

אונדזער פארלאנג ווערט גערן אויפגענומען.

מיר קומען אריין אין זאל. א מין קרעטשמע־געביידע. לאנגע טישן ארום און ארום. נאקעטע, אן טישטעכער. א גרויסער טייל פונעם עולם האט שוין אפגעגעסן. א געוויסער טייל נעמט זיך זיין חלק שפייז און טראגט עס צו זיך אין צימער. ער פראוועט זיין סעודה פאר זיך — זאל עס מיינען: ער האט פריוואטקייט.

מיר זעצן זיך ביי א טיש. די לאגער־פרויען, וואס זענען אי די קעכינס, אי די סארווערקעס, דערלאנגען אונדז דעם היינטיקן מאלצייט.

איך זאג: דעם היינטיקן, אבער ס'איז נאר געזאגט. אין דער אמתן איז דער היינטיקער מאלצייט דער זעלביקער, וואס ס'איז געווען נעכטן און דער זעלביקער וואס וועט זיין מארגן.

דאס פארטרויען אונדז גלייך די פרויען, וואס דערלאנגען אונדז דאס עסן. זיי טוען עס נישט, חלילה, ווייל זיי ווילן אונדז קאליע מאכן דעם אפעטיט, נאר ווייל זיי מוזן אראפרעדן זיך פון הארצן — ווער רעדט נאך פאר געסט פון אמעריקע.

אלע טאג די זעלבע קארטאפל, די זעלבע ארבעס, די זעלבע שטיקלעך קאנסערווירטע פלייש, דאס זעלבע ברויט — — מער קיין זאך נישט.

נישט קיין פרוכט, נישט קיין אייער, נישט קיין מילך, נישט קיין פוטער.

„...איר זעט, עס מאכט, דאכט זיך, אן איינדרוק, אז מיר קוקן אויס גוט. יא, אונדזערע באקן, דוכט זיך, ווערן אפילו פול. אבער אך און וויי צו אונדזער פולקייט. דער נאכאנאנדיקער קראכמאל שפארט פאנאנדער אונ־דזערע קערפערס. אוודאי, מיר קוקן אויס גוט, מיר ווערן אפילו געשוואלן פון דער גוטסקייט. יא, אונדזערע פנימער ווערן געשוואלן — — — — — — ״

מיר עסן דעם ארעמן מאלצייט צוזאמען מיט די רייד פון אונדזערע אויפנעמערינס. זייערע רייד זענען גערעכטע. דער מאלצייט איז נישט גאר געשמאק.

מיר עסן און מיר טרויערן אין זיך אויף דעם גורל פון אט־די ליבע, ליידנדיקע, מוטערלעכע מענטשן פון אונדזער פאלק.

מיר עסן און מיר ווערגן זיך אביסל אונטער. מיר ווייזן עס אבער נישט ארויס, ווייל אט האבן דאך דעם זעלבן מאלצייט געגעסן הונדערטער, — הונדערטער האבן אים געמוזט ארונטערשלינגען און — ארונטערגעשלונגען. שלינגען מיר אים אויך ארונטער.

מיר בלייבן דערנאך זיצן און הערן ווייטער די רייד פון די פרויען־באלעבאסטעס, וואס רינגלען אונדז ארום נישט נאר מיט זייערע ווערטער, נאר אויך, און אפשר מער נאך, מיט דעם צער פון זייערע אויגן —

צער פון דער פרוי — מאמע.
צער פון דער פרוי — אלמנה.
און מער פון אלץ:
צער פון דער פרוי — פרוי.

*

...אַ זייגער דריי בייטאָג עפּענען מיר דעם שמועס אָדער דעם סימפּאָ־זיום, ווי מען רופט עס, לויט אונדזער אָנגעצייכנטן פּלאַן.

עס זענען פֿאַרזאַמלט, דורך אַ באַזונדער איינלאַדונג, אַ צוויי הונדערט מענטשן.

מיין קאָלעגע ישראל אפרת איז גראָד אין דעם טאָג, צום באַדויערן, געווען פֿאַרקילט אַ ביסל און מיר האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט ער זאָל אויך דעם נאָכמיטאָג בלייבן אין צימער ביי זיך און רוען.

ווי שווער דאָס איז אים נישט געווען צו טאָן, האָט ער סוף־כל־סוף מסכים געווען דערצו. מיט אַ פֿאַרקילונג, דערצו נאָך אונטערוועגס, דאַרף מען זיך נישט שפּילן.

האָב איך אַליין אָנגעפֿירט מיט דעם סימפּאָזיום.

דער ענין, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט שטאַרק אָנגערענגט דעם עולם.

מיר האָבן מיט איין זיצונג, וואָס האָט געדויערט אַרום דריי שעה, נישט געקאָנט פֿאַרטיק ווערן. מיר האָבן געמוזט איבעררייסן און דעם סוף אָפּלייגן אויף מאָרגן.

איך האָב געמאַכט אויפֿ׳ן פּלאַץ נאָטיצן פֿון די מערסטע רעדעס.

איך שטעל זיי אויס אין איין נישט־איבערגעריסענער פֿאַרבינדונג.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך גיב זיי נישט אין קיין סטענאָגראַפֿישער פּינקט־לעכקייט. ערשטנס, ווייל איך האָב זיי נישט פֿאַרצייכנט סטענאָגראַפֿיש, און צווייטנס איז דאָ נישט אַזוי וויכטיק די פּינקטלעכקייט פֿון די אויסדרוקן ווי דער תמצית זייערער.

אָ, ווען מען וואָלט געקאָנט פֿאַרצייכענען די באַוועגונגען פֿון די רעד־נערס ליפּן, אויגן, אַקסלען, הענט!

אָבער דאָס האָב איך אוודאי נישט געקאָנט. אפשר קאָן וועגן דעם דער־ציילן דער חלק פֿון דער געביידע, וואו דער שמועס איז פֿאָרגעקומען.

אין חלל זענען געווים איבערגעבליבן דאָס צוקעניש פֿון ליפּן, די אויפֿ־בליצן פֿון אויגן, די לאַבירינט־ליניעס פֿון פּראָטעסטירנדיקע, מאָנענדיקע הענט.

מיין איינלייטונג איז קורץ. איך צייכן אָן אייניקע טעזיסן וועגן אונד־זערע היינטיקע וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע קולטור און ליטעראַטור־פּראָבלע־מען, וואָס פֿאַרבינדן די יידישע ישובים פֿון גאָר דער וועלט אין איין גאַנצ־קייט. אויך דער ייד אין לאַגער, זאָג איך, דאַרף כאָטש אויף איין מאָמענט, אַרויסרייסן זיך, פּסיכיש, אויב ס׳איז נאָך דערוויילן נישט מעגלעך פֿיזיש, פֿון זיין לאַגער־צאָם. נישט, חלילה, פֿאַרגעסן דאָס, וואָס די דייטשן און די וועלט האָבן געטאָן און טוען נאָך היינט מיט די יידן און מיט דער שארית הפּליטה. וועגן פֿאַרגעסן קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין צווישן אונדז. וועגן

פאַרגעסן קאָנען רעדן נאָר קאַזיאָנע ביוראָקראַטן אָדער פאַלשע פּראָגראַם־אָפּטימיסטן. אַן אמתער ייד קאָן נישט און טאָר נישט פאַרגעסן. אַן אמתער ייד ווייסט, אַז ס'איז פאַרגעקומען צווישן דער וועלט און אים עפּעס אַזוינס, וואָס נישט ער, דער ייד, דאַרף זוכן פאַר דער וועלט אַ לייכטע און שנעלע פאַרענטפערונג, כדי די וועלט זאָל קאָנען, נאָך אַלע אָפּגעטאָענע פאַר־ברעכנס, נעמען גלייך און אַוועקגיין מיט אַ פאַרוואַשן פּנים אַ כשר־טענצל. וואָס אונדז אַרט איז: די צו־הויך־אַרויפגעשטייגטע געמיט־אויפרודערונג פונעם לאַגער־ייד, וואָס גרענעצט זיך אָפּטמאָל מיט פאַרצווייפלונג. אמת, מיר ווייסן אַלע סיבות. מיר פאַרשטייען זיי, מיר פילן זיי. מיר טיילן זיך קיינער נישט אַרויס פון זיי. אָבער עס באַאומרואיקט: וואוהין קאָן פירן אַ מאַקסי־מאַלע פאַרצווייפלונג?

די גאַנצע ליטעראַטור אונדזערע, סיי די יידישע, סיי די העברעאישע איז פאַרנומען מיט אָט־דער אומרו און זוכט אַ נייעם שטראַל פון טרייסט. יידן שטעלן היינט, און מיט רעכט, די גרעסטע קאָרט אויף ארץ־ישראל. דאָ, אין די לאַגערן, זעען מיר, איז ארץ־ישראל די איינציקע קאָרט, — ווי־זשע וועט זיין, ווען די קאָרט, חלילה, וועט נישט געוואונען ווערן אַזוי שנעל? ווען האָבן, בכלל, יידן אין משך פון זייער גרויסער און לאַנגער געשיכטע, איינ־געשטעלט זייער גורל אויף איין קאָרט, אויף איין תנאי?

אויף דעם דאָזיקן אופן, אַן ערך, זענען מיינע עטלעכע אַריינפיר־ווער־טער. איך שטרייך אונטער איניקע אויפרעגנדיקע מאָמענטן, כדי די רעדנער זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט אַריינצולאָזן זיך אין ענינים, וואָס וועלן אפילו זיין לפּנים נישט צום פּונקט. און אַזוי געשעט טאַקע. יעדער רעדט סיי־ווי וואָס אים איז אויפן האַרצן.

עס פאַרשרייבן זיך צום וואָרט אַ סך רעדנער.

עלשטיין: — יידן, ווערט דערציילט, זענען אַרויס פון בבל דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געביטן זייערע נעמען. זיי האָבן זוכה געווען דערפאַר צו קומען קיין ארץ־ישראל. זענען מיר זוכה? וועלן מיר אָנקומען אַהין? איך כאַפּ זיך אַליין אָפּטמאָל פאַרן קאָפּ און פרעג: זענען מיר זוכה? — איך דערפיל אָבער גלייך, אַז אַלץ וואָס ס'איז דאָ אין מיר טרייבט מיך קיין ארץ־ישראל, טרייבט אונדז אַלעמען אַהין. יאָ — טרייבט אונדז. מוזן מיר אַלע שטעלן אַלץ אויף דער איין קאָרט!

נמרוד, ווערט דערציילט אין חומש, האָט אברהמען דורכגעפירט דורכן קאַלך־אויוון. היטלער האָט אויך אונדזערע אברהמס דורכגעפירט דורך גאַז־אויוונס. אברהם אבינו איז אָבער נישט פאַרברענט געוואָרן. דאָס פייער האָט אים נישט אָנגערירט. אָבער אונדזערע אברהמס זענען יאָ פאַרברענט געוואָרן. אויף אַש פאַרברענט געוואָרן. — דאַרפן מיר דערפאַר אַלץ שטעלן אויף דער איינציקער קאָרט.

מיר, וואָס זיצן דאָ, זענען, ווי איר זעט, אויך נישט פאַרברענט געוואָרן. זענען מיר אברהמס? זענען מיר?

ס'איז אָנגערירט געוואָרן די פראַגע וועגן אונדז און דער וועלט. וואָס מיינט אין דעם פאַל וועלט? וועלט מיינט גויים. קאָנען מיר אָבער איגנאָנצן אוועקגיין פון אָט־דער וועלט, אפילו, ווען מיר זאָלן שוין זיין אין ארץ־ישראל? און צי וועט ארץ־ישראל אונדז ברענגען די אמתע רו, אין דער צייט, ווען ס'וועט אונדז אייביק נאָכגיין דער פאַקט, אַז אַנדערע אברהמס זענען יאָ פאַרברענט געוואָרן אין פייער?

לוגער: — איך בין בכלל נישט מסכים מיטן געדאַנק פון שותפות מיט דער וועלט. איך ווייס נישט צו וואָס איגנאָנצן פאַרנעמען זיך מיט דעם ענין וועלט.

פאַר מיר איז היינט וועלט — דייטש. כ'האָב דורכגעמאַכט דעם גאַנצן קריג מיט אַלע זיינע אומגליקן. האָב איך געוואוסט, אַז דאָס גרעסטע גליק איז — אַ טויטער דייטש.

די וועלט איז באַפרייט היינט פון היטלערן, אָבער נאָך אַלץ נישט באַ־פרייט פון דעם נאַצי־דייטש. אין דער וועלט איז אַריין דער נאַצי־דייטש ווי אַ דיבוק.

אויב שותפות, קאָנען מיר מאַכן שותפות נאָר מיטן קרבן און נאָר מיטן אויפשטענדלער, וואָס וואַקסט אַרויס פונעם קרבן. קיינמאָל נישט מיט די וואָס מאַכן פשרות מיטן מערדער.

מיר טוט זייער ווי צו קאָנסטאַטירן פאַר זיך אַליין, אַז די גאַנצע ייִדי־שע געשיכטע פון צווייטן חורבן אָן, מיט דעם אויסנאָם פונעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד, איז געווען אַ געשיכטע פון פאַסיוון, און נישט פון אַקטיוון, ווידערשטאַנד. מיר טוט אויך ווי דער פאַקט, וואָס די מערסטע בעסטע ווערק און לידער אין דער היינטיקער ייִדישער ליטעראַטור זענען געשריבן אין אַ צו פאַסיוון טאָן.

גאָר: — דאָ איז נישט אַזאַ פאַרזאַמלונג, וואָס מיר זאָלן מורא האָבן צו זאָגן דעם אמת, פאַראַן צווישן אונדז אַזוינע, וואָס וואַרפן אונדז אויף, אַז מיר זענען אַלע געווען קורצזיכטיק. זיי טענהן מיט אַזאַ מין שאָדן־פרייד: אהא, מיר האָבן אייך געוואָרנט סיי וועגן דעם היטלער־אומגליק, סיי וועגן דעם, אַז די וועלט וועט אונדז אויך נאָך היטלערן האָבן אין דער אדמה. — מיט אַזאַ מין שאָדן־פרייד איז שווער צו אַרגומענטירן.

אָבער אַ חשבון־הנפש דאַרפן מיר יאָ מאַכן. און ערשט נאָכן חשבון־הנפש קומען מיר צוריק צום געדאַנק, אַז מיר און די וועלט איז איין זאַך. מיר וועלן נישט קאָנען לעבן אויב מיר און די וועלט וועלן מוזן בלייבן צוויי באַזונדערע פיינטלעכע קאַטעגאָריעס, ווייל אויך ארץ־ישראל איז דעמאָלט נישט געזיכערט.

עס מוז זיין אַ יידישע וועלט־גאַנצקייט. ווי וועט זיין צו די, וואָס מיי־נען, אַז עס קאָן געבויט ווערן אַ יידיש פאָלק נאָר פון איין פּראָצענט יידן.

בעניש: — גאַנץ אייראָפּע איז היינט אַ חורבן. אַלץ אין אייראָפּע האָט באַנקראָטירט, אָנהייבנדיק פון היטלערן ביז אַלע באַפרייערס אונדזערע.

מיר, די שוואַכסטע — פאַרוואָס קעמפן מיר? — פאַר קולטור? מיר האָבן געזען גענוג קולטור אין אייראָפּע. אָבער גראָד פון אָט־דער קולטור האָט אַרויסגעפּלאַקערט דאָס פייער פון חורבן.

אונדזער קאַמף ליגט אין אונדזער באַזונדערער שליחות אין דער וועלט, — אין דער וועלט, וואָס טראָגט אין זיך אַ שנאה צום עם־עולם.

פאַראַן יידן, וואָס ווילן מער נישט זיין קיין יידן. אויך טיילן פון די היינטיקע קולטור־יידן ווילן מער קיין יידן נישט זיין.

די ליניע פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור דאַרף זיין: איבער־רייסן מיט אַלע ביז־איצטיקע פאָרמעס, מיט אַלע ביז־איצטיקע צוגאַנגען.

אפילו אין די וועגן פון שלום עליכמען טאָר די ליטעראַטור נישט גיין.

שטרייכער האָט טאַקע אָנגעצילט זיין גאַנצע מלחמה נישט אַזוי קעגן דעם גלאַטן, היינוועלטיקן קולטור־יידן, ווי קעגן דעם באָרד־ און פאות־ייד, קעגן דעם אמתן פרומען ייד, ווייל ער האָט געוואוסט, דער בלוטיקער רשע, אַז דער הויפּט יידישער כוח ליגט אין דעם אמתן פרומען ייד.

וואָס האָט די יידישע ליטעראַטור געשילדערט? — זי האָט מערסטנס נאָר געשילדערט דעם וועלטלעכן, דעם נעגאַטיוון ייד און נישט דעם פּאָזי־טיוון — דעם פרומען.

אַלטמאַן: — די אמתע שטימונג פון דער שארית הפליטה וועט אונדזער גאַסט, האָב איך מורא, נישט קאָנען אַרויסטראָגן פון אָט־די רעדעס אונדזע־רע.

די שארית הפליטה איז נאָך נישט פאַרטיק מיט זיך אַליין, איר געדאַנק איז נאָך צערודערט, צעבראָכן, נאָך נישט אַריין אין געהעריקע גרעניצן.

מיר זענען אַלע נאָך פּשוט צעטומלט.

די וועלט שווייגט וועגן אונדז — דאַרפן מיר זיין עמפּינדלעך צו אָט־דעם שווייגן.

מיר זענען פאַרוואונדעט נישט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק.

האָבן מיר קיין מורא נישט צו שטאַרבן פיזיש. אָבער פאַר אַ גייסטיקן טויט האָבן מיר מורא. — דערפאַר איז אין אונדז, אין אַלעמען, אָנגעשטאַ־נען די באַדערפעניש צו גיין קיין ארץ־ישראל. אונדז דוכט זיך, אַז דאָרט וועלן מיר געזונט ווערן.

דאָ זענען מיר אַלע קראַנק. מיר קאָנען דאָ נישט געזונט ווערן.

פאַרוואָס ציען נישט די מערסטע יידישע דיכטער און שריפטשטעלער די געהעריקע שלוסן פון אונדזער קאַטאַסטראָפע?

פאַרוואָס זענען אין משך פון דעם גאַנצן יאָר די יידישע שרייבער און לערער פון דער גאָרער יידישער וועלט, און דערהויפּט פון אַמעריקע, נישט געקומען צו אונדז, צו זיין מיט אונדז א ביסל צייט כאָטש, צו לעבן מיט אונדז, צו העלפן אונדז?

קאַגאַן: — ווער נאָך ווי די רעשטלעך פון די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס קאָנען געבן אַן ענטפער אויף די אַלע פראַגעס, וואָס זענען דאָ געשטעלט געוואָרן?

אָט זעט איר דאָך — מיר לעבן! מיר — רעשטלעך פון די קרעמאַטאָריעס — מיר לעבן!

איך קאָן עס זאָגן מיט ביטערקייט, אפילו מיט חוזק — ווייל איך האָב רעכט אויף ביטערקייט. מיר אַלע האָבן אַ רעכט אויף דעם.

איך קאָן עס אָבער אויך זאָגן מיט שטאָלץ, ווייל אויך אויף שטאָלץ האָבן מיר אַלע רעכט. מיר — די רעשטלעך פון די קרעמאַטאָריעס.

זאָג איך טאַקע: אויב מיר לעבן, אויב מיר זענען לעבן געבליבן, איז אַ סימן, אַז מיר דאַרפן און מוזן אויך ווייטער לעבן.

און דאָס, וואָס מיר אַלע זאָגן צו דער יידישער גרויסער וועלט איז — אַ וואָרנונג.

יאָ, מיר, די שארית הפליטה, די רעשטלעך פון די קרעמאַטאָריעס — מיר זענען מחויב צו וואָרענען די יידן פון דער גאָרער וועלט, דערהויפּט די יידן פון אַמעריקע: היט זיך, יידן! — זייט נישט אַזוי זיכער אין זיך, יידן פון אַמעריקע.

די יידן פון אַמעריקע מיינען זיך אפּנים, אַז זיי וועלן אויך איצט קאָנען גלאַט און רואיק שפּינען ווייטער אַ יידיש לעבן און אַ יידישע קולטור אַזוי ווי עס וואָלט גאָר קיין מאַידאַנעק און קיין אוישוויץ נישט געווען. אויב זיי מיינען אַזוי, זענען זיי בלינד און זעען נישט און פאַרשטייען נישט דעם בלוטיקן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע.

דאַרפן מיר צו זיי פון דאַנען זאָגן: זייט געוואָרנט, יידן! גיט אַ קוק אויף אונדז, אויף די לעבן געבליבענע, און זעט ווי די הרוגים, ווי די מתים פאַרפאַלגן אונדז!

גרינהאוז: — דער חשובער גאַסט וויל הערן אונדזער רעזאָנאַנס אויפן סמך פון אונדזערע דערפאַרונגען. דאַרפן מיר זאָגן קלאָר, אַז עס איז דאָ אין אונדז אַלעמען איין באַגער: אַוועקצוגיין פון דער גרויסער וועלט. וואוהין? — צו אַ קליינער וועלט, אָבער צו אַן אייגענער. מיר זענען אין קריג מיט דער וועלט און מיר האָבן זיך פון איר אָפּגעשלאָסן. אמת, דאָס לעבן אין אַ לאַגער קאָן מיינען, אַז נישט מיר האָבן זיך אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, נאָר, אַז די וועלט האָט אונדז אָפּגעשלאָסן און אויסגעשלאָסן. ווער איך אויך דערפון נישט נתפעל. זאָל נאָר דער לאַגער אונדז אַוועקפירן קיין

ארץ־ישראל — צו אַ קלײנער װעלט, אָבער צו אַן אײגענער. ערשט דאָרטן װעלן מיר צוריק אױפשטעלן אונדזער פּאָזיטיװע באַציאונג צו דער גרױסער װעלט.

כל זמן דאָס געשעט נישט, איז טאַקע אמת, אַז מיר זענען קראַנק, אַז מיר זענען דענערװירט, אָבער דאָס ײדישע גאַנצקײט־געפיל װערט אין אונדז נאָך גרעסער און טיפער.

זעקס יאָר, אַז איבער אונדז איז געהאַנגען װי אַ האַק: ײד. מיר האָבן זיך געװאַלגערט אין קאַצעטן אונטער שמיץ און טױט־קנוטן, אָבער געטראָגן האָבן מיר אין זיך דעם טױט־גורל פון אַלע ײדן פון אַלע לענדער. מיר זענען געװען אָנגעזאַפּט און אָנגעלאָדן מיט אַלע ײדישקײטן פון ארבע פּנות העולם.

מיר זענען אַלע געװען פּאַרלײזיקט, די לײז אונדזערע זענען געקראָכן פון אײנעם צום צװײטן — זענען מיר דורכדעם צונױפגעגאָסן געװאָרן אינאײנעם. זענען מיר שטאַרק געװאָרן.

אין די יאָרן פון קאַצעט האָבן מיר אַ סך גערעדט אָדער װעגן שטאַרבן, װעגן אומקומען, אָדער װעגן דער צוקונפט פון ײדישן פאָלק.

נישט אײנער פון אונדז פלעגט אין מאָמענטן פון פאַרצװײפלונג אַזױ נעמען רעדן: אַז איך װעל דערלעבן היטלערס סוף און אַרױסגײן פון תּפיסה, איז — אָדער ײדן װעלן װערן אַ פאָלק, װי אַלע פעלקער, אָדער, אױב נישט, װעל איך נעמען און זיך אָפּשמדן און — אַ סוף, אַן עק.

די אײנציקע, װאָס האָבן אַזױנס נישט אַרױפגעבראַכט אױף זײערע ליפּן, זענען געװען די פרומע ײדן.

נישט אײנער פון אונדז שעמט זיך איצט אין זיך אַלײן פאַר צו־לאָזן צו זיך אַזױנע ירידה־אַנפאַלן.

װער װײסט, װער װײסט װי לאַנג ס'װעט נעמען, ביז מיר װעלן צוריק דערהױבן װערן אין זיך אַלײן — אױף אַן אמת דערהױבן װערן...

קען: — פאַרװאָס זאָלט איר שלאָגן זיך אַלײן? פאַרװאָס זאָלן מיר װײ טאָן זיך אַלײן, און עס זאָל אױסקומען, אַז מיר, די קרבנות זענען גאָר די שולדיקע?

צי איז נישט גענוג, װאָס דער קרבן איז קרבן? פאַרװאָס קומט אים נאָך, אַז ער זאָל זיך נעמען אַלײן שלאָגן?

איך האַלט, אַז פון יעדער פּײן־געשעעניש איז דער ײד אַרױסגעקומען געלײטערטער.

אַזױ װי שטאָל איז דער ײד.

דער ײדישער קרבן האָט דורכגעפירט אַ שליחות פאַר אַ צװײטן ײד — פאַר אַ שװאַכערן פון זיך.

אַלע גלאַט־אַזױ תּרופות און ישועות זענען דורכגעפאַלן.

דער ײד קאָן נישט אַנטלױפן פון זײן ײדישקײט — פון זיך.

ס'איז ריכטיק, אַז מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ טאָפּלטע טראַגעדיע: אַ פּיזישע און אַ גייסטיקע. ערשט נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר דערזען, אַז די וועלט איז ערגער געוואָרן.

איז וואָס — הייסט עס — דאַרפן מיר שוין בלייבן צעבראָכענע אויף אַלעמאָל?

ווען מיר נעמען זיך פילן ווי צעבראָכענע, אָן גלויבן און אָן האָפענונג, — ווערן מיר פאַרלוירן, ווייל קיינער, אַ חוץ אונדז אַליין, קאָן אונדז און וועט אונדז קיין גלויבן נישט געבן.

•

גאָרדאָן: — מיר זענען נישט שולדיק אין קיין זאַך, אין קיין זאַך. ס'איז דאָך שרעקלעך צו הערן אַזאַ זעלבסטפּייניקונג!

אַלע קומען צו איין אויספיר: ארץ־ישראל איז אונדזער רעטונג. דאָס איז ריכטיק. ריכטיק איז אויך, אַז אויב מען וועט אונדז נישט לאָזן גיין פון דאַנען קיין ארץ־ישראל, זענען מיר פאַרלוירן. מיר וועלן אויסגיין דאָ ווי אַ ליכט.

אַלייסקי: — מיך לאָזט נישט רוען די פראַגע: ווי זענען מיר אַליין דורכגעגאַנגען דעם שייטער־הויפן?

עס גייט נישט נאָר אין דעם צוזאַמענברוך פון דער מאָראַל פון דער גאָרער וועלט. עס גייט מיר מער אין דעם: ווי האַלט אונדזער אייגענע מאָראַל?

מיר האָבן אין די קאַצעטן געזען נישט איין מיאוסע האַנדלונג אויך פון יידן. אמת, דאָס זענען געווען אינדיווידועלע האַנדלונגען, און מיר נעמען זיי נישט אַריין אין חשבון פון אונדזער קאָלעקטיווער אויפפירונג. ווי אַ קאָלעקטיוו איז אונדזער רעקאָרד ריין. אָבער ווער־טאָ טוען זיי אונדז ווי נאָך היינט, אָט־די מיאוסע אינדיווידועלע האַנדלונגען. אפילו ווען מיר ווייסן, אַז די שענדליכע טאַט איז באַגאַנגען געוואָרן אין נויט, און אַז איין שענדלעכע טאַט פון איין ייד אין געטאָ, אָדער אין קאַצעט, ווערט בטל ומבוטל אינעם שיין פון צענדליקער טויזנטער קדושים אונדזערע, פונדעסטוועגן הערט נישט אויף די איינצלנע שענדלעכע טאַט פון אַ ייד צו אַרן און צו פּייניקן אונדז.

מיר דאַרפן דאָ אויך זאָגן, אַז אַ היפּשער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אין די געטאָס האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

— וואָס שייך אָבער די האַנדלונגען לגבי אונדז פון די פעלקער אַרום — דאָ איז שוין נישט שייך צו רעדן וועגן אינדיווידועלע מעשים נאָר.

די פעלקער האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען ווי פעלקער. זיי האָבן פאַרוואַנדלט אונדזער לעבן אין אַ גיהנום.

אַזוי די פּאָליאַקן, אַזוי די ליטווינער, אַזוי די אוקראַינער. פון די דייטשן איז דאָך אָפּגערעדט.

וואָס האָבן געטאָן די מערסטע אינטעליגענטן פון אייראָפּע?

וואָס האָבן זיי געטאָן מיטן סאָציאַליזם? וואָס האָבן זיי געטאָן מיטן קריסטענטום? — געהאָלפן — ווער אַקטיוו, ווער פּאַסיוו, ווער דורך שווייגן — היטלערן.

איז וואָס זאָלן מיר איצט טאָן?

געוועזן אַ צייט, ווען אונדזער גאַנג איז געווען פון ארץ־ישראל. דער דאָזיקער גאַנג איז צעשמעטערט. איצט מוז אונדזער גאַנג זיין צו ארץ־ישראל.

אָט זעט — מיר זיצן דאָ אין די לאַגערן שוין אַ יאָר צייט נאָך דער באַפרייאונג. ארץ־ישראל־יידן זענען געקומען צו אונדז אין משך פונעם יאָר, געקומען זיין מיט אונדז, שטאַרקן אונדז און אויך טאָן צווישן אונדז ארץ־ישראל־אַרבעט. אָבער, וואו זענען געווען די יידן פון אַמעריקע?

די יידן אין אַמעריקע האָבן פאַרגעסן אין אונדז.

די איצטיקע דעלעגאַציע פון אַמעריקע איז די ערשטע, אין וועלכער מיר פילן נישט קיין אָפיציעלקייט, נאָר אמתע נאָענטקייט און ברודערשאַפט, אָבער אַ גאַנץ פול יאָר האָבן מיר באַדאַרפט וואַרטן אויף איר. אַ גאַנץ יאָר!

געבאָרין: — די מערסטע רעדנער, לויט מיין מיינונג, האָבן גערעדט וועגן דער יידישער טראַגעדיע צו אַבסטראַקט.

איך וועל זאָגן קורץ: די יידן זענען דער קרבן אינעם קאַמף, וואָס עס פירן צווישן זיך צוויי הויפּט־כוחות אין דער וועלט: רעאַקציע און סאָציאַליזם.

ארץ־ישראל איז נאָר אַ פּאַליאַטיווע לייזונג.

אויך אַנדערע פעלקער האָבן געגעבן אַ סך קרבנות. מיר זענען נישט די איינציקע.

יידן מוזן שטעלן זייער גורל נישט אַזוי אויף דער נאַציאָנאַלער באַזע, ווי אויף דער סאָציאַלער.

טרעגער: — איך וועל עס מאַכן נאָך קירצער. דער רעדנער, וואָס פאַר מיר, ווייסט שוין אויף קלאָר, אַז מיר דאַרפן שטעלן אונדזער גורל אויף דער סאָציאַלער באַזע מער ווי אויף דער נאַציאָנאַלער. נו, וועל איך אים און אייך אַלעמען פרעגן: אַז מיר וועלן שטאַרבן אַ מיתה בנשיקה אין די אָרעמס פון אַ רויטער אַסימילאַציע, וועט אונדז זיין בעסער?

גוטמאַן: — איך בין, דוכט זיך, דער לעצטער רעדנער. כ'האָב אַ סך צו רעדן, אָבער כ'וועל רעדן נאָר וועגן דעם, וואָס פרעסט מיין האַרץ אַמוויטיקסטן.

כ׳האָב דאָ געהערט טענות צו יידן אין אַמעריקע, צו דער יידישער ליטעראַטור, אפילו טענות צו אונדזערע חשובע געסט.

אַלע מאַנען מיר טרייסט, אַלע מאַנען מיר שיר־נישט: זעצט אונדז אויבנאָן; אַלע זענען מיר איבערציינגט, אַז מיר זענען דאָס איבערשטע פון שטויסל.

האָבן מיר טאַקע אויף אַן אמת מוט צו זאָגן, אַז מיר זענען אויסדער־ווײלט, מיר — די שארית הפליטה?

דאָ איז שוין גערעדט געוואָרן וועגן דעם, אַז אפילו אין קאַצעט זענען געווען צווישן אונדז אַזוינע, מיט וועמען מיר האָבן זיך געשעמט. שטייען מיר איצט, נאָכן קאַצעט, אויף דעם הויכן ניוואָ, אויף וועלכן מיר וואָלטן באַדאַרפט שטיין? זענען נישטאָ איצט צווישן אונדז אַזוינע, מיט וועמען מיר שעמען זיך?

איך שטוין פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע, וועלכע רעדט וועגן אונדז נאָר ווי וועגן הייליקע. אויך אונדזערע ליבע געסט רעדן וועגן אונדז אויפן זעלבן אופן.

אויפן סמך דערפון האָבן מיר טענות צו דער יידישער אַמעריקע. אָבער וואָס ווילן מיר פון דער יידישער אַמעריקע? מיט וואָס פאַר אַ רעכט מאַנען מיר עפּעס פון איר? וואָס קאָן אונדז די יידישע אַמעריקע געבן, אויסער דעם עפּיטעט פון הייליקייט — אַן עפּיטעט, וואָס איז אונדז דער־ווידער, ווייל מיר האָבן אים נישט פאַרדינט?

קלאַפּ איך זיך אין האַרצן און איך זאָג: אַלע זענען מיר אויסוואורפן נאָר דערפאַר אַליין וואָס מיר לעבן. אַלע!

מיט וואָס פאַר אַ רעכט לעבן מיר, אין דער צייט, ווען אַלע אונדזערע נאָענטסטע זענען אומגעקומען אין די קרעמאַטאָריעס? מיט וואָס פאַר אַ רעכט זענען מיר געבליבן נישט פאַרברענט? מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אָנצוגיין ווייטער מיט אונדזער לעבן און איינשמועסן זיך אַליין, אַז מיר זענען כלומרשט נישט שולדיק וואָס מיר זענען לעבן געבליבן?

אַז איך זע צווישן אונדז גאַנצע יידישע קינדער, טראַכט איך: אפשר וועלן זיי מאָרגן זיין ווידער מאַטעריאַל פאַר ווייטערע קרעמאַטאָריעס!

און מיר — ווי גאָרנישט. מיר האָבן פאַרלוירן אַלץ, מיר האָבן פאַר־לוירן אַלעמען און — מיר ליגן זיך שלאָפן, מיר שטייען אויף, מיר רייסן זיך אַרום צווישן זיך, מיר פירן דיסקוסיעס, מיר זענען ווידער אין פּאַר־טייען און — מ׳רעדט נאָך וועגן אונדז ווי וועגן הייליקע!

איך זאָג אייך נאָכאַמאָל: נישט קיין הייליקע זענען מיר, נאָר אויס־וואורפן! מיר זענען נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אונדז אויף זיך.

אַט־דאָס שטיקט מיך אויפן האַרצן די גאַנצע צייט, וואָס איך זיץ דאָ און הער אַלעמענס רייד. מוז איך עס אַרויסשרייען. איך מוז, איך מוז!

*

די רייד פונעם לעצטן רעדנער און זיין אויף אַן אמת קלאַפּן זיך אין הארצן, האָבן אַלעמען און אויך מיך פּשוט דערשיטערט.

ווען עס וואָלטן געווען נאָך רעדנער, וואָלטן זיי נישט געקאָנט ווייטער רעדן.

און די גאַנצע רעזומע פון אַלעמענס רייד האָט נישט געקאָנט געמאַכט ווערן, סיידן אין דעם וואונדער־ליכט פון גוטמאַנס ווערטער.

*

26־טער אַפּריל.

...אין דער פרייער צייט, וואָס מיר האָבן אין לאַנדסבערגער לאַגער, צווישן מיטאָג און דעם סימפּאָזיום, פאָרן מיר, לויט דעם אָנגעצייכנטן פּראָגראַם, צו באַזוכן אַ יוגנט־קיבוץ אויפן נאָמען פון חנה סעניש (אַ יונגע ארץ־ישראל־העלדין, אַ דיכטערין, וואָס האָט אוועקגעגעבן איר לעבן אין קאַמף פאַר עליה).

מיר האָבן אויך אויף אונדזער פּראָגראַם צו באַזוכן דעם געוועזענעם היטלער־לאַגער נומער צוויי, וואָס איז געווען איינער פון אַ גאַנצער צאָל דאַכאַו־לאַגערן. אין דעם דאָזיקן לאַגער נומער צוויי זענען, ווי אין די איבעריקע דאַכאַו־פּונקטן, געפּייניקט און פאַרפּייניקט געוואָרן, סיי דורך קאַטאָרזשנער־ארבעט, סיי דורך הונגער און אכזריות, צענדליקער און הונדערטער טויזנטער קרבנות — די מערסטע פון זיי יידן.

די אַלע ערטער זענען איצט מערסטנס צעשטערט. עס האָבן זיי טיילוויַיז צעשטערט, אין די ערשטע טעג נאָך דער באַפריי־אונג, די קרבנות אַליין. דאָס איבעריקע זוכן צו צעשטערן באַהאַלטענערהייט די איבערגעבליבענע פאַרבאָרגענע נאַצים, כדי אָפּצומעקן די סימנים פון זייערע פאַרברעכנס.

וויפיל אָבער מען זאָל נישט אָפּמעקן די בלוטיקע שפּורן — סימנים בלייבן נאָך אַלץ.

עס בלייבן טיילן פון די שטעכיקע דראָטן. עס בלייבן די גריבער פון די בונקערס.

עס בלייבן שטיקער פון דער צעטראָמפּלטער ערד, אויף וועלכער עס האָבן זיך געוואַלגערט טויזנטער מתים, סקעלעטן, שאַרבנס און ביינער.

עס בלייבן ברוכשטיקער פון די פלעצער, וואו עס זענען פאַרגעקומען עפנטלעכע הינריכטונגען אין לאַגער. עס בלייבן קוימענס.

אגב, די קרעמאַטאָריע און גאַז־קאַמער, וואָס געפינען זיך אויף אַ פּונקט נישט ווייט פון דאַכאַו גופא, זענען געבליבן גאַנץ לזכר עולם.

*

דער יוגנט־קיבוץ אויפֿן נאָמען פֿון חנה סעניש, איינער פֿון דער סעריע יוגנט־קיבוצים איבער אַלע לאַגערן אונטערן אַלגעמיינעם טיטל „דרור", געפֿינט זיך נישט ווייט פֿון לאַנדסבערג, אין האָלצהאַוזען. ער נעמט אַריין אין זיך אַרום הונדערט און פֿופֿציק בחורים און מיידלעך. צווישן זיי אויך אַ צאָל קינדער.

אַן ענערגישער יוגנט־קאָלעקטיוו, זאָגט מען אונדז. אַלע אַרבעטן דאָרט און גרייטן זיך צו ארץ־ישׂראל.

עס זענען פֿאַראַן אינעם קיבוץ עטלעכע ווערקשטאַטן. ער האָט אויך אין זיין רשות אַ שטיקל פֿעלד און אַ גאָרטן.

טייל אַרבעטן אין די ווערקשטאַטן, טייל — אין גאָרטן. יעדער גאָרטן־אַרבעטער האָט אַ צאָל ביימלעך אונטער זיין השגחה.

דאָרט, וואו עס געפֿינט זיך איצט דער דאָזיקער קיבוץ, איז פֿריער געווען, זאָגט מען אונדז, אַ שולע פֿאַר דייטשע דעפֿעקטיווע מיידלעך, דערנאָך איז דאָרט געווען אַ היטלער־שפּיטאָל. אין די טעג פֿון באַפֿרייאונג איז דער שפּיטאָל פֿול געווען מיט קראַנקע, אויסגעייענדיקע יידן.

איצט איז דער גאַנצער פּלאַץ און די מערסטע פֿון די געביידעס פֿאַר־נומען פֿונעם יוגנט־קיבוץ. איין טייל נאָר — דער אויבערשטער טייל פֿון דער הויפּט־געביידע — איז אויך איצט אַ שפּיטאָל פֿאַר אַ צאָל דייטשע דעפֿעקטיווע קינדער, אויף וועלכע עס גיבן אַכטונג נאָנעס.

די נאָנעס, דערציילן . אונדזערע באַגלייטער — און דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר הערן אַזאַ וואונדער — זענען געווען די וויניקע צווישן מיליאָנען דייטשע פֿרויען, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן רחמים און גוטסקייט צו די יידישע לאַגער־חולאים, בשעת דאָס פּלאַץ איז געווען אַ שפּיטאָל, און זיי, די נאָנעס, זענען געווען קראַנקן־שוועסטער.

די ניייעס איז באמת פֿאַר מיר אַן איבערראַשונג. דערהויפּט נאָך, ווען איך הער עס פֿון אונדזערע באַגלייטער אַליין —

אונדזערע ליבע איבערגעגעבענע באַגלייטער, וואָס האָבן אויף זייער אייגן לייב דורכגעטראָגן אַזויפֿיל פּיין, אַזוי פֿיל דייטשע רשעות, און וואָס קאָנען אויף אַ מינוט נישט באַפֿרייט ווערן פֿון זייערע קאַטאָרגע־זכרונות, — אויך זיי אָטעמען אָפּ לייכטער אויף איין רגע כאָטש, ווען זייערע ליפּן קאָנען נעמען דערציילן, אַז אויך צווישן די דייטשן האָבן זיך געפֿונען, אמת נישט מער, ווי אַ פּאָר צענדליק, פֿרויען, וואָס האָבן נישט פֿאַרלוירן דעם צלם־אלקים.

דער אומגעוויינלעכער — ווי אונדז! — איינציקער פֿאַקט ווירקט, ווי אַ קיל רעגנדל אין אַ פֿאַרשמאַכטן צעטרוקנטן מדבר.

עס מאַכט נאָך מער נייגעריק צו זען דעם אויסטערלישן פּלאַץ.

אין קליינינקייט — אַן אָרט, וואו עס געפֿינען זיך עטלעכע דייטשע מענטשן, וואָס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין אכזריות צו יידישע קראַנקע!

*

אונדזערע דערוואַרטונגען האָבן אונדז נישט אָפּגענאַרט.

מיר קומען אָן און עס רינגלט אונדז אַרום אַ יידישע יוגנט, אַן ענערגישע, אַ מוטיקע, אויך קינדערלעך פריילעכע, לעבעדיקע.

די הויפּט־געביידע פון עטלעכע שטאָק, — רחבותדיק, פּיל־צימערדיק, גרויס־פענצטערדיק.

אַרום און אַרום וואַלד, פעלד, גאָרטן.

דער בייטאָג — אַ זוניקער, אַ בליענדיקער.

מיר דאַרפן זיך נישט אָנשטרענגען צו פרעגן, וואָס און ווער — די יונגעלייט נעמען אַליין גלייך דערציילן וועגן זייערע דערפאַרונגען און וועגן זייער איצטיקן מצב.

דערציילונגען, וואָס מיר האָבן שוין אַ סך מאָל געהערט: — געטאָ, קאַצעט, פּאַרטיזאַנען־וועלדער, הונגער־פּיין, העראָאיזם — אָבער אונטערן זוניקן הימל, אַרומגערינגלט מיט שמעקנדיקע פעלדער, און דערהויפּט — אין מיילער פון מונטערע יונגעלייט, ווערן די דערציילונגען אַליין, נישט געקוקט אויף זייער שווערן אינהאַלט, זוניק־לייכט, ליכטיק, ניי־אָנטפּלעק־קנדיק.

מיר ווערן אויך גלייך עדות פון אַ סצענע, וואָס כאַראַקטעריזירט די אויסדרויער־קראַפט פון די אין ווייטיק־אויסגעפּרובירטע קינדער.

ווי מיר שטייען אַזוי ביים אַריינגאַנג פונעם הויפּט־הויז — ערשט אַ טומל אינעווייניק: אַ קליין יינגעלע האָט זיך מיט עפּעס פאַרשטאָכן אַ הענטל, שטאַרק פאַרשטאָכן, און די אויפּפּאַסערין טראָגט אים אין שפּיטאָל־צימער אַריין אַרויסצונעמען דעם שפּלינטער פון זיין האַנט.

דאָס יינגעלע — ווי די מערסטע קינדער דאָ, אַ קיילעכדיקער יתום — מאַכט נישט קיין פּאַרזוך אפילו צו וויינען. זיין פּנים נאָר דערציילט, אַז עס טוט אים זייער וויי.

מיר לאָזן זיך אַלע אַריין אינעם צימער נאָכן יינגעלע. מיר קוקן זיך צו, ווי די אויפּפּאַסערין נעמט געשיקט אַרבעטן אַרויסצונעמען פון זיין האַנט דעם גרויסן שפּלינטער.

ווי געשיקט אָבער זי אַרבעט נישט, נעמט עס לאַנגע עטלעכע מינוטן. דאָס יינגעלע פאַרשטייפּט זיינע ביידע ליפּן, ביי איין מאָמענט פאַרבייסט ער זיי מיט די ציין, אַזש זיינע אויגן, דוכט זיך, שרייען אויף, אָבער פון זיין מויל — קיין פּיפּס.

דער שפּלינטער ווערט לסוף אַרויסגענומען און מיר אַלע אָטעמען אָפּ.

די יוגנט פירט אונדז באַווייזן זייערע צימערן, דערנאָך ווילן מיר גיין אָנקוקן זייער גאָרטן.

אין די צימערן, ווי אין אַלע קיבוץ־וואוינונגען, געדיכטע רייען מיט בעטן פון ברעטער.

דער איינציקער אויסנאַם, איז דאָ דאָס צימער פאַר די גאָר קליינע

קינדער. אין דעם צימער זענען די בעטלעך איבערגעצויגן מיט ליי־לעכער.

מיר דערפרייען זיך,וואָס אָט האָבן מיר דאָך יאָ אָנגעטראָפן אין אַ לאַנגער עטלעכע בעטלעך מיט ליילעכער.

מיר גיבן צו צו אונדזער טשיקאַווער פרייד נאָך אַ פרייד, וואָס די ריינקייט איבער אַלע צימערן איז אַ גאַנץ נישקשהדיקע. אינעם קינדער־צימער — אַן אמתע זויבערקייט.

די ווענט זענען פאַרהאַנגען און פאַרשריבן מיט קינדישע, מונטערע לאָזונגען און צייכענונגען.

אויף איין וואַנט איז אויפגעצייכנט אַ גרויסע שיף, וואָס גייט קיין ארץ־ישׂראל. אַ פּלאַטערנדיקע יידישע פאָן ווייעט איבער איר.

אויף אַ צווייטער וואַנט — אַ באַן, וואָס יאָגט איבער גלייכע רעלסן, אויך, פאַרשטייט זיך, קיין ארץ־ישׂראל.

אויף אַן אַנדער וואַנט איז אויפגעמאָלן אַ געזונטע קאָוואַדלע, אַ האַמער, וואָס קלאַפּט איבער דער קאָוואַדלע,און פונקען שפּריצן אין אַלע זייטן. גרויסע פונקען.

און אויף אַן אַנטקעגנדיקער וואַנט — אַ פאַרביקער אויפשריפט־אויס־רוף:

„עלה, חלוץ!״

זי איז זיכער, די יוגנט, אַז מיט אירע אויפשריפטן, מיט אירע אויסרופן און צייכענונגען, איז זי דירעקט משפּיע אויף דער וועלט, אַז זי, די וועלט, זאָל אויפגעציטערט ווערן פון דעם רצון, וואָס האָט אַרויסגע־בראַכט די אויפשריפטן.

אמת, די דאָזיקע יוגנט איז נישט גענאַרט אין דער וועלט. זי ווייסט שוין גענוג, ווי האַרט און אומרחמנותדיק די ״היינטיקע וועלט איז. זי גלייבט אָבער נאָך אַלץ אין אירע יונגע, כאָטש שוין גענוג אויסגעפּייניקטע, כוחות, און מער פון אַלץ גלייבט זי, טאַקע דורך איר אויסגעפּייניקטקייט, אין איר בענקשאַפט נאָך יידישער פולער אויסלייזונג.

אַזוי שרייבט זי אויף די ווענט און אַזוי הערן מיר ווי זי רעדט.

פון די צימערן גייען מיר אין די גאָרטן־פעלדער אַרום.

בייטן — פיין און גלייך צעאַקערט און פאַרזייט מיט גרינסן און קאַרטאָפל.

עס רעדט אַרויס פון זיי, פון די יונגע פלאַנצער, אַ שטאָלץ, אַ צו־פרידנקייט. אויך פון די בייטן אָטעמט אַרויס אַ פרייידיקייט.

דער איינציקער חלוק צווישן די בייטן און זייערע יונגע פלאַנצער איז:

די בייטן ווייסן נישט, אַז אָט נישט ווייט פון זיי, אויף פעלדער אַזוינע פּשוטע ווי זיי, געפינען זיך נאָך היינט די דראָטן און די בונקערס פון לאַגער נומער צוויי.

די יידישע יונגעלייט אָבער ווייסן דערפון, ווייסן זייער, זייער דערפון.

און מיר, געסט פון אַמעריקע, ווייסן אויך דערפון, ווייל אַט קלייבן מיר זיך פאָרן אַהין.

מיר גייען פון גאָרטן צוריק צו די צימערן. מיר זעצן זיך אָפּרוען ביי אַן אָפּשלום פון אַ שטיק לאַנד, פון וואַנען דאָס אויג נעמט אַרום אַ הינטער־ווינקל פון דער הויפּט־געביידע.

מיר דערזעען צווישן דיביימער אַנטקעגן דעם ווינקל אויף אַ באַנק זיצן דריי פיגורן, ווי דריי גרויסע, שוואַרצע פייגל.

מיר זעען נישט זייערע פּנימער. מיר זעען נאָר אַקסלען און שוואַרצע צעפּאַלדעוועטע פליגל.

— דאָס זענען די נאָנעס פונעם אויבערשטן שטאָק — אינפאָרמירן אונדז אונדזערע באַגלייטער און באַשטעטיקן פאַר אונדז נאָך אַמאָל די מעשה וועגן דער גוטער ראָלע פון די נאָנעס אין דער צייט, ווען דאָ האָבן זיך אַרומגעוואָלגערט יידישע חולאים. זיי דערציילן אונדז, אַז אויך איצט איז זייער באַציאונג צום קיבוץ און צו די קליינע יידישע קינדער אַ גוטע, אַ שוועסטערלעכע, כאָטש זיי האַלטן זיך איצט, מערסטנס, פון ווייטן. זיי זענען פאַרנומען מיט זייער אַרבעט אויפן אויבערשטן שטאָק און קומען זעלטן אַראָפּ אונטן.

איך האָב לאַנג און שווייגנדיק געקוקט אויף די דריי שוואַרץ־צעפּלי־גלטע פיגורן. כ'האָב געוואָרט, אפשר וועלן זיי אַ קער טאָן זיך מיט זייערע פּנימער צו אונדז, און איך וועל דערזען, ווי ס'קוקן אויס דייטשקעס, וואָס זענען נישט געווען ברוטאַל צו יידן.

זיי האָבן אָבער זייערע פּנימער נישט אַ קער געטאָן צו אונדז. זיי זענען ווייטער געזעסן איינגעבויגן, פאַרגליווערט, אַרומגעוויקלט אין זייערע שוואַרצע פליגל, וואָס האָבן קוים, קוים זיך געפּאַלדעוועט אין שטילן ווינטל.

און אַזוי האָבן מיר זיך צעזעגנט מיט דער האַרציקער און פאַרבענקטער יידישער יוגנט פון דעם „דרור"־קיבוץ אין האָלצהאַוזען, אַוועקגעפאָרן און נישט געזען, ווי אַזוי עס קוקן אויס פּנימער פון דייטשקעס, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן גוטסקייט צו יידן.

*

און אַט זענען מיר אין איינער פון די געוועזענע דאַכאַו־קאַטאָרגעס — לאַגער נומער צוויי.

אַ גרויס שטיק לאַנד צווישן וואַלד און פעלד, אַרומגערינגלט נאָך איצט מיט הויכן שטעכיקן דראָט.

אין אַ סך פּלעצער איז דער דראָט איצט דורכגעריסן, אָבער ער איז אויך איצט געגנוג שטעכיק נאָך.

אין זיינע „גוטע" צייטן איז דער דראָט געווען אין שכנות

מיט נאָך צוויי דראָט־פּאַרצוימונגען און אַלע זענען זיי געווען עלעקטרי־זירט. אַ חוץ דעם, זענען זיי געווען באַוואַכט פון וועכטער אויף הויכע טורעמס.

איצט איז פון אַלע דראָטן פאַרבליבן נאָר איינער, און פון די טורעמס און פון די וועכטער — קיין זכר.

וואָס טראַכט זיך איצט אַזאַ מין דראָט אין זיין פאַרלאָזנקייט און אין זיין נאָך אַלץ שפּיציקער שטעכיקייט?

כ׳וואָלט עס באמת זייער וועלן וויסן, אַזוי ווי כ׳וואָלט אויך וועלן וויסן, וואָס עס טראַכטן זיך איצט די פּאָר הויכע נאַרישע קוימענס, וואָס סטאַרטשען נאָך אין לאַגער, און אויך די צוויי איבערגעבליבענע בונקערס, נאָכדעם, ווען אַלע געביידעס און אַלע צענדליקער בונקערס זענען אָפּגע־ווישט געוואָרן, — געוואָרן אויסגעגלייכט מיט דער ערד?

יאָ, כ׳וואָלט געוואָלט אויך צולייגן אַן אויער צו דער ערד אַליין פונעם לאַגער, הערן, וואָס זי אַליין דערציילט, וואָס זי אַליין געדענקט און, אויב מעגלעך, זאָל זי אַרויפשיקן צו דער אויבערפלאַך די מיליאָנען טרערן און שטראָמען בלוט, וואָס זי האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך.

אָבער — וואָס איז צו רעדן? איך באַנוצן זיך מיט דעם, וואָס מיינע פיס טרעטן נאָך אַריין אינעם לאַגער; מיט דעם, וואָס איך לייג נאָך צו מיינע הענט צו די דראָטן און דערפיל זייער שטאָך.

דער טויער, אויך פון שטעכיקן דראָט, איז אָפן. — טרעטן מיר אַריין אין דעם אָרט, וואָס איז געווען נישט לאַנג צוריק אַ גיהנום.

די זון שיינט איבער אים איצט, ווי זי האָט געשיינט פריער.

אָדער — אפשר מעגלעך, אַז זי האָט דעמאָלט נישט געשיינט איבער אים, נאָר איז אַליין געווען אַ געפאַנגענע.

צוזאַמען מיט די טויזנטער און טויזנטער היטלער־קאַטאָרזשניקעס איז זי אויך געווען טאָג־איין טאָג־אויס געשמידן און צעבלוטיקט.

און דאָס איז געווען איר ליכט — בלוט פון איר צעקאַטעוועט לייב.

זיי מיר מוחל, זון פון זעקס און צוואַנציקסטן אַפּריל, 1946, וואָס איך האָב דיך חושד געווען אין גלייכגילטיקייט צו מענטשלעכע יסורים.

זיי מיר מוחל.

מיר שפּאַנען אַרום איבערן פעלד, וואָס איז געווען טויט־לאַגער. מיר טרעטן איבער די רואינעס פון די באַראַקן, וואו ס׳האָבן זיך אויפגעהאַלטן די אויפזעער, די קאַפּאָס, די שטורעם־טרופּער.

מיר טרעטן איבער די רואינעס פון די רייען בונקערס, וואו ס׳האָבן זיך ביינאַכט אויפגעהאַלטן די קרבנות נאָך אַ טאָג פון קאַטאָרזשנער אַר־בעט אויף די שאָסייען, שטיינגרובנס, וועלדער און זומפּן.

אַלע בונקערס, אַ חוץ צוויי, זענען אָפּגעווישט און אויסגעגלייכט מיט דער ערד.

וואָס איז אַ בונקער?

אַ הייל אין דער פּיכטער ערד, לאַנג און שמאָל און נידעריק, איבער־געדעקט משופּעדיק מיט ערד און איבער דער ערד אויבן — מיט גראָז. האָט דעם אויסזען פון אַ לאַנגן שמאָלן קבר.

אין אָט־דער הייל, אָדער בונקער, פלעגן ליגן צונויפגעדריקט איינע צו די אַנדערע אויף האַרטע לאַנגע נאַרעס אַרום זיבעציק, אַכציק מענטשן, אָנגעטאָענע אין געשטרייפטע פאַרלייזיקטע אַרעסטאַנטן־פּאַדזשאַמעס, מיט אַ ווייסן קרייץ אויף דער פּלייצע.

די פּאַדזשאַמעס זענען געווען די שטענדיקע און איינציקע בגדים פון די אַרעסטאַנטן, סיי זומער, סיי ווינטער.

דער אַרבעטס־טאָג אין לאַגער איז געווען פון צוועלף פולע שעה.

פון טויזנט אַרעסטאַנטן פלעגן אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט, דורך אַרבעט, מערדעריי און הונגער, איבערבלייבן קוים צענדליקער.

אין צענטער פונעם לאַגער איז געווען דער אַפּעל־פּלאַץ. אַ שטיק זומ־פּיק פעלד אויף וועלכן עס פלעגן פאָרקומען די טעגלעכע רעוויזיעס.

די רעוויזיעס האָבן אָפט געצויגן זיך שעהן לאַנג.

אין אָט־די שעהן האָבן אַלע קרבנות געמוזט שטיין, אַפילו אין די גרעסטע פרעסט, אויסגעצויגן ווי סטרונעס און נישט אַ ריר טאָן זיך פון אָרט.

אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ זענען אויך דורכגעפירט געוואָרן עפנטלעכע עקזעקוציעס, שמיץ און הינריכטונגען פון פאַרשולדיקטע.

אַלע לאַגערניקעס פלעגן מוזן שטיין דערביי, צוקוקן ווי מען שמייסט זייערע ברידער, ווי מען פאַרשמייסט זיי צום טויט.

לעבן די צוויי איבערגעבליבענע בונקערס איז אויך פאַרבליבן אַ שטראָף־גרוב, אַ קאַרצער אַזאַ, וואוהין מען פלעגט אַריינוואַרפן פאַרזינ־דיקטע אויף לאַנגע מעת־לעתן און וואָכן.

פון קאַרצערס איז קיינער שוין קיין גאַנצער נישט אַרויסגעקומען.

דער קאַרצער איז פּשוט אַ שמוציקע, פינצטערע לאָך אין דער ערד אונטער שטיינער, וואוהין אַריינקריכן קאָן מען נישט אַנדערש ווי אויף אַלע פיר.

אַז מיר זענען דורכגעגאַנגען דורך די בונקערס, האָב איך זיך אָנגעטאָן אַ כוח און אויך אַריינגעקראָכן אינעם קאַרצער.

וואָס איז צו לייקענען — עס האָט זיך אָפּגערופן אין מיר דער אַמאָ־ליקער אַרעסטאַנט פון דער צאַרישער קאַטאָרגע.

אויך אין דער צאַרישער קאַטאָרגע האָב איך פאַרזוכט דעם טעם צו ליגן זיבן מעת־לעת אין אַ פינצטערן קאַרצער טיף אין די קעלערן פון דער תפיסה.

האָב איך געוואָלט פאַרזוכן איצט, כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט, די לופט פון אַ היטלער־קאַרצער.

און איך האָב פאַרזוכט. כ'בין אַריין.

מײַנע פיס האָבן זיך אַ גליטש געטאָן אין שמוץ. מײַנע אויגן זענען אַרײַנגעזונקען אין אַ טוכלער פאַרשטיקטער פינצטערניש און גענומען שווינדלען.

דער אָטעם האָט זיך מיר פאַרהאַקט.

איך בין אַ פאַל געטאָן אויף עפּעס אַזאַ מין שטיקל באַנק.

אין מײַן מוח האָט זיך בליץ־שנעל דורכגעטראָגן דאָס קאַרצער־בילד פון מיט פערציק יאָר צוריק.

איך בין דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין פולע צוואַנציק יאָר.

ס'איז געווען די צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע אין צאַרישן רוסלאַנד — די צייט פון אַזויפיל האָפענונגען און חלום. אין דער פינצטערניש פון יענעם קאַרצער האָבן געבלענדט אַזויפיל ליכטיקייטן.



אַ דאַכאַו־בונקער

און אַט, פערציק יאָר זינט דעמאָלט, זיץ איך ווידער אין אַ קבר־קאַר־צער.

אמת, איך בין פרייוויליק אריין אין אים, אָבער די טויזנטער יידן, די קרבנות זיינע, וואָס זענען אַט ערשט פאַראיאָרן ארויס פון זיין פינצ־טערניש, זענען נאָך אַלץ נישט פריי, ווי עס באַדאַרף צו זיין; פאַר זייערע אויגן בלענדן נישט אַזוינע ליכטיקייטן, ווי זיי האָבן געבלענדט אַמאָל מיט פערציק יאָר צוריק.

מיט אָנגעשטרענגטע כוחות הייב איך זיך אויף און קריך קוים ארויס פונעם קאַרצער.

די ליכטיקע שיין גיט מיר אַ שלאָג אין פנים, אָבער די פינצטערניש, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזען דאָרטן, הערט נישט אויף צו שטעכן מיינע ביידע אויגן מיט ביטערער שטעכעניש.

*

פּריוואַטע שבת־סעודות
פּריוויק נאַכט פּראַוועט די מערסטע יידן אין די לאַגערן, דערהויפּט די יוגנט, וואָס איז צעטיילט אין פאַרשידענע קיבוצים, אַן עונג שבת.

די פרומע יידן, די עלטערע, נעמען־אויף, פאַרשטייט זיך, דעם שבת אויפן טראַדיציאָנעלן, איינגעוואוינטן שטייגער: זיי גייען אין שול (אין יעדן לאַגער איז דאָ אַ שול, אין פערנוואַלדער לאַגער איז דאָ אפילו אַ ישיבה), זיי זענען מקבל־שבת, זיי דאַוונען און קומען דערנאָך צו זיך און פּראַוועז זייער שבתדיקע סעודה.

די יוגנט אָבער וויל גראַד אין דער דאָזיקער נאַכט זיין, וואָס מער און וואָס לענגער, צוזאַמען, וויל זינגען, וויל קאָלעקטיוו זיין פייערלעך, שבת־יום־טובדיק, וויל אפילו, אויב אַזאַ מאָמענט קומט אָן, בציבור טרויערן.

די יוגנט — ווייל די מערסטע זענען יתומים — וויל אין מאָמענטן פון געהויבנקייט טוליען זיך איינע צו די צווייטע.

עס מאַכט נישט אויס, וואָס אין משך פון דער וואָך מיידט זי נישט אויס קיין קריגערייען צווישן זיך, קיין צוזאַמענשטויסן — אָפּטמאָל אפילו שאַרפע צוזאַמענשטויסן.

יעדע יוגנט־גרופּע, יעדער קיבוץ, פּראַוועט דעם עונג־שבת כמעט אויף איינעם און דעם זעלבן אופן: מען זעצט זיך אוים ביי לאַנגע ווייס־געדעקטע (אויב עס זענען דאָ טישטוכער) טישן, מען צינדט אָן ליכט, מען סערווירט (אויב ס'איז דאָ) עפּעס אַ נאַשעריי; איינער, אַ פאָרזינגער, אָדער אַ פאָר־לעזער, נעמט זינגען אָדער פאָרלעזן עפּעס פון ארץ־ישראלדיקן, אָדער פון איינגענעם קאַצעט־רעפּערטואַר, און אַלע נאָך אים.

עס ווערט געזונגען אויך אַ טייל לידער פון דער אַלגעמיינער יידישער ליטעראַטור, אָבער דער טייל איז אַ באַגרעניצטער, פּשוט דערפאַר, ווייל די מערסטע פון דער יוגנט זענען אָפּגעריסן פון דער גרויסער יידישער וועלט און, במילא, פון דער אַלגעמיינער יידישער ליטעראַטור.

די מערסטע פון דער יוגנט האָבן דאָך אפילו קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט דורכצומאַכן אַ וועלכן נישט איז חדר אָדער שולע. זיי זענען אין זייערע פריסטע יאָרן אַוועקגעכאַפּט און אַוועקגעשלעפּט געוואָרן אין די תפיסות און קאַטאָרגעס (עס רעדט זיך נאַטירלעך וועגן די, וואָס האָבן על פי מזל אָדער צופאַל איבערגעלעבט די קרעמאַטאָריעס).

אַ סך פון זיי האָבן יאָרנלאַנג זיך אויסבאַהאַלטן אין וועלדער, געפירט אַ לעבן פון פּאַרטיזאַנער.

פון וואַנעט האָט זיך געזאָלט צו זיי נעמען בילדונג?

וואָלט דאָך געווען זייער נאַטירלעך, אַז מיר זאָלן אָנטרעפן אין די

לאַגערן אַ יידישע יוגנט אַ דוירכוים פאַרגרעבטע, אַ דורכוים פאַרווילדע־וועטע.

צום גליק אָבער באַגעגענען איך נישט די מערסטע פון דער יידישער יוגנט מיט אָט־דער „נאַטירלעכקייט".

פאַרקערט, איר באַוואונדערט דאָס ביסל וויסן און איינגעבוירענע אינטעליגענץ, וואָס זיי האָבן אין משך פון אַזוי פיל יאָרן פון גיהנום־לעבן איינגעהיט אין זיך, אָפּגעראַטעוועט עס און טראָגן עס אייך אַנט־קעגן מיט קינדערשער און רירנדיקער נאַאיוויטעט.

אמת, עס איז דאָ אַ טייל, וואָס איז בעזגראַמאָטנע. עס איז אויך דאָ אַ געוויסער טייל וואָס איז איבערגעפירט, דעמאָראַליזירט.

אָבער ווען איר גיט נאָר אַ טראַכט, וואָס אָט־די יוגנט האָט איבערגעטראָגן; ווען איר דערזעט זי אין איר קיילעכדיקער יתומדיקייט — שטייט איר פאַר דעם גרעסטן נס, וואָס זי, די יוגנט, טיילט אַרויס פון זיך אַזוי ווייניק דעמאָראַליזירטע און פאַרדאָרבענע.

לויט דעם סכום פון זייערע יסורים, לויט דעם כאַראַקטער פון זייערע גיהנום־דערפאַרונגען און, דערהויפּט, לויט זייער דערקענען דעם מענטש — דעם נאַצי־מענטש, וואָלט אָט־די גאַנצע יידישע לאַגער־יוגנט, אָן אויסנאַם געהאַט אַ פולע רעכט צו פאַרוואַנדלען זיך אין איין שטיק גזלן, נעמען אַ קאָלעקטיווע האַק, אַוועקלאָזן זיך איבער דער גרויסער וועלט און דערלאַנגען איר, דער גרויסער וועלט, איבערן קאָפּ — דערלאַנגען איר אַן אמתן טויט־קלאַפּ.

אָבער דער יידישער נס איז איר בייגעשטאַנען.

די יוגנט — דער קיילעכדיקער, אומשולדיקער יתום מיטן אויסגע־ברענטן אַרעסטאַנטן־נומער אויף דער האַנט — איז קיין גזלן נישט געוואָרן.

זי, די יידישע יוגנט, זיצט גאָר אין די לאַגער־געביידעם אַרום אַ שבת־דיקן טיש.

אין די הונדערטער, אין די הונדערטער זיצט זי אַרום דעם טיש.

שבתדיקע ליכט טאַנצן אונטער מיט זייערע פלעמלעך און שיקן אי־בער וואונדער־נחמות צו די אבלות־ליכט, וואָס ברענען ביי די זייטן פון דעם יזכור־טאָוול, און אויך צו די הערצער פון דער יוגנט.

*

דעם פרייטיק־צו־נאַכט, וואָס מיר פאַרברענגען אין לאַנדסבערגער לאַגער, מאַכן מיר אָפּ — שייוועץ, אפרת און איך — פאַנאַנדערצוטיילן זיך דאָס מאָל.

יעדער באַזונדער זאָל זיך לאָזן איבער די פאַרשידענע עונג־שבת פאַר־זאַמלונגען, נישט ווי אָפיציעלע געסט, נאָר אַזוי, סתם — אַריינקומען, מיט־זיצן, מיט־זיין און, ווער עס קאָן, מיטזינגען.

טוען מיר אַזוי.

אין לויף פון דער נאַכט באַגעגענען מיר זיך סיי־ווי אויף אייניקע צו־זאַמענקונפטן.

איידער איך גיי אַריין אינעווייניק, אין די ציבור־הייזער, שפּאַציר איך זיך דורך פאַר זיך אַליין, איבער די גאַסן פונעם לאַגער.

איך פיל זיך מאָדנע, ווען איך פּרוביר אָנצורופן דעם דאָזיקן דרויסן מיט דעם נאָמען גאַסן.

זענען עס טאַקע גאַסן?

איך הער דוכט זיך דעם זעלבן אָטעם און דעם זעלבן ריח, וואָס איך פלעג הערן אַמאָל, אַמאָל אין מיין קינדהייט, אין דעם דרויסן פון מיין היים־שטעטל איהומען, איך פיל דוכט זיך די זעלבע אינטימע איינגעשלאָסנקייט פון א גאַנצער וועלט — פונדעסטוועגן גיבן מיינע אַקסלען מיט אַמאָל א צוק, גיבן זיך ווידערוויליק א טרייסל, אַזוי ווי זיי וואָלטן וועלן אַראָפּטרייסלען פון זיך א נישט־ניחאדיקע זאַך.

ניין, דאָס זענען עפּעס נישט קיין גאַסן. ס׳איז נישט שטעטל. וואָרעם גאָס און שטעטל דאַרפן באַטייטן היים; שבת דאַרף מיינען מנוחה. אָבער דער שטח, וואָס איך זע צווישן אַיין הייזער־ריי און א צווייטער, איז א חלול פון היים.

דיקע, געדיכטע שאָטנס שלאָגן זיך אָפּ פון די הייזער, ווערן משונה־דיק אויסגעדרייט, פלעכטן אַרום די גאַס מיט די הייזער צוזאַמען, בלייבן ליגן אָנגעהאָרבעט אין צונויפגעקנוילטע פּחדים.

אַזוי ווי איך שלייך זיך אַרום צווישן די אַזוי־גערופענע געסלעך, דער־שפּיר איך ווי עמיצער גייט מיר נאָך.

איך גיב זיך א קער אום — נישטאָ קיינער.

איך לאָז זיך אַוועק ווייטער. ערשט ווידער — עמיצער גייט מיר נאָך און רירט מיך אַפילו אָן מיט ציטערדיקע פינגער.

איך גיב זיך ווידער א דריי־אום און שריי אויס:

— ווער איז דאָ? ווער גייט מיר נאָך?

איך זע ווידער קיינעם נישט, אָבער איך דערהער א קול, אַן ענטפער:

— איך בין מלכה שבת. דו קענסט מיך. ווי, אין וואָס פאַר אַן אומהיים איך בין פאַרטריבן געוואָרן. — דו אַליין, ווייס איך, האָסט מיך זינט יאָרנלאַנג פאַרלאָזן, אָבער אויך דו מוזט אויפקלאָגן, ווען דו זעסט אין וואָס פאַר א נישט־רו, אין וואָס פאַר א נישט־היים מען האָט מיך אַריינ־געטריבן...

און — א געוויין נעמט זיך אַרויפוואַרפן אויף מיר.

אויב אַזוי, זאָג איך צו זיך אַליין, נעם און גיי שוין אַריין אין א שטוב ערגעץ — וואַנדער נישט אַרום איבער די פאַרטאַיעטע לאַגער־געסלעך, וואָרעם דו זעסט דאָך — קאַשמאַרן שפּאַנען דיר נאָך.

*

— — — איך איל אריין אין א געביידע פון וואנען עס טראָגן זיך געזאַנגען.

א לאַנגער קאָרידאָר, א קוים באַלויכטענער. א סך טירן, פון יעדער טיר כמעט רייסן זיך דורך זינגענדיקע שטימען.

איך שטעל זיך אָפּ ביי דער ערשטער טיר.

אריינגיין? — ניין, נאָך נישט דערוויל. אז איך וועל אריין, וועט מען מיך שוין פאַרהאַלטן.

געזאַנג דערגייט צו מיר:

„געבליבן אָן טאַטן, אָן מאַמען,
פאַרלאָרן זיי אַלע צוזאַמען..."

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך שטעל זיך אָפּ ביי א צווייטער טיר. אַן אַנדער געזאַנג דערגייט צו מיר:

„בויען וועלן דעם לעבן מיר ווידער
דאָרט אינעם הייליקן לאַנד.."

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך גיי צו א דריטער טיר. איך הער:

„לכה דודי לקראת כלה,
לקראת כלה, לקראת כלה — — "

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אָט פון א וויטערער טיר דערהער איך א געזאַנג פון יינגינקע קינדער־שטימען.

איך עפן די טיר און גיי אריין.

אויף לאַנגע בענק, אין דער פאָרמע פון א חית, זיצן קליינינקע קינדער, יינגלעך און מיידלעך, פאַרפוצט שבתדיק, און זינגען, אונטער דער השגחה פון זייערע לערער און פון א גרופע פרויען — פאַרבענקטע מאַמעס.

איך זע — עמא שייוועך איז אויך דאָ. זי נעמט אויך אָנטייל אינעם געזאַנג.

געפעלט עס מיר.

איך ווער גערירט פון דער געשאַפענער היימישקייט, און נאָך מער — פון דער קינדערשער פרייד.

א מיידעלע טרעט ארויס און דעקלאַמירט, קלאָר און פול מיט אויסדרוק, פּרצעס: „טרייסט מיין פאָלק — עס דאַרף די טרייסט".

יאָ, טראַכט איך, עס דאַרף די טרייסט — — —

דעם מיידעלעס קול, דיקציע און שאַרפע באַטאָנונג נעמען אונדז אַלע־מען דורך.

אירע הענטלעך פלאַטערן און שטרעקן זיך אויס אָט ווי אַ רוף, אָט ווי אַ געבעט.

און אָט נעמט זי האַלב דעקלאַמירן, האַלב זינגען געבירטיגס:

„ עס ברענט, ברידערלעך,

עס ברענט!

אוי, אונדזער אָרעם שטעטל ברענט! — — — "

די איבעריקע קינדערלעך כאַפּן עס אונטער.

איבערן גאַנצן חלל טראָגן זיך פאַנאַנדער די ווערטער ווי אמתע שטי־קער שׂרפה.

מען זעט דאָס פייער. מען זעט דעם חורבן. ס'איז נישט גלאַט־אַזוי עפּעס געזונגען.

די קינדערלעך ווייסן וואָס עס מיינט: געברענט.

מען זעט אין זייערע אויגן, אַז זיי ווייסן. מען זעט עס אָן זייערע ליפּן.

עס ברענט ברידערלעך,

עס בר—ע—נט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר צעזעגענען זיך מיט די קינדערלעך און מיר לאָזן זיך, שייוועך און איך, צו דער דערבייאיקער געביידע, וואו דער „קיבוץ לוחמי הגטאות" (קיבוץ פון געטאָ־קעמפער, געהערט צום „דרור") פּראַוועט זיין עונג־שבת.

מיר קומען אַריין.

אַן עולם פון אַ פּאָר הונדערט יונגטלעכע זיצט אויסגעזעצט אַרום לאַנגע טישן און אויך ביי די ווענט און — זינגט.

די ליכט אויף די טישן זינגען מיט.

די ליכט ביי דעם יזכור־טאָוול זינגען מיט.

אין אָנגעזיכט פון דער פייערלעכער מסיבה, גיבן אויך די ציפערן פון זעקס מיליאָן קדושים אַ וויי אויף מיר מיט אַ יום־טובדיקער פייערלעכקייט.

אַלע זעקס מיליאָן יידן זיצן דאָ אַרום די טישן.

אַלע זעקס מיליאָן זיצן און זינגען:

„אנו עולים, אנו עולים, אנו עולים,

כי עבודה היא חיינו, היא חיינו —

אנו עולים, אנו עולים, אנו עולים."

אונדזער אַריינקומען רייסט איבער אויף עטלעכע רגעס דאָס געזאַנג. דער עולם באַגריסט אונדז מיט פרייד. מיר בעטן אַלעמען נישט געשטערט צו זיין און אָנגיין ווייטער מיטן עונג־שבת.

מיר געפינען פּלאַץ פאַר זיך און מיר מישען זיך צונויף מיטן עולם.

איך הער זיך צו צום געזאַנג (אַליין בין איך אַ קנאַפּער זינגער), און מיט מיינע אויגן נעם איך אַרום די פאַרזאַמלטע, וויפיל די בליקן מיינע קאָנען פאַרכאַפּן.

איך קוק אויף זייערע פּנימער, בחורשע, מיידלשע, איך פאָלג נאָך די באַוועגונגען פון זייערע זינגעוודיקע ליפּן, אויגן, אַקסלען, העלדזער.

אין דער אַרמאַרי, ווען איך האָב געקוקט אויף זיי פון דער בינע, האָב איך זייערע פּנימער נישט געקאָנט זען קלאָר. אָבער דאָ זע איך זיי.

אָט זיצט אנטקעגן מיר אַ בחור מיט בלאָנדע האָר. איבערן דער אויבערשטער ליפּ נעמען אים שוין אַרויסשפּראָצן וואָנסעס, אָבער זיין גאַנצער אויסזען איז נאָך ווי פון אַ קינד.

די אויגן פינטלען ביי אים, ער זוכט מיט אַלע כוחות ניט אָפּצושטיין פון די אַקטיווע זינגער.

זיין שטימע איז פול מיט געבעט.

ער איז אינגאַנצן פלאַם.

ער פאַרגייט זיך אַזש.

איך פרעג זיך אויף אים נאָך ביי מיין שכן פון רעכטס, און דער שכן, אויך אַזאַ יונג בחורל, נאָר אַ האַרטלעכער, מיט שאַרפע פאַרקלעמטע ליפּן, ניט קיין זינגענדיקע, זאָגט, קוקנדיק די גאַנצע צייט ערגעץ אַרונטער:

— אָ, דער? — אַ לובלינער פאַרטיזאַן. — דריי יאָר געווען אין די וועלדער.

מיין אויג פאַלט אויף אַ פּנים פון אַ פרוי, וואָס זיצט אויף דער באַנק אַהינטער דעם צעפלאַמטן זינגענדיקן בחורל.

מיין בליק האַלט שוין ביים פאַרבייגיין איר פּנים, אָבער ווערט, איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, פאַרכאַפּט אויף צוריק און ווערט צוגעשמידט צום אויסדרוק פון אירע אויגן, צום גאַנצן אופן, ווי זי זיצט אַ שווייגנדיקע און האַלט אירע ביידע הענט אונטערגעשפּאַרט אונטער איר גאָמבע.

ערשט איצט, אַז איך נעם אויף איר לענגער קוקן, דערפיל איך, אַז דאָס איז טאַקע אַ פּנים, וואָס מען קען אים ניט פאַרבייגיין: יונג און עפּעס ניט יונג. אירע אויגן, דוכט זיך מיר, קוקן ערגעץ אַריבער, קוקן ערגעץ ווייט, אַזוי ווי אַנטקעגן זיי וואָלט ניט געווען קיין וואַנט, נאָר אַ טיפע נאַכטיקע אָפנקייט וואָס רופט, וואָס מאָניעט.

זי הערט אַלעמען זינגען. דוכט זיך, זי שמייכלט־צו צום געזאַנג, אָבער אין דער אמתן זעסטו, אַז זי הערט זיך צו צו עפּעס אַנדערש, שמייכלט צו עפּעס אַנדערש.

איר שמייכל, זעסטו, איז אפשר גאָר קיין שמייכל נישט, נאָר אַזאַ מין נישט־געדאַכטער טרויער.

זי זיצט אַ שטילע, אַ שטילע; האַלט אירע ביידע עלנבויגנס איבערן טיש און מיט ביידע הענט שפּאַרט זי אונטער איר קאָפּ.

זי זיצט און הערט דאָס געזאַנג און — שווייגט. — — —

— ווער איז אַט די, וואָס זיצט אַזאַ שווייגנדיקע, מיט איר קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף בײדע הענט? פרעג איך ביי מיין שכן.

— דאָס איז דאָך צביה, זאָגט ער.

— וועלכע צביה?

מיין שכן ווערט אויפגעמונטערט, ער זאָגט מיט התפּעלות:

— וואָס הייסט, וועלכע צביה? איינע פון די העלדישע אָנפירערינס פון דעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ, איינע פון די ווייניקע וואָס זענען איבערגעבליבן לעבן און פאַרגעזעצט ווייטער דעם קאַמף קעגן דעם שונא, און איצט איז זי דאָ מיט אונדז. נישט לאַנג געקומען אין לאַגער. זי גייט קיין ארץ. — — — איר'ט ניט געהערט פון צביה לובעטקין?

איך בלייב זיצן אַ געפּלעפטער. איך נעם זיך דערמאָנען, און דערמאָן זיך, אַז דער נאָמען איז מיר טאַקע באַקאַנט. כ'האָב טאַקע געלייענט ערגעץ וועגן דער העלדישער צביה לובעטקין.

ווי מאָדנע און פשוט. — איז אַט איז זי דאָ. איז אַט זיצט זי אַנטקעגן מיר. — — —

די אָנפירערין פונעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ. פשוט: אַט זיצט זי.

. . . דער אויפשטאַנד — — —

אַזוי ווי דורך אַ טומאַן גייט אויף אין מיר אַ דערמאָנונג, אַז איך האָב געשריבן אַ דראַמע „דער נס אין געטאָ", און אַז אין ניו יאָרק איז עס אין משך פון וואָכן געשפּילט געוואָרן אין טעאַטער.

ווי אַזוי איז עס געשען? טראַכט איך. ווי אַזוי איז עס פאַרגעקומען? ווי אַזוי איז עס געשפּילט געוואָרן?

ווי אַזוי און ווען?

צי איז עס נישט קיין חלום?

צי איז עס טאַקע אמת, אַז איך האָב געשריבן אַזאַ דראַמע? — ווי אַזוי האָב איך געוואַגט?

גאָט איז מיין עדות, אַז — — — —

אָ, עס זענען געווען תרעומות אויף מיר. אפשר זענען די תרעומות געווען גערעכט?

אַנדערע האָבן געפרעגט: פאַרוואָס נס?

אָבער אַט זיצט דאָך אַנטקעגן מיר דער נס אַליין.

זיצט אַזוי פשוט, אַזוי אומעטיק און שווייגט.

מיט אַמאָל הער איך מיין נאָמען אויסרופן.

דער פאָרזיצער באַגריסט. בעט מיך זאָגן עפּעס. עמאַ שייוועד בעט ער, אַז זי זאָל עפּעס זינגען.

מיר זאָגן זיך, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּ.

איך שטעל זיך אויף און רעד:

— איך בין אינגאַנצן באַהעפט מיט אַלע, וואָס זיצן דאָ. אַ פרייד, וואָס איך בין מיט איך, אַ טרויער וואָס איך בין נישט ווי איר. אַמאָל, אַמאָל בין איך אויך יונג געווען, און היינט? — היינט דאַנק איך פאַר דער זכיה צו זיין כאָטש אין אייער מסיבה, יידישע בחורים און מיידלעך. איר האָט אויף אייער יונגן לייב דורכגעטראָגן אַזויפיל אמתע עקדה־פייערן, — דורכגעטראָגן בפועל־ממש. דורכגעטראָגן — און אָט זיצט איר און איר זינגט — — —

מיינע ווערטער האַקן זיך מיט אַמאָל אָפּ. לעבן מיר, ביי דער לינקער האַנט, אויף אַ באַזונדער באַנק, זע איך פינף מיידלעך זיצן, טוליען זיך איינע צו די אַנדערע, חברטעס, פופצן־יאָריקע. (ווי איך דערוויס זיך שפּעטער: יתומות. טאַטע־מאַמע אומגעקומען אין קרעמאַטאָריעס און תפיסות) . . . אַלע פינף נעמען מיטאַמאָל אַרונטערזינקען מיט זייערע כמעט נאָך־קינדישע קעפּ, אַ פאַרשטיקט געוויין נעמט זיך רייסן פון זייערע העלדזער.

זיי ווילן דאָס געוויין אַריינטרייבן צוריק אין האַרץ אַריין, אָבער עס סטאַיעט זיי קיין כוח ניט. זייער געוויין ברעכט אַרויס.

איך פיל, אַז נאָך אַ רגע און דאָס געוויין וועט אַלעמען אַרומכאַפּן.

איך פּרוביר איינגעמען די שלוכצנדיקע קינדער. איך גלעט זיי איבער די קעפּ. איך פּליסטער צו זיי טרייסט־ווערטער, וואָס קיינער הערט ניט. מיר דוכט זיך, אַז אויב זיי וועלן נישט אויפהערן צו וויינען, וועל איך אַ פאַל טאָן אויף די קני פאַר זיי און געבעטן און אין שולדיקייט.

אַ דאַנק גאָט. דאָס געוויין לאָזט זיי אָפּ. זיי קומען צו זיך. זיי ווערן באַרואיקט.

די ווירקונג אָבער פון זייער געוויין הענגט נאָך איבער דעם גאַנצן עולם.

איך זאָג צו עמאַ שייוועד: זינגט עפּעס. געזאַנג וועט אַלעמען באַרואיקן.

— יאָ, יאָ, כאַפּן אַלע אַרומיקע אונטער. חברה עמאַ שייוועד זאָל זינגען.

און מערקווירדיק — אַלע בעטן: „כל נדרי״.

עמאַ שייוועד קוקט זיך איבער מיט מיר: „כל נדרי״ וועט דאָך נאָך מער פאַרשטאַרקן די טרויער־שטימונג.

אָבער דער עולם בעט.

עמאַ שייוועד, אַליין אַ דורכגענומענע מיט צעבראָכנקייט, נעמט זינגען „כל ־נדרי״. זינגט גוט, מיט עצבות און דערהויבנקייט.

כמעט אַלע אַרום די טישן וויינען שטיל אין זיך. איבער אַ סך פּנימער שטראָמען טרערן. איך בין ניט קיין אויסנאַם. אויך צביה לובעטקין, זע איך, האָט אוועקגענומען די הענט פון אונטער איר קין, איר קאָפּ איז אַרונטערגעזונקען.

יאָ, אַלע ווײנען. אָבער עס מאַכט נישט. ס׳איז אַ גוט און לויטער געוויין.

אין אַ צען־פופצן מינוט אַרום איז געשען דאָס וואונדערלעכסטע:

די טישן און די בענק זענען אין איין הרף־עין פאַנאַנדערגערוקט געוואָרן, ס׳איז אויסגעוואַקסן מיט אַמאָל אַן אומגעריכטער גרויסער זאַל, און דער גאַנצער עולם, ווי דורך אַ שטורעמווינט געטראָגן, איז אַוועק אין אַ רעשיקער קאָפּ־שווינדלדיקער האָרא.

איך נוץ אויס אַ פּאַסיקע רגע, גיי־צו צו צביה לובעטקין און באַגריס זי.

— איך בין זייער צופרידן צו קענען אײַך און צו זען אײַך, זאָג איך.

— אויך איך בין צופרידן צו זען אײַך דאָ, זאָגט זי, כאָטש קענען קען איך אײַך.

— זענט איר, הייסט עס, טאַקע צביה און — טאַקע פון וואַרשעווער אויפשטאַנד.

— נו, — זאָגט זי שטיל און טרויעריק, — נו, וואָס?

— וואָס זאָל זײַן? זאָג איך. — ס׳איז אַ סך צו רעדן, זייער אַ סך. אָבער איצט איז דאָך ניט שײַך צו רעדן. ס׳ווילט זיך מיר פּשוט נאָר זאָגן, אַז ס׳איז אַ פרייד צו זען אײַך.

— אַ דאַנק אײַך.

— איר פאָרט קיין ארץ־ישראל?

— יאָ.

— זײַט מצליח.

— אַ גרויסן דאַנק אײַך.

די האָרא גייט אָן.

איך שלײַך זיך אַרויס פון זאַל אין קאָרידאָר אַרײַן. איך זע טירן, איך פּרוביר אויף טרעף אַן עפן טאָן אַ טיר — ס׳איז אָפן.

דאָס מוזן זײַן, טראַכט איך, די שלאָף־צימערן פון דער יוגנט, וואָס טאַנצט די האָרא דאָרט.

איך גיי אַרײַן אין ערשטן צימער. בעטלעך אויף בעטלעך. אַ צען־צוועלף אַן ערך. איינע איבער די אַנדערע.

אַ קליין עלעקטריש לעמפּל שימערט אין אַ ווינקל. קיינער, דוכט זיך, נישטאָ.

איך גיי דורך פאַרביי אַלע בעטלעך צו אויספּרובירן ווי עס זענען אויס די געלעגערס. צי זענען ווייך די מאַטראַצן, צי האָבן זיי ליילעכער אויף זיך.

ניין. זיי האָבן נישט. ווי אומעטום.

מיטאַמאָל פון ערגעץ פון אַ בעטל — אַ מיידלש דערשראָקן קול:

— ווער איז דאָ?

איך דרינג אַדורך די טונקלקייט און דערזע: אויף איין בעטל, אונטער אַ האָרב מיט קאָלדרעס, ליגט עמיצער אויפגעדרייט, צונויפגעדריקט. אַ

צעשויבערטער מידלשער יונגער קאָפּ שטעקט אַרויס, און פּיבערדיקע ליפּן זאָגן נאָך אַמאָל:

— ווער איז דאָ?

איך זאָג איר מיין נאָמען.

זי בעט אַנטשולדיקונג פאַר איר דערשרעקן זיך. זי איז נישט געזונט היינט, זאָגט זי. זי האָט פּיבער. ליגט זי איינע אַליין אונטער די קאָלדרעס און האָט צער, וואָס זי קאָן נישט זיין מיט אַלעמען אויפן עונג־שבת.

איך זע, אַז איר איז שווער צו רעדן. אירע ליפּן ציטערן. באַרויאיק איך זי:

— פּרובירט איינשלאָפן.

— עס שלאָפט זיך נישט, זאָגט זי. אַ גאַנצע נאַכט אַז איך וואַרף זיך אַרום. כ׳האָב היץ, זעט אויס. און דאָ גייט מיר אויס דאָס חיות צו זיין מיט אַלע חברים און חברות אין דער האָרא דאָרט, איר הערט ווי זיי טאַנצן?

— אייך איז קאַלט, זע איך. אַרויפלייגן אויף אייך אפשר נאָך אַ קאָלדרע?

— ניין, מען דאַרף נישט. אַ דאַנק אייך. כ׳וועל פּרובירן איינשלאָפן.

זי קאָרטשעט זיך צונויף נאָך מערער. באַהאַלט איר פּנים אונטער די קאָלדרעס. נישטאָ זי מער.

איך שלייך זיך אַרויס פונעם צימער. איך בלייב שטיין אויף דער צווייטער זייט טיר.

איך שטיי אַ ווייַלע, עפן ווידער אויף פּאַמעלעך די טיר, רוק אַריין מיין קאָפּ אין צימער און הער זיך איין.

ס׳איז שטיל. איך שטרענג אָן מיינע אויגן אַהין צום חולה׳ס געלעגער.

דער קנויל קאָלדרעס, זע איך, באַוועגט זיך נישט.

איך פאַרמאַך צוריק די טיר און לאָז זיך צום אַרויסגאַנג — צו דער גאַס.

די האָרא באַגלייט מיך אַלץ שטורעמדיקער און שטורעמדיקער.

דער גאַנצער לאַגער, דוכט זיך מיר, טוט זיך אָן אין האָרא־פליגלען און פלאַטערט.

✶

28־טער אַפּריל.

— — — זונטיק פרימאָרגן. מיר עסן פרישטיק אינעם „אונרא"־הויז צוזאַמען מיטן דירעקטאָר, דר. גלאַזגאָלד.

מיר איילן זיך, ווייל מיר זענען שוין גרייט, איינגעפּאַקט, צו פאַרלאָזן לאַנדסבערג קיין סאַנט'אָטיליען, ווי מיר האָבן זיך אָפּגערעדט נאָך פון פריער מיט דעם פּרעזידענט פון דעם יידישן צענטראַל־קאָמיטעט דר. זלמן גרינבערג, וועלכער וואוינט אַליין אין סאַנט'אָטיליען און איז דער דירעקטאָר פון דעם גרויסן שפּיטאָל דאָרט.

סאַנט'אָטיליען, ווי דער נאָמען אַליין באַווייזט — אַ קאַטוילישער מאָנאַסטיר, איצט — אַ געוועזענער מאָנאַסטיר, איז פאַרבונדן מיט אַ סך אויסטערלישע מעשיות און אפילו שוין לעגענדעס, ווי אַזוי דער מאָנאַסטיר איז, נאָך דער באַפרייאונג, דורך אַ געוואַגטקייט פון דר. ז. גרינבערג, פאַרנומען און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סאַנאַטאָריום פאַר יידישע לאַגער־קראַנקע און אויך אין אַ היים פאַר אַ צאָל יידישע יתומים־קינדער.

אַ קליין ווינקל אין סאַנט'אָטיליען איז נאָך אויך איצט אַ מאָנאַסטיר. עס האַלטן זיך נאָך אויף דאָרט אַ פּאָר צענדליק מאָנאַכן, לעבן זייער אָפּגעשלאָסן לעבן, שפּאַצירן אַרום אין זייערע אָפּגעצאַמטע טריט און קלינגען אין די גלעקער פון קלויסטער־טורעם, וואָס איז אין זייער רשות.

פריער, בימי היטלער, האָט דער מאָנאַסטיר, ווייזט אויס, געהאַט אַ גרויסע מאָנאַכן־באַפעלקערונג, ווייל ער פאַרנעמט אַ גרויסן שטח אויף אַ בערגיק פעלד און איז אַרומגעצאַמט מיט מאַסיווע שטיינערנע ווענט, ווי אַ פעסטונג.

ער פאַרמאָגט אַ סך געביידעס, געסלעך, ווינקלען. ווייט פון שטאָטיקן ישוב. אַן אָפּגעשלאָסענע, טיף־איזאָלירטע וועלט פאַר זיך.

אין דער סאַנט'אָטיליענער מאָנאַסטירן־פעסטונג, וואָס איז איצט אַ יידישער סאַנאַטאָריום און אַ שפּיטאָל, געפינען זיך היינט איבער פינף הונדערט יידישע פּאַציענטן, אַ חוץ באַאַמטע, אַ חוץ אויך דער קינדער־קאָלאָניע.

גראָד איז מיר און עמאַ שייוועך אויסגעקומען צו זען דעם סאַנט'אָ־טיליען־מאָנאַסטיר גלייך אין דעם ערשטן טאָג פון אונזער אָנקומען קיין מינכען. מיר האָבן, ווי איך האָב שוין דערציילט פריער, אָנקומענדיק קיין

מינכען, געזוכט וועגן, ווי אזוי צו שטעלן זיך אין פארבינדונג מיטן דר. גרינבערג, וועמען מיר האָבן געהאָפט גלייך צו טרעפן אין שטאָט, און נישט געטראָפן.

האָבן מיר, עמא שייוועור און איך, אויף דער עצה פון דר. שאַפּיראָ פון „דזשאָינט", געלאָזט זיך, צוזאַמען טאַקע מיטן דאָקטאָר שאַפּיראָ, אויף א דזשיפּ פון מינכען קיין סאַנט'אָטיליען, א שטרעקע פון זעכציק מייל, צו טרעפן זיך דאָרט מיט דר. גרינבערג.

אונזער רייזע, איז, לײדער, געווען אַן אומזיסטע, ווייל דר. גרינבערגן האָבן מיר נישט געפונען. ער איז גראָד דעמאָלט געווען אין גאַרמיש. דעם מאַנאַסטיר אָבער, וואו עס איז היינט דער יידישער סאַנאַטאָריום, האָבן מיר דערוייל יאָ געזען.

זיין אויסזען אין זיין פעסטונגדיקער אָפּגעזונדערטקייט, אַן ארומגע־רינגלטער מיט פרילינגדיקע פעלדער און וועלדער, מיט זיין טורעמדיקן צלם אריינגעשטאָכן אין אָוונטיקן הימל, האָט פּשוט ניט געלאָזט גלייבן, אַז דאָס איז איצט א יידיש פּלאַץ.

איך האָב אויפגעריסן די אויגן אין מיין ערשטער געפּלעפּטקייט אויף דער דייטשישער ערד.

זעט עס נישט אוים ווי א חלום? — ערשטער אָוונט אויף דייטשישע פעלדער. ערשטער טויער, וואָס פירט מיך אריין אין א וועלט פון צלם, גלעקער און — פון יידישע „די־פּי".

א קאַלטער, טיף־בלויער אָוונט־הימל האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער און נישט מיטגענומען מיט זיך דעם טורעמדיקן צלם, נישט פאַר־דעקט אים, נישט באַהאַלטן אים פון פאַר מיינע אויגן.

ווילדער חלום.

נישט איינמאָל מאַכט ער אויפציטערן מיין האַרץ אויף דער דייטשישער ערד.

מיין האַרץ און אויך דאָס האַרץ פון יעדן יידישן „די־פּי".

*

— — יאָ, זונטיק פרי, אין לאַנדסבערג. מיר האַלטן שוין ביים ענדיקן פרישטיק. אָט, וואַרטן מיר, וועט אריינקומען דר. גרינבערג צוזאַמען מיטן רעדאַקטאָר פון „אונזער וועג", לוי שאַליטאַן, ווי עס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן נאָך מיט טעג פריער, און מיר וועלן אַלע זיך לאָזן קיין סאַנט'אָטיליען.

מיטאַמאָל — דער טעלעפאָן קלינגט. מען רופט צום טעלעפאָן דעם דירעקטאָר דר. גלאַזגאָלד.

דער דירעקטאָר גייט אַרויס און קומט גלייך צוריק אַ בלאַסער, אַ נער־ווועזער.

— וואָס איז געשען? — פרעגן אַלע.

— אומרוען אין אונדזער לאַגער!

— אומרוען?

— יאָ. אינעם יוגנט־קיבוץ „דרור" אין דיסען, ניט ווייט פון לאַנדס־בערג, זענען היינט נאַכט, צווישן צוויי און פיר אַזייגער פאַרטאָג, פאַר־שוואונדן פון זייער וואַך־פּאָסטן צוויי בחורים שומרים. פאַרשוואונדן און נישטאָ זיי. איבערן גאַנצן לאַגער אונדזערן האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז די צוויי יידישע בחורים זענען געקידנעפּט און דערמאָרדעט געוואָרן פון דייטשן. דער גאַנצער לאַגער איז אויף די פיס, שטורעמט, רייסט זיך אין שטאָט אַריין. אַמעריקאַנער מיליטער האָט שוין אַרומגערינגלט דעם לאַגער און פאַרבלאָקירט דעם טויער. די לאַגע איז זייער אַן ערנסטע.

דר. גלאַזגאָלד מיט זיין שטאַב לאָזן אונדז איבער און איילן אַוועק צום לאַגער.

אין דעם קומט אַריין דר. זלמן גרינבערג.

אין זיין פּנים דערקענען מיר גלייך, אַז ער ווייסט שוין פון אַלץ.

ער זעצט זיך אַרונטער, פאַרזינקט אויף אַ רגע אין צער, שיר נישט אין פאַרצווייפלונג, הייבט זיך פלינק אויף, אַלע אברים אין אים פּיבערן. ער זאָגט:

— איך בין געקומען מיט מיין מאַשין צו נעמען אייך, ליבע פריינט און געסט, צו זיך, קיין סאַנט־אָטיליען. דער גאַנצער שפּיטאָל וואַרט אויף אייך, דערהויפּט די קינדערלעך מיט די אויפּפּאַסערס. די קינדערלעך וועלן אין אַ שעה אַרום זיין אַלע אויסגעשטעלט ביים טויער־אַריינגאַנג מיט אַ צוגעגרייטן פּראָגראַם און קבלת־פּנים צערעמאָניע. די קינדערלעך גרייטן זיך שוין אויף דעם זינט עטלעכע טעג.

— אָבער ווי קאָנען מיר איצט אַוועקפאָרן פון לאַנדסבערג? — זאָגן מיר אַלע דריי.

— איך טראַכט אויך דאָס זעלבע. ווי קאָנען מיר איצט אַוועקפאָרן פון דאַנען? — זאָגט גרינבערג. און זיין אומרו וואַקסט אין אים פון רגע צו רגע, אַזוי ווי אין אונדז אַלע דריי. — איך מוז גלייך גיין אַהין. און איר — אפשר וואָלט איר נישט גיין? ווייל ווער ווייסט, מאַלע וואָס ס'מאַכט זיך. איר זענט אונדזערע געסט, און מיר מוזן אייך פאַרהיטן. אפשר וואָלט איר געזעסן דאָ און געוואַרט, ביז איך וועל צוריקקומען?

— ניין, דאָס האָט קיין זינען נישט, זאָגן מיר. — איר ווייסט דאָך אויך נישט, וואָס דאָרטן טוט זיך. וועלן מיר גיין מיט אייך צוזאַמען.

— אָבער אין סאַנט־אָטיליען וועלן וואַרטן אויף אייך די קינדערלעך.

—פאַרפאַלן. מיר וועלן נישט פאָרן איצט אַהין. מיר מוזן אַפריער זען, וואָס אין לאַגער טוט זיך.

מיר לאָזן זיך אַלע צום לאַגער. נישט אין גרינבערגס מאַשין. צו־פוס. אַ מהלך פון אַ זיבן־אַכט בלאָק, אַן ערך.

מיר גייען דורך איינער פון לאַנדסבערגער הויפּט־גאַסן. פון אָנהייב באַגעגענען מיר גאָרנישט. ס'איז, דוכט זיך, שטיל און רואיק אַרום. לאַנדס־בערגער דייטשן קומען אונדז אַנטקעגן, לאָזן אונדז דורכגיין, קערן זיך אָפּ אין אַ זייט, אַנשטויסנדיק זיך אויף אונדזער „אונרא״־קליידונג. בויגן אַרונטער די קעפּ.

מיך אָבער, וואָס כ'וויים שוין, אַז דאָרט, אין יידישן לאַגער, איז אַ מהומה, גיט יעדע באַגעגעניש איצט מיט אַ דייטש אַ זעץ אין האַרצן.

זייער שטילקייט איז מיר פאַרדעכטיק. זייער יעדער ווייכער טראָט הילכט אָפּ אין מיר מיט דעם שפּאַן פון אַ שטורעם־טרופּער. איך זע אין יעדן פון זיי אַ לויערער און אָן אָנגעפּילטן מיט שאָדן־פרייד.

— אַהאַ, — זאָגט איעדער טראָט זייערער, — איר, יידן, זענט דוכט זיך, היינט די זיגער, און מיר — די באַזיגטע; פונדעסטוועגן, ווער גייט אַרום ווי אַ פרייער תושב איבער לאַנדסבערג? — מיר, די באַזיגטע. און ווער זיצט אין אַ לאַגער לעבן לאַנדסבערג, אין מורא פאַר אונדזערן אָנפאַל? — איר, די זיגער.

יאָ. אַזוי איז דאָס, אַזוי איז דאָס.

וואָס נעענטער מיר קומען צום טויער פון לאַגער, אַלץ קענטיקער דערפילן מיר, אַז דאָרט קומט עפּעס פאָר.

מיר דערזעען עס אין אַ גרופּע דייטשע פּאָליציי, וואָס שטייט אָפּגערוקט פונעם לאַגער אויף אַ צוויי בלאָק; נאָך מער דערזעען מיר עס אין אַ סקאַדראָן אַמעריקאַנער מיליטער, וואָס שטייט מיט די ביקסן אין די הענט— די דולעם אויסגעשטרעקט צום לאַגער.

אָבער נאָך מער דערהערן מיר עס. עס דערטראָגט זיך צו אונז אַ גוואַלדיקער שטורעם, וואָס רייסט זיך פון הונדערטער יידישע העלדזער פון יענער זייט טויער.

מיר קומען צו צו די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן. אַ סקרוך גייט מיר דורך איבערן לייב, ווען איך דערזע דעם אויסדרוק אויף זייערע יונגע פּנימער, די איבערגעדעקטע מיט העלמעטס.

קאַלטע פאַרגליווערטע מאַסקעס. אין די מאַסקעס בייזע, צילעוודיקע אויגן — אַזוי צילעוודיק, ווי די מאַשין־ביקסן אין זייערע הענט.

אָט דאָס זענען אונזערע יונגע אַמעריקאַנער בחורים, וואָס אָקופּירן, הייסט עס, אַ לאַנד פון אַ שונא, און וואָס דאַרפן אַרויסווייזן אַ באַזונדערע וואַרימקייט צום שונאס קרבנות?

אָט דאָס זענען זיי? — אָט די, וואָס שטייען מיט אָנגעצילעוועטע ביקסן אַנטקעגן די הערצער פון די אומגליקלעכע „די־פּיס״?!

אָ, וויפיל מאָל האָב איך שוין געזען אין מיין לעבן אַזוינע סצענעס, ווען אַ הילפלאָזע, נישט־באַוואָפנטע, איינגעקלעמטע און אויפגעשטורעמטע

מאַסע שטייט אַנטקעגן אַן אָנגעפּאַנצערטער, מיליטעריש־גזלנישער ראָטע, וועלכע איז גרייט ביי יעדער נישט אויסגערעכנטער האַנדלונג מצד דער מאַסע צו געבן אַ זאַלפּ און אַוועקלייגן אויפן אָרט צענדליקער הרוגים!

הייסט עס — אויך דאָ? אויך איצט?

די פּנימער פון די פאַרגליווערטע יונגע אַמעריקאַנער זעלנער לאָזן נישט איבער אין אונז קיין צווייפל, אַז זיי וועלן זייערע פינגער נישט אָפּהאַלטן פון צו ציען די שיס־צינגלעך פון זייערע ביקסן, ווען דער מאָמענט און דער באַפעל וועלן קומען. —

מיר לאָזן זיך דורכן טויער אין לאַגער אַריין.

דער אָפיצער שטעלט אונז אָפּ. מיר זאָגן אים ווער מיר זיינען און ווער דר. גרינבערג איז.

ער דערלויבט אונז אַריינגיין.

מיר פרעגן אים פאַרוואָס האַלט ער זיינע סאָלדאַטן מיט די ביקסן אָנגעשטעלט צום טויער? צי הערט ער נישט די שטורעמדיקע פּראָטעסטן פון דער לאַגער־מחנה אַנטקעגן אַזאַ האַנדלונג? צי פאַרשטייט ער נישט, אַז שוצלאָזע מענטשן קאָנען ניט אַריבערטראָגן, ווען מען שטייט אַנטקעגן זיי מיט אויסגעשטרעקטע שפּיזן?

— זאָל די מאַסע זיך צוריקציען אין לאַגער אַריין, וועלן מיר אַוועק־נעמען די ביקסן, זאָגט דער אָפיצער. די מאַסע רייסט זיך אין שטאָט אַריין אויף אַ דעמאָנסטראַציע און, עס קען זיין אויך, צו נעמען נקמה פון דייטשן אויף די גאַסן. — האָב איך אַ באַפעל נישט צו דערלאָזן עס. אויב די יידן וועלן זיך רייסן מיט גוואַלד און וועלן פּרובירן זיך דורכרייסן דורך מיין מיליטער, האָב איך אַ באַפעל צו שיסן, און כ׳וועל דעם באַפעל דורכפירן.

מיר גייען דורך דעם טויער. מיר טרעטן אַריין אין לאַגער. אַ מחנה פון טויזנטער, מענער, פרויען, קינדער, אַלט און יונג, מיט אויסגעשטרעקטע הייזעריקע העלדזער, וואַרפן שטורעמדיקע קולות צום טויער, צום מיליטער און אין גאַנצן חלל אַריין — צו די גאַסן, צו די מויערן, צו די פיר זייטן פון דער וועלט, צו די הימלען אַליין:

— ברענגט אונז לעבעדיקע די צוויי אַוועקגערויבטע יינגלעך אונזערע. אויב נישט — לאָזט אונדז אַרויס נקמה נעמען. נקמה! נקמה!

אויף אַ געמויערטן סלופּ ביים סאַמע טויער, אינווייניק אין לאַגער שוין, שטייט דר. גלאַזגאָלד און רעדט צום אויפגעשטורעמטן עולם. ער אַפּעלירט, ער בעט זיך אויף זיין שלעכטן יידיש, אַז דער עולם זאָל נישט ריזיקירן אין זיין פאַרצווייפלונג צו דורכרייסן זיך דורך דעם מיליטער, ווייל עס וועט זיין אַ קאַטאַסטראָפע.

דאָס מאָל, פילן מיר, איז דר. גלאַזגאָלד אויף זיין געהעריקן פּלאַץ און טוט זיין פליכט. זיין אַפּיל אָבער דערגרייכט נישט צום עולם. דער אויפ־געשטורעמטער עולם שרייט אים איבער.

הענט, מיט אויסגעברענטע תפיסה־נומערן אויף זיי, וואַרפן זיך ווי

אין קאָנוואולסיעס; די זעלבע הענט רייסן פונאַנדער אויף זיך די בלוזעס און העמדער, עס עפענען זיך פאַנאַנדער נאַקעטע אויסגעפייניקטע ברוסטן און הערטע, קאָנוואולסיווע פויסטן זעצן אין זיי. טויזנטער העלדזער גוואַלדעווען:

— בעסער שיסט אין אונדז אַליין, איידער מיר זאָלן אַזוינס פאַרשווייגן. שיסט אין אונז. שיסט!

די אַנונג פון אַ קאַטאַסטראָפע וואַקסט אין אונדז.

מיר קריכן־אַרויף אויף די טרעפּ אַרום דעם געמויערטן סלופּ ביי דעם טויער פון לאַגער. מיר שפּאַרן זיך אָן אין די טרעפּ און אין אַ צעניזקטן אויטאָמאָביל, וואָס די מאַסע, איידער מיליטער איז געקומען, האָט דערוויזן צו פאַרכאַפּן. דער אויטאָמאָביל איז צעשעדיקט געוואָרן, ליגן געבליבן אַ צעלעכערטער ביים סאַמע טויער.

מיר שטייען אויף די טרעפּ. מיר פילן דעם גערעכטן צאָרן פון אונדזערע ברידער, אָבער מיר זעען, אַז מען מוז זיי פּאַרט באַרואיקן.

מיר טוען אַלץ, וואָס מיר קאָנען צו דערגרייכן עס, אָבער אָן דערפאָלג.

מיטאַמאָל גיט פונעם צעשעדיקטן אויטאָמאָביל אַ שאָס אַרויס אַ גוואַלדיקער פלאַם. זיין געזאָלין האָט אויפגעריסן. געדיכטע קנוילן שטיקנדיקער רויך קייקלען זיך פאַנאַנדער.

מיר לאָזן אַלע שנעל זיך אַרונטער צו דער ערד, כדי אויסצומיידן פייער־צונגען, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער אַלעמענס קעפּ מיט אַ דונערדיקן אויפרייס.

אַ נס — קיינער איז נישט געטראָפן געוואָרן.

דער אויפרייס האָט אַזוי ווי איבערגעהאַקט דעם שטורעם פון דער מאַסע.

די געשרייען האָבן אָנגעהויבן אָביסל אָפּפאַלן. דער גערעכטער רוף נאָך נקמה האָט אָנגעהויבן מיד ווערן, הייזעריק ווערן.

עס נעמט איצט רעדן דר. גרינבערג. ער נעמט אַפּעלירן און אויפווייזן, אַז מען דאַרף זיך קודם־כל אָביסל באַרואיקן, מען דאַרף זיך צוריקציען פונעם טויער, אוועקגיין אין לאַגער און דאָרט באַשטימען, וואָס ווייטער צו טאָן. מען מוז אָבער אַלץ טאָן מיט אַ פּלאַן, אָרגאַניזירטערהייט — דורך אויסגעקליבענע פאָרשטייער, און נישט גלאַט דורך פאַרצווייפלטער היסטעריע, וואָס קאָן אונדז קאָסטן אַ סך קרבנות.

אין דעם זעלביקן אופן האָב איך אויך גענומען רעדן צום עולם. געפילט, אַז מען מוז דאָס טאָן.

מיט גרויס מי איז אונדז אַלעמען געלונגען אוועקצונעמען דעם עולם פון דעם טויער — פון דער סכנה אויפצופּראָוואָצירן די אויסגעשטרעקטע ביקסן.

דער עולם, אַ צעפּייניקטער, האָט זיך צוריקגעצויגן אין לאַגער אַריין. ערשט דאָרט האָט זיך פון דאָס ניי פאַנאַנדערגעקאָכט די אומרו —

די פאַרצווייפלונג איבער דעם פאַרלוסט פון די צוויי ייִנגלעך־שומרים און — דערהויפּט — איבער דער נישט־געשטילטער נקמה.

איבער אַלע ווינקלען פונעם לאַגער האָבן זיך גענומען פאַרמירן גרופּעס און פאַרזאַמלונגען, געלויפעריַיען פון איין פּונקט צו אַ צווייטן, מהומה־אַנגסטן און כלערליי קלאַנגען און ידיעות — אַט וועגן אַ געשלעג אין איין אָרט, אַט וועגן אַן אָנפאַל אין אַ צווייטן אָרט.

ווער שלאָגט? ווער פאַלט אַן? — קיינער זאָגט נישט קלאָר. קיינער ווייסט נישט.

(אין דער אמתן זענען דאָס געווען נישט מער ווי קלאַנגען וועגן ייִדישע אָנפאַלן, וואָס האָבן, ליידער, געקאָסט די פריַיהייט פון 20 ייִדן פון לאַגער.

די אָקופּאַציע־מאַכט, אַנשטאַט צו זוכן די צוויי פאַרשוואונדענע ייִדישע שומרים, און אַנשטאַט צו וועלן מיט אַלע מיטלען באַרואיקן די אויפגערעגטע, האַלב־קראַנקע און פאַרצווייפלטע לאַגער־ייִדן, האָט זי גאָר מיט שעהן שפּעטער אַרעסטירט אין לאַגער 20 יונגעליַיט אויף דער קלאַגע פון פּויליש אָנגריף אויף דעם מיליטער און דערנאָך, מיט וואָכן שפּעטער, זיי געמשפּט דורך אַ מיליטער־געריכט און זיי פאַרמשפּט צו טערמינען טורמע.

אַז קיינער האָט נישט אָנגעגריפן, נישט אָנגערירט מיט קיין פינגער די זעלנער, וואָס זענען געשטאַנען ביים טויער, זענען מיר אַלע געווען עדות. אויב די ייִדן האָבן יאָ אָנגעגריפן, האָבן זיי אָנגעגריפן דעם ליידיקן חלל, די וויַיטע הימלען און זיך אַליין — זייער אייגן צעווייטיקט האַרץ.)

*

אַזויגער איינס איז דער לאַגער־שטורעם אַריין אין זיינע ברעגן, און מיר מיט דר. גרינבערגן האָבן באַשלאָסן, אַז מיר קאָנען פון דאַנען אַוועקפאָרן.

עס רעדט זיך נאָר — קאָנען. דאָס האַרץ האָט אין אונדז ממש פּראָטעסטירט קעגן זיך אַליין. אָבער טאָן האָבן מיר מער נישט געהאַט וואָס צו טאָן אין דעם מאָמענט אין לאַגער, און דאָרט, אין סאַנט'אָטיליען און אין אַנדערע לאַגערן, וואַרט מען אויף אונדז. מוזן מיר אַוועקפאָרן, ווי שווער אונדז זאָל נישט זיין איבערצולאָזן די לאַנדסבערגער ברידער אין אַזאַ צעפּייניקטן טרויער.

מיר לאָזן זיך מיט אַ צערודערטן געמיט אַרויס פון דעם לאַגער. מיר גייען־דורך די זעלנער־רייען וואָס שטייען נאָך ביים טויער, אָבער שוין נישט אַזוי שפּיציק־אָנגעשטרענגט און מלחמה־גרייט. זייערע פּנימער שוין אביסל נאָכגעלאָזן און די ביקסן — אַרונטער צו דער ערד.

דער אָפיצער לאָזט אונדז דורך — אפשר פילט ער זיך גליקלעך, וואָס

דער שטורעם איז אריבער, און וואָס ער האָט נישט באַדאַרפט שיסן אין שוצלאָזע מענטשן.

אָבער — איז טאַקע דער שטורעם אריבער? וועט דער שטורעם נישט אויסברעכן מאָרגן ווידער, איבערמאָרגן ווידער?

קאָן אַ פאַרצווייפלונג פון מענטשן, וואָס זענען באַרעכטיקט צו זיין פאַרצווייפלט, לאַנג ליגן פאַרשטיקט אין זיך?

קאָן אַ מלחמה־געליטענע יידישע מאַסע, צו וועמען אמעריקאַנער זעלנער זענען לכתחילה געקומען ווי באַפרייער, איבערטראָגן אַזאַ באַליי־דיקונג, אַזאַ ווייטיק, ווען זי זעט ווי די באַפרייער שטייען אַנטקעגן איר מיט אויסגעשטרעקטע באַיאָנעטן און מיט דעם אמתן, געוועזענעם, און אויך איצטיקן, שונא חברן זיי זיך?

קאָן בכלל אַזאַ שאַרף־שפּירנדיקער יידישער עולם לאַנג ליגן און שטיקן זיך אין לאַגערן און פּילן, אַז אינגאַנצן איין יאָר ערשט נאָך דער מלחמה — און שוין דרייען זיך ווידער איבער זיין קאָפּ די קאַשמאַרן פון דייטשישן מאָרד, שרעקן פון נייע פּאָגראָמען און אָנפאַלן?

צי קלערט דער אמעריקאַנער אָפיצער וועגן דעם? צי פאַרשטייט דער אמעריקאַנער אָפיצער דאָס, וואָס זיינע אויגן האָבן דאָ נאָר־וואָס געזען און וואָס זיינע אויערן האָבן דאָ נאָר־וואָס געהערט?

איך צווייפל, איך צווייפל.

דער ווייטיק אין אונדז איז גרויס איבערצולאָזן אַזוי־אָ נישט געענדערט דאָס משונהדיקע, סקאַנדאַליעזע בילד, ווי אמעריקאַנער יונגע זעלנער שטייען מיט פיינטלעכקייט ביים טויער פון יידישן לאַגער.

איבערלאָזן, אַוועקגיין און נישט זיין בכוח עפּעס צו ענדערן.

אָט דאָס נישט זיין בכוח שלאָגט איבער די קני. איך פיל, ווי מיינע פּיס פּלאָנטערן זיך. דער טרויער פון הילפלאָזיקייט גיסט מיך אָפּ מיט אַנגסטן.

*

מיר שלעפּן זיך שטומע, שווייגנדיקע זאַלבעפערט צוריק איבער די גאַסן פון דער שטאָט לאַנדסבערג.

מיר דערשלעפּן זיך צום „אונרא"־הויז, וואו עס שטייט דר. גרינבערגס מאַשין. מיר וואַרפן אַריין אין מאַשין אונדזערע פּעקלעך, אונדזערע טשע־מאָדאַנעס, וואָס זענען אונדז אויס איצט שווער און דערווידערדיק ווי אונ־דזער געמיט.

מיר זאָגן נישט קיינעם קיין זיי־געזונט. וועמען זאָלן מיר זאָגן אַ זיי־געזונט? — דעם העסלעכן וואַלד פון טויטע הירשן־הערנער אויף די ווענט פונעם „אונרא"־הויז? דעם שנאַבל און נעגל פונעם מנובלדיקן אויסגע־

שטאָפּטן דייטשן אָדלער? דעם פאַנאַנדערגעשפּרייטן עק פון דער אידיאָ־טישער פּאַווע?

מיר קריכן אַריין אין דער מאַשין און מיר לאָזן זיך קיין סאַנט'אָ־טיליען — אַ רייזע פון אַ קאַרגער שעה, נישט מער.

דער טאָג איז גראָד אַ זוניקער, אַ קלאָרער.

*

מיר פאָרן אַרויס פון דער שטאָט און לאָזן זיך איבער אַ שליאַך, צווישן רחבותדיקע, גלייך און ריטמיש פאַנאַנדערגעווירעטע פעלדער און נאָך רחבות־דיקערע לאַנקעס, איבער וועלכע גרויסע געדיכטע דייטשישע סטאַדעס שאָף שטייען צוגעבויגענע מיט זייערע האַלב־קיילעכדיקע נאַקנס צום יונגן גראָז און פּאַשן זיך.

מיר זיצן אין דער מאַשין און שווייגן שווער און ווייטמוטיק.

ערשט איצט, זיצנדיק איינגעשלאָסן אין זיך, מיטן פּנים צוגעפאַלן צום שייבל פון מאַשין, דערפיל איך דעם גאַנצן בראָך, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען אין לאַנדסבערגער לאַגער.

אַלץ אין מיר הייבט אָן אויפצושרייען אין פּראָטעסט און אין קללה, און אַלע מיינע אויפגעשרייען פון פּראָטעסט ווערן פאַרפּלייצט מיט ליב־שאַפט און מיט בענקשאַפט נאָך די אין עלנט־איבערגעבליבענע לאַנדס־בערגער ברידער.

וואָס ווייטער מיר פאָרן אָפּ, אַלץ שווערער ווערט מיר צו קומען צו זיך, אויפצומונטערן זיך.

— אָט דאָס, טראַכט איך, איז עס! דאָס, הייסט עס, איז די יידישע קאַטאַסטראָפע, וואָס איך בין אַזש פון אַמעריקע געפאָרן אַהערצו זען זי און — געזען.

איך דערמאָן זיך אָן דעם סימפּאָזיום־שמועס, וואָס מיר האָבן דורכגע־פירט אין לאַגער מיט צוויי טעג צוריק, אָן די רייד פון אייניקע, וואָס האָבן מיר געקלונגען פרעמדלעך. כ'האָב אַלץ נישט געקאָנט אָנטאַפּן דעם עצם תוך פון דער מאָדנער אַרגומענטירונג פון אייניקע. — ערשט איצט, דער־פיל איך, ווערט מיר אַלץ קלאָר. יעדער אַרגומענט זייערער ווערט פאַר מיר איצט לויטער אמתדיק און לויטער גערעכט.

יעדע מינדסטע זינד זייערע פאַרגייט, יעדער מינדסטער טעות זייערער ווערט פאַרשוואונדן.

די פאַרצווייפלטע שטורעם־אויגן פון די לאַנדסבערגער יידן ביים טויער, די קאַנוואולסן פון זייערע יאָמערדיקע אויסגעשטרעקטע הענט פאַר־ענטפערן אַלץ, פאַרענטפערן אַלץ.

*

ווי מאָדנע, טראַכט איך, זעען אויס איצט, אין דעם ליכט פונעם נאָר־וואָס געשעענעם אין לאַנדסבערג, אַלע דיסקוסיעס, וואָס יידן פירן צווישן זיך אין אַמעריקע וועגן דער שארית הפליטה — זאָל זי יאָ גיין קיין ארץ־ישראל — זאָל זי נישט גיין קיין ארץ־ישראל? — זאָל זי יאָ וועלן אריינ־לעבן זיך ווייטער אין דייטשלאַנד — זאָל זי נישט וועלן אריינלעבן זיך? — יאָ יציאת אייראָפּע — נישט יציאת אייראָפּע?

די אויפגעריסענע ברוסטן פון אַ טויזנט־קעפּיקער יוגנט, וואָס שטרעקן זיך אויס אַנטקעגן אָנגעצילעוועטע „באַפרייאונגס"־באַיאָנעטן, פאַרענטפערן אַלע דיסקוסיעס, אַלע דיסקוסיעס.

מיטאַמאָל גיט אַ ברען אין מיר אַ פראַגע, וואָס טליעט שוין פון עט־לעכע טעג אין מיר: — צי האָט די שארית הפליטה צווישן זיך אַליין די ריכטיקע פירער? צי האָט זי פון צווישן זיך אַליין ארויסגעגעבן געגנוג אַזוינע פירער — געגנוג ערלעכע, דערהויבענע, לויטערע מענטשן?

עס וויקלט זיך פאַנאַנדער פאַר מיר דער גאַנצער פּלאָנטער פון פירער און מאַסע. אָט נאָר־וואָס האָב איך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי דער פּלאָנטער האָט זיך צונויפגעוויקלט, ווי ער האָט זיך געשליידערט, געפּי־בערט, צונויפגעקלאַמערט זיך און געוויגט מיט סכנה. און אָט וויקלט ער זיך פאַנאַנדער, דער פּלאָנטער, און אַן עלנט הויכט ארויס פון אים, אַ פאַר־לוירנקייט, אַ טרויער.

איך טו זיך אריין אויף אַ ווײַלע מיט מיינע אויגן אין די פאַרביי־שוועבנדיקע פעלדער, און, מער פון אַלץ, אין דעם באַרואיקנדיקן בילד פון די סטאַדעס שעפּסן איבער די רחבותדיקע לאָנקעס.

איך האָב ליב צו קוקן אויף דער אויסבויג־ליניע פון זייערע קעפּ. איך פיל אַזש אין מאַשין זייער שטילקייט און די רו וואָס ארום זיי.

פּאַסטוכער אָנגעטאָן אין שוואַרצן, מיט הויכע שטעקנס אין די הענט, שטייען איבער זיי און היטן זיי.

די פּאַסטוכער זענען שוואַרץ, די שעפּסן — ווייס, די לאָנקע — גרין.

איך שפּיר די שלווה. עס גייט מיר דורך אַ הייסער שטראָם איבערן האַרץ; איך דערמאָן זיך:

— ומשה היה רועה צאן — — — משה איז געווען אַ פּאַסטוך פון שאָף — אַ פּאַסטוך פון שאָף — אַ פּאַסטוך פון שאָף — — —

מיטאַמאָל גיט ווידער אַ זעץ אין מוח מיר: לאַנדסבערג!

און — גאָט, וואָס פאַר אַ חוזק! וואָס פאַר אַ פאַרברעכן איך דער־פיל אין זיך פאַר דער מינוט, וואָס איך האָב זיך פאַרגונען צו זיין מיט זיך אַליין אביסל ליריש, צו ווערן אויף איין רגע פאַרגעסעריש.

אין דער אמתן — ווי וואָג איך צו פאַרגעסן?

שעפּסן, פּאַסטוכער, לאָנקעס, און דאָרט — לאַנדסבערג! אויסגע־שטרעקטע ברוסטן אַנטקעגן ביקסן. געקידנעפּטע יידישע שומרים.

עמק הבכא.

און אַט הייבט זיך שוין אַרויס אַנטקעגן אונדז סאַנט'אַטיליען. אַט נע־מען מיר צופאָרן צום טויער פון מאַנאַסטיר.

און זע —

רייס פאַנאַנדער דיינע אויגן און זע —

און גלייב אין וואָס דו זעסט:

דער גאַנצער אַריינפאָר־וועג צום טויער פון מאַנאַסטיר איז פאַרבלאָ־קירט מיט רייען יידישע קליינע קינדערלעך; זיי זענען אָנגעטאָן ציכטיק, יום־טובדיק. אין זייערע אַלעמענס אויפגעהויבענע הענט — ווייס־בלויע פענדלעך און בינטלעך בלומען.

דאָס שטייען זיי, הייסט עס, לאַנג, לאַנג שוין און וואַרטן אויף אונדז.

שטייען אונטער דער השגחה פון זייערע אויפפאַסערס.

און די זון שיינט ליכטיק און העל.

מיר גייען אַרויס פון מאַשין און לאָזן זיך צו דער קינדער־ריי.

גיי, דערצייל זיי, די קליינע יום־טובדיק־אויסגעשטעלטע קינדער, ווי שווער עס איז אונדז איצט אויפן האַרצן, און פאַרוואָס ס'איז אונדז שווער. —

גיי, דערצייל זיי, וואָס די יידן אין לאַנדסבערגער לאַגער און די קינ־דער אינעם לאַנדסבערגער לאַגער לעבן איבער אַט אין דער מינוט, ווען מיר גייען אַנטקעגן די פאָנען און בלומען, וואָס זיי, די קינדערלעך, טראָגן אונדז אַנטקעגן.

גיי, דערצייל זיי!

דערציילן מיר זיי טאַקע נישט. מיר מאַכן זיך האַרץ. מיר באַגריסן זיי מיט אַן אָנגעשטרענגטער פרייד, וואָס ווערט פון רגע צו רגע, אונטער דער אמתער שמחה פון די קינדער, אַלץ ווייניקער און ווייניקער אָנגע־שטרענגט.

דער טרויער אין מיר, פיל איך, גייט זיך פאַנאַנדער. זיין אָרט פאַר־נעמט איבעראַשונג און אויך געפּלעפּטקייט. איך זע עפּעס אַזוינס, וואָס כ'האָב זיך עס קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן.

גראָטעסק און חלום.

מיר גייען צווישן רייען זינגענדיקע, פון אומקום־געראַטעוועטע, יידישע קינדערלעך — מיר גייען צו אַ גרויס־פאַנאַנדערגעעפנטן טויער פון אַ מאַ־נאַסטיר, און ווי מיר גייען, און ווי די קינדער זינגען העברעיאישע און יידישע לידער און וויען מיט מגן־דוד־פאָנען, צעטראָגט זיך מיטאַמאָל אין דער לופטן און איבער אַלע אונדזערע קעפּ אַ געקלונג פון קלויסטער־גלעקער.

דאָס האָבן זיך אויבן, אין דעם צלם־טורעם פון מאַנאַסטיר, פאַנאַנ־דערגעוויגט די זונטיקדיקע גלעקער. און אַט זעען מיר, ווי אַ גרופּע מאַנאַכן, אָנגעטאָן אין זייערע שוואַרצע לאַנגע קליידער, שלייכט זיך פאַרביי און פאַרשווינדט אין אַ ווינקל־שפּאַלט פונעם מויער־צאַם.

און אַט, ווי מיר קומען צו צום טויער, שלאָגט זיך אָפּ דאָס אויג אָן אַ טאָוול, אויף וועלכן עס הענגט מיט זיינע צונעגאָגלטע הענט און פיס דער געקרייציקטער.

קאָן נישט דאָס האַרץ אויפשפּרינגען פון אַזאַ מין משונהדיקן גראָ־טעסק?

בלוי־ווייסע פאָנען ווייען, — יידישע קאַצעט־קינדער זינגען, — מאָ־נאַסטירישע גלעקער קלינגען, — מגן־דוד פלאַטערט.

גיב נאָך צו צום קינדער־געזאַנג און צום גלעקער־געקלאַנג דעם פאַר־צווייפלטן יאָמער און שטורעם־געדראַנג פון די לאַנדסבערגער ברידער — וועסטו האָבן דעם גראָטעסק פּאַרפולט.

*

אין סאַנטיאַטיליען

28־טער אַפּריל.

— — — אין דער הויך, אינעם טורעם פונעם סאַנט'אַטיליען־מאָנאַסטיר, קלינגען די מאַנאַכן אין זייערע גלעקער, און אונטן, ביים טויער, און אַט אינעווייניק, שוין אינעם הויף פון מאַנאַסטיר, הילכן שטימען פון יידישע קינדערלעך, וואָס פירן אונדז צו זייער שפּיל־צימער, כדי ערשט דאָרט אונדז אויף אַן אמת מקבל־פּנים זיין.

איך זאָג צו זיך:

דאָס מוז זיין דער יידישער נצח. אין איין קורצער שעה — אַזאַ אומגעווייגלעכער איבערגאַנג: פון אויפגעשטורעמטע, פאַרצוויפלטע פּראָטעסט־געשרייען אין לאַנדסבערג, צו פריידיקע קינדער־געזאַנגען און בלומען אין סאַנט'אַטיליען.

און ווער זענען די קינדערלעך? — אָפּגעראַטעוועטע פון טויט־לאַגערן. יתומים.

איך באַמערק, ווי מען ציטערט איבער זיי.

די אויפפּאַסערינס פירן זיי פאַר די הענט. די קינדערלעך טוליען זיך צו זיי.

מיר קומען אַריין אין זייער שפּיל־צימער. מיר טראָגן מיט זיך אַ היפּשן פּאַק קענדי, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט. מיר גיבן עס איבער צו די לערערינס און זיי נעמען עס פונאַנדערטיילן.

די קינדער — אייניקע פון זיי נאָך גאָר ברעקלעך — טאַנצן, דעקלאַמירן און פירן דורך זייער חנעוודיק און שטיפעריש אַ שפּיל פאַר אונדז. — קאָנען זיך נישט אָנזעטיקן מיט זייער אייגענער שפּיל, חזרן עס איבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל.

זייערע שטימען טראָגן זיך דורך די אָפענע פענצטער אינעם מאָנאַסטירישן דרויסן אַרויס, און פון דאָרטן, פונעם דרויסן, יאָגט זיך גלאָקן־געקלאַנג אַריין.

די קינדערלעך זענען שוין, ווייזט אויס, צוגעוואוינט דערצו. זיי נעמען אויף דאָס גלאָקן־געקלאַנג, ווי אַ טייל פון זייער שפּיל, פון זייער טאַנץ.

זיי — אָבער נישט די לערערינס זייערע.

אָט באַמערק איך, ווי איינע פון די לערערינס, אַ פרוי מיט אַ זייער סימפּאַטיש פּנים, מען מעג זאָגן מיט אַ שיין פּנים, האַלט אין איין ווישן טרערן פון אירע אויגן.

זי טוט עס פאַרזיכטיק, מען זאָל עס נישט באַמערקן. אָבער אינגאַנצן באַהאַלטן אירע טרערן גיט זיך איר נישט איין.

זי באַוועגט זיך צווישן די קינדער, טיילט זיי די קענדי, כאַפּט־אויף זייער געזאַנג, און וויל מיטן געזאַנג פאַרשטעלן איר געוויין, וואָס רייסט זיך פון איר האַלדז. אַז אויך דאָס העלפט נישט, גיט זי זיך אַ קער אָפּ אין אַ ווינקל. בלייבט שטיין דאָרט אַ רגע צוויי, ביז זי באַהערשט זיך ווידער.

איך פרעג זיך נאָך אויף איר ביי דר. זלמן גרינבערג, וואָס שטייט לעבן אונדז און קלייבט נחת פון די קינדער.

— זי איז איינע פון אונדזערע בעסטע אויפפּאַסערינס און לערערינס דאָ, זאָגט מיר דר. גרינבערג. איר נאָמען איז לעווינסאָן. די קינדער האָבן זי ליב ווי אַן אייגענע מאַמע.

— זי וויינט, זאָג איך, און האַלט אין איין קעמפן מיט איר געוויין. פאַרוואָס וויינט זי?

— כ׳וועל אייך באַקענען מיט איר, זאָגט גרינבערג, און פירט מיך צו צו איר.

איך רעד זיך פאַנאַנדער מיט איר, וויפיל עס לאָזט זיך אינעם פריילעכן טומל פון די קינדער.

זי רעדט שטיל, כמעט פליסטערנדיק. אירע אויגן לייכטן דורך די נישט־קאָנטראָלירטע טרערן. אירע ווערטער קומען אַרויס ווי אָפּגעהאַקט, אָבער איר קול איז ווייך, דורכגעזאַפּט מיט הייסן צער.

— — — איך האָב זייער ליב קינדער, זאָגט זי. — כ׳בין געווען אַ לערערין אויך אין דער היים. — — כ׳האָב אַליין געהאַט צוויי קינדער — צוויי וואונדערבאַרע באַגאַבטע מיידעלעך — — האָט מען זייביידן אַוועק־גענומען פון מיר און אַוועקגעשלעפּט אין פייער אַריין — — אין קרעמאַ־טאָריע אַריין — — איר פאַרשטייט? צוויי וואונדערבאַרע מיידעלעך — — און איך בין געבליבן לעבן, איר פאַרשטייט? — — און אָט בין איך דאָ נאָך אַלעם מיט אַן אַנדער. איך בין דאָ אין סאַנט׳אָטיליען. — — איר פאַרשטייט, כ׳בין געבליבן לעבן און — כ׳לעב. — — מיין איינציק שטיקל אַנהאַלט איז, וואָס כ׳בין אויך דאָ אַ לערערין. — — כ׳בין מיט קינדער.— זיי טוליען זיך צו מיר און איך — צו זיי. איך לאָז זיך נאַרן, אַז זיי פאַר־בייטן מיר מיינע צוויי מיידעלעך. — — איך לאָז זיך נאַרן. — — און אָט מיט אַמאָל — און דאָס טרעפט וויפיל מאָל אין טאָג — גיט דאָס געוויין אַ ריס זיך פון מיין האַרץ — — דאָס אָפּנאַרן זיך געלינגט מיר נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין — מיינע צוויי מיידעלעך רופן מיך, דערמאָנען מיר, אַז — — איר פאַרשטייט — — — און מיין מאַן איז אויך דאָ — — קראַנק — — איר פאַרשטייט? נישט איין מאָל טראַכט איך, אַז איך טאָר נישט לעבן בשעת מיינע צוויי מיידעלעך ליגן ערגעץ פאַרברענטע אויף אַש— אָבער, אַז איך בין געוואָרן איין מאָל קראַנק, האָב איך געוואָלט צוריק געזונט ווערן, מורא געהאַט צו שטאַרבן — — איר פאַרשטייט? — — אָפּטמאָל ווילט זיך מיר אפילו לאַכן, זינגען, כ׳וויל גיין אין אַ פריילעכן

קינאָ, אָבער ווי איך קום אַריין, אַנטלויף איך גלייך צוריק — — איך פאַר־שטייט, כ'האָב געמיינט, אַז איך בין באַרעכטיקט צו בלייבן לעבן, כדי צו דערציילן וועגן דעם דער גרויסער וועלט. זאָל די גרויסע וועלט וויסן — — אָבער איצט זע איך, אַז די וועלט וויל גאָרנישט וויסן, וויל גאָר נישט הערן — — און מיינע צוויי מיידעלעך האַלטן מיך אין איין רופן — — ווען נישט אַט־די קינדערלעך דאָ, וועלכע זענען איצט אַלע מיינע — — איך פאַר־שטייט, אַלע מיינע — אַלע מיינע — — — —

די קינדער לויפן מיט געפילדער אין דרויסן אַרויס; לויפנדיק רינגלען זיי אַרום די לערערין לעווינסאָן און אויך אונדז, געסט, און שלעפּן אונדז מיט.

די לערערין כאַפּט אַ קינד, דאָס קלענסטע מיידעלע, צו זיך אויף די הענט אַרויף, טוליעט עס צו זיך, און דאָס מיידעלע נעמט אַרום מיט ביידע הענטלעך דער לערערינס האַלדז, קלאַמערט אַרום, קלאַמערט אַרום.

*

עטלעכע שעה שפּעטער. איך ליג אויף אַ דיוואַן אין אַ צימער ביי דר. זלמן גרינבערג אין שטוב.

איך רו זיך אָפּ. בעסער געזאָגט: איך וויל זיך אָפּרוען.

ווייט נאָך האַלבן טאָג. דאָס פענצטער איז אָפן. נישט ווייט, דאָ דער־ביי, — די טיר, וואָס פירט אין סאַניטאַריום אַריין.

אינעם סאַניטאָריום געפינען זיך איבער פינף הונדערט יידישע פּאַ־ציענטן.

כ'האָב זיי נאָך נישט געזען. כ'וועל אַ טייל פון זיי זען אויף דעם ליטעראַרישן אָוונט, וואָס מיר גרייטן צו פאַר זיי.

נאָר אַ טייל פון זיי, די, וואָס קאָנען אַרומגיין, וועלן זיין ביכולת צו קומען צום אָוונט. די איבעריקע, די צוגעשמידטע צו די בעטן, וועלן מוזן בלייבן אויף זייערע געלעגערס.

וועט מען דאַרפן קומען צו זיי, מען מוז קומען צו זיי — —

כ'שטעל זיך אויף, אַזוי ווי כ'וואָלט וועלן שוין לאָזן זיך אין סאַ־ניטאַריום אַריין, אָבער איך קאָן עס נישט טאָן אַליין. ס'איז, אגב, נישט די צייט פאַר וויזיטן.

איך לייג זיך צוריק. איך פאַרמאַך די אויגן. איך וויל מיט צוגעמאַכטע אויגן דורכטראַגן זיך נאָך אַמאָל דורך אַלע געשעענישן פונעם אומגעוויינ־לעכן טאָג.

מיינע ברעמען נעמען זיך צוזאַמענקלעפּן — ערשט אַ זשוזשעריי אַרום מיר, אַרום מיין קאָפּ.

אינעם אָפענעם פענצטער, פון וואַנען עס זעט זיך דער שפּיץ פונעם מאָנאַסטיר־טורעם, זינגט דער פרילינג אַריין מיט אַ ניגון פון אַ בין.

און אַט איז זי — די בין אַליין. אַ גרויסע, אַ בייכיקע, דרייט זי זיך אַרום איבערן צימער און זשומט הויך און ברומיק.

איר זשומעריי, איך ווייס נישט פאַרוואָס, פילט מיך אָן מיט געדיכ־טער עצבות.

די בין פאַרשווינדט, נעמט־מיט איר זשומעריי, אָבער די עצבות בלייבט.

בלייבט — און נעמט אַליין אויפהייבן זיך פון איר שווערקייט, פאַר־נאַנדעריאָגן זיך איבערן צימער, אָפּקלאַפּן זיך אָן אַלע ווענט און סופיט.

— די אומרועז אין לאַנדסבערג האַלטן נאָך אָן, דערהער איך מיט־אַמאָל אַ שטימע הינטערן פענצטער. צוואַנציק זענען אַרעסטירט.

איך רוק אַרויס מיין קאָפּ דורכן פענצטער. אויף אַ באַנק דערביי, זע איך, זיצן דר. גרינבערג, לוי שאַליטאָן און ראַבאַי א. י. קלאַוזנער.

ראַבאַי קלאַוזנער, אַ דינער, אַ פלינקער, מיט ענערגישע אומרואיקע אויגן, האָט דערלעבט די זכיה צו ווערן צווישן דער שארית הפליטה פון דער אַמעריקאַנער זאָנע שיער־נישט אַ לעגענדאַרישע פיגור.

ער איז מיט דער שארית הפליטה פון דעם ערשטן טאָג אָן, זינט דער באַפרייאונג פון די קאַצעטן, נעמט אַנטייל אין אַלע פריידן און ליידן פון די לאַגער־יידן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן שוין נישט בלייבן אַליין מיט זיך אין צימער, ווער רעדט נאָך — רוען.

אויך אפרת קומט אַרויס. מיר דערוויסן זיך דורך זיי מער פּרטים וועגן דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין לאַנדסבערגער לאַגער נאָך אונדזער אַוועקפאָרן.

— יאָ, ס'זענען געמאַכט געוואָרן אַ סך אַרעסטן אין לאַגער, דערציילט ראַבאַי קלאַוזנער. איך פאָר איצט אַהין. ס'וואָלט נישט געשאַדט, ווענדט ער זיך צו אונדז, אַז איר זאָלט שיקן אַ טעלעגראַמע קיין אַמע־ריקע וועגן די געשעענישן אין לאַנדסבערג, מאָנען פון דער וועלט, אַז זי זאָל אַרויסנעמען די יידן פון די לאַגערן.

מיר זענען, פאַרשטייט זיך, מסכים מיט אים. מיר שטעלן צונויף אַ טעלעגראַמע און גיבן עס אים איבער, ער זאָל עס גלייך אַוועקשיקן צו דער אַמעריקאַנער פּרעסע.

מיר אַלע ווייסן גוט, וואָס פאַראַ התפּעלות, מ'שטיינס געזאָגט, די היינטיקע וועלט כאַפּט פון אַ יידישער געשריי־טעלעגראַמע. אָבער פאַר־פאַלן — ס'איז אונדזער איינציק געווער דערוויל אין דער דאָזיקער לאַגע.

אויך — אונדזער איינציקער אופן, ווי אַזוי צו געבן צו וויסן דער וועלט.

זיי וויסן, וועלט, זיי וויסן!

מיר מאָנען פון דיר, מיר פאָדערן: נעם אַרויס די יידן פון די לאַגערן!

דער טאָג אין סאַנט'אַטיליען האַלט ביים פאַרגיין. די זון נידערט אַרונטער.

*

אַ זייגער אַכט הייבט זיך אָן אונדזער ליטעראַרישער אָוונט פאַר די פּאַציענטן.

דער זאַל אין סאַנט'אַטיליען, וואָס נעמט אַריין אַרום פיר הונדערט מענטשן, איז שוין אָנגעפילט.

די אוידיטאָריע — אַן אויסטערלישע.

עס זענען געקומען אַלע, וואָס האָבן נאָר געהאַט די מינדסטע כוחות דערצו.

איבעריק פאַר מיר צו זאָגן, אַז אין אָנגעזיכט פון אַזאַ אוידיטאָריע פילסטו זיך באַזונדערס געשפּאַנט און אָנגערעגט.

דאָס געמיט פון מענטשן, וואָס ליגן חדשים, אָדער יאָרן לאַנג אין זייער אָפּגעזונדערטער אַליינקייט און קוקן דעם גורל זייערן גלייך אין די אויגן אַריין — דאָס דאָזיקע געמיט איז מיר גוט באַקאַנט.

דערצו נאָך — פּאַציענטן — יידן — לאַגערניקעס —

ווי נאָר דיינע אויגן באַגעגענען זיך מיט זייערע, אַזוי ווערסטו דורכ־גענומען מיט געבעט און תפילה:

— שענק, גאָט, כאָטש דאָס מאָל ס'ריכטיקע וואָרט. כאָטש דאָס מאָל.

בראש מיט דר. גרינבערג, וואָס זעט אויס היינט באַזונדערס יום־טוב־דיק, צעזעצן מיר זיך אויף דער בינע.

אַ חוץ אונדז באַטייליקן זיך אין דעם פּראָגראַם אַן אייגענער סאַנט'אַ־טיליענער אָרקעסטער און אַן אייגענע אָרטיקע זינגערין, וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר זינגען קאַצעט־לידער.

עמאַ שיווער איז, נאַטירלעך, מסכים דערצו. איר אייגן געזאַנג אויף דעם דאָזיקן אָוונט ווערט אונטער דער ווירקונג פון די קאַצעט־לידער טי־פער, פייערלעכער.

די אָרטיקע זינגערין (כ'האָב לײדער נישט פאַרצייכנט איר נאָמען) מאַכט אויף אונדז אַלעמען אַן איינדרוק פון אַן אמתער קינסטלערין. אַליין אַ מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט געטאָ און קאָנצענטראַציע־לאַגער, זינגט זי די קאַצעט־לידער מיט דערשיטערנדיקער איבערלעבונג און שטעקט אונדז אַלעמען אָן מיט איר דערשיטערונג.

דער אָרקעסטער, וואָס באַגלייט זי, ווערט צונויפגעגאָסן מיט איר געזאַנג, ווערט אַ טייל פון אירע פיבערנדיקע הענט און פון איר באַגייס־טערטן פּנים. ווען פון איר מויל טראָגן זיך פאַנאַנדער מיט אַ געוויין־געז־זאַנג די ווערטער פונעם ליד „געטאָ" (געשריבן פון ברווידאַ) און גיט אַ רוף אויס: „געטאָ — דיך פאַרגעסן וועל איך קיינמאָל נישט!" דערפילן אַלע ווי אַ פייער פון אַ שבועה וואָלט דורכגענומען דאָס האַרץ.

גערטאַ

מיר שטייען ביי די ווענט
מיט הערצער מיט פאַרקלעמטע,
מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט,
ווי אַ ווייַנענדיקע ווערבע.
עס קוקן אויגן שטאַר
און זינקען איין טיף אין דער ווייטקייט,
און סיבלייבט אין זיי דער צער —
די אייביקייט.

שווער צו זען די וועלט דורך ענגע מויערן,
די שיין האָבן פאַרשטעלט די געטאָ־טויערן.
פאַרמאַכסט די אויגן נאָר —
דאָן זעסטו אַלץ, ווי אין אַ חלום.
סידערשיינט ווי אויף דער וואָר
די גרויסע וועלט.
געטאָ,
דיך פאַרגעסן קען מען קיינמאָל נישט.
איכה —
איז דיין האַרציקע,
דיין טרויעריקע ליד.

כיזע דאָ דיינע טרערן,
דיין אומעט און דיין פיין.
כיהער דאָ דיין געבעט:
וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?
אין דיינע געטאָ־געסלעך איז מיר ענג,
דאָס האַרץ — אַזוי באַטריבט.
און כאָטש כיפאַרשטיי סיטוט ווי —
דאָך איז מיר אַזוי ליב.
געטאָ,
דיך פאַרגעסן וועל איך קיינמאָל נישט!

נאָך טיפער ווירקט אויף אונדז אַלעמען דער אופן, ווי זי זינגט דאָס קאַצעט־ליד „צו איינס, צוויי, דריי", געשריבן פון ל. ראָזענטאַל.

צו איינס, צוויי, דריי.

עס האָט אונדז דאָס לעבן גערופן —
דאָס לעבן אויף זוניקע טעג.
האָט יעדער אין לאַנד אַזוי מונטער געשפּאַנט
און באַזונדער געגאַנגען אין וועג —
צו איינס, צוויי, דריי,
צו איינס, צוויי, דריי,
אויף אַרבעט אין וועג זיך געלאָזט.
יעדער טראָט האָט זיין קלאַנג,
יעדער וועג — זיין געזאַנג,
ווען די גייסט און די ווייסט און פאַרוואָס.

איצט זענען פאַר אונדז פאַרווערט טראָטוואַרן,
כאָטש אַנדערע גייען דאָרט פריי,
און מיר — טוט אַ קוק
אויפן שטייערנעם ברוק,
אונטער אייזערנע קלעפּ פון נאַגיי. —
צו איינס, צוויי, דריי,
צו איינס, צוויי, דריי,
דעם ברוק האָט מען אונדז נאָר געלאָזט.
האָט דער טראָט אַזאַ קלאַנג,
גאָר אַן אַנדער געזאַנג —
ווען די גייסט און די ווייסט נישט פאַרוואָס.

עס האָבן אַלטע און יונגע
דאָס לעבן געבויט און געהאָפט,
ביז סע האָט אַזאַ שווערד
אַלץ פאַרווישט פון דער ערד
און געפירט האָט מען אונדז ווי די שאָף,
צו איינס, צוויי, דריי,
צו איינס, צוויי, דריי,
אַזוי ווי די שאָף זיך געלאָזט,
וואו דיין פרוי, וואו דיין קינד,
און דאָס גאַנצע געזינד
און געפרעגט: וואו אַהין און פאַרוואָס?

נאָר, ברודער, אַן אַנדער מין גאַנג
וועט באַלד צו דיין אויער דערגיין,
און די, וואָס פאַר שרעק
געוועז ערשט פאַרשטעקט,
שפּאַנען מיט אונדז
נישט אַליין.
צו איינס, צוויי, דריי,
צו איינס, צוויי, דריי,
די געסלעך, דעם טויער פאַרלאָזט!
ס׳האָט דער טראָט אַזאַ קלאַנג,
גאָר אַן אַנדער געזאַנג
ווען דו גייסט און דו ווייסט און פאַרוואָס.

די גאַנצע פאַרזאַמלונג נעמט אויף די זינגערין מיט אַ פייערדיקן שטורעם.

מיטן זעלבן אימפּעט ווערט געזונגען אַ דריט ליד, וואָס האָט אויך די באַטאָנונג פון „איינס, צוויי, דריי״.

דאָס דאָזיקע ליד, ווערט אָנגעגעבן (אין דער „זאַמלונג פון קאַצעט און געטאָ־לידער״ צונויפגעשטעלט פון זאַמי פעדער אין בערגן־בעלזן) איז געשריבן געוואָרן פון אַ צוועלף־יעריק קאַצעט־מיידעלע אסתר שטוב.

איז געזעסן דאָס מיידעלע אסתר אין אַ היטלער־באַראַק, געבענקט נאָך טאַטע־מאַמע און אַרויסגעטרוימט פון זיך געבעט־ווערטער צו גאָט.

פאַרענדיקט אפילו מיטן פסוק „עם ישראל חי״.

איינס, צוויי, דריי,
ווען וועלן מיר זיין פריי?
הונגעריק, באָרוועס, אָפּגעריסן,
פון טאַטע־מאַמע גאָרנישט וויסן,
גאָט, ווי טוט עס וויי!

איינס, צוויי, דריי,
דער טאָג וויל נישט פאַרביי.
שלעפּן ציגל, ברעטער, שטיינער,
און פון טויטע מענטשן ביינער. —
גאָט, ווי טוט עס וויי!

איינס, צוויי, דריי,
אָ הער צו מיין געשריי
פון אומבאַקאַנטע מאַסן־קברים,

קליינע קינדער פון חדרים —
קיין מאַמע דאָ מיט זיי.

איינס, צוויי, דריי,
גלייבן מיר געטריי,
וואַרטן מיר און האָפן,
ווי דו האָסט אונדז פאַרשפּראָכן:
עם ישראל חי!

*

יאָ, עם ישראל חי.

די גאַנצע אויסטערלישע אוידיטאָריע איז דורכגענומען מיט עקס־טאַז, — מיט עם, מיט ישראל, מיט חי.

וואו נאָך האָסטו געזען אַזאַ וואונדער? אַזאַ מענטש־ייִד־דערהייבונג? — אַזאַ געזאַנג צום לעבן?

אָט האָסטו דאָס וואָרט, וואָס דאַרף געזאָגט ווערן — דאָס וואָרט פון לעבן.

עס שטייען דיר נאָך אין די אויערן די וויי־געשרייען פון דיינע לאַנדסבערגער ברידער.

עס הענגען נאָך איבער דיר די גלעקער־געקלאַנגען פון בייטאָג.

אָבער זע, ווי וואונדערלעך העל עס גייט אויף פאַר דיר דאָס בילד פון דער סטאַדע ווייסע שאָף, וואָס דו האָסט געזען אויפן וועג צום סאַ־ניטאַריום אַהער. — דאָס בילד פון שעפּסן־קעפּ, וואָס זענען צוגעניגט צו דער מאַמע־ערד.

זע די שיינקייט פון רו, זע די שיינקייט פון שטילקייט.

זע, ווי אַלע, וואָס זיצן אין זאַל דאָ, זענען פול מיט גליקזעליקייט.

זע, ווי אַלע זענען אַליין שטיל און לויטער און שלווהדיק, ווי ווייסע שאָף.

זע, ווי דער מינדסטער נייג פון זייער קאָפּ איז אַ געזאַנג צום לעבן, אַ געזאַנג צו דער מאַמע־ערד.

אויך דאָס געשריי פון דיינע לאַנדסבערגער ברידער איז אַ געזאַנג צום לעבן, אַ געזאַנג צו רו, צו שטילקייט.

זאָג עס. — — —

*

28־טער אַפּריל.

— — — שוועֶר צו באַזוכן אַ שפּיטאָל, אָדער אַ סאַנאַטאָריום; דער־הויפּט נאָך אַ סאַנאַטאָריום, וואו עס געפינען זיך אויסשליסלעך יידן פון דער שארית הפליטה.

אָבער נאָך שווערער איז נישט צו באַזוכן.

שווער אַריינצוקומען אין די צימערן, זאָגן: „גוט־מאָרגן", אָדער „גוט־נ'אָוונט", זוכן אַ וועג ווי אַזוי פאַנאַנדערצושמועסן זיך מיט מענטשן, וועמענס אויגן עס נעמען דיך דורך אי מיט פרייד, אי מיט פאַריבל.

(אַלע פּאַציענטן פון אַלע שפּיטאָלן פון גאָר דער וועלט נעמען אויף יעדן וויזיטאָר אי מיט אַ פרייד, אי מיט אַ פאַריבל.)

נאָך שווערער איז אַרויסצוגיין פון די שפּיטאָל־צימערן נאָכן באַזוך.

קאָנסט די חולאים נישט מיטנעמען מיט זיך. דו מוזט זיי איבערלאָזן.

ווי שווער דיר זאָל עס נישט זיין — מוזסטו דאָך.

*

איך טרעט אַריין אין אַלגעמיינעם קאָרידאָר. עס גייען מיר אַנטקעגן דאָקטוירים, אויפזעער, קראַנקען־שוועסטער. די מערסטע פון זיי זענען געווען נעכטן אויפן אָוונט. דערפרייען זיי זיך. באַטן זיך אָן צו פירן מיך איבער די צימערן און פּאַלאַטעס. איך זאָג זיי, אַז מיר ווילט זיך דורכ־גיין איבער די צימערן אָט־אַזוי־אַ, אַליין, נישט אָפיציעל.

זיי זענען אוודאי מסכים דערצו.

איך קום אַריין אין אַ פּאַלאַטע. אַ גרויס, רחבותדיק צימער. אַ צען בעטלעך אין אים. אַ פּאָר בעטלעך ליידיקע: זייערע פּאַציענטן זענען מסתמא אין דרויסן. אויף אַלע איבעריקע ליגן חולאים.

חולאים נאָך פון דער היטלער־צייט.

ווי נישט קיין נאָווינע ס'איז פאַר מיר צו זיין אין אַ שפּיטאָל־צימער און צו זען חולאים אויף בעטן, מוז איך זאָגן, אַז צו זען די מענטשן, אַ יאָר נאָך דער מלחמה, נאָך היינט קראַנק און צעפּייניקט, נאָך היינט צוגע־שמידט צו די בעטן אין אַלערליי ענויים געבראַכטע פון די היטלער־בונ־קערס — צו זען זייערע אויגן, צו זען זייערע קעפּ צוגעפּאַלן צו שפּיטאָל־מאַטראַצן היינט, איז פּשוט איבער די כוחות.

נישט קיין פּעולה צו שטעלן זיך פילאָזאָפירן: וואו איז דער וועג, דורך וועלכן דו זאָלסט קאָנען צוקומען צום האַרץ פון דעם פּאַציענט אַליין? — נישטאָ די פראַגע — נישטאָ דער ענטפער.

ס'איז דאָ נאָר איין זיכערע זאַך: דער מענטש, וואָס ליגט אויפן בעט. ער איז דאָ. ער ליגט.

דער קרבן־ברענגער איז שוין נישטאָ. אָבער דער קרבן איז דאָ. ער איז אייביק.

ער איז אייביק ווי גאָט.

די זון לייכט אריין דורך די גרויסע פענצטער. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז ס'איז זייער יום־טובדיק דאָ, זייער פייערלעך־שטיל.

ס'וואָלט טאקע אזוי געווען, ווען נישט דאָס קרעכצן פון אַ פּאָר חולאים. דערהויפּט — דאָס געוויין פון איינעם.

אָט־דער איינער ציט צו מיין אויפמערקזאַמקייט מער ווי די אַנדערע. נישט דערפאַר, ווייל איך מיין, אז די אַנדערע ליידן ווייניקער, נאָר דער־פאַר, ווייל דער וויינט.

קאָנט איר אייך פאָרשטעלן — אַ הויכער, אַ געוויקסיקער מאַנספּער־שוין זיצט אויף אַ בעטל און כליפּעט אויפן קול.

און דאָס איז זיין קראַנקהייט — ער וויינט.

כ'געדענק נישט — ווען כ'האָב געלייענט דאַנטעס „גיהנום" — צי האָב איך דאָרט אָנגעטראָפן אזאַ איינעם, וועמעס ליידן און אָפּקומענישן באַשטייען אין דעם, וואָס ער וויינט נאָכאַנאַנד. כ'געדענק נישט.

און דאָ זע איך יאָ איינעם אזאַ.

איך גיי צו צו אים. כ'זאָג אַ פּאָר ווערטער. ער דערפרייט זיך. ער כאַפּט אָן מיין האַנט און דריקט זי מיט אזאַ מין פיבערדיקער שנעלקייט.

ער שטעלט זיך אויף, שטרעקט זיך אויס אין זיין גאַנצער הויך־געוויקסיקייט. זיין פּנים לייכט זיך פאַנאַנדער. איך זע באַשיינפּערלעך אַ צעשטראַלנדיקע פרייד איבער זיינע ביידע ליפּן. אָבער, גאָט, פון ווען אָן איז פרייד אזוי צעבראָכן, אזוי צעקרימט?

פון ווען אָן ווערן ליפּן, וואָס גיבן זיך אַ ריס צו שמייכלען, אזוי צעשיידט גאָר איינע פון די אַנדערע, אזוי אָפּגעקערט אָן אַ זייט, אַז אנשטאָט אַ שמייכל נעמט גאָר אַ כליפּעניש זיך טראָגן איבער זיי?

דאָס כליפּעניש צעשיידט זיינע ליפּן נאָך מער. זיי ווערן ווי אויפגע־שרויפט. זיי ווערן טראַציק און מרידהדיק. די טראַציקייט קאָן לאַנג נישט אָנהאַלטן. די ליפּן גיבן אַ פאַל אַרונטער. זיי פאַרזינקען אין אַ כוואַליעדיק געוויין.

דאָס געוויין רייסט זיך פון דער טיפעניש פון זיין האַלדז. איך זע, ווי די מוסקולן פון זיין האַלדז ווערן אָנגעצויגן, אָנגעשטייפט. איך זע, ווי זיין גאַנץ פּנים ווערט איבערגעדרייט אין קראַמפּן.

דער געוויקסיקער מאַן גיט זיך אַ זעץ אַרונטער. דער קאָפּ זיינער האַלב־פאַרוואָרפן אָן דער זייט. דאָס געוויין הערט נישט אויף.

דאָס געוויין פאַרלאַנגט גאָרנישט. דאָס געוויין בעט פאַר זיך גאָר־נישט.

עס האָט פּאַרלאַנגט — און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. עס האָט געבעטן — און קיינער האָט דאָס געבעט נישט דערהערט.

דאָס געוויין האָט מסתמא דערציילט אַמאָל, אַז — ווייב איז אומגע־קומען, אַז קינד איז פאַרברענט געוואָרן — אין גאַז־אויוון, אין קרעמאַ־טאָריע — עס האָט דערציילט, און איצט דערציילט עס שוין נישט מער, באַוויינט שוין נישט מער. באַוויינט נישט, נאָר ווייַנט.

בייטאָגיקע פענצטער ליכטן, ווייל ס׳איז דאָ זון; ביינאַכטיקע שטערן גליען, ווייל ס׳איז דאָ פינצטערניש; דעם געוויקסיקן מאַנס ליפּן כליפּען, ווייל ס׳איז דאָ געוויין.

איך נעם עפּעס נאָך רעדן צו אים. וואָס אַזוינס כ׳רעד — ווייס איך אַליין נישט. מיינע ווערטער פאַלן אַרונטער צו זיינע פיס און צעברעכן זיך, ווי שטיקלעך גלאָז.

איך לייג אַרויף מיין האַנט אויף זיין שווערן, אויסגערונדיקטן אַקסל, איך פּרוביר אים איינשטילן.

אָבער אומזיסט — דער אַקסל נעמט נאָך מער אונטערשפּרינגען, ווי אַ דעקל איבער אַ זודיק־קאָכיקן קעסל. — — —

— — — איך גיי צו צו אַ צווייט בעטל אַקוראַט אַנטקעגן.

עס ליגט אויף דעם בעטל אַ מאַן מיט אַ געשוואָלן פּנים. — נישט דאָס גאַנצע פּנים איז געשוואָלן, נאָר האַלב אין דער לענג.

דאָס האַלבע פּנים איז פלאַמיק־אויפגעלאָפן. דאָס אויג — פאַרגאָסן. די צווייטע האַלב מיט דעם צווייטן אויג קוקן שאַרף און רופנדיק.

דאָס צווייטע אויג מיט דער צווייטער העלפט פון מויל דערציילן, ווי אַזוי אַ היטלער־קויל האָט דורכגעשאָסן ס׳פּנים און עס האַלב פאַראַליזירט.

שווער צו כאַפּן קלאָר די ווערטער. אחוץ, וואָס זיי קומען נישט אַרויס, ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווערן זיי נאָך באַגלייט מיט אויסדרוקן פון שאַרפע יסורים.

דער מאַן לייגט אַרויף זיינע ביידע הענט אויפן פּנים. ער טיילט זיך אָפּ פון מיר. — —

איך לען זיך אָן אָן דעם ווענטל פון זיין בעט. איך קוק אויף אים לאַנג. איך וואַרט ער זאָל אַראָפּנעמען די הענט פון זיין פּנים. אָבער ער נעמט נישט אַראָפּ. ער וויל בלייבן אָפּגעטיילט פון מיר. ער בלייבט.

— — — ביים פענצטער ליגט אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק. אין דעם אויסדרוק פון זיין פּנים זע איך, אַז ער וואַרט מיט אומגעדולד איך זאָל צוקומען צו אים.

איך קום צו. זיין פּנים איז פול מיט גוטן שמייכל.

— וואָס מאַכט איר? וואָס איז אייך? פרעג איך.

— איין זייט איז ביי מיר אָפּגענומען — זאָגט ער. — כ׳מוז ליגן. כ׳קאָן זיך נישט אויפהייבן.

זיין קול, פון אָנפאַנג מונטער, אויפגעפלאַמט, הייבט אָן אַראָפּפאַלן, לעשן זיך.

— שוין לאַנג? — פרעג איך.

— נאָך פון דאָרט געבראַכט. פון בונקער. אַ נס נאָך — אויסגעמיטן די קרעמאַטאָריע.

— איר האָט וויטיקן?

— ניין, כמעט נישט. אָבער, וואָס וועט זיין דער סוף פון מיין ליגן? וואָס וועט זיין דער סוף?

—און ווער איז דאָ אויפן בעטל לעבן אייך? פרעג איך. — אַ ייִנגל נאָך זע איך.

— יאָ, אַ ייִנגל מיט אַ דורכגעשאָסענער קני. אָפּעריִרט געוואָרן, איר קאָנט רעדן צו אים.

— ער שלאָפט — זאָג איך.

— וועקט אים אויף. ער וועט זיין צופרידן.

— ניין, זאָג איך, זאָל ער שלאָפן. וואָס הייסט וועקן —

— דאָס ערגסטע איז — זאָגט ער פּלוצלונג — נישט אַזוי דאָס ליגן, ווי די מורא טאָמער בלייבסטו דאָ איבער נאָך דעם, ווען אַלע וועלן פון דאַנען אַוועק קיין ארץ ישראל, אָדער ערגעץ־אַנדערשוואו.

— האָפט, אַז איר וועט שנעל געזונט ווערן.

— אוודאי האָף איך — זאָגט ער. אָבער, וואָס איז דאָ שייך האָפן? ווי איז, אַז אָט נעמט עס און ס׳געשעט? קומט דאָך אויס, אַז כ׳פאַרגין נישט די ייִדן זיי זאָלן באַפרייט ווערן פון דאַנען.

— פאַרוואָס זאָלט איר אַזוי גאָר טראַכטן?

— וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז סע טראַכט זיך פון זיך אַליין? — זאָגט ער כמעט ווי מיט פאַרשעמטקייט. — אָ, איר ווייסט גאָר נישט, ווי שרעקלעך ס׳איז צו טראַכטן, אַז אָט וועלן אַלע נעמען און אַוועקגיין פון דאַנען, און דו וועסט איבערבלייבן דאָ — נישט קאָנען זיך רירן — איר פאַרשטייט: אַלע וועלן אַוועק און דו וועסט איבערבלייבן — דאָ איבער־בלייבן — איינער אַליין איבערבלייבן. — — —

כ׳האָב געוואָלט אים עפּעס ענטפערן דערויף. איך האָב זיך, אַגב, דער־מאָנט, אַז איך האָב נאָך אים אפילו נישט געפרעגט ווי ער הייסט. — ערשט דער מאַן, וואָס וויינט, האָט אַ שלוכץ געטאָן, און גלייך נאָך דעם אַזוי פאַרגאַנגען זיך, אין זיך אַליין, אַז איך האָב גאָרנישט מער געקאָנט עפּעס זאָגן.

אַלץ איז איינגעשלונגען געוואָרן אין זיין שלוכץ. אַלץ. די לופט, דער אָטעם, די שיין פון טאָג.

און ווען דער אָטעם איז געקומען צוריק, האָט מיט נאָך מער שטאַרקייט

געקומען מאָגען בײַ מיר אַן ענטפער דעם פּאַראַליזירטנס פראַגע: וואָס וועט עס זײַן, אַז אַלע וועלן אַוועק און ער וועט דאָ בלײַבן אַלײן? וואָס וועט טאַקע זײַן? — — —

*

איך פאַרלאָז די פּאַלאַטע. כ׳בין צוריק אין קאָרידאָר. איך שטיי און ישוב זיך: גיין אין די אַנדערע גיהנום־אָפּטיילונגען, צי נישט גיין? איך באַשליס: גיין.

איך דערמאָן זיך, אַז כ׳האָב אינדערפרי פון איינער אַ פּאַציענטין דער־האַלטן אַ בריוול מיט אַ בקשה כ׳זאָל קומען זי זען. איר נאָמען איז מיר נישט באַקאַנט.

איך פרעג זיך נאָך, וואו זי געפינט זיך.

זי איז נישט אין קיין אַלגעמיינער פּאַלאַטע, זאָגט מען מיר, נאָר אין אַן איינצל־צימער אויפן אויבערשטן שטאָק.

איך קום צו צו איר טיר. איך קלאַפּ אָן.

אַן ענערגישע פרויען־שטימע בעט אַרײַנקומען.

כ׳קום אַרײַן. אַ פרוי פון אַ יאָר פינף און דרײַסיק־פערציק ליגט אויף איר בעטל. איר קאָפּ און אַקסלען עטוואָס אויפגעהויבן. אירע אויגן מונטערע, פרייליכע. אירע הענט אויסגעשטרעקט אין באַגייסטערטער באַ־גריסונג.

— איך בין גליקלעך, וואָס איר זענט געקומען זען מיך. איר ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ פרייד איר פאַרשאַפט מיר מיט אייער אַרײַנקומען. מײַן בריוול, האָף איך, האָט מען אײַך איבערגעגעבן.

— אוודאי, כ׳האָב באַקומען אייער בריוול — זאָג איך, און קוק מיט נײַגעריקייט אויף דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן מענטשן, וואָס פרייט זיך אַזוי מיט מײַן וויזיט. מײַן נײַגעריקייט גייט אַפילו איבער אין אַ פאַר־לאָרנקייט: זע נאָר, ווי נישט קיין סך דאַרף עס אַ מענטש האָבן, כדי צו דערפילן זיך אַמאָל גליקלעך.

איך זע, ווי זי שטרענגט אָן אירע כוחות צו אויפזעצן זיך אַביסל מער. ווען איר געלינגט עס, לײַכט איר פּנים אויף, — אָבער אין דער זעלבער צײַט לויפן דורך איבער אירע ליפּן אַנגסטן. דער מענטש, וואָס אַ רגע, רופט אַרויס אַלץ מער און מער אינטערעס, שמידט צו צו זיך.

— מעג איך וויסן, וואָס אײַך איז? — פרעג איך.

— אוודאי מעגט איר וויסן. אַ זײַט איז מיר דורכגעשאָסן דורך אַ נאַצי־קויל, גאַנץ שווער דורכגעשאָסן. איך קאָן זיך נישט אופזעצן.

— שוין לאַנג?

— יאָ, גאַנץ לאַנג. כ׳בין געווען אויפן פראָנט. אַ סך יאָרן געווען אויפן פראָנט. כ׳דאַרף אָפּערירט ווערן. ביז איצט נישט מעגלעך געווען

דורכצומאַכן די אָפּעראַציע. איצט איז דאָ אַ האָפענונג, אַז ס'וועט מעגלעך זיין. און ווי נאָר די אָפּעראַציע וועט אַדורך, איך האָף, אַז זי וועט אַדורך גוט, בין איך גלייך צוריק אויף די פיס! ס'איז דאָ נאָך אַזויפיל צו טאָן, אַזויפיל צו טאָן.

— איר האָט געזאָגט: אויפן פראָנט. אויף וועלכן פראָנט? ווי קומט איר אַהער? אויב איך מעג וויסן.

— אוודאי מעגט איר וויסן — ענטפערט זי, — און נעמט דערציילן פאַר מיר אירע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען.

זי דערציילט מיט היץ, מיט אימפּעט, אָן אָפּשטעל, אַזוי ווי זי וואָלט מורא האָבן, אַז די צייט וועט מיטאַמאָל נעמען און איבערהאַקן זיך און איבערלאָזן זי מיט איר דערציילונג אין סאַמע מיטן.

זי גיט פּלוצלונג אַ זאָג:

— דאָס, וואָס איך דערצייל אייך איצט, דערצייל איך עס נאָר אייך. קיינער אַחוץ אייך זאָל עס נישט וויסן ביז אַ צייט.

— איך פאַרזיכער אייך, אַז ס'וועט אַזוי זיין.

פון אַלץ, וואָס זי דערציילט, ווערט קלאָר פאַר מיר, אַז כ'זע פאַר זיך אַ מענטש מיט טיפער אינטעליגענץ, מיט געזעלשאַפטלעכער אחריות, אַ מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט נישט־נאָר אַ סך שווערע קאַמפן מיטן נאַציאָנאַלן שונא, נאָר אויך ביטערע אַנטוישונגען און קאַמפן מיט זיך אַליין— טראַגיש־קריטישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע איבערלעבונגען, וואָס האָבן זי דערפירט צו דער אַנטפּלעקונג פון דער יידישער טראַגיק.

— אַלץ אין מיר — זאָגט זי צום סוף — איז איצט אָנגעשטרענגט צו איין זאַך: כ'וויל וואָס־גיכער קומען קיין ארץ־ישׂראל.

— אין משך פון אייער לאַנג־יאָריקער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט איר, זע איך, פון ארץ־ישׂראל, און פון יידישקייט בכלל, גאַנץ ווייניק געטראַכט.

— יאָ, ריכטיק. נישט געטראַכט. עס זעט אויס מאָדנע, האַ? איצט פיבער איך ממש מיט אָט־דעם באַגער מיינעם.

— וועט איר נישט ברוגז זיין, אויב איך וועל אייך פאַרשלאָגן עטוואָס הילף? — האָב איך אומזיכער געפרעגט.

— ניין, איך וועל נישט ברוגז זיין. פאַרקערט, כ'וועל אייך דאַנקבאַר זיין. כ'בין אייך שוין דאַנקבאַר פאַר קומען מיך זען און פאַר געבן מיר מוט.

אירע אויגן לייכטן און מיט זייער לייכטנדיקייט באַגלייטן זיי מיינע טריט, ווען כ'גיי, נאָכן צוזעגענען זיך מיט איר, אַרויס פון איר צימער. כ'גיי אַרויס אין דרויסן.

כ'גיי און רעד צו זיך אַליין:

— אַלע ווילן ארץ־ישׂראל. אַלע. אַזוי ווי קינדער ווילן דאָס טעלערל פון הימל — — אָבער ווי קריגט מען פאַר זיי דאָס טעלערל? — — און

ווי אזוי ברענגט מען זיי אַלעמען אַהין? ווי אזוי? — זאָל זיי דערווייל דער חלום זיס זיין. — — פאַר איינעם איז ארץ־ישראל אַן ערשטע היים, פאַר אַ צווייטן — אַ לעצטער האַפן. — — זאָל זיי דער חלום זיס זיין.

אנטקעגן זע איך, קומט אַן דר. גרינבערג.

— וואוהין לאָזט איר זיך דאָס אַליין? — פרעגט ער.

— האָב נאָר־וואָס באַזוכט אייער סאַנאַטאָריום. אַנגעזעען זיך מיט צרות, ווילט זיך זיין אַ ביסל מיט זיך.

— זאָל איך אייך לאָזן אַליין?

— אַז איר ווילט מיטשפּאַצירן, אדרבה.

— אָט איז אויך דר. אפרת. ער טוט דאָס זעלבע, וואָס איר.

מיר לאָזן זיך אין דער זעלביקער ריכטונג, אַהינטער די מאַנאַסטיר־ווענט. מיר קומען זיך אַלע דריי צונויף.

מיר גייען איבער אַ זייטיקן וועג. רעכטס — פעלד, לינקס — וואַלד.

די לופט שמעקט פריש. אַרום און אַרום אַ לויטערע שטילקייט. די זון האַלט ביי אַראָפּנייגן זיך אַרונטער. איבער די שלווהדיקע גראָזן פונעם פעלד שלייכן זיך דורך פון צייט צו צייט דינע דורכזיכטיקע שאָטנס.

ווען ס'גייען מיר נישט נאָך די באַזונדערע „די־פּי״־איבערלעבונגען פון די פּאַציענטן, און ווען נישט דאָס באַוואוסטזיין, אַז אָט־די ערד, איבער וועלכער איך טרעט, איז דייטשלאַנד — וואָלט איך געקאָנט מיינען, אַז איך שפּאַציר אַרום אויף אַ פעלד הינטער דעם ספּיוואַק־סאַנאַטאָריום אין דענווער, גיי אַנטקעגן דער לייטזעליקייט, וואָס אַן אויסגעליטן־אויסגעלייטערטער סוף־טאָג טראָגט מיט זיך און צעשפּרייט איבערן פּנים פון דער ערד.

אזוי ענלעך זענען פאַרנאַכטן אַהינטער ווענט, צווישן וועלכע עס גע־פינען זיך מחנות אויסדערווײלטע, ליידנדיקע מענטשן. אזוי ענלעך זענען זיי אָט־די פאַרנאַכטן. אזוי ענלעך אומעטום.

אָבער דאָס, וואָס איך האָב געזען דאָרט אינעווייניק, גייט־נאָך, פאַר־פאָלגט, רייסט פאַנאַנדער די שלווה.

— דאָס, וואָס איר זעט היינט אין די שפּיטאָל־צימערן ביי אונדז — זאָגט דר. גרינבערג, — איז גאָלד אַנטקעגן דעם, וואָס דאָ האָט זיך געטאָן מיט אַ קאַרגן יאָר צוריק.

— דערציילט אונדז טאַקע, ווי אזוי איר האָט פאַרכאַפּט דעם מאַנאַס־טיר און געמאַכט פון אים אַ יידישן שפּיטאָל. עס גייען דאָך אַרום אַזויפיל מעשיות וועגן דעם. און ווי קומט איר בכלל צום דאָזיקן פלאַץ?

— די מעשיות, — ענטפערט דר. גרינבערג, — זענען ביידע זאַכן: אי לעגענדע, אי אמת. היינט זעט עס מיר אויס שוין ווי אַ חלום טאַקע. נישט צו גלייבן, אַז ס'איז נאָך קיין פולער יאָר נישטאָ, זינט מיר זענען אַרויס פון די גיהנום־בונקערס. אויב לעגענדע — איז דאָס, וואָס מיר שפּאַצירן איצט אָט־דאָ אויף דעם פעלד, די גרעסטע לעגענדע. ווי אזוי איך

מיט נאָך אַ פּאָר חברים האָבן פאַרכאַפּט דעם מאָנאַסטיר — וועגן דעם איז גראָד קיין ספק נישטאָ וואָס צו דערציילן: כ׳וועל דאָך נישט גיין אַרויסשטעלן זיך פאַר אַ העלד און אָנוועבן געשיכטעס אַרום דעם. — ס׳איז אפשר געווען דאָס פּשוטסטע, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט טאָן אין יענע טעג פון באַפרייאונג, כאָטש אויסזען האָט עס טאַקע אויסגעזען ווי אַ העלדישקייט. ס׳האָט זיך געפאָדערט נאָר אַ ביסל געוואַגטקייט און איינשטעלעניש. פאַרלירן האָבן מיר נישט געהאַט וואָס. דאָס געפיל פון פריי־הייט, וואָס האָט אונדז אַרומגעכאַפּט און פאַרשיכורט, האָט געקאָנט געבן כוח אויף נאָך געוואַגטערע זאַכן, כאָטש אונדזערע פיזישע כוחות זענען געווען אינגאַנצן צעבראָכן. די מערסטע פון אונדז זענען געווען הויט און ביינער, קוים אויף די פיס זיך געהאַלטן.

— איז ווי? איר זענט אַריין אין מאָנאַסטיר און — וואָס?

— פּשוט, מיר זענען אַריין און פאַרנומען אים. מיר האָבן אַליין נישט געגלויבט, אַז ס׳וועט אונדז אַזוי לייכט אָנקומען. אָבער די דייטשן זענען שוין געווען אַזוי צעטומלט, בהלהדיק, אַז אַלע זענען זיי, אין שרעק פאַר נקמה, זיך צעלאָפן. אַ פּאָר טעג פריער זענען זיי נאָך געשטאַנען איבער אונדז מיט זייערע ביקסן און געשלעפּט אונדז צום טויט, און אָט — אויס מיטאַמאָל. די ראָסן־הערן זענען אין איין טאָג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נישטיקייטן. און דאָ האָבן מיר, די לעבן־געבליבענע, נאָך אונדזער לעצטן טויט־מאַרש, געמוזט גלייך שאַפן אַ שפּיטאָל־פּלאַץ, וואוהין אַריינצונעמען די הונדערטער און טויזנטער האַלב־גוססע פון צווישן אונדז. אויב ס׳איז דאָ אַ ספק, וואָס צו דערציילן, איז טאַקע אָט וועגן דעם לעצטן טויט־מאַרש אונדזערן.

— דערציילט, אויב ס׳איז אייך נישט שווער.

דר. גרינבערגס פּנים ווערט אַלץ מער און מער אויפגעפלאַמט:

— וואָס שייך שווער? ס׳גייט נישט דורך אַ טאָג איך זאָל זיך נישט דערמאָנען אָן דעם, איך זאָל אַליין נישט בלייבן שטיין דערשיטערט און פרעגן: איז עס מעגלעך געווען? — אָבער, אַז איך וויל אין זיכרון דורכלעבן היינט אַלץ, וואָס איך האָב דורכגעלעבט דעמאָלט, קאָן איך נישט. כ׳האָב נישט קיין כוח דערויף. געוויסע מאָמענטן אָבער אין אונדזער לעצטן טויט־מאַרש לאָזן מיך קיינמאָל נישט אָפּ, אַזוי ווי ס׳לאָזט מיך קיינמאָל נישט אָפּ די סצענע, ווי כ׳האָב דורכגעשמוגלט דורכן געטאָ־טויער מיין ייִנגעלע אַ פאַרשלעפּערטן אין אַ זאַק, און נאָכדעם אויפגעהאַנגען דעם זאַק מיטן ייִנגעלע אויף אַ וואַנט און זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק, אַז אין זאַק ליגט אַ לעבעדיק וועזן. עס לאָזט מיך אויך קיינמאָל נישט אָפּ דאָס בילד, ווי אַזוי דער שרייבער מ. בורשטין, דער מחבר פון „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע״, מיט וועמען איך בין געווען אין קאַצעט, איז געשטאָרבן. —

— דערציילט וויפיל איר קאָנט.

— וועגן מיין ייִנגעלע האָב איך אייך שוין דערציילט פּסח נאָך.

— יאָ, מיר געדענקען.

— וואָס הייסט אַ לעצטער טויט־מאַרש? — פּשוט, אונדזערע פּייניקער דערשמעקן, אַז די אַמעריקאַנער אַרמיי איז שוין אויפֿן וועג צו אונדזערע תּפיסות, אַז אָט־אָט קומט זי אָן און באַפֿרייט אונדז — נעמען זיי, די רוצחים, און פֿירן אונדז אַרויס פֿון אַלע באַראַקן — אין די טויזנטער — רינגלען אונדז אַרום, און נעמען אונדז טרייבן אין אַן אַנטקעגנדיקער ריכטונג, דורך זייטיקע וועגן, דורך וואַלד און פֿעלד, איבער בערג און טאָלן. טרייבן אונדז טאָג און נאַכט, אָן עסן, אָן וואַסער. זיי זאָגן נישט, וואוהין זיי פֿירן אונדז, און צוליב וואָס זיי פֿירן אונדז. מיר פֿאַרשטייען אַליין שוין, וואוהין זיי פֿירן אונדז. זיי פֿירן אונדז אויפֿן לעצטן מאַרש צום טויט. זיי ווענדן אָן אַלע מיטלען, אַז אַ גרויסער טייל פֿון אונדזערע מחנות זאָל פֿאַלן אין מיטן וועג פֿון מידקייט, פֿון הונגער, פֿון דאָרשט. ווער עס פֿאַלט, ווערט אויפֿן אָרט גלייך דערשאָסן. ווער עס איז שטאַרקער און פֿאַלט נישט— וועט דערשאָסן ווערן דאָרט, וואו די רוצחים וועלן באַשליסן, אַז עס איז דער לעצטער פּונקט. — וואָס ווילן זיי דערגרייכן דערמיט? זיי ווילן דערגרייכן, אַז עס זאָלן נישט בלייבן פֿון צווישן אונדז נישט קיין נקמה־נעמער און נישט קיין לעבעדיקע עדות, וואָס וועלן קאָנען דערציילן נאָכדעם דער וועלט וועגן די דייטשע מעשׂים. — כ'קאָן, אַגב, נישט פֿאַרשטיין, אַפֿילו היינט, צוליב וואָס זיי האָבן אונדז באַדאַרפֿט מעת־לעתן לאַנג אַזוי שלעפּן צעשליידערט איבער בערג און שליאַכן, אַזוי משוגענערווייז יאָגן אונדז און אויך זיך אַליין, און אַלץ לענגער אָפּציען אונדזער פֿאַרניכטונג. זיי האָבן דאָך געקאָנט אין איינע עטלעכע שעה, איבער דער לענג און געדיכטעניש פֿון וועלדער און זייטיקע טאָלן, אונדז אַלעמען ביז איינעם אויסשיסן און פֿאַרטיק. נישט אַנדערש, אַז עפּעס אַ משוגעת פֿון אַ לעצטער רציחה, פֿון אַ לעצטער נאַצישער פֿאַרווילדעוועטקייט האָט זיי נישט געלאָזט אָפּפֿאַרטיקן זיך מיט אונדז איינס־צוויי. ס'האָט זיך זיי געגלוסט, אַז די שפּיל מיטן קרבן און די צעיושעטקייט פֿון דער רציחה זאָלן אָנהאַלטן וואָס־לענגער, די מערדערישע הנאה זאָל זיך זיי נישט אויסשעפּן. אויב דער מערדער דאַרף געכאַפּט ווערן פֿון די נאָכיאָגערישע עלאַיִס־אַרמייען, טאָ זאָל ער כאָטש האָבן די הנאה, וואָס זיין קרבן, וועמען ער דאַרף אומברענגען, מאַטערט זיך וואָס־מער אין זיינע טויט־אַנגסטן. און אפשר דערקלערט זיך עס נאָך פּשוטער: די מערדערס אונדזערע זענען געווען אַזוי צעטומלט, אַזוי אין פּאַניק פֿאַר דער אָנקומענדיקער אַמעריקאַנער אַרמיי, אַז זיי האָבן ממש נישט געוואוסט מער וואָס זיי טוען. זיי האָבן געשפּירט איין זאַך: זיי מוזן אַנטלויפֿן. און אַז זיי אַנטלויפֿן, מוזן זיי אויך מיטשלעפּן מיט זיך די קרבנות. — — נאָך אַ נס, וואָס אויך רוצחים מוזן אין מיטן פֿון געלויף אַמאָל צופֿאַלן צו דער ערד און אָפּרוען, און ביינאַכט מוזן זיי שלאָפֿן — האָבן זיי אויך אונדז, אַזוי אַרום, אין מיטן מאַרש, געמוזט אַמאָל לאָזן אָפּרוען און אַ ביסל שלאָפֿן. — — אָפּגערוט זיך, ד. ה. זיי

האָבן זיך אָפּגערוט — און ווידער אויפגעשפּרונגען און ווידער געיאָגט אונדז, געשלאָגן מיט די ביקסן, מיט קנוטן, מיט שטעקנס, געטופּעט און געטראָטן איבער די שוואַכע, איבער די אוועקגעפאַלענע. געזייט און פאַר־זייט אַלע ווען מיט טויט און מיט מאָרד. — — ענדלעך ברענגען זיי אונדז צו אַ באַן־ליניע, ערגעץ, נישט־ווייט פון אַ וואַלד. אויף דער באַן־ליניע אַ קייט מיט לײדיקע פראַכט־וואַגאָנעס. זיי נעמען אונדז טרייבן אין די וואַגאָנעס אַריין, אונטערן האַגל פון קלעפּ און קנוטן. און דאָ, מיטאַמאָל, נעמט דונערן און בליצן, און אַ שלאַקס־רעגן ברעכט אויס. זיי פּאַקן אונדז אַריין אין די וואַגאָנעס — דערשטיקט צו ווערן. מיר זענען דורכגעווייקט פון קאָפּ ביז די פיס. אונדזערע קליידער — די אַרעסטאַנטן־פּאַדזשאַמעס — זענען צוגעקלעפּט צו אונדזערע לייבער. מיר זענען שמוציק, פאַרלייזיקט, מער טויט ווי לעבעדיק פון דאָרשט און פון הונגער. מיט אונדזערע דער־פּאַרענע חושים אָבער דערשפּירן מיר, אַז די עלאַיס־אַרמיי איז שוין גאָר־נאָענט, אַז עפּעס, וואָס שמעקט מיט באַפרייאונג, קומט שוין פאָר ערגעץ, דאָ נישט ווייט. — — — אונדזער צוג נעמט יאָגן פּאַזע וואַלד. מיטאַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ און בלייבט שטיין. ס'איז נאַכט, רעגן און פינצטערניש. אַ טייל פון אונדז באַשליסט דורכצורייסן זיך דורך דער וואַך, אין וועלכער מיר שפּירן אַ וואַקלדיקייט, און נעמט שפּרינגען פון די וואַגאָנעס. עטלעכע הונדערט שפּרינגען אַרויס. איך צווישן זיי. די וואַך שיסט אויף אונדז. ווער עס פאַלט — פאַלט. מיר לאָזן זיך אין וואַלד אַריין. דאָס שיסן אויף אונדז הערט אויף. מיר בראָדזשען דורך דעם וואַלד. מיר קומען אַרויס אין דער אָפנקייט. עס הייבט שוין אָן באַגינען. דער רעגן אָבער הערט נישט אויף צו שמייסן איבער אונדזערע פיבערנדיקע לייבער. מיר דערזעען, אַז מיר זענען אַ גרויסע מחנה. וויפיל עס זענען דערשאָסן געוואָרן, און וויפיל פאַרלוירן געוואָרן אין וואַלד, ווייסן מיר נישט. מיר האָבן איין באַגער נאָר: וואַסער, עסן, אַ טרוקן פּלאַץ, אַ טרוקן העמד. — מיטאַמאָל, ווי מיר בראָד־זשען אַזוי אַרום שטויסן מיר זיך ווידער אָן אויף אַ צוג אויף אַ פאַרוואָר־פענער זייטיקער ליניע. אַרום דעם צוג און אויף די טרעפּ פון די וואַגאָ־נעס — קיין לעבעדיקער נפש. מיר רייסן זיך אַריין אין די וואַגאָנעס און בלייבן שטיין פאַרגאַפטע, פריידיק־דערשיטערטע פון דעם, וואָס אונדזערע אויגן דערזעען. שטעלט אייך פאָר: די וואַגאָנעס זענען פול מיט קליידער, מיט מונדירן, מיט וועש, מיט קאָלדערעס. און שטעלט אייך נאָך פאָר: מיט אַלער־ליי עסנוואַרג, מיט פּוטער, מיט פּרוכט און — מיט כּלערליי וויינען. קיי־נעמס פאַנטאַזיע קאָן זיך נישט אויסמאָלן, וואָס פאַר אַ מהומה עס איז געוואָרן צווישן אונדז אַלעמען. וואָס פאַר אַ פרייד־גערעוועריי! וואָס פאַר אַ וואַקכאַנאַליע פון הונגער־שטילונג! מיר שלינגען, מיר זויפן, און אין דער זעלבער צייט וואַרפן מיר פון זיך אונדזערע לייזיקע שמאַטעס. מיר טוען זיך אָן אין נייע וועש, אין נייע שיך, אין מונדירן, אין מאַנטלען, און מיר לאָזן זיך אוועק אין אַ טרינק־געיעג — פלאַש נאָך פלאַש. קאָניאַק,

ליקער און וואָס נישט. מיר ווערן אַלע שיכור און לאָזן זיך אַרויס פון די וואַגאָנעס אין דערבייאיקן וואַלד אַריין מיט אַ הולעריי, מיט אַ טאַנצעריי, מיט אַ ווילד פייערדיק געזאַנגעריי. און דאָ, ביים זוים פון וואַלד, ליגן צענד־ליקער פון אונדזער אייגענער מחנה — די, וואָס האָבן נישט אויסגעהאַלטן און אַוועקגעפאַלן טויט. מיר שפּרינגען איבער זיי, מיר דרייען זיך אַרום זיי אין אַ קאַראַהאָד — איבערגעטרונקענע, איבערגעכישופטע. פון דערווייטנס הערן זיך שיסערייען. נענטער. נענטער. אימיצער לויפט אָן מיט אַ געיובל: „די אַמעריקאַנער קומען!" — אונדזער קאַראַהאָד ווערט ווילד־שטורעמדיקער. אונדזערע העלדזער ווערן הייזעריק. מיר גיבן אַלע אַ פאַל צו דער ערד און זינקען אַריין אין אַ טיפן שלאָף. — — —

*

איך נוץ אויס די געלעגנהייט און גיב איבער, וואָס דר. גרינבערג האָט אונדז, ביי אַן אַנדער מאָמענט, דערציילט וועגן דעם טויט פון שריפטשטעלער מ. בורשטין.

— — — ער איז שוין געווען, בורשטין, אַ מסוכן־קראַנקער אין די לעצטע וואָכן פאַר דער באַפרייאונג. געשוואָלן פון הונגער געווען. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע טעג זענען געציילטע, אַז ער מוז שטאַרבן. מיר, די פּאָר פריינט אַרום אים אין בונקער, וואָס האָבן געוואוסט ווער ער איז, האָבן אַלץ געטאָן, כדי אויסצוהיטן אים פון די אויגן פונעם לאַגער־הויפּט, ער זאָל קאָנען שטאַרבן אין בונקער און נישט אין גאַז־קאַמער. — — ער האָט געליטן, האָבן מיר געזען, גרויסע יסורים, אָבער מיר האָבן אויך געזען, ווי אַזוי ער איז גובר זיינע יסורים, און ווי אַזוי ער פאַלט אַריין פון טאָג־צו־טאָג אין אַ מאָדנעם געהויבענעם צושטאַנד — אין אַזאַ מיסטיש־רעלי־גיעזער התפעלות. ער נעמט רעדן אַזוינע אויסטערלישע רייד וועגן דעם, ווי הייליק עס איז דאָס מענטשלעכע לעבן, און ווי הייליק עס איז אויך דאָס לעבן פון געוויקסן, פון גראָזן און, דערהויפּט, דאָס לעבן פון פרוכטן. דאָס מענטשלעכע לעבן טאָר נישט אָנגערירט ווערן; טאָר נישט אומגעבראַכט ווערן — אַזוי אויך טאָר נישט אָנגערירט ווערן דאָס לעבן פון אַן עפּל, פון אַ באַרנע, פון אַ קאַרש. מענטשן זינדיקן, אויב זיי פאַרשוועכן די רויט־קייט פון אַן עפּל, די גרינקייט פון אַ באַרנע. אַלע געטלעכע פאַרבן זענען אויסגעגאָסן אויף פרות. זיי זענען די שיינקייט און די נשמה פון דער וועלט. און אָט קומען מענטשן און בייסן זיך אַריין מיט די ציין אינעם גאָלד פון אַן אַפּעלסין, אין דער בלויקייט פון אַ פלוים, אין דער פלאַמיקייט פון אַ ווייַנשל. ווען זיי טוען עס, וואָונדיקן זיי דאָס סאַמע האַרץ פון דער וועלט. — — — אַזוי פלעגט ער רעדן. איינמאָל האָט אימיצער פון אונדז אַריינגעשמוגלט אין בונקער אַן עפּל, אַ רויט־זוניקן עפּל. ווי אויסגעהונגערט און ווי זשעדנע מיר אַלע זענען נישט געווען, האָבן מיר פונדעסטוועגן

באַשלאָסן דעם עפּל אוועקצוגעבן בורשטינען. זאָל ער כאָטש פּאַרן טויט דערקוויקן זיין האַרץ מיטן פרישן זאַפט פון אַ פּרוכט. — זיינע מיסטישע רייד וועגן דער הייליקייט פון פּרות האָבן מיר טאַקע גענומען ערנסט, אָבער דאָך נישט אַזוי ערנסט, מיר זאָלן טראַכטן, אַז בורשטין מיינט טאַקע, אַז מענטשן זאָלן אויפהערן זיך צו שפּייזן מיט געוויקסן און מיט פרוכטן. בורשטין איז געווען איבערגליקלעך, ווען ער האָט דערפילט אין זיינע הענט דעם עפּל. ער האָט אים געגלעט און געצערטלט, געשפּיגלט זיך אין זיין שיינקייט, און שעהן־לאַנג געקעמפּט מיט זיין הונגער־גלוסטונג דעם עפּל אויפצועסן. מיר האָבן געזען, ווי די הונגער־אַנגסטן מאַטערן אים, ווי די פינגער זיינע גיבן אַ פּאַל אַרונטער און דערוויטערן דעם עפּל פון זיך, כדי אויסצוהאַלטן דעם נסיון. מיר שטייען־צו צו אים, ער זאָל דעם עפּל עסן. מיר ווייזן אים אויף, אַז מיט אַזאַ איינשטעלונג וועלן דאָך אַלע מענטשן מוזן אונטערגיין, זיי וועלן מיט קיין זאַך אין דער נאַטור נישט קאָנען שפּייזן זיך, כדי אָנצוהאַלטן זייער לעבן — וועט דאָך אַזוי אַרום דאָס מענטשלעכע לעבן, וואָס איז אים אַזוי הייליק, מוזן אומקומען. — צי וויל ער עס? — — אונדזערע רייד האָבן געווירקט. ער האָט, ליגנדיק אַזוי ווי אין אַ הין־הער־פּלעט, צוגעטראָגן ענדלעך דעם עפּל צו זיין מויל און אַריינגעביסן זיך אין אים, ווי צונויפגיסנדיק זיך מיט דער געטלעכקייט אַליין.
קורץ נאָכדעם איז ער אויסגעגאַנגען.

✶

אין דאַכאַו

29־טער אַפּריל.

...פון סאַנט־אָטיליען לאָזן מיר זיך קיין מינכען, כדי פון דאָרט צו פאָרן קיין דאַכאַו, וואָס געפינט זיך אַרום פופצן מייל פון מינכען.

דער נײַן־און־צוואַנציקסטער אַפּריל איז דער יאָרטאָג נאָך דער באַפרייאונג פון די דאַכאַו־לאַגערן און דאַכאַו־קרעמאַטאָריע.

דאַכאַו אַליין איז אַ דייטשיש שטעטל מיט אַ טיפּיש דייטשער באַפעלקערונג.

פונעם שטעטל צו די געוועזענע היטלער־לאַגערן און צום פּלאַץ פון דער קרעמאַטאָריע איז נישט מער ווי אַ שפּאַן.

פונדעסטוועגן שטערט עס נישט די היינטיקע דייטשן פונעם שטעטל צו ליגנערן, אַז זיי האָבן כלומרשט נישט געוואוסט, אַז נישט ווייט פון זיי איז געווען אַ קרעמאַטאָריע, און אַז אין דער קרעמאַטאָריע האָט מען פאַרברענט אַ פערטל מיליאָן מענטשן.

סך־הכל שטינקט נאָך היינט דאָס גאַנצע שטעטל מיט געברענט מענטשיש פלייש און מיט די רויכן, וואָס האָבן געשפּאַרט פון די קרעמאַטאָריע־קוימענס.

עס וועט זיי נעמען טויזנט יאָר — די טויזנט יאָר, וואָס היטלער האָט זיי פאַרשפּראָכן צו „גדולה און צו ממשלה" — ביז וואַנען זייער דאַכאַו, זייער גאַנץ דייטשע דאַכאַו, וועט אויפהערן צו שמעקן מיט געברענט מענטשן־פלייש און מיט קרעמאַטאָריע־רויך.

*

שטעלן מיר זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע אין מינכען, אין יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, און פון דאָרט לאָזן מיר זיך צו די גרויסע ברידער־קברים הינטער דאַכאַו און צום קרעמאַטאָריע־פּלאַץ.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט צוגעגרייט אַ בלומען־קראַנץ, וואָס מיר, די דעלעגאַציע פון אַמעריקע, זאָלן מיטנעמען און אַרויפלייגן אויפן יידישן ברודער־קבר.

נעמען מיר דעם בלומען־קראַנץ און מיר פאָרן.

דער טאָג איז אַ קאַלטלעכער, אַ רעגנדיקער. מיר פאָרן אין אַן אָפּענער מאַשין. דער דריבנער רעגן שמייסט אין פּנים, צופּט פאַר די בלעטער

און בלומען פון אונדזער קראַנץ.

דער קראַנץ, אַ קיילעכדיקער רויזן־ראָד, פּילט, וואָלט איך געשוואוירן, דאָס זעלבע, וואָס מיר, זיצנדיקע אין מאַשין, פילן: אומעט, צער, אומהיימ־לעכקייט און עפּעס אַזאַ אַנונג פון אַ פאַרשוועכונג.

אַ פאַרשוועכונג, וואָס ערשט דאָרט אויפן פּלאַץ, אויפן ברודער־קבר, וועט זי זיך פאַנאַנדערשפּילן.

ווייל דער טאָג, דער יאָרטאָג, וואָס האָט באַדאַרפט, ווי אַ שטרעמווינט, און ווי אַ פייערפלאַם אויפהייבן און צוזאַמענברענגען אַרום די ברודער־קברים מיליאָנען און מיליאָנען מחילה־בעטנדיקע דייטשע שולדיקע; דער טאָג, ווען אַלע פעלדער, וועגן, גאַסן אַרום און אַרום, האָבן באַ־דאַרפט זיין באַדעקט און פאַרפּליצט מיט נייער און מאַרשירער — דער דאָזיקער טאָג שיינט צו זיין, לויט דעם, וואָס מיר זעען פון מאַשין, פּאָרנדיק, זייער אַ געוויינלעכער, זייער אַ וואָכנדיקער, זייער אַ נאַצי־דייטשער.

וואָס־נענטער מיר קומען צו צו די פעלדער, וואו עס געפינען זיך די ברודער־קברים, אַלץ שאַרפער הייבן מיר אָן צו דערשפּירן די גאַנצע פאַרשוועכונג.

אָט איז אַ שטיק פעלד, וואו עס ליגן אין איין קבר זיבן טויזנט הרוגים, און אָט איז אַ צווייט פעלד, וואו עס ליגן דריי טויזנט, און נאָך און נאָך.

די קברים־פעלדער — נישט אַרומגעצאַמט, מיט קיין זאַך כמעט נישט אַרויסגעטיילט פון דעם אַרומיקן שטח.

קיין שום צייכן פון פייערלעכקייט, פון זאָרגעוודיקייט, פון מאָנומענ־טישקייט.

וואָלט אָט־די אָרעמקייט און נאַכלעסיקייט געקומען פון באַ־שיידענער פּשוטקייט און געבראָכנקייט, וואָס די אַרומיקע דייטשע באַ־פעלקערונג פילט, נעבעך, אין זיך —

אָבער דער אמת איז נישט אַזוי.

די דייטשן וואָלטן וועלן די אַלע ברודער־קברים אויסגלייכן וואָס־שנעלער מיט דער ערד, צעטרעטן און פאַרטרעטן זיי, צעטראַמפּלען זיי — אויב מעגלעך אפילו איבערגיין איבער זיי מיט אַן אַקער — אָפּווישן זייער זכר פונעם פּנים פון זייער בלוטיק לאַנד.

ליגט זיי אוודאי נישט אין זינען, און אוודאי און אוודאי נישט אין זייער האַרצן, אויף תשובה און חרטה אומפּייאַיקן, האַרצן צו קומען אין דעם יאָרטאָג אָפּצוגעבן כבוד די אומגעקומענע און אָנצוהאַלטן שטענדיקע קדושה־צייכנס אַרום די מאַרטירער־קברים.

אויך די אָקופּאַציע־מאַכט, צו איר חרפּה און שאַנד, חנפעט שוין אונטער דעם נידערטרעכטיקן סענטימענט פון די דייטשן, און לאָזט נישט

צופיל אונטערשטרייכן די היסטאָרישקייט פונעם טאָג, זיין באַדייטונג און זיין אַנטי־נאַצישע וואָרענונג.

די טויטע זאָלן נישט מאָנען, די הרוגים זאָלן נישט רופן צום משפּט, צו אָפּרעכענונג. דאָס קול פון די פאַרפּייניקטע און פאַרברענטע זאָל נישט דערהערט ווערן, זאָל פאַרגעסן ווערן.

יאָ, אַזוי ווילן היינט די אָקופּירער אין מינכען. אַזוי ווילן היינט די באַפרייער, מישטיינס־געזאָגט.

די וועלט זאָל פאַרגעסן. דעם מערדערס האַרץ נישט צופיל אויפרעגן, חלילה. נישט דערמאָנען אים, דעם מערדער, זיינע מעשׂים. נישט פאַרשאַפן אים קיין עגמת־נפש, חלילה.

קומען מיר צו די ברודער־קברים. זעען מיר:

גראָזיקע שטיקער פעלד. אונטן, אונטערן גראָז, ליגן צענער טויזנטער, און אויבן, איבערן גראָז, שטייען קופּקעס מענטשן, קוים, קוים אַ פּאָר הונדערט . . .

דאָ — אַ גרופּקע באַזוכער, דאָרט — אַ גרופּקע.

אויף אַ קליינער פּלאַטפאָרמע שטייען עטלעכע רעדנער און האַלטן רעדעס.

זיי רעדן אין לייִדיקן חלל אַריין. זיי רעדן אין דראָבנעם רעגן אַריין. זיי רעדן צו דעם אויסשפּרייט פון די גראָזן אויף די קברים־פעלדער.

ווער־זשע דאַרף זיי, די רעדעס?

אויף דעם קברים־פעלד, וואו עס ליגן, ווי מען זאָגט, זיבן טויזנט, שטייט פון איין זייט אַן עלנטער מגן־דוד פון האָלץ צונויפגעקלאַפּט, און פון דער צווייטער זייט — אַ נישט־וויניקער עלנטער צלם.

מיר קומען צו צום מגן־דוד, און מיר לייגן אַוועק אונדזער פאַר־טרויערטן בלומען־קראַנץ.

מיר לייגן אים אַוועק אין נאָמען פון די יידן אין די לאַגערן.
מיר לייגן אים אַוועק אין נאָמען פון די יידן אין אַמעריקע.
מיר לענען אָן דעם בלומען־קראַנץ אָן דעם מגן־דוד.

מיר בלייבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און ס'האַרץ אין אונדז איז אויפגעלאָפן פון פּיין און פון צאָרן.

דאָס האַרץ אין אונדז איז אויפגעקלעמט און — פאַרביסן.

די ליפּן באַוועגן זיך שטום. זיי ברענגען מיט קללה און מיט פאַראַכ־טונג צו דער נידערטרעכטיקער וועלט.

דער רעגן שפּיזלט און שפּיזלט אַזוי נידערטרעכטיק, אַזוי נאַציש ווי דער גאַנצער אַרום.

און די, וואָס שטייען אויף דער פּלאַטפאָרמע דאָרט, און רעדן צו די עטלעכע הונדערט מענטשן אַרום זיי — צו־וואָס נאָך רעדן זיי? זאָלן זיי בעסער שווייגן, ווי דער אָרעמער מגן־דוד שווייגט, ווי דער צוזאַמענגעדריי־טער, צוזאַמענגעקאָרטשעטער בלומען־קראַנץ שווייגט.



דאָס קבר-פעלד אין דאַכאַו

אַדיע, בלומען־קראַנץ.
אַדיע, עלנטער מגן־דוד.

איך וואָלט אויך דיר, עלנטער צלם, געזאָגט אַדיע, אָבער איך בין נישט זיכער צי וועסטו מאָרגן נישט אַוועקשפּאַנען פון דאַנען און נישט אַרויפקלעטערן אויף אַ שפּיץ דאַך פון אַ רוצחישן נאַצי־הויז, און נישט נעמען רעגענען אויף אים און אויף זיינע בלוטיקע איינוואוינער, מיט שויץ, מיט בוימל־רחמים און מיט כאַכאַרינישער ליבשאַפט.

איך בין נישט זיכער.

*



אַריינגאַנג אין דאַכאַו־קרעמאַטאָריע

און אַט זענען מיר אין דעם אמתן דאַכאַו, אין דעם געוועזענעם גיהנום.
דאַ—כאַ—או.

צי ווערט נישט די צונג פּאַרקילט ביים אַרויסרעדן די דאָזיקע דריי זילבן?

אַט פאָרן מיר אַריין דורכן טויער. אָט זענען מיר אויף אַ הויף, וואָס איז אַ הויף, אַ גאָרטן.

ווי קומט גאָרטן אַהער? ווי קומט גראָז אַהער? ווי קומען בלומען אַהער?

דאָ — בלומען? גאָט מיינער!

אָבער — וואַרט. פרעג נישט. וועסט פרעגן שפּעטער.

רייס פונאַנדער דיינע אויגן און קוק. אָט הענגט אַ טאָוול — אַ שילד אַזאַ, וואו ס'איז אָנגעשריבן אויף ענגליש די באַדייטונג — אינפאָרמאַציע וועגן דעם פּלאַץ.

דער דאָזיקער פּלאַץ, הייסט עס, ווערט אָנגעהאַלטן, ווי אַן אָנדענ־קונג פון די צוויי הונדערט און אַכט און דרייסיק טויזנט (238,000) לעבנס, וואָס זענען דאָ פאַרברענט געוואָרן.

גערענק־זשע גוט: צוויי הונדערט און אַכט און דרייסיק טויזנט!

און — אַלע ווערן געבעטן נישט צו צעשטערן קיין זאַך אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ.

צעשטערן? וואָס קאָן מען שוין איצט דאָ צעשטערן? — און מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָבן די מאַכערס, וואָס האָבן זיך דאָ געעסקט, צו פאַרוואַנדלען דאָס אָרט אין אַן אָנדענק — מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי יאָ צעשטערט די נאַקעטקייט פונעם בלוטיקן אמת און פאַרפּוצט זי מיט אידיאָטישער בלומיקער פאַרפּוצונג?

ווידעראמאָל — וואַרט! פרעג נישט. וועסט פרעגן שפּעטער! אָט איז דאָך די קרעמאַטאָריע. גיי אַריין.

זע. קוק. שטרעק אויס דיינע שוואַרצאַפּלען.

אָט איז דאָך דער אויוון. יאָ, דער אויוון! אָט שטייט דאָך די גרויסע לאָפּעטע, מיט וועלכער מען פלעגט אַריינרוקן די קערפּערס.

יאָ, יאָ, פרעג נישט — אַ לאָפּעטע.

אַ לאָפּעטע אַזוי ווי ביי אַן אויוון פון אַ בעקעריי.

יאָ — אַ לאָפּעטע. יאָ — אַן אויוון.

אַנשטאָט ברויט האָט מען דאָ געבאַקן מענטשלעכע קערפּערס.

יאָ — קערפּערס. יאָ — לאָפּאַטע!

אַריינגערוקט קערפּערס און אַרויסגעשלעפּט — אַש.

אָבער, גאָט מיינער, ווידער — זע, ווי אַלץ אַרום דעם אויוון איז צו־געפּוצט! ווי ריין אויסגעשייערט. שיער־נישט יום־טובדיק. ממש אַ מחיה אַריינצוקריכן אינעם אויוון און דאָרט אויסציען זיך און זאָגן הללויה.

וואו ביסטו, וואָלפגאַנג געטע? וואָס אָלימפּעווסטו דאָרט אין גן־עדן? קום אַרונטער, נעם דיין פּאַוסט און דיין מאַרגאַרעטע און קריך אַריין בעסער אין דעם אויוון, וואָס דיין פאָלק האָט אויסגעבויט. קריך אַריין. פאַר־ווע דאָרט פּאַוסטס צווייטע יוגנט מיט מאַרגאַרעטען. נעם אויך מעפיסטאָן מיט זיך. דער ביטערער לץ וועט זיך מחיה זיין!

אָט איז דער גאַז־קאַמער דערביי. אַ גרויסע שטיינערנע געביידע מיט אַ טויער, וואָס פאַרמאַכט זיך הערמעטיש, זעט אויס ווי אַ באָד־קאַמער.

ווי קונציק, ווי כיטרע געמאַכט — די קרבנות צו פאַרנאַרן און אָפּ־נאַרן.

קום אַריין, געטע, אין חתונה־זאַל אַריין.

די סטעליע — מיט ליכטער־קאַמופּלאַזש. מיט בלומרשטע לופט־עפע־נונגען. אין דיל — אייזערנע גראַטעס, מען זאָל מיינען, אַז וואַרעמקייט קומט אַריין דורך זיי. אין דער אמתן פלעגט דורך זיי דער טויטלעכער גאַז אַריינפלייצן.

קומט אריין, אַלימפּער אַלע, קומט אריין!

און אָט איז דאָס צימער פון פּייניקונג.

אָט איז דער טיש איבער וועלכן מען פלעגט דעם קרבן אַריבערבייגן מיטן אויבערשטן האַלבן קערפּער צו איין ברעג, און דעם אונטערשטן טייל פון קערפּער לאָזן אַרונטערהענגען. די פיס צובינדן צו דער ערד, די הענט אַרויפרייסן און צובינדן אויבן צוזאַמען מיט דעם קאָפּ, און נאָכדעם נעמען קאַטעווען מיט קנוטן איבערן צוגעשמידטן נאַקעטן לייב.

און אָט איז דערביי אַ רינווע פּינקטלעך און זאָרגפעלטיק געמאַכט. דורך דער דאָזיקער רינווע פלעגט אָפּרינען דאָס בלוט פון די געפּייניקטע לייבער. דאָס בלוט זאָל זיך זאַמלען אין איין פּלאַץ, זאָל נישט גיין אין ניוועץ.

און אָט איז דער תּליה־בוים. אַ ברייטער, אַ צעצווייגטער, אַן אַרומגערייניקטער, אַן הרחבהדיקער.

ער שטייט זיך, דער בוים, און וויגט זיך אין שטילן רעגנדל.

ממש אַן אידיליע — ווי מען האָט עס אויסגעפּוצט דעם גיהנום! כאָטש נעם און לייג זיך פונאַנדער מיט אַ פּיקניק. אַ מחיה אויסצוציען זיך איבערן אויסגעשייערטן גאַז־קאַמער, אַ נחת ממש צו הענגען אויף אַזאַ פאַרווינגדיקן בוים!

וואו ביסטו, פילאָזאָף קאַנט? נעם דיין קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו און טרינק אים אָן מיט געשמאַקן גאַז, — וועסטו זיכער זיין, אַז זיין קאַטעגאָרישקייט וועט דויערן און דויערן אויף אַלע אייביקייטן.

און דו, גערהאַרד האַופּטמאַן, נעם דיין דערטרונקענעם גלאָק און קייקל אים אין דער רינווע, וואו ס׳איז אַריינגערונען ס׳בלוט פון די פאַרפּייניקטע — וועט דיין גלאָק רויט אָפּגעפאַרבט ווערן פונסניי, און ס׳וועט דיר זיין אַ סגולה צו אַ צווייטער אריכת ימים.

איין אריכת ימים האָסטו געהאַט ביי היטלערן — וועסטו האָבן אַ צווייטע.

און דו, פרידריך ניטשע, נעם דיין אויבער־מענטש און צי אים אויס איבערן מאַרטירער־טיש מיטן נאַקעטן ווי־זאָגט־מען־עס, איך בעט איבער דיין כבוד. זאָל ער ליגן, און זיין, ווי אַן אויבערמענטש דאַרף זיין: אַ ציל אין זיך אַליין. אַ מענטש־גאָט. און אויב ער וועט זיך אויפשטעלן, זאָלסטו זאָגן צו אים: די נאַכט איז קליגער פונעם טאָג, און אַ נאַקעטער ווי־זאָגט־מען־עס איז קליגער פאַר אַ צוגעדעקטן קאָפּ, און אַ מיט־בלומען־פאַרפּוצטע קרעמאַטאָריע אַוווירט נשט ווייניקער פון אַ קבר מיט ווערים. אַזוי האָט גערדברט זאַראַטוסטראַ...

*

צוריקקערנדיק זיך פונעם קרעמאַטאָריע־פּלאַץ, פאָרן מיר פאַרביי די צענדליקער דאַכאַו־באַראַקן, וואו עס געפינען זיך איצט אין געפאַנגענשאַפט עטלעכע טויזנט נאַציס.

די זעלבע באַראַקן, און די זעלבע שטעכיקע דראָטן אַרום און אַרום, הינטער וועלכע, מיט אַ יאָר צוריק עס האָבן זיך געמאַטערט די קרבנות פון אָט־די נאַציס.

איצט פאַרזוכן זיי אַליין דעם טעם פון שטעכיקע דראָטן.

ביי אַן אַנדער מאָמענט, און ביי אַן אַנדער שטימונג, וואָלטן מיר זיך אָפּגעשטעלט, וואָלטן געגוי אַריינגעקוקט אינעווייניק, און וואָלטן גערן איבערגעגעבן זיך צו דער באַפרידיקונג, וואָס ס׳איז נאָך פאָרט דאָ אויף דער ערד אַ שטיקל גערעכטיקייט.

אָבער ביי דער שטימונג, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, האָבן מיר אונדזער מאַשין, פאַרבייפאָרנדיק די דראָטן־צאַמען, נישט אָפּגעשטעלט.

ס׳איז געווען גענוג פאַר אונדז נאָר צו כאַפּן אַ פאַרביי־קוק אויף די פילצאָליקע נאַצי־פאַרשוינען, וואָס האָבן אַרומגעשפּאַצירט הין־און־צוריק אַהינטער די דראָטן.

זיי האָבן אויסגעזען אין אונדזערע אויגן ווי וועלף מיט אַרונטערגע־לאָזטע עקן.

*

פון קרעמאַטאָריע־פּלאַץ פון דאַכאַו פאָרן מיר צוריק קיין מינכען, צו דער געבוידע פונעם צענטראַל־קאָמיטעט.

מיר פאָרן צו און טרעפן אָן אַ פאַרבייסנס צו אונדזער שווערן גע־מיט:

אַ מחנה יידישע פּליטים, ערשט געבראַכט פון וואָקזאַל — פּליטים פון פוילן.

אַ הונדערט און פופציק פּערזאָן. מענער, פרויען און אויך קליינע קינדער. אפילו אַ פּאָר עופעלעך.

צווישן די הונדערט און פופציק זענען אויך דאָ עטלעכע, וואָס קומען פון סאָוועט־רוסלאַנד.

דאָס בילד, וואָס מיר דערזעען פאַר זיך, איז ממש דערשיטערנדיק.

איבערן גאַנצן הויף, איבערן דיל פון אונטערשטן שטאָק, און איבער אַלע טרעפּ ליגן זיי, די פּלטים, צעוואַלגערטע, אָפּגעריסענע, פאַרשוואַרצטע, פאַרוואַקסענע, אויסגעמאַטערטע פון וואָכנלאַנג וואַנדערן איבער גרעניצן, איבער באַנען און וואָקזאַלן.

זיי ליגן אין זייערע טראַנטעסדיקע הילוכס, איבער צונויפגע־קנופּטע פּעק, פאַנאַנדערגעשפּאַרטע טשעמאָדאַנעס, נאָכשלעפּנדיקע שטריק, קאָלדרעס און זעק.

אַ סך פון זיי זענען אויס קראַנק, פאַרביטערט, פאַרצווייפלט.

עטלעכע פרויען — שוואַנגערדיקע. איינע — אין ניינטן חודש.

דאָס דערוויסן מיר זיך גלייך, ווען מיר גייען נאָך דורך דעם הויף צו די טרעפּ.

איבערן הויף, און איבער די טרעפּ, טראָגן זיך נערוועזע אויסרופן, פּראָטעסטן, תרעומות־געשרייען.

קינדער וויינען, מאַמעס נעמען זיי איין און קאָנען זיי נישט איינשטילן. — צוקן מאַמעשע ליפּן, פּיבערן מאַמעשע הענט, און טאַטעס — אין פאַרשטויבטע מלבושים, צעשויבערטע, צעפּאַטלטע, באַנגאָסענע מיט אַנגסטיקן שווייס, האַווען ארום הילפלאָזע, פּינטלען מיט נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן, קאָנען זיך קיין אָרט נישט געפינען.

— שוין אָוונט באַלד, און מיר זענען נאָך נישט איינגעקוואַרטירט.

— צי ווילן מיר זיך וואַלגערן דאָ אַ גאַנצע נאַכט אַזוי?

— מיר האָבן אַ טאָכטער אין פעלדאַפינגער לאַגער, זאָל מען אונדז נעמען אַהין.

— און איך האָב אַ ברודער אין לייפּהיים.

— מיין עופּעלע איז קראַנק, צי זעט איר נישט?

אַזוינע קולות און ענלעכע פּלאַטערן ארום און ברעכן זיך.

דר. זלמן גרינבערג, ראַבאַי קלאַוזנער און אַנדערע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, אָנגעשטרענגטע, פאַרזאָרגטע, מיט אָפענעם טרויער אויף די פּנימער, טוען אַלץ וואָס זיי קאָנען איינצושטילן דעם עולם, צו באַרואיקן אים:

— אַלע לאַגערן, ווייזן זיי אויף דעם עולם, זענען איבערגעפּאַקט. דער שטראָם פּליטים פון פּוילן וואַקסט פון טאָג־צו־טאָג. די אָקופּאַציע־מאַכט איז נישט צופרידן, אויך די „אונרא" איז נישט צופרידן. קיין נייע לאַגערן זענען נאָך נישט געעפנט.

— מיר ווילן נישט גיין אין נייע לאַגערן. מיר ווילן צו אונדזערע ברידער אין די אַלטע לאַגערן, צערענען די פּליטים. פאַרוואָס האַלט מען אונדז דאָ? זאָל מען אונדז אַוועקשיקן אין די לאַגערן. מיר זענען מיד. מיר ווילן רו אַביסל.

די מיטגלידער פון צ. ק., אויך מיר, פּרובירן מיט אַלע כוחות דעם עולם איינצונעמען, צו באַפרייען אים פון זיין אומצוטרוי, וואָס מערקט זיך אין אים. דר. גרינבערג בעט זיך:

— האָט געדולד, ברידער, איר וועט נישט שלאָפן אויף דער גאַס. מיר'ן געפינען פאַר אַלעמען פּלאַץ. מיר וואַרטן אויף ידיעות פון די לאַגערן און אויך אויף מאַשינעס, וואָס זאָלן אייך נעמען אַהין.

דער עולם ווערט צוביסלעך באַרואיקט, איינגעשטילט. קעפּ לאָזן זיך אַרונטער צו פּעק, צו טשעמאָדאַנעס, צו די טרעפּ, — לאָזן זיך אַרונטער מידע, אויסגעשעפּטע; נעמען איינדרעמלען.

ערשט איצט, אין דער איינשטילונג, ווערט נאָך בולטער דער עלנט פון די מענטשן.

ס'נעמט שאַרפער נאָך אַרויסוואַקסן, פון איין זייט, זייער נע־ונד, זייער גלות־טרויער, זייער שרעק פאַרן לאַנד — פוילן — פון וואַנען זיי אַלע לויפן, זייער אויסגעהונגערטקייט, און פון דער צווייטער זייט — זייער יידישע עקשנות, זייער געוואַגטקייט צו לאָזן זיך אויף אַזאַ סכנהדי־קער רייזע, זייער וואונדערלעכער, ממש משיחישער, גלויבן, אַז די איצטיקע וואַנדערונג וועט די מערסטע פון זיי ברענגען צו די ברעגן פון ארץ־ישראל.

אין דער אָנגעשטאָפּטער שטילקייט טיילט זיך אַרויס דער מאַן פון דער פרוי, וואָס איז שוואַנגער אין ניינטן חודש. ער שטייט ביים אַריינגאַנג צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, — שטייט, ווי אַ שומר איבערן ווייב, וועלכע זיצט אַן איבערגעבויגענע איבער די טרעפּ. אויף איין האַנט האַלט ער זייער צוויי־יאָריק מיידעלע און מיט דער צווייטער שפּאַרט ער דעם קינד אין מויל אַ פלעשל מיט עפּעס אַזאַ גרויער מוטנעקייט, וואָס דאַרף הייסן מילך.

דאָס מיידעלע זעט אויס בלייך, אַפּאַטיש; אירע אייגעלעך בלאָנדזשען אום מיד און שלעפעריק. זי שטופּט אָפּ פון זיך דאָס פלעשל, ווייל עס נישט נעמען אין מויל אַריין. זי הייבט אָן וויינען און פאַרגייט זיך אין אַ קייך־הוסט.

דר. גרינבערג זאָגט צו דעם יידן:

— אייער פרוי מיטן קינד וועלן מיר נישט שיקן אין קיין לאַגער. אייער פרוי איז אויף דער צייט, און דאָס קינד איז נישט געזונט — וועל איך זיי ביידע נעמען אין שפּיטאָל צו מיר קיין סאַנט'אַטיליען.

— נו, און איך? זאָגט דער מאַן אַ מבולבלער, און ווי נידעריק און צעשויבערט ער איז, גיט ער נאָך מער אַ זינק אַרונטער.

— איר וועט גיין מיט אַלע יידן אין אַ לאַגער.

— ווילט איר אונדז צעשיידן, הייסט עס? ווערט דער ייד צעשראָקן. ניין, דאָס טאָרט איר נישט טאָן. דאָס קינדעלע איז צוגעבונדן צו מיר. אויך מיין פרוי אַזוי. — מיין פרוי וועט אָן מיר נישט קאָנען זיין.

— איך מיין דאָך אייער פרוים און קינדס טובה, ליבער ייד.

— אָבער דאָס קינדעלע איז צוגעבונדן נאָר צו מיר, האַלט דער ייד אין טענהן זיינס.

— אייער מיידעלע אָבער האָט קייך־הוסט, און איז בכלל נישט מיט אַלעמען. אין שפּיטאָל וועט מען אויף איר גוט אויפּפּאַסן. זייט רואיק.

— טאָ נעמט אויך מיך מיט זיי, בעט זיך דער ייד.

— ניין, אייך קאָן איך נישט נעמען אין שפּיטאָל. איר זענט, אַ דאַנק גאָט, געזונט. איר וועט זיין מיט אַלעמען אין לאַגער. איך בעט אייך, נעמט דר. גרינבערג איינרואיקן דעם יידן, האָט צוטרוי צו אונדז. איר זענט

דאָך געקומען צו אונדז ווי צו ברידער — פּאַרוואָס־זשע זאָלט איר טראַכטן, אַז מיר ווילן אייך אָפּנאַרן?

— חלילה, חלילה. אָבער — האָט רחמנות. איך זאָג דאָך אייך: מיין פרוי ווערט זיין אומרואיק אַז מיר און דאָס קינדעלע איז נאָר צו מיר — —

דער ייד זעט אוים פּאַטעטיש אין זיין איבערגעבנקייט צו זיין פרוי און קינד, אָבער אויך אַביסל קאָמיש אין זיין פאַרלאָרנקייט און אומזי־כערקייט. זיין גאַנץ אויסזען איז איין שטיק פּחד. די אויגן טרערן אים אַזש פון ליבשאַפט און פון טאַטעשער געטריישאַפט.

זיין טענהן וואָלט נישט אויפגעהערט, ווען עס שלאָגט אים נישט איבער אַ שאַרף, דין־תרעומותדיק־קול פון אַ צווייטן ייד:

— אַן עוולה, אַן עוולה, שרייט דער צווייטער ייד און שפּאַנט גלייך אויף אונדז.

אַ הויכער, אַ צעפּלאָשעטער, מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז, ווי ביי אַ צעבעסטן גאַנער. זיין פּנים איינגעפאַלן, זיינע אויגן רויט פון נישט־דער־שלאָפן. מיט אים זיין פרוי — אויך אַזוי חושך, מבולבל און דערשלאָגן. ער — אין אַ צעשאָסענעם מאַנטל ביז די פּיאַטעס, זי — איינגעדרייט אין אַ פאַטשיילע. ביידע שלעפּן זיי נאָך זיך זייער ביסל אָרעמקייט — עטלעכע פּעק משונהדיק איינגעדרייט אין שטריק.

— אַן עוולה, — שרייט דער ייד איבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל — אַ גרויסע עוולה. מיר האָבן אַ טאָכטער אין פעלדאָפינגער לאַגער. צו איר טאַקע פאָרן מיר. שוין העכער פיר וואָכן, אַז מיר זענען אין וועג, וואַגלען, שלעפּן זיך, און אַז מיר זענען שוין ברוך־השם אָנגעקומען אַהער, וויל מען אונדז שיקן אין אַן אַנדער לאַגער — נישט דאָ, וואו מיין טאָכטער איז. אַן עוולה!

— ווער האָט עס אייך געזאָגט? פרעגט דר. גרינבערג.

— וואָס הייסט ווער? — מיר הערן דאָך, אַז באַלד וועט מען קומען אונדז נעמען פון דאַנען, אַוועקפירן אונדז אין לאַגערן. איז וואָס הייסט — אין לאַגערן? סתם אין לאַגערן? מיר וועלן נישט גיין אין אַבי וועלכן לאַגער. מיר ווילן אין פעלדאַפינגער לאַגער —צו אונדזער טאָכטער.

— ווער־זשע וועט אייך נישט לאָזן גיין צו אייער טאָכטער? — אָבער היינטיקע נאַכט, און אפשר נאָך אַ פּאָר נעכט, וועט איר מוזן איבערשלאָפן אין אַן אַנדער לאַגער, נישט אין פעלדאָפינגער. מיט פעלדאָפינג קאָנען מיר זיך היינט נישט פאַרבינדן.

— ניין, — שרייט דער ייד, און זיין פרוי העלפט אים אונטער — מיר'ן אין אַן אַנדער לאַגער נישט גיין. מיר ווילן צו אונדזער טאָכטער. אַזויפיל וואָכן געשלעפּט זיך. אַזש פון לאָדזש געשלעפּט זיך אַהער קיין מינכען. אונדזער טאָכטער וואַרט אויף אונדז. מיר מוזן גלייך פאָרן צו איר. אַן עוולה נישט צו לאָזן אונדז פאָרן צו אונדזער טאָכטער, — אַן עוולה!

פליטים פון פוילן

— אָבער גאָט איז מיט אייך — נעמען מיר אַלע איינטענהן מיט די צוויי צעשראָקענע קינדישע טאַטע־מאַמע — איר וועט אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום זיין אויף זיכער מיט אייער טאָכטער, אָבער היינט קאָן מען קיין פעלדאָפינג נישט פאָרן, איר פאַרשטייט? — מען קאָן נישט.

— וואָס הייסט: מען קאָן נישט? נישט קיין תירוץ. מיר ווילן זען אונדזער קינד. אונדזער איינציק אָפּגעראַטעוועט קינד. דאָס חיות גייט אונדז אויס. שוין העכער דריי יאָר, אַז מיר האָבן ס'קינד נישט געזען.

— אַז איר האָט דריי יאָר געוואַרט, וועט איר נאָך צוויי טעג קאָנען וואַרטן.



פליטים ווערן אָוועקגעפירט אין אַ לאַגער

—אַט האָסטו דיר אַן איינפאַל — ווערט דער ייד אויסער זיך — דאָרט האָבן מיר דאָך געמוזט וואַרטן. אָבער דאָ — אַז מיר זענען שוין דאָ, אַז מיר זענען שוין, ברוך־השם, צווישן אייגענע יידן, און אונדזער קינד איז אָט־דאָ, נישט ווייט פון דאַנען — איז, וואָס הייסט וואַרטן נאָך צוויי גאַנצע מעת־לעת אפשר? — נישט רעכט אַזוי. אַן עוולה!

צו די דאָזיקע סצענעס וואָלט אוודאי נישט געווען קיין סוף, ווען מען זאָגט ענדלעך נישט אָן, אַז עס זענען אָנגעקומען צוויי גרויסע אַרמיי־טראָקס אָוועקצופירן די פליטים אין די נאָענטסטע מעגלעכע פונקטן, לויט דער אָנווייזונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט.

אַ מהומה, אַ געלויפעריי, אַ געשטופעריי, אַ געפּעק־שלעפעריי.

די גאַנצע מחנה, אַן אויפגעמונטערטע, וואָס ענדלעך וועט זי באַלד אָנקומען צו אַ שטיקל אָפּרו־פּלאַץ, צו אייגענע ברידער־יידן אין די לאַגערן;

אַ גרייטע צו באַהעפטן זיך מיט דעם פולן גורל פון דער גאַרער שארית הפליטה — די גאַנצע מחנה פאַקט אָן די צוויי טראַקס, און מיט כמעט אַ פרייליעכקייט וואַרט זי אויפן אָפּפאָר.

ס׳איז רירנדיק צו זען, ווי דער מאַן און טאַטע פון דער מעוברתער פרוי און פונעם הוסטנדיק מיידעלע קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון זייביידן, און ווי סוף־כל־סוף, איינזעענדיק, אַז ער לאָזט זיי איבער אין ברידערלעכע יידישע הענט, מאַכט ער שלום מיט דעם מוז צו זיין אַ געוויסע צייט אָן זיי, און אַ צעטומלטער, מיט טרערן אין די אויגן, וואַקלט ער זיך אַריין אין אַנגעפּאַקטן וואַגן.

אויך אַזוי צעטומלט, אָבער נאָך אַלץ נישט אויפגעבנדיק זייער טענה, אַז זיי מוזן זען זייער טאַכטער שוין, קריכן אַריין אין וואָגן די טאַטע־מאַמע פונעם מיידל, וואָס געפינט זיך אין פעלדאָפינג.

איך, ווי אַלע אַרום, העלפן גערן די יידן איינצוזעצן זיך אין די טראַקס, איינצולייגן אין אַ שטיקל סדר זייערע פּעק און בעביכעס, און ווען זיי פאָרן אָפּ, און אויף דער גאַס און אויפן הויף פון צענטראַל קאָמיטעט שטייט אָן אַ שטילקייט, ערשט דעמאָלט נעמען אויפסניי אויפגיין פאַר מיר די בילדער פון דעם גאַנצן פאַרגאַנגענעם טאָג: די קרעמאַטאָריע, דער גאַז־קאַמער, דער ברודער־קבר, דער עלנטער מגן־דוד, די נאָך עלנטערע הספדים.

אַלע בילדער לייגן זיך אויס, ווי אַ נויטווענדיקער הינטערגרונט צום לעצטן בילד פון דער מחנה פּליטים, וואָס וואַלגערט זיך אָפּ אַ טאָג אויף די דילן און פאַרט ענדלעך אָפּ אין מיליטערישע טראַקס צו געפינען אַ שטיקל רו, מישטיינס־געזאָגט, אויף די האַרטע געלעגערס פון די „די־פּי“־לאַגערן.

איך שטיי און עס גיט מיר אַ שניט אין מוח: — אָט וועגן די אויס־געהושכטע, מיט קראַנקע קינדער וואַגלענדיקע, אָפּגעריסענע, פון שרעק און פון פאַגראַמען אַנטלויפנדיקע יידן, האָט עס דער ענגלענדער, דער לאָרד מאָרגאַן, געזאָגט זיין נידערטרעכטיקן זאַג, אַז זיי זענען רייך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, און אַז זיי האָבן אַלע רויטע געזונטע באַקן.

אַזאַ רויטקייט, אַזאַ רייכקייט אויף אים געזאָגט געוואָרן.

אויף אים און אויף זיינס גלייכן פון די טאָרי־לאָרדן, פון די סאָצי־לאָרדן, וואָס אין זייערע הענט ליגט עס דער גורל פון דער מעוברתער פרוי, וואָס דאַרף גיין צו־קינד אויפן מיטן וואַנדער־וועג, און פון איר בלייך, מיד טעכטערל, וואָס פאַרגייט זיך אין קייך־הוסט.

אָט זענען זיי — די מעוברתע מאַמע און דאָס טעכטערל. אָט זיצן זיי ביידע שוין אין מאַשין. די מאַמע זיצט אַ מידע, אַ רעזיגנירטע, און דאָס מיידעלע לעבן איר מיטן קעפּל צוגעטוליעט צו דער מאַמעס גרויסן בויך, פון וועמענס טיפענישן עס ציען זיך צו איר הענטלעך און פיסלעך פון אַ ניי ברודערל אָדער פון אַ ניי שוועסטערל.

דאָס מיידעלע ווייסט נישט וועגן דעם, אָבער די הענטלעך און די פיס־לעך דאָרט אין דער מאַמעשער טיפעניש ווייסן יאָ וועגן דעם, זיי קלאַפּן מיט דינע פינגערלעך אין דאָרט אין דער טיפעניש, — דאָס נייע לעבן וויל אַרויסקומען אויף דער וועלט פון וואַנדער־וועגן און פון „די־פּי"־לאַגערן.

קום אַרויס, ניי־לעבן, קום אַרויס; האָב קיין מורא נישט.
דאָס מיידעלע וועט דיר זיין אַ גוט, געטריי יידיש שוועסטערל.
קלאַפּ שטאַרקער, ניי־לעבן!

★

חשבון הנפש אין מינכען

2־טער מאַי, מינכען.

— — — שוין דער דריטער טאָג, אַז מיר זיצן ווידער אין מינכען, אין דער „אונרא"־קוואַרטיר, אין „לאַים", און פאָרן נישט אין די ווייטער־דיקע לאַגערן, ווי ס'איז אָנגעצייכנט אויף אונדזער פּראָגראַם.

מיר האָבן ביז איצט באַזוכט אַרום צען פּונקטן.

פאַרוואָס פאָרן מיר נישט ווייטער? — די לאַגערן פון פערנוואַלד, פון איינרינג, פון לייפּהיים, פון שטוטגאַרט א. א. וואַרטן אויף אונדז. פאַרוואָס־זשע פאָרן מיר נישט?

איין מאָטיוו: מיר ווילן אָפּרוען אַ פּאָר טעג. איבערוויינדן אין זיך די איבערלעבונגען און איינדרוקן פון די ביז־איצט באַזוכטע לאַגערן.

דאָס האַרץ איז איבערגעלאָדן.

אַזוי פיל רייד, אַזוי פיל באַגעגענישן, אַזוי פיל רעדעס, אַזוי פיל לײדנדיקע פּנימער.

כדי צו קאָנען אויפנעמען נייע איינדרוקן — מוזטו דאָס געזעענע און דאָס געהערטע אַ ביסל אָוועקרוקן אין הינטערגרונט, אַביסל דערווייטערן זיך פון דעם.

מוזט זיין מיט זיך אַליין אַ טאָג־צוויי־דריי. דורכפירן אַ חשבון־הנפש.

אַ צווייטער מאָטיוו: די שטרויכלונגען, וואָס געוויסע „אונרא"־באַאַמטע, די, וואָס האַלטן אין זייערע הענט די טראַנספּאָרט־מיטלען, לייגן אונדז אין וועג.

וואָס געדיכטער און וואָס טיפער מיר לאָזן זיך אַריין אינעם לעבן פון די יידישע „די־פּי", אַלץ קענגערישער ווערן צו אונדז אייניקע פון די „אונרא"־מענטשן, אַלץ מער שטערן זיי אונדז אין אונדזערע נסיעות. פאַרבינדן אונדז נישט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיט די לאַגער־קאָמיטעטן, אינפאָרמירן נישט ריכטיק אונדזער אָנקומען אין די לאַגערן.

מוזן מיר פּטרן אומזיסטע טעג אין מינכען, אין צענטער הייסט עס, ביז מיר צווינגען אַרויף אויף די באַאַמטע אונדזער ווייטערדיקן פּראָגראַם.

אײנגאַנצן נישט טאָן אונדזער ווילן קאָנען זיי נישט. מיר האָבן אָפּי־ציעלע דאָקומענטן פון וואַשינגטאָן. מיר האָבן וויזעס. מיר האָבן באַפול־מעכטיקונגען פון לאָנדאָן.

און מער פון אַלץ — מיר האָבן די אומגעדולדיקע בענקשאַפט פון די לאַגערן גופא.

די דאַזיקע בענקשאַפט דערנייט אפילו צו די קאַזיאַנע הערצער פון די באַמטע. זיי קאָנען זי נישט איגנאָרירן, כל־זמן מיר זענען אויף דער וואַך און מאָנען, וואָס עס קומט אונדז: טראַנספּאָרט אונטער אַלע אומ־שטענדן.

יאָ — אונטער אַלע אומשטענדן.

גיבן זיי אונדז, צו טאָן אונדז אויף להכעיס, אַן אָפענעם ענגן דזשיפּ גראַד דעמאָלט, ווען מיר דאַרפן פאָרן לאַנגע שטרעקעס.

*

דאָס זענען אָבער אַלץ קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיטן שווערן געמיט, וואָס האָט מיך אין די לעצטע פּאָר טעג ארומגעכאַפּט.

די פּאָר טעג, וואָס איך פאַרברענג צוריק אין מינכען און גיב זיך אָפּ אַ חשבון־הנפש.

וואָס איז? — פרעג איך ביי זיך אַליין, — ביסט אַנטוישט אינעם לאַ־גער־ייד?

— ניין, נישט דאָס, — ענטפער איך זיך אַליין, — נישט אין אַנטוי־שונגען גייט עס. עס גייט אין דעם, וואָס וויפיל איך האָב שוין נישט דער־קענט די פּיין פונעם לאַגער־ייד, איז זי נאָך אַלץ פאַר מיר אַ תהום, אין וועלכן איך זינק אריין מיט מיין ליבּ און לעבן, און עס דוכט זיך מיר, אַז ער, דער לאַגער־ייד, שווימט שנעלער ארויף איבערן תהום — שווימט ארויף שנעלער נאָך פון מיר אַליין.

איך ליג אויפן הארטן שטרוי־געלעגער אינעם „אונרא"־צימער, אין מינכען, קאָך איבער אין זיך מיין שאַרפן טרויער.

אַנטקעגן, אויף אַזא זעלביקן געלעגער, ליגט חבר אפרת.

מיר וואַרפן זיך איבער מיט קורצע ווערטער; איך פיל אויך אין אפרתן אַ זאָרג און אַן אומרו.

מיר רעדן זיך דורך מיט שווייגן מער ווי מיט ווערטער. דערנאָך — אויך מיט ווערטער.

מיר ווייסן — עטלעכע גאַסן ווייטער פונעם אָרט, וואו מיר געפינען זיך, הייבט זיך אָן דער חורבן מינכען. — דאָרט הויערן ווענט, קוימענס, קופּעס ציגל, שטיינער, באַלקעס — דאָרט ליגט דער טויטער היטלער.

מיר ווייסן — אַרום און אַרום דעם חורבן שטייען די זייטיקע, די נישט־צעשאָסענע געגנטן פון מינכען. שטייען הייזער גאַנץ. גאַסן, פאַרקן — נישט אָנגערירט פון די באָמבאַרדעס.

אין די הייזער וואוינען דייטשן. צווישן די דייטשן וואוינט שוין אויך אַ צאָל יידן. — יידן, וואָס ווילן נישט זיין אין די לאַגערן. ווילן וואוינען בעסער אין שטאָט.

ווי־זשע לעבן צווישן דייטשן אָט־די יידן, וואָס ווילן נישט זיין אין

די לאַגערן?

די פראַגע ערגערט אונדז.

מיר ליגן אויף אונדזערע האַרטע „אונרא"-געלעגערס און וואַרפן זיך איבער מיט האַלב־שווייגנדיקע ווערטער:

— זיי וואוינען מיט דייטשן.

— ביי דייטשן.

— ס'ברענט מיך.

— אויך מיך.

— ווי לעבן זיי?

— וואָס טוען זיי?

— איך חלש אַריינגיין אין אַ שטוב און זען, ווי לעבט היינט אַ ייד אין אַ דייטשיש הויז...

—ווי קריכט עס היינט אַריין אַ ייד צוריק אין אַ דייטשער סביבה?

— איך קאָן אַ דייטש נישט זאָגן גוט־מאָרגן.

— כ'האָב נאָך אויך קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט צו קיין דייטש, זינט מיר זענען דאָ.

— נישט אַרויסגערעדט און וועל נישט.

— איך אויך — כ'וועל נישט.

פויזע.

— אַ ייד קלייבט זיך אַריין צו אַ דייטש אין שטוב, און דער דייטש, קאָן זיין, איז געווען דער רוצח פונעם יידנס ווייב און קינדער.

— דער ייד וועט דאָרט געפינען זיין ווייבס אוירינגלעך.

— זיין קינדס שיכלעך.

— אוי, רעדט נישט.

— דער ענין לאָזט נישט רוען.

— ש—ש. רעדט נישט.

פויזע.

— אייניקע יידן לאָזן זיך טאַקע אַוועק אויף אַ גאַר שלעכטן וועג.

— כ'טראַכט אויך וועגן דעם.

— וואָס אייניקע האַנדלען אויפן שוואַרצן מאַרק — אין דעם זע איך קיין חטא נישט. זיי האָבן קיין ברירה נישט. אין דעם איז גיכער שולדיק די מאַכט. מענטשן זענען נישט גוט געשפייזט, נישט גוט געקליידט — זוכן זיי אַן אויסוועג.

— ריכטיק.

— אַמעריקאַנער אין אַמעריקע מעגן האַנדלען? ענגלענדער אין ענגלאַנד מעגן האַנדלען? פאַרוואָס טאָר אַ פּליטלינג נישט קויפן, אָדער פאַרקויפן אַ פונט פוטער?

פויזע.

— כ'האָב געהערט אָבער ערגערס.

— דהיינו?

— געוויסע יידן שלעפן אפילו זיך שוין ארום מיט דייטשקעס.

— געהערט?

— יאָ. האָבן אפילו חתונה.

— גאָט! די טאַטעס פון די דייטשקעס האָבן געשונדן די שאַרבנס פון די יידישע מחותונים.

פויזע.

— אַ דייטשע מחותנתטע וועט איבערדעקן די כלה מיט אַ געשענדעטן פּרוכת.

— אַ גערינג קאָן נאָך קומען פון אונטער זיין תליה אויף אַזאַ חתונה און דעקלאַמירן היינעס „דער רב פון באַכראַך".

— אַ געבלס קאָן נאָך קומען פון יענער וועלט און זיין דער מסדר קדושין.

— און ער אַליין, דער בערכטעסגאַדענער, ימח שמו, קאָן נאָך קומען צוזאַמען מיט געבלסן און זיין דער בדחן אויף אַזאַ חתונה.

— כ׳קאָן זיך בשום־אופן נישט פאָרשטעלן, אַז עס זאָלן זיך געפינען אַזוינע יידן.

— געוועזן מסתמא איין פאַל אַזאַ, אָדער צוויי.

— כ׳קאָן זיך נישט פאָרשטעלן קיין איין פאַל אַזאַ.

פויזע.

— און די לאַגער־יידן גופא...

— וואָס?

— פאַראַן צווישן זיי געוועזענע קאַפּאָס.

— זאָלן מיר עס אַרויסשטעלן ווי אַ שולד קעגן יידן?

— ניין, אַלץ וואָס די יידן־קרבנות זענען געווען געצוואונגען צו טאָן, האָבן זיי געמעגט טאָן.

— אַלץ?

— יאָ, אַלץ. ווייל וואָס פאַר אַ געמיינהייט אַ לאַגער־ייד זאָל נישט זיין געצוואונגען צו באַגיין, פאַלט נאָך אַלץ די שולד נישט אויף אים, נאָר אויפן נאַצי־פאָלק און אויף די גנעדיקע באַפרייער. יאָ, אַלץ, אַ חוץ חתונה האָבן היינט מיט דייטשקעס.

פויזע.

— ביטער פון אַזוינע שמועסן.

— נישט מיר שמועסן, נאָר מיר צעוואונדיקן אונדזער שוויגן.

— איין אויסגעברענטער נומער אויף אַ יידישער האַנט איז מכפּר אויף אַלע יידישע עבירות.

— מסכים...

פויזע.

— איר ווייסט, נישט אַלע יידן, וואָס זענען געווען קאַפּאָס, זענען

עס געווען במזיד. א סך פון זיי איז נישט לייכט צו באשולדיקן. — דאָ פּאַסט זיך געווים צו זאָגן: אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו. פאַרגעסט נישט נאָך אמאָל — זיי זענען געווען געצוואונגען.

— גאָט, וואָס פאַר א תהום!

פּויזע.

— איר האָט געזאָגט תהום. — ס'איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט. זאָגט עפּעס אנדערש.

— דהיינו?

— איך ווייס נישט. אַלץ וואָס מיר זאָגן איז נישט דאָס. נישט דאָס. לאָמיר געפינען אַן אנדער וואָרט דאַרויף.

— און אַז מיר וועלן שוין געפינען אַן אנדער וואָרט?

— יאָ, איר זענט גערעכט. און אַז מיר וועלן שוין געפינען?

— אונדזער גאַנצע שליחות קלאָגט אין אונדז. אָט וואָס.

— אפשר.

— נישט אפשר — זיכער. אונדזער גאַנצע שליחות קלאָגט אין אונדז. פּויזע.

— ס'איז דאָך אָבער נישט רעכט פון אונדז. — מיר זענען מלשין אויף יידן.

— נישט אויף יידן, נאָר אויף זיך אַליין זענען מיר מלשין.

פּויזע.

דער שמועס אונדזערער — ווי מיר ליגן אַזוי אויף די בעטלעך — ווערט איבערגעריסן. מיר האַלטן אים מער נישט אָן.

אָבער אין זיך אַליין האַלט איך דעם שמועס יאָ אָן, איך פיר אים מיט זיך אַליין.

איך דערמאָן זיך, אַז גלייך אויפן צווייטן אָדער דריטן טאָג נאָך אונדזער אָנקומען פון לאַנדאָן קיין מינכען, האָט מיר איינער פון די לאַגער־יידן איבערגעגעבן א בריוו, אין וועלכן דער שרייבער וואָרנט מיך, אַז איך זאָל זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון גוטסקייט־סענטימענטן לגבי דער שארית הפליטה. איך זאָל אויפנעמען די לאַגערן, און אויך די פירערשאַפט פון די לאַגערן, מיט אָפענע, מיט קריטישע אויגן, מער נאָך, מיט שטרענגע אויגן.

דער בריוו איז געווען אַנאָנים און ער האָט מיך, געדענק איך, שטאַרק אויפגערעגט.

געווען אינעם טאָן פונעם בריוו עפּעס קרענקלעכעס, עפּעס אומנאָר־מאַלעס.

איידער וואָס־ווען — וויל אַן אייגענער לאַגער־ייד שוין רעדן שלעכטס אויף זיינע אייגענע ליידנדיקע ברידער. ער וויל מיר שוין פאַרלויפן דעם וועג, וויל מיך שוין באאיינפלוסן, איידער איך האָב נאָך אַריינגעקוקט אין א לאַגער.

דער בריוו האָט מיך אין משך פון עטלעכע טעג נישט געלאָזט רוען. דערנאָך אָבער האָב איך פארגעסן אָן דעם.

דאָס, וואָס איך האָב נאָך דעם געזען אין די אַלע באַזוכטע לאַגערן, האָט נישט־נאָר נישט אַרויסגערופן אין מיר קיין בייזע קריטיק, קיין קעגנגערשאַפט צו דער גאַנצער שארית הפליטה, ווי ס'האָט פאַרלאַנגט דער בריוו־שרייבער, נאָר פאַרקערט: עס האָט אָנגעפילט מיין הארץ פון טאָג־צו־טאָג מיט רחמים־ווייטיק, מיט ליבשאַפט, מיט פאַרגעבונג אפילו צו געוויסע נעגאַטיווע שטריכן פון דער שארית הפליטה.

און איצט, ווען איך ליג אויפן בעט אין דער „אונרא"־קוואַרטיר אין מינכען און פיר דעם מאָדנעם שמועס מיט זיך אַליין, טו איך עס אויך מיט דער פולער ליבשאַפט צו דער שארית הפליטה און מיט דער פולסטער פאַרגעבונג.

ס'איז קלאָר פאַר מיר, אַז צוגיין מיט מידת־הדין צו דער שארית הפליטה איז אומזין. דער שארית הפליטה מוז אַלץ פאַרגעבן ווערן. אַלץ.

פון וואַנען זשע קומען די היינטיקע אומרו אין מיר, די היינטיקע ספקות, דער היינטיקער שמועס?

זיי קומען טאַקע פון דער זעלביקער ליבשאַפט.

ס'וואָלט זיך נישט וועלן זען אויף דער שארית הפליטה קיין מינדסטע פּגימה, קיין מינדסטן שאָטן.

איך דריי זיך אום מיטן פּנים צו דער וואַנט און פיר ווייטער דעם שמועס מיט זיך אַליין:

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט פאַרלאַנגסטו עס, אַז די גאַנצע שארית הפליטה זאָל נישט האָבן קיין פּגימה?

— וואָס איז דאָ שייך רעכט? — איך מאָן נישט, איך פאָדער נישט — כ'האָב נאָר אַ וואונטש אַזאַ, כ'וואָלט וועלן...

— אָבער דער גאַנצער וואונטש דיינער איז פאַלש. האָסט גאָר נישט קיין רעכט צו האָבן אפילו אַזאַ וואונטש. דער דאָזיקער וואונטש דיינער פירט דיך דערצו, אַז דו זאָלסט געפינען אפילו אַ זכות אויף יידישע אָפּענע פאַרעטער אין די קאַצעטן, און דאָס איז שוין נישט נאָר לפנים משורת הדין, נאָר אפילו לפנים משורת הרחמים. ס'איז פאַלש.

— ס'איז שווער צו פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז אויך יידן, זאָל זיין אויב אפילו נאָר איינציקע, האָבן געקאָנט קאָאָפּערירן מיט די נאַציס אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן און איזדעקעווען זיך איבער אייגענע ברידער־יידן, שווער צו פאַטראָגן.

— ס'איז טאַקע שווער, אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן? — עס זענען געווען אַזוינע יידישע ליים. געווען. פאַרפאַלן. אויך יידן מעגן האָבן צווישן זיך אויסוואורפן. מיט וואָס פאַר אַ רעכט קאָן ווער פון אונדז בכלל פאַר־לאַנגען, אַז יידן זאָלן זיין נאָר קדושים, אַז אַלע יידן זאָלן זיין נאָר קדושים?

— מיט וואָס וואָלט עס געווען שלעכט?

— שלעכט, צי נישט שלעכט — אָבער אוממאָראַליש איז עס אוודאי פון אונדזער זייט צו פאַרלאַנגען, אַז אַזאַ געליטענע, צעפּייניקטע מחנה, ווי ס'איז די שארית הפּליטה, זאָל אונדז צושטעלן נישט אַנדערש ווי דורכוים נאָר אַן עם קדוש.

— אוממאָראַליש?

— יאָ, אוממאָראַליש. דו אַליין ווּעסט זיך זיצן אין אַמעריקע, אין זיכערקייט, אין זאַטקייט, אין רו, און דאָ זאָלן לאַגער-יידן אויף אַ פאַר־שאָלטענער ערד, אין אומרו, אין הונגער, אין עלנט, דיר צושטעלן נישט אַנדערש ווי נאָר הייליקע, אַן איין אויסנאַם. צי איז עס נישט איינער פון די געמיינסטע פאַרלאַנגען דיינע? — פאַרוואָס קומט דיר אַ פּאָלק פון כלו קדושה? פאַרוואָס? וואָס האָסטו אַליין צוגעטראָגן דערצו? צי ביסטו אַליין געווען אין אַ בונקער? צי ביסטו אַליין דען געלעגן אונטער דעם נאַצים קנוט און פּיס? צי האָסטו אַליין פאַרזוכט דעם טעם פון אַ גאַז־קאַמער? גיי זוך אויס דעם אומהייליקסטן ייד און שטיי אַנטקעגן אים מיט הכנעה און זע אין אים דעם הייליקסטן שבהייליקסטן — דעם יידישסטן — ווייל אפילו דער זינדיקסטער ייד אין אַ לאַגער איז הייליק — — — — — — — — — —

דער שמועס מיט זיך אַליין צינדט מיך אָן. ער הייבט מיך אויף און נעמט מיך טרייבן פון צימער ארויס, אין גאַס אריין.

*

איך לאָז זיך אין מיין צערודערונג אַוועק איבער די גאַסן און געסלעך ארום די „אונרא"־געביידעס; אַ געגנט פון פאַר־מינכען.

איך שפּאַן צווישן דייטשע הייזער. עס בלאַנקען־אויף פאַר מיר פענצ־טער פון אונטערשטע שטאָקן. בלאַנקען־אויף אין שוואַכן אָפּשיין פון אַ פאַרוואָלקנט־פאַרגייענדיקער זון.

עס קוקן פּנימער ארויס פון די פענצטער — דייטשע פּנימער. קוקן אַנגעשטרענגט, פרעמד און קאַלט. — צי אפשר דוכט זיך עס מיר, ווייל איך בין פרעמד און קאַלט.

יאָ, ריכטיק. איך גיב נאָר אַ קוק מיט איין ווינקל פון אַן אויג אין די פענצטער אריין און קער גלייך אַוועק מיינע בליקן ערגעץ אַנדערש.

נישט זיי, די דייטשע פּנימער, די גלגולים פון די פאַראיאָריקע נאַצים, זוך איך, — נאָר יענע יידן, וואָס האָבן זיך צוריק אריינגעזעצט אין מינ־כען — צוריק אריינגעקליבן זיך צווישן די נאַצי־יורשים.

זיי זוך איך. זיי וויל איך באַגעגענען אין מיין איצטיקן אויפגערייצטן געמיט.

אָבער איך באַגעגן נישט קיין יידיש פּנים — נישט אין אַ שויב, נישט אַנטקעגן אין גאַס.

איך באַגעגן בכלל קיינעם נישט איבערן גאַס.

צי דערפאַר, ווייל דער אָונט לאָזט זיך אַראָפּ, צי דערפאַר, ווייל דער הימל נעמט זיך פאַרוואָלקענען און עס ווייזן זיך סימנים פון רעגן.

אָט הייבט שוין טאַקע אָן בּיסלעכווייז צו שפּריצן פון אויבן.

מיך שטעלט עס נישט אָפּ. מיין טרויער טרייבּט מיך ווייטער.

איך דערפיל אָבער אַ מורא: צי וועט נישט אַרויסשפּרינגען פון ערגעץ, פון דער זייט, צי אַהינטער מיר, אַ נאַצי מיט אַ מעסער אין האַנט און וועט זיך נישט אַרויפוואַרפן אויף מיר.

איך בלייב שטיין אויף אַ רגע, קוק זיך אַרום. — שטיל. כ'זע קיין לעבעדיק נפש נישט.

אָט טרעט איך אַריין אינעם ראַיאָן פון מינכענער חורבן. מיין מורא גייט איבער אין אַ פּחד.

פון צווישן די חורבות, צו מיין דערשטוינונג, דערזע איך אַ פייגל אַרויסטויכן. נישט עס לייכט אַרויס, נאָר עס געלט־אַרויס קראַנק און אַבּלותדיק.

עמיצער מסתמא פון דער מינכענער באַפעלקערונג האָט זיך אַריינגע־קליבן אין אַ קופּע פון חורבות, הינטער צעקריפּלטע באַלקעס און צעשאָ־טענע ציגל, און געמאַכט זיך דאָרט אַ נאַכטלעגער, אָדער אפשר גאָר אַ פולע וואוינונג. פון ערגעץ צוגעצויגן אָן עלעקטרישן דראָט און אָנגעצונדן אַ נאַכט־לעמפּל.

דאָס פייערל וואַרפט אויף מיר אָן נאָך מער פּחד. ס'דוכט זיך מיר אויס, אַז איך זע ווי דער חורבן אַליין נעמט און בליצט־אויף מיט עפּעס אַ שוואַרץ־אייגל — דאָס איינציקע אייגל, וואָס איז אים געבליבן, צו שטעכן מיט דעם זיין אייגענע דיקע פינצטערניש.

נישט קיין פייערל — נאָר אַ שפּיז. אַ נאַצי־שפּיז, וואָס די פינצטער־ניש האָט באַהאַלטן אין זיך.

גיי נישט פאַרביי דאָס פייערל. עס וועט נאָך אַרויסשפּרינגען און אַדורכשטעכן דיר דאָס האַרץ דיינס.

איך לויף פאַרביי. כ'דריי זיך אַריין אין אַ צווייטער גאַס, אַ פאַר־האָרבעטע, אַ פאַרלאָגערטע מיט ברוכוואַרג, מיט ציגל, מיט שטאַנגען.

איך זאָג צו זיך: ס'איז נישט נאָר חורבן דייטשלאַנד. ס'איז די גהנום־טיר צו חורבן אייראָפּע.

פון אונטער די בערג מיט ברוכוואַרג דערטראָגט זיך צו מיר, דורך די טראָפּנס רעגן, אַ שטיקנדיקער געריך.

דייטשלאַנד־געשטאַנק — אייראָפּעס געשטאַנק.

וואוהין גייט דער חורבן? וואָס וועט זיין מיט גאַנץ אייראָפּע? ווען וועט מען עס קאָנען אָפּבּויען צוריק אַזאַ טאָטאַלן חורבן? ווען?

אַז די וועלט נעמט זיך נישט גלייך אָפּבּויען צוריק — מוז דער חורבן־צושטאַנד טרייבן צו נאָך חורבונות.

אַז די וועלט, נאָך אַ תקופה פון רשעות און זינד, נעמט נישט תיכף

פאַרריכטן די רשעות און די זינד, מוז זי אומפאַרמײדלעך גײן צו נײַער רשעות.

און אַט אין דעם גרויסן חורבן־אומגליק, וואָס די וועלט האָט אויף זיך אַלײן אַרויפגעשלעפּט און פון וועלכן ס׳איז נשטאָ, דוכט זיך, קײן רעטונג, — אַט אין דעם אומגליק פּלאָנטערט זיך, ווי אַ פליג אין אַ שפּי־נען־נעץ, די יידישע שארית הפּלישה.

איבערן הימל צעקײקלט זיך אַ דונער. די חורבות ענטפערן אָפּ מיט אַ גרויליק־פאַרשטיקטן עכאָ.

כ׳פאַרקער זיך אויף צוריק, נעם אײַלן צו די „אונרא״־געבײַדעס. כ׳גײ ווידער דורך די עטלעכע באַוואוינטע דײַטשע גאַסן.

די הײַזער זענען אונטערן רעגן געוואָרן נאָך אײַנגעשלאָסענער און פאַרשטילטער.

וואָס טוט זיך דאָרט אין די הײַזער בײַ זײ?

איז רו דאָרט? איז הײמישע שטילקײט דאָרט? — איך פאַרגין זײ נישט די רו, אויב זײ האָבן זי. זײ קומט נישט קײן רו.

זײ האָבן חרוב געמאַכט מײַן פאָלק.

זײ האָבן עס געטאָן. זײ.

און זײ ווײַזן נישט אַרויס קײן סימן פון חרטה און תשובה.

גײ שנעלער, שנעלער, ווײַל ווען עס רעגנט, ווען עס דונערט, קאָן אוודאי פון דער פינצטערניש אַרויסשפּרינגען אַ פאַרשטעלטער נאַצי־דײַטש און אַרײַנשטעכן דיר אין רוקן, אָדער אין האַלדז, אַ לאַנגן מעסער.

וואָרים געדענק: די נאַכט פון לאַנגן מעסער איז נאָך נישט פאַר־שוואונדן.

אַ באַשלאָגענער מיט אַנגסט דערגרײך איך די „אונרא״־געבײַדעס. איך יאָג אַרײַן אין טויער און לאָז זיך, אַ דורכגענומענער מיט רעגן, צו די טרעפּ, וואָס דאַרפן מיך פירן צום דריטן שטאָק, צו מײַן צימער.

פּלוצלונג, ווי איך הײב זיך מיט די טרעפּ אַרויף, אין דער טונקלקײט פון די קאָרידאָרן, שלאָג איך זיך אָן אָן אַ געשטאַלט.

איך שפּרינג אָפּ אויף צוריק. מיר דוכט זיך אויס, אַז דאָס געשטאַלט גײט אויף מיר מיט אויפגעהויבענע הענט.

צי הײבן נישט די הענט אויף מיר אַ לאַנגן מעסער?

די נאַכט פון לאַנגן מעסער איז נאָך נישט פאַרשוואונדן.

אײדער איך האָב צײַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט, גיט דאָס געשטאַלט זיך אַ וואָרף אַנטקעגן מיר מיט אַ התפּעלות־אויסרוף:

— אוי, איך זוך דאָך אײַך, חבר לײוויק. איך זוך דאָך אײַך.

— איר האָט מיך דערשראָקן אויף טויט, — זאָג איך קוים אַרויס. — ווער זענט איר?

— דערשראָקן אײַך? — דאָס איז טאַקע געמײן פון מײַן זײַט. זײַט מיר מוחל. וואָס הײסט — איך זאָל אײַך דערשרעקן? איך שטרעק דאָך

אוים מיינע הענט צו אייך.

— אָבער ווער זענט איר? איך זע אייך, דוכט זיך, דאָס ערשטע מאָל. און וואָס שטייט איר אויף די טרעפּ אין דער טונקלקייט און פאַרצאַמט מיר דעם וועג?

— וואָס הייסט, איך פאַרצאַם אייך? — איך וויל זיין זיכער, אַז איר וועט מיך אויפנעמען אין אייער צימער, אַז איר וועט מיך נישט אַוועקטרייבן פון זיך. איך האָב מיט אייך אַ סך צו רעדן. איך האָב אויך אַ סך טענות צו אייך. יאָ, טענות. אפילו פאַריבלס. איר זאָגט, אַז איר זעט מיך דאָס ערשטע מאָל, אָבער — איר האָט מיך שוין איינמאָל געזען. און איך האָב אייך שוין געזען אַ סך מאָל. איך גיי אייך שטענדיק נאָך. אומעטום, אומעטום.

איך שטיי אַ געפּלעפּטער פון דער מאָדנער באַגעגעניש.

— נו גוט, זאָג איך, קומט אַרויף אין צימער צו מיר. כ'וועל אייך אָנקוקן אין פּנים, ווייל דאָ אין קאָרידאָר זע איך אייך נישט ריכטיק.

— הלוואי זאָלט איר מיך אין צימער ביי זיך דערזען ריכטיק, זאָגט דער מאָדנער מענטש. איך בעט טאַקע גאָט, אַז איר זאָלט מיך דערזען אַזוי ריכטיק, ווי מיין האַרץ פאַרלאַנגט איר זאָלט מיך זען.

איך גיי אַריין אין צימער צו זיך. דער גאַסט — נאָך מיר.

איך דערזע פאַר זיך אַ מענטש מיט אַ לענגלעכן קאָפּ, וואָס האַלט שטענדיק אין אויסשטרעקן זיך פאָרויס, אויסבייגנדיק דערביי זיין פּלייצע. זיינע ליפּן קוקן אוים טרוקן און פאַרשמאַכט, אָבער די אויגן זיינע לויפן אַרום אין זייערע רינגען אומרואיק און וואַכיק, בלענדן גלאַנציק און פייכט, ווי זיי וואָלטן געוועז אָנגעגאָסן מיט הייסע נישט אַרויסגעוויינטע טרערן.

זיין הילוך, אָפּגעטראָגן, הענגט אויף אים ווי אַ זאַק.

דער מענטש זאָגט, אַז איך האָב אים שוין געזען אַמאָל. וואו? ווען? עפּעם זעט ער מיר יאָ אוים אַביסל באַקאַנט.

וואָס מער איך הייב אָן טראַכטן, אַז ער איז מיר באַקאַנט — אַלץ מער אומרואיק ווער איך סיי פון זיין אויסזען, סיי פון זיין אופן פון רעדן.

— קאָן איך אפשר פאָרט דערגיין פון אייך צוליב וואָס איר זענט געקומען צו מיר און ווער איר זענט?

— אוודאי קאָנט איר דערגיין, אוודאי. אַנו, גיט זיך אַ דערמאָן וועגן מיין בריוול, וואָס איך האָב אייך איבערגעגעבן, ווען איר זענט אָנגעקומען אַהער. מיינע וואָרענונגען, וואָס איך האָב אייך געטאָן וואָרענען בנוגע אונדזערע לאַגער-יידן — —

— דאָס זענט איר דער מאַן פון דעם בריוו מיטן לשון-הרע אויף יידן?

— לשון-הרע רופט איר עס? שעמט זיך אַזוי מיך צו באַליידיקן.

מיר בלוטיקט דאָס האַרץ, און איר נעמט זיך אַזוי לייכט און באַשולדיקט מיך אין לשון־הרע.

— נו, גוט, זאָג איך, — איך מיין אייך נישט צו באַליידיקן, חלילה. איך וויל אייך נאָר זאָגן, אַז אייער בריוו איז מיר נישט געפעלן געוועזן. — מיט וואָס קאָן איך אייך איצט דינען? צי איר זענט געקומען גלאַט אַזוי?

— וואָס הייסט גלאַט אַזוי? איך קום נישט גלאַט אַזוי.

— אָבער זעצט זיך, איך בעט אייך. און צו וואָס שרייט איר?

— איך בין געקומען אייך טאַדלען, אַטאַקירן — האָט דער גאַסט אויפגעהויבן זיינע הענט, ווי ער וואָלט אויף אַן אמת זיך פאַרמאָסטן אויף מיר.

איך נעם אים אָן פאַרביידע הענט, שלעפּ זיי אַראָנטער. זיינע הענט לאָזן זיך.

— איר מיינט טאַקע אויף אַן אמת אַטאַקירן מיך? שלאָגן מיך?

— שלאָגן אייך? חלילה. וואָס בין איך — אַ שלעגער? ווען איך זאָג אַטאַקירן — מיין איך: מיט ווערטער אַטאַקירן.

— פאַרוואָס קומט מיר?

— עס קומט אייך, — זאָגט דער גאַסט, — דערפאַר, ווייל איר טוט אַ צעשטערערישע אַרבעט דאָ צווישן אונדז. איר זענט געקומען פון אַמע־ריקע און איר קוקט אויף אונדז און איר רעדט צו אונדז מיט אַזאַ טאָן אַזוי ווי מיר וואָלטן אַלע געווען הייליקע, צדיקים, אַזוי ווי מיר וואָלטן אַלע געווען דאָס אייבערשטע פון שטויסל.

ער נעמט קלאַפּן איבערן טיש און שרייען:

— ס'איז נישט אמת, זאָג איך אייך, די גאַנצע שארית הפליטה איז איינגעטונקט אין זינד.

— אַז איר וועט אַזוי רעדן, — זאָג איך, — וועל איך אייך בעטן מיך צו רו לאָזן.

— גוט, גוט, טרייבט מיך. אָבער איך וועל באַשטיין אויף מיינס. איך וועל נישט אויפהערן צו שרייען, אַז איר באַגייט אַ פאַרברעכן מיט אייערע גוטע טרייסט־ווערטער, מיט וועלכע איר קומט צו אונדז; איר וועט חרטה האָבן. איר וועט זיך שלאָגן על־חטא דערפאַר! איך זאָג אייך נאָך אַמאָל: איר זענט אַ חוטא ומחטיא את הרבים. ווייל אהבת ישראל איז שעדיקעריי, איז צעשטעריש. אהבת ישראל איז ליגן. ווען עס קומט צו אונדז אפילו אַ ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער וואָלט איך אים אַטאַקירט. יאָ, איר מעגט מיר גלייבן. — — אויב איר ווילט אונדז יאָ טאָן גוטס — האָט אונדז פיינט. שלאָגן און שטראָפן דאַרף מען יידן.

— האָט היטלער ווייניק געשלאָגן? האָב איך אים איבער מיט אויפ־רעגונג.

דער גאַסט ווערט ממש אויפגעקאָכט:

— ווילט איר מיך, הייסט עס, פאַרגלייכן צו היטלערן? מיך? — מיינע

אַלע נאָענטסטע און בעסטע זענען אומגעקומען פון היטלערן. איך בין איינער אַליין געבליבן. איינער אַליין. איך וואַלגער מיך אַרום. איר זעט מיין הילוך? איר זעט מיינע פאַרטריקנטע ליפּן? — איך וואַגל פון לאַגער צו לאַגער. כ׳קאָן קיין רו נישט געפינען, כ׳קאָן קיין נאַכט נישט דורכ־שלאָפן.

— אַז איר רעדט אַזוינע ביטערע רייד אויף אייגענע יידן, גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ שלעכטס טוען אַזוינס די יידן? זאָגט מיר קלאָר — נעם איך מאַנען ביי אים.

—איך זאָל אייך זאָגן קלאָר? — וואָס הייסט קלאָר? — אַז דאָס גאַנצע היינטיקע לעבן אונדזערס אין לאַגער איז איין שטיק פאַרברעכן, איז איין שטיק שולדיקייט. — און איר קומט און איר רעדט צו יידן נחמה־רייד. איר קומט און איר רעדט און דערנאָך — גאָרנישט. אַלץ בלייבט ווי געווען. און איר און אַלע זענען רואיק. מיט וואָס פאַר אַ רעכט בלייבט איר רואיק? פאַרוואָס לויפט איר נישט איבער אַלע הייזער, וואו עס געפינען זיך יידן און איר שלאָגט זיי נישט איבער זייער געוויסן? — — מיך מאַ־טערט די רואיקייט — די רואיקייט — —

— נו, און איר אַליין? — נעם איך אָפּשוואַכן זיין פּראָקוראָריש־קייט, — איר אַליין זענט נישט קיין שולדיקער? איר אַליין האָט דען קיין מינדסטע זאַך נישט געטאָן, כדי לעבן צו בלייבן? עס טוט מיר ווי אייך דאָס צו זאָגן, אָבער אַז איר רעדט מיט אַזאַ צאָרן אויף אייגענע יידן — —

דער גאַסט ווערט אויף אַ ווײַלע שטיל. ער לאָזט זיך אַראָפּ אויפן בעט און זיצט ווי אין אַ פאַרגליווערונג. ער קוועטשט צונויף זיינע ליפּן. איך זע ווי מיינע ווערטער האָבן אים פיינלעך געטראָפן. מיין האַרץ ווערט אָנגעגאָסן מיט וואַרעמקייט צו אים. איך האָב חרטה אויף מיין כעס. איך לייג אַרויף אַ האַנט אויף זיין אַקסל:

— זייט מיר מוחל, אויב איך האָב אייך ווי געטאָן.

— יאָ, יאָ, איר זענט גערעכט, נעמט ער צוריק רעדן, איר זענט אינגאַנצן גערעכט. — אָבער ווי, ווי — פאַרשטיין פאַרשטייט איר מיך נישט. איר פאַרשטייט נישט וואָס איך מיין, ווען איך זאָג, אַז יידן זענען רשעים און אַז מען דאַרף קומען צו זיי נישט מיט זיסע רייד, נאָר מיט בייטשן, אַזוי ווי די נביאים אַמאָל פלעגן קומען צום פאָלק. — — יאָ, אוודאי, איך בין זינדיק נאָר מיט דעם אַליין, וואָס איך בין געבליבן לעבן און לעב. דאָס אַליין איז גענוג חטא. יאָ, דאָס אַליין. אָבער אויבן־אָן קריך איך נישט. איר פאַרשטייט? איך בין פאַררוקט. איך פאַרשטעק זיך אין באַ־העלטעניש. איך ליאַרם נישט ווען עס גייט דורך אַ טאָג און כ׳האָב נישט קיין ביסן ברויט אין מויל. — — איך בין שטיל. איך שווייג. אָבער צו אייך מעג איך קומען שרייען. ס׳איז מיין חוב. קום איך און איך שריי — ווייל איך קאָן אַזוי נישט לעבן. איך קאָן נישט. איך קאָן נישט. — איר צאַצקעט זיך אַלע מיט „פאָלק״, מיט „נצח ישראל״. וואָס איז פאַר

איך עם ישראל? וואָס איז פאַר איך דער קאַצעט־ייד? אַן אַבסטראַקציע, אַן אויסטראַכטעניש, אַ חלום פון אַ הייליקייט, כדי צו שטילן אייער איי־גענעם יאוש. יאָ, יאָ, יאוש. וואָרעם ווען אויב נישט אַזוי, וואָלט איר אומגעלאָפן אַזוי ווי איך אין אומרו און אין צאָרן, און איר וואָלט יעדן איינגעשטעלטן מינדסטן שטיקל סדר דאָ ביי אונדז פאַנאַנדערגעוואָרפן און צעשליידערט. — — מען דאַרף אונדז צונעמען פון דאַנען! צונעמען פון דער פאַרשאָלטענער ערד! איר פאַרשטייט — צונעמען! — — יאָ, יאָ, מיך אַרט נישט, וואָס איר וועט טראַכטן וועגן מיר. מיך אַרט נישט.

דער גאַסט גיט אַ שפּרונג צו דער טיר און אָפּ, מיטטראָגנדיק מיט זיך אַ פול מויל מיט געשריי און מיט שטורעם.

אַ גאַנצע נאַכט נאָך דעם פאַרפאָלגן מיך זיינע ווערטער.

אַ גאַנצע נאַכט זע איך פאַר זיך ברענענדיקע אויגן פון אַן אויסטער־לישן לאַגער־מוכיח.

איך זע זיינע ווערטער אומשוועבן איבער מיין קאָפּ אי מיט געפּאַך פון ווייסע פליגל, אי מיט געפּייף פון פייערדיקע בייטשן.

★

אין גאַטינג

3־טער מאַי.

— — — סטאַדעס שעפּסן פּאַשען זיך
אַהינטער מינכען,
שעפּסן ווייסן נישט
ווי חרוב עס איז זייער מינכען.
שעפּסן ווייסן אויך נישט
ווי עס שטורעמט לאַנדסבערג,
ווי עס טרויערט סאַנט־אָטיליען.
ווי עס בענקען פערנוואַלד און פעלדאַפינג,
וואו עס לאַגערט אונדזער שארית הפליטה. —
לידער מיינע אַלע,
גראַמען מיינע אַלע —
כ׳האָב אייך אַלעמען פאַרלאָרן
אויפן וועג קיין דאַכאַו. — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי ווארף איך אָן אַן אָנהייב פון א ליד, וואָס מיר ווילט זיך אָנ־שרייבן.

מיר ווילט זיך עס אָנשרייבן און — כ׳שרייב נישט אָן. כ׳לאָז איבער דעם אָנוואורף אין זיין אָנהייב.

כ׳האָב אין דייטשלאַנד פאַרלאָרן דעם פאָדעם פון לידער.

נאָך גוט וואָס מען שלאָגט מיך איבער. מען זאָגט מיר אָן, אז עס ווארט אויף אונדז א מאשין צו פירן אונדז קיין גאוטינג — ארום א שעה רייזע.

גאוטינג — א שפיטאָל און א סאַניטאַריום. אזוי ווי סאַנט־אָטיליען, אויך דאָרט געפינען זיך ארום פינף הונדערט יידישע פּאַציענטן.

אין גאוטינגער סאַניטאַריום אָבער זענען די פּאַציענטן דורכוים טו־בערקולאָזע.

מיר דאַרפן דאָרט זיין היינט דורכצופירן אַן אָוונט.

איך האָב שווין די דערפאַרונג פון סאַנט׳אַטיליען. פונדעסטוועגן פיל איך אין זיך אַ נייע געשפּאַנטקייט. כ׳נעם זיך אינערלעך גרייטן אויף דער באַגעגעניש מיט מענטשן, צו וועמעס אויגן איך האָב שווין פון לאַנג־לאַנג, דוכט זיך מיר, אַן אייגענעם צוטריט.

אָבער כאָטש איך האָב דעם אייגענעם צוטריט, בין איך פונדעסטוועגן נישט זיכער, צי די אויגן וועלן מיך אויפנעמען, און צי וועלן זיי נישט זאָגן צו מיר מיט זייער ערשטן קוק: פּראָווע נישט קיין היימישקייט מיט אונדז, מאַך זיך נישט פאַר קיין פּאַני־בראַט מיט אונדז. — דו ביסט נאָך אַלץ נישט פון אונדזער וועלט, אפילו אַז דו האָסט אַמאָל, אין דענוווער סאַניטאַריום, באַזונגען אַן אונדזעריקן — אַ נתן ניומאַן.

אַ חוץ דעם ווייס איך נישט, צי וואָלט אפילו אַ נתן ניומאַן געקאָנט באַווייזן זיך פאַר זיי ווי אַ גלייכער מיט זיי? צי וואָלטן זיי אפילו אים אויפגענומען ווי אַ גלייכן?

איך ווייס נישט. — מיר וועלן זען.

אין גאַוטינג, זאָגט מען אונדז, זענען אויך פאַראַן אַ סך קינדער טובערקולאָזע.

מיר ליגן אריין אין די קעשענעם עטלעכע פּעקלעך שאָקאָלאַד, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון אַמעריקע.

וואָס נאָך קאָנען מיר מיטנעמען פאַר טובערקולאָזע קינדער פון דער שארית הפליטה? וואָס נאָך?

מיר האָבן מער גאָרנישט. מיר אַלע דריי האָבן מער גאָרנישט.

מיר וואָלטן באַדאַרפט ברענגען פאַר די קראַנקע, איבערהויפּט פאַר די קינדער, ליילעכער, נייע ווייכע געלעגערס, גוטע בעטן, פּוטער, מילך, אייער, פרוכט — זאַפּאַס כאָטש אויף עטלעכע חדשים.

יאָ, יאָ, — אָבער מיר האָבן עס נישט. קיינער האָט עס נישט.

איז טאַקע אמת, אַז קיינער האָט עס נישט דאָ אויף דער פאַרשאָלטענער ערד? — איז טאַקע אמת, אַז קיינער נישט?

אַך, לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם. וואָרעם וואָס וועט אונדז העלפן דאָס רעדן?

מיר דאַרפן פאָרן — איז וואָס איז דאָ צו רעדן?

*

— די פּאָר שטיקלעך שאָקאָלאַד נעם מיט. יאָ, נעם זיי מיט. אויב דו וועסט זיך נישט פילן אין אַ פאַרלעגנהייט, אין אַ פאַרלאָרנקייט, וועסטו די פּאָר שטיקלעך שאָקאָלאַד אריינלייגן אין אַ פּאַציענטס האַנט.

דערפאַר — אויפן ליטעראַרישן אָוונט זע צו רעדן עפּעס אַזוינס פאַר די טובערקולאָזע פון דער שארית הפליטה, אַז — — — —

אַז — וואָס?

עפּעם אזוינס, אַז — — — — — — — — — — — — — — — — — —
און קלייב אוים לידער אזוינע צו לייענען פאַר זיי, אַז — — — — — —

*

— — — ס'איז שוין סוף־טאָג ווען מיר קומען אָן אין גאָוטינג.
די זון פאַרגייט מילד, שטיל, רואיק.
אַרום און אַרום — פעלדער, רחבות, לאַנקעס.
די לעצטע שעה פון טאָג טוליעט זיך צו דער ערד, ווי אַ קינד צו דער מוטער.

די מאַמע ערד איז נישט פאַרברענט געוואָרן אין אַ נאַצי־קרעמאַטאָריע — האָט די לעצטע שעה צו וועמען צו טוליען זיך.

יאָ, זי האָט. הלוואי אַזוי אויף די יידישע טובערקולאָז־קינדער געזאָגט געוואָרן — זיי זאָלן האָבן מאַמעס, צו וועמען צו טוליען זיך.

אָבער זיי האָבן נישט. זייערע מאַמעס האָבן די דייטשן פאַרברענט.

אָט זעען מיר שוין אייניקע פון זיי. די געזונטערע. זיי זענען אין דרויסן.

נייגעריקע, פאַרשנדיקע אויגן. אויפבליץ פון אַ פרייד אין זיי, ווען זיי דערזעען אונדז. שטילע, שעמעוודיקע שמייכלען אויף אויסגעבלייכטע קינדישע ליפּן.

זיי געבענטשט, אויפבליץ פון פרייד, אין די אויגן פון אַ קראַנקען „די־פּי"־קינד. — זיי געבענטשט.

*

דעם ליטעראַרישן אָוונט אין גאָוטינג הייבן מיר אָן פרי, כדי די פּאַציענטן זאָלן זיך נישט דאַרפן אויפהאַלטן צו שפּעט. אַזייגער צען זאָלן זיי שוין קאָנען זיין אין די בעטן צוריק.

אַגב, ווערט דער זאַל סיי־ווי־סיי אָנגעפילט פאַר פרי. די בענקשאַפט נאָך אַ יום־טובדיקער שעה נעמט אַרויס פון בעט אפילו דעם, וואָס גייט זעלטן אַרונטער פון זיין געלעגער.

ער באַקומט דאָס מאָל אַן אַמנעסטיע פונעם דאָקטאָר. אַן אַמנעסטיע אויף אַ שעה.

ער גלייבט אוים זיינע אָרעמע פּאַדזשאַמעס, ער קוטעט זיך איין אין זיין לאַגער־כאַלאַטל, ער קומט אין זאַל אַריין און ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַנק אין ריי מיט נאָך צענדליקער.

זיין טעמפּעראַטור שטייגט, זיינע באַקן פלעמלען־אויף, זיינע לונגען אָטעמען האַסטיקער, זיי אָטעמען אַריין יום־טוב אין זיך און אָטעמען אַרויס פייערלעכקייט.

איך זע אים — דעם יום־טובדיקן פּאַציענט. איך זע אים גוט. זיינע אויגן נעמען מיך דורך ווי די אויגן פון אַ מכשף, פון אַ היפּנאָטיזירער.

נישט קיין קלייניקייט — ווער ער איז! ער איז „די־פּי" געכפּלט אויף „טי־בי". — „טי־בי" געכפּלט אויף „די־פּי".

יאָ, געכפּלט, נישט געחיבורט.

סך־הכל: וואונדער־ייד.

אין סאַנט־אָטליען אַזוי, און מער נאָך דאָ — אין גאַוטינג.

און אַז דו זעסט נאָך צווישן די רייען פּאַציענטן אַ היפּשע צאָל קינ־דער — יונגנטלעכע, וואָס זעען אויס ווי קינדער — ווערסטו אינגאַנצן אויפגעלייזט אינעם כישוף, וואָס אַלע אויגן שטראַלן אַרויס פון זיך.

און ווען דו ווערסט אויפגעלייזט, ערשט דעמאָלט זעסטו, אַז דער גאַנצער זאַל איז אין דער אמתן אָנגעפּילט מיט כולו־קינדער.

אפילו אַ זקן זעט אויס ווי אַ קינד.

אונדזערע רעדעס כוואַליען זיך. אונדזערע געזאַנגען פּלאַטערן, פליג־לען זיך. אונדזערע לידער שווימען צו. די הענט פון די זיצנדיקע „די־פּי" — „טי־בי"-פּאַציענטן קלייבן אויף אונדזערע ווערטער צו פאַרשפּילן זיך מיט זיי כאָטש אויף איין שעה.

די שעה פון דער אַמנעסטיע.

די שעה פון יידישן וואָרט, פון יידישן ליד און געזאַנג.

וואו נאָך קאָן דיין יידיש ליד געפינען אַזאַ תיקון — אַזאַ צוהערער?

*

דעם אָוונט פאַרענדיקן מיר טאַקע אַרום צען דעם זייגער.

דער עולם פּאַציענטן, איידער ער פאַרלאָזט דעם זאַל, רינגלט אונדז אַרום. אַלעמענס אויגן דריקן אויס דאַנקבאַרקייט פאַר קומען צו זיי, פאַר אַריינברענגען אין דער מאָנאָטאָניע פון זייער שפּיטאָל-לעבן אַ יום־טוב־שעה.

איינער זאָגט טאַקע:

— אַזוי פיל יום־טוב אין יידישן וואָרט. אַזוי פיל וואַרעמקייט. איר ווייסט גאָרנישט, ווי הונגעריק מיר זענען — גייסטיק נאָך מער ווי פיזיש.

אַ צווייטער זאָגט:

— מיר ליגן אויף אונדזערע בעטן דאָ אויף דער פאַרשאָלטענער ערד, און עס דוכט זיך אויס, אַז די פאַרשאָלטענע ווערן גאָר מיר אַליין — פאַרשאָלטענע צו ליגן קראַנק אין אַ פאַרשאָלטענעם לאַנד.

אַ דריטער זאָגט:

— דערצו נאָך: ליגן פאַרלאָזטע פון אַלעמען, אפילו פון יידן.

אַ פערטער זאָגט:

— אַך, לאָמיר נישט קאַליע מאַכן דעם איינדרוק פונעם אָוונט מיט

אונדזערע פאַרדראָסן און אָנקלאָגעס.

א פינפטער זאָגט:

— אפילו אונדזערע קינדער־פּאַציענטן האָבן אָפּט אין משך פון טעג נישט קיין מילך, נישט קיין ברעקל פּוטער. יאָ, אפילו קינדער.

א זעקסטער שרייט צו:

— קאָן א טובערקולאָזער קומען צו זיך אויף אזא דיעטע? — און די גאַנצע וועלט שווייגט!

דער פערטער נעמט זיך בעטן:

— ברידער, הערט אויף, הערט אויף. — אין דר'ערד אריין מיטן מילך, מיטן פּוטער. אין דר'ערד אריין. — „די גאַנצע וועלט שווייגט" — לאָזט אָפּ מיט דער וועלט, לאָזט אָפּ. לאָמיר זיין שטאַרק אין זיך אַליין, גלייבן אין זיך אַליין. מער גאָר נישט. — איך זאָג אייך. מיר האָבן איבער־געלעבט היטלערן, מיר זענען ארויס פון זיינע בונקערס — וועט מען אויך פון דאַנען ארויס. איך זאָג אייך.

א שאַרפער הוסט האָט זיך גענומען רייסן פון דער ברוסט פון דעם דאָזיקן פּאַציענט. דער הוסט זיינער וואָלט דאָך באַדאַרפט ווירקן ווי אן אָפּלייקענונג פון דער שטאַרקייט, וועגן וועלכער ער האָט נאָר־וואָס גע־רעדט, — ווי אן אָפּלייקענונג, און אפילו ווי אן אָפּלאַכונג, פון זיך אַליין. אָבער ס'איז געווען אַנדערש: וואָס מער ער האָט נעהוסט, אַלץ מער האָט ארויסגעשטראַלט פון אים א זיכערקייט און א גלויבן, אז „מען וועט אויך פון דאַנען ארויס".

די ארויסשטראַלונג פון זיין גלויבן האָט זיך צעלויכטן איבער אַלע־מענס קעפּ. די געמיטער זענען געוואָרן באַרואיקטער. אָבער איך זאָל זאָגן, אז ס'איז אָנגעשטאַנען א פולע באַרואיקונג — דאָס קאָן איך נישט זאָגן.

אינעם ליכט־קרייז פון גלויבן און האָפענונג האָבן זיך געצאַפּלט שאַטנדיקע שאַרפקייטן, פיבערדיקע עגמת־נפשן:

— די גאַנצע וועלט שווייגט, שווייגט. פאַרוואָס שווייגט זי — די גאַנצע וועלט?

*

אויף מאָרגן גייען מיר באַזוכן די פּאַציענטן אין די צימערן.

עס חזרט זיך איבער פאַר מיר דאָס בילד פון סאַנט'אָטיליענער שפּי־טאָל — מיט דעם איינציקן חילוק, וואָס דאָ זענען אַלע פּאַציענטן טו־בערקולאָזע.

דער חילוק איז א גרויסער: דאָ ביסטו אין א טויט־קראַנקער וועלט, וואו די קראַנקהייט טוט נישט וויי.

זי טוט איר צעשטערערישע אַרבעט שטיל, בהדרגה'דיק, כמעט ווי מיט זיידענע פינגער, פונאַנדערשפּינענדיק דינינקע, צאַרטע געוועבן.

מ׳קאָן מיינען, אַז פונאַנדערשפּינענדיק זיי שפּילט זי דערוויל אויף זיי, ווי אויף פאַרחלומטע סטרונעס, און שפּילט אויס אויף זיי די שטילסטע ניגונים.

זי הילט זיך איין אין אַ מיסטיש־פילאָזאָפישער חופּה און טראָגט אין אירע הענט דעם טויט ווי מען טראָגט לעקאַך אויף אַ יום־טובדיקער טאַץ.

זייער ווייניק קרעכצן הערט מען אין אַ טובערקולאָז־סאַניטאַריום. אויב יאָ — זענען די קרעכצן שעמעוודיקע, אינערלעכע.

עס טרעפט, אַז זי, די קראַנקהייט, ווערט גאַלאָפּירנדיק, דערהויפּט ווען זי קריגט אַריין אין איר שליטה קינדער און יוגנטלעכע — אויך דעמאָלט האָט זי איר באַזונדערן וועג, איבער וועלכן זי גאַלאָפּירט. זי רייט אויף אַ ווייסן אימפּעטיקן פערד, וועמעס קאָפּיטעס זענען אונטערגעבעט מיט ווייכן, גרינעם סאַמעט.

*

קאָרידאָר נאָך קאָרידאָר. פּאַלאַטע נאָך פּאַלאַטע. די פּאַציענטן, וואָס קאָנען אַרומגיין, זענען אין דרויסן, די וואָס קאָנען נישט — ליגן אין די בעטן.

די בעטן — ווי איבער אַלע לאַגערן — אויפגעקלאַפּטע פון ברעטער.

יעדעס מאָל, ווען איך זע עס, גיט אין מיר דאָס האַרץ אַ פאַל אַרונטער ווי כ׳וואָלט עס געזען צום ערשטן מאָל.

יעדעס מאָל גיבן אויך מיינע אויגן אַ זינק אַרונטער, אַזוי ווי איך וואָלט געוועזן דער שולדיקער אין דעם, וואָס בעטן פון טובערקולאָזע יידישע „די־פּי" זענען האַרטע און אַן ליילעכער.

אַלע פּאַציענטן נעמען דיך אויף מיט קענטיקער פריידן, מיט נייגעריקע אויגן, און אין אַלעמענס אויגן בליצט־אויף אַ באַזונדער פאַרשנדיק פּייערל: אפשר ווייסטו, ליבער גאַסט, דעם באַשייד פון מיין גורל?

אויף די הענט פון אַ סך פּאַציענטן זע איך היטלער־נומערן, קאַצעט־נומערן, אַריינגעברענטע, אַריינגעשטאָכענע אין הויט אַריין. אַ סך נומערן — פּיל־ציפערדיקע, אין די צענער־טויזנטער אַריין.

טייל פּאַציענטן פאַרדעקן אינסטינקטיוו די נומערן אויף זייער האַנט, אָדער פאַרשטעלן זיי מיט דער צווייטער האַנט. די מערסטע אָבער, באַמערק איך, ווילן גראָד, אַז דו, דער אַריינגעקומענער גאַסט, זאָלסט זען די נומערן. זיי דעקן זיי, מאַנעווורירנדיק, אויף, כדי זיי זאָלן אַ ברען טאָן פאַר די אויגן.

איך פאַרשטיי די ערשטע און איך פאַרשטיי די צווייטע.

ס׳בלייבט אָבער נישט קיין ספק, אַז סיי די ערשטע, סיי די צווייטע

באטראכטן די נומערן אויף זייערע הענט ווי יחוס־צייכנס פון יידישער מארטירערישער אויסדערווײלטקייט. זיי שטאָלצירן אינערלעך מיט דעם. דו פילסט, אַז דער שטאָלץ איז אַ בארעכטיקטער. דו ביסט זיי אפילו מקנא דעם דאָזיקן שטאָלץ. דו שטייסט לעבן זייערע בעטן, קוקסט אויף די לאַנגע ציפער אויף זייערע אָרעמס, און דו — ביסט איינער, וואָס האָט נישט זוכה געווען דערצו.

אָט שטיי איך לעבן בעטל פון אַ ייִנגל־פּאַציענט, מיכאיל העלשטיין. ער איז אַלט פופצן יאָר. ער ליגט אין שפּיטאָל דאָ זינט דער באַפרייאונג. ער האָט איבער צוויי יאָר פארבראכט אין היטלער־לאַגערן. געטאָן קאַטאָרזשנע ארבעט.

דורך אַ נס איז ער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון צו טיילן דעם גורל פון די מערסטע יידישע קינדער — פארברענט צו ווערן אין קרעמאַטאָריע. דורך אַ נס איז אויך לעבן געבליבן זיין מאמע, וועלכע געפינט זיך אויך דאָ אין גאָוטינג.

זיין טובערקולאָז איז אַ פּאָזיטיווער. ער זעט אויס בלייך און אויסגעצערט.

איך שטיי לעבן אים, רעד מיט אים. ער ענטפערט שטיל און באַשיידן אויף אַלץ, וואָס איך פרעג אים. זיינע אויגן קוקן מיט אַזוי פיל געבעט און אין דער זעלבער צייט מיט אַזוי פיל פּאַטאָלן באוואוסטזיין פון יסורים־דערפאַרונג.

זיין שטילקייט צעשרויפט מיך.

אויף זיין האַנט, וויזט ער מיר, איז אויסגעברענט אַן ארעסטאַנטן־נומער: A. 17019

אַ בלייכע קינדישע האַנט.

ווי לאָזט מען איבער די קינדישע הייליקע האַנט מיטן אויסגעברענטן נומער און מען גייט אַוועק?

ווי קאָן מען? ווי טאָר מען?

איך לייג אַרויף אויף זיין הארטן קישן די פּאָר פלאַטעס שאָקאָלאַד, וואָס איך האָב מיטגענומען. ער באַדאַנקט מיט שטילער צופרידנקייט.

איך דריק זיין האַנט. איך נעם אים שטום אַרום. איך גיי שטום ארויס.

איך קום אַריין אין אַ צימער, וואו עס ליגן דריי בחורים, וואָס האָבן דורכגעמאַכט ריפּ־אָפּעראַציעס — זייער ערנסטע אָפּעראַציעס פאַר לונגען־קראַנקע.

קיינער פון זיי איז נישט עלטער פון צוואַנציק יאָר, צוויי פון זיי בעסערן זיך ביסלעכווייז, דער צושטאַנד אָבער פונעם דריטן ווערט ערגער פון טאָג־צו־טאָג.

איבער זיבן וואָכן שוין נאָך דער אָפּעראַציע, אַז ער ראַנגלט זיך מיט אַלע זיינע כוחות, אָבער אָן דערפאָלג. זיין טובערקולאָז, זעט אויס, ווערט אַקטיווער און אַקטיווער. די אָפּעראַציע איז געקומען צו שפּעט, דער היט־

לער־בונקער האָט טויטלעך צעפּרעסן זיינעביידע לונגען.

ער איז אַ וואונדערלעך־שיינער. אַ לאַנגער, דינער האַלדז. אַ געטאָקטע נאָז. צוויי קלוגע, טיפע שוואַרצאַפּלען נעמען דיך דורך און פילן דיך אָן ממש מיט התרוממות. אויף זיינע באַקן שפּילט אַ נישט־פאַרגייענדיק פייער. זיין טעמפּעראַטור איז שטענדיק צווישן 101 און 102.

ער רופט מיך אָן ביים נאָמען איידער איך זאָג עפּעס. ער דאַנקט פאַרן אַריינקומען אין זיין צימער. ער אַנטשולדיקט זיך וואָס קיינער פון זיי האָט נישט געקאָנט נעכטן גיין צום אָוונט.

— מיר זענען יחסנים, זאָגט ער מיט אַ העל־ליכטיקן שמייכל, — מען מוז קומען צו אונדז.

ער שטרעקט מיר אויס זיין האַנט. אַן אויסגעמאָגערטע, הייסע האַנט. איך נעם אַריין זיינע פינגער אין מיינע און שפּיר ווי די הייסקייט פון זיינע פינגער גייט אַדורך דורך אַלע מיינע אברים.

און מאָדנע, איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס געשעט: איך דערזע פאַר זיך אויף קלאָר נתן ניומאַנען פון דענווער־סאַנאַטאָריע.

נתן ניומאַן, וועלכער ליגט אויפן בית־עולמל אין דענווער, קאָלאָראַדאָ. איך גיב אַזש אַ ציטער פון דער זעאונג.

די זעאונג גייט אַזוי אַ בלענד איבער מיינע ביידע אויגן, אַז איך פאַרגעס אין גאַנצן וואו איך בין און צוליב וואָס איך בין אַריינגעקומען.

אַלע אַרום מיר נעמט זיך דרייען אין אַ ליכט־קאַרעהאָד און מיט־שלעפּן מיך. מיינע פיס, פיל איך, טוען זיך אָפּ פון באָדן. מיינע הענט נעמען פלאַטערן, ווי אין דער לופטן.

איך געדענק נישט ווי אַזוי איך צעזעגן זיך, ווי אַזוי איך גיי אַרויס און ווי אַזוי איך דערזע זיך אין אַ צווייטן צימער, וואו עס ליגט אַ פרוי אַ טובערקולאָזע.

איך נעם צוריקקערן זיך צו דער „די־פּי"־ווירקלעכקייט ערשט דעמאָלט, ווען איך דערהער דער קראַנקער פרוים קול, און נאָך מער, ווען מיינע אויגן ווערן אויפגעריסן פון דעם וואָס זיי דערזעען:

די פרוי גיט אַ שלעפּ אַראָפּ דעם צודעק פון אירע אַקסלען, פון אונטער איר האַלדז, און איך דערזע אויף איר לייב, איבער דעם גאַנצן אויבערשטן טייל, שטיקער אויפגעלאָפענע, צעפאַלדעוועטע רויטקייטן — צייכנס פון געוועזענע גרויסע פייער־וואונדן.

זי דעקט־אויף די פייער־רויטקייטן מיט אַן אימפּעטיקן ריס און הערט נישט אויף צו רעדן מיט אַ נאָך מער אימפּעטיק קול:

— איך ווייז אייך סמנים פון קרעמאַטאָריע־פייער. עטלעכע מינוט בין איך געווען אין פייער־אויוון. אימעצער האָט מיך אַרויסגעשלעפּט לעבעדיקערהייט און מיך אַרויסגעראַטעוועט. ווייל איך, אַז איר זאָלט זען די צייכנס פון מיינע בראַנדוואונדן. דערציילט דער וועלט וועגן דעם. זאָל די וועלט וויסן. נישט מער. איך האָב קיינעם נישט מער. איך פאַרלאַנג

גאָרנישט פון אַמעריקע. איך פאַרלאַנג גאָרנשט פון קיינעם. איך וויל נאָר, די וועלט זאָל וויסן, אַז איך בין געווען אין קרעמאַטאָריע־פייער און גע־בליבן לעבן. דאָס וויל איך, אַז די וועלט זאָל וויסן. מער גאָרנישט. געווען אין פייער און — געבליבן לעבן. דאָס זאָל די וועלט וויסן. מער גאָרנישט.

*

אין וואַלדפרידהאָף, נישט ווייט פון גאָטינגן, געפינט זיך, זאָגט מען אונדז, דער קבר פון דוד ציטלין, דער זון פון אהרן ציטלינס ברודער אלחנן ציטלין.

מיר פילן, אַז מיר קאָנען נישט אָוועקפאָרן פון גאָטינגן, וואו מיר וועלן נישט באַזוכן דעם קבר פון דעם דאָזיקן יונגן קדוש.

מיר ווייסן, אַז קומענדיק צוריק קיין אַמעריקע וועלן מיר נישט קאָנען, און אפשר אויך נישט טאָרן, באַהאַלטן פון אונדזער קאָלעגע אהרן ציט־לין, אַז מיר זענען געווען אויפן קבר פון זיין פּלימיעניק; און אַז מיר וועלן נישט באַהאַלטן, — אַז מיר וועלן אים דאַרפן דערציילן, — וועט עס זיין פאַר אונדז אַ זייער פּיינלעכע שליחות.

אָבער אהרן ציטלין האָט אונדז בפירוש געבעטן, אַז מיר זאָלן אויס־געפינען אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך אויסצוגעפינען אין די לאַגערן, וועגן דעם גורל פון זיין משפּחה.

איך קאָן נישט פאַרגעסן אייניקע אויסדרוקן ציטלינס אין זיינע בריוו, וואָס ער האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג, — אויסדרוקן, וואָס גייען מיר נאָך די גאַנצע צייט.

פון זיי, פון די אויסדרוקן, איז קלאָר פאַר מיר, אַז ציטלין ווייסט שוין אַלץ וועגן דעם גורל פון אַלע זיינע נאָענטסטע.

איז וואָס־זשע קאָנען מיר שוין אויסגעפינען?

און וואָס וועלן מיר אים קאָנען ברענגען — אַ חוץ אַ ידיעה פון זיין ברודערס אַ זון, וואָס האָט געפונען זיין לעצטע רו ערגעץ אין אַ וואַלד־פרידהאָף, ערגעץ אַרום גאָטינגן, ערגעץ אויף אַ שטיקל דייטשיש ערד, אין שכנות מיט נאָך אַ זעכציק קברים?

איז דאָך אָבער אַ ידיעה וועגן אַ געפונענער לעצטער רו אין אַ שטיקל ערד שיער־נישט אַ גוטער גרוס היינטיקע צייטן.

פאָרן מיר קיין וואַלדפרידהאָף.

דער, וואָס באַגלייט אונדז, גיט אונדז איבער עטלעכע, גאַנץ קאַרגע, פּרטים, וואָס ער ווייסט וועגן דוד ציטלין.

די גאַנצע צייט, פאָרנדיק, די גאַנצע צייט, וואָס דער באַגלייטער דער־ציילט, טוט זיך נישט אָפּ פון מיר דער געדאַנק, אַז דאָס דערציילט מען אונדז וועגן אַ קדוש־אייניקל פון אַ קדוש־ייִדן — הלל ציטלין.

ער איז געבאָרן געוואָרן, דוד צייטלין, דעם 7־טן אָקטאָבער, 1923. געשטאָרבן דעם 27־טן יולי, 1945, אין גאוטינג.

פאַר דער באַפרייאונג פון די קאַצעטן, דערציילט דער באַגלייטער, האָט זיך צייטלין געפונען אין אַלאַך־לאַגער, לעבן דאַכאַו. געווען קראַנק אויף אויסצערונג, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין אַ שאַרפן טובערקולאָז. נאָך דער באַפרייאונג איבערגעפירט געוואָרן אין דאַכאַו־שפּיטאָל, דערנאָך קיין גאוטינג, צוזאַמען מיט אַ חבר צוקערמאַן.

— געווען אַ גראַטענער, דערציילט ווייטער דער באַגלייטער, אַ דיכ־טערישע נאַטור. די גאַנצע צייט אין דאַכאַו געשריבן עפּעס אין נאָטיץ־ביכלעך. געשריבן, ביז ער האָט נישט געקאָנט מער אַ האַנט אויפהייבן. אַלע נאָטיץ־ביכלעך זענען פאַרלוירן געגאַנגען. מיר האָבן זיי אומעטום אַרומגעזוכט און קיין איינס נישט געפונען. ער איז געשטאָרבן ביי אונדז אין גאוטינג ביים ציען וואַסער פון זיינע לונגען. געשטאָרבן אונטערן נאָדל. אַלע האָבן אים ליב געהאַט. מיר האָבן אַלע געזאָגט: ער איז גליק־לעך, וואָס ער קומט כאָטש צו קבר ישראל. — —

אַט קומען מיר אָן צום בית־עולמל: אַ שטיקל פּלאַץ אויף אַן אָפענעם פעלד. אַ זעקס צענדליק קברים טוליען זיך איינס צום אַנדערן.

קליינינקע בערגלעך, פאַרוואַקסענע מיט יונגן פרילינג־גראָז. איבער זיי— ברעטלעך צוגעשלאָגענע אויף דינע שטעקלעך. אויף די ברעטלעך אויפ־שריפטן אין דייטש — די נעמען און די געבורט־ און טויט־דאַטעס פון די, וואָס ליגן אונטער די בערגלעך.

דוד צייטלין ליגט אין דער צווייטער שורה. קבר ניין.

מיר שטייען איבערן קבר און מיר וואָלטן וועלן אים זאָגן עפּעס אַזוינס, אַז ער, דוד צייטלין, זאָל טאַקע הערן און אויך עפּעס צוריקזאָגן.

קענען האָבן מיר אים נישט געקענט. זיין פּנים האָבן מיר קיינמאָל נישט געזען. אָבער אַט שטייען מיר דאָך איבער אים און זעען דאָס בערגל ערד איבער אים — קענען מיר דאָך אים שוין, זעען מיר דאָך שוין אפילו זיין פּנים; קאָן דאָך שוין אפילו זיין, אַז אויב מיר וועלן עפּעס זאָגן צו אים, וועט ער דערהערן און עפּעס צוריקזאָגן.

זאָגן מיר? — ס'קאָן זיין, אַז מיר זאָגן.

הערן מיר עפּעס צוריקזאָגן? — ס'קאָן זיין, אַז מיר הערן.

די ערד אונטער די פיס איז ווייך און גראָזיק.

די ערד איז אין אירע ערשטע מאַי־טעג. די ערד איז אין איר גע־בורט־חלום.

האָט זי, אַט די דאָזיקע ערד, אויך פאַראיאָרן און אויך פאַר־צוויי־יאָרן אַזוי געמאַיט?

אַך, ערד, פאַרוואָס ביסטו דייטשלאַנדס?

✶



קבר פון דוד צייטלין

אין טוצינג

פערטער מאַי.

פון גאָוטינג דאַרפן מיר, לויט אונדזער פּלאַן, פאָרן אויף אַ פּאָר טעג צום פּעלדאַפּינגער לאַגער — אַ לאַגער אַזוי גרויס אין זיין פאַרנעם און אין זיין באַדייטונג, ווי דער לאַנדסבערגער לאַגער.

צום באַדויערן אָבער דערוויסן מיר זיך, אַז די דירעקטע טראַנס־פּאָרטאַציע אַהין איז נישט איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר אונדז. דאַרפן מיר פאָרן צוריק קיין מינכען, פון מינכען צוריק קיין גאָוטינג און ערשט דער־נאָך קיין פּעלדאַפּינג.

טוען מיר אַזוי. מיר האָבן קיין ברירה נישט.

לאָזן לאָזט זיך אָבער אויס נאָך ערגער: מיר פאָרן אַרום הין־און־צוריק; און אַז מיר קומען ענדלעך אָן קיין פּעלדאַפּינג, ווייסט קיינער נישט וועגן דעם.

ס'איז קיינעם נישט אָנגעזאָגט געוואָרן.

מיר זעען אָפענעם סאַבאָטאַזש קעגן אונדז מצד די „אונרא"־מאַכערס אין מינכען.

מיר לאָזן זיך פאָרן צוריק — מיט גאָרנישט.

מיר מוזן אָבער אויסגעפינען דאָס פּעלדאַפּינגער „אונרא"־הויז, כדי דער „אונרא"־דירעקטאָר פונעם לאַגער און זיין סטעף זאָלן כאָטש וויסן פון אונדזער פאַרדראָס און אויך פון אונדזער פּראָטעסט.

אגב, איז שוין באַלד נאַכט, און דאָס „אונרא"-הויז איז דאָס איינ־ציקע אָרט, וואו מיר וועלן קאָנען עסן און איבערנעכטיקן.

מיר געפינען אויס דאָס אָרט — אַ צען מייל פון פּעלדאַפּינג. טוצינג הייסט עס.

אַ שיינע דאַטשע־געביידע אויפן ברעג פון אַן אָזערע.

אין דער דאָזיקער געביידע — רחבותדיקע צימערן מיט באַלקאָנען צו דער אָזערע — האַלטן זיך אויף די אָרטיקע „אונרא"־לייט. האַלטן זיך אויף, ווי אַלע „אונרא"־לייט — אויף בעסטע עסנס, אויף בעסטע געטראַנקען; האָבן דינסטן און קוכערס.

נישט אומזיסט ווילן די „אונרא"־טשינאָווניקעס נישט ליידן, אַז מ'זאָל צופיל זיך עסקן מיט דער טראַגיק פון די „די־פּי", מיט זייערע מאָנונגען בנוגע בעסערער באַשפּייזונג און אויפהאַלטונג, מיט זייער מאַר־

טירערישער פאַרגאַנגענהייט, וואָס מוז אַרויסרופן צו זיך אַ באַזונדערע יחוסדיקע באַציאונג.

נישט גריבלען זיך אין די געוועזענע טראַגישע איבערלעבונגען פון די „די־פּי" — דאָס איז דער גאַנגבאַרער לאָזונג פון די מערסטע „אונרא"־דירעקטאָרן.

נישט צוליב הויכע מאָטיוון, חלילה, האַלטן זיך די „אונרא"־לייט אין די לאַגערן אָן דעם דאָזיקן לאָזונג. נישט צוליב ליבשאַפט צו דעם „די־פּי", נאָר צוליב אייגענער ביוראָקראַטישער באַקוועמלעכקייט.

ס'איז אַ פילאָזאָפיע פון צביעות.

דער מונדירטער לאַגער־באַלעבאָס זאָל זיך בכלל נישט דאַרפן אָפּעסן דאָס האַרץ.

גריבלען זיך און אויפגעציטערט ווערן פון דעם „די־פּי"ס פאַרפאָלגנדיקע זכרונות, פון זיינע אַנגסטיקע בענקשאַפטן און קאַמפן מיט זיך אַליין — דאָס איז אָן עסק פאַר דיכטערישע יאָלדן און פאַר סענסיטיווע יידישע געסט.

דעריבער איז טאַקע גלייכער, האַלטן די ביוראָקראַטן, אַז אַזוינע יאָלדישע געסט זאָלן וואָס־ווייניקער אַריינקוקן אין די לאַגערן, אין די פּי־רעכצן פון די שפּייזער־באַאַמטע. דערהויפּט זאָלן זיי נישט אַריינקוקן צופיל אין דער טיפעניש פון דעם „די־פּי"ס האַרץ.

*

— — — אינעם „אונרא"־הויז, אין טוצינג, וואו מיר קומען איבערנעכטיקן, טרעפן מיר גראָד אָן אַ יידן, וואָס פאַרכאַפּט אונדז, — דער קוכער פונעם הויז.

ער קומט פון בוקאַרעשט. ער איז אַ ספּעציאַליסט אַ קוכער. אַ ייד אַ גיבור. צוליב זיין גרויס קענטשאַפט אין קאָכן איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון היטלער־אומקום. זיין פרוי אָבער און קינד זענען פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע.

אים האָבן די הויכע נאַצי־לייט אין די היטלער־לאַגערן געשאָנעוועט, געהאַלטן אים פאַר זיך — ער זאָל זיי קאָכן געשמאַקע מאָלצייטן.

אויף זיין אָרעם איז אויסגעברענט דער נומער 124394 מיט אַ דריי־ווינקל צייכן — אַ צייכן פון רעכטלאָזיקייט.

ער דעקט אויף פאַר אונדז דעם אָרעם. אַלע אָדערן און מוסקולן פון זיין האַנט גיבן זיך אַ צי אָן ווי שטייפע שטריקלעך. זיין פולער פּנים ווערט אויפגעלאָפן מיט האַס־פייער, מיט ווייטיק און צאָרן.

אין אַלע טויט־לאַגערן איז ער אויסגעווען — אומעטום לעבן געבליבן און אומעטום צוגעזען פון דער נאָענט די שרעקלעכסטע חיהשקייטן פון די נאַצישע הערשער.

— און איך האָב נאָך געדאַרפט מאַכן געשמאַקע מאָלצייטן פאַר זיי, פאַר די בלוטיקע הינט, — האָט ער גערעדט, און זיין קול איז איבערגע־גאַנגען פון צאָרן אין שיר־נישט אַ שלוכץ־שטאַמלונג. — און איך האָב געמאַכט די מאָלצייטן פאַר זיי. אַ ברירה האָב איך געהאַט. — — זיי פלעגן עסן און באַלעקן זיך, די הינט, און אין מיר איז דאָס האַרץ געשפּרונגען, און דאָס בלוט האָט געקאָכט אין מיר. — — איין שטיקל טרייסט האָב איך געהאַט: כ׳פלעג פון צייט צו צייט אַוועקגנבענען אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ פעניץ ברויט, אַמאָל אפילו אַ שטיקל פלייש, און עס אַריינשטעקן אַ הונגעריקן לאַגער־יידן אין האַנט אַריין. — אוודאי, ס׳איז געווען סכנת־נפשות. — איינמאָל האָט מען מיך טאַקע געכאַפּט, אַ קלאַג אויף זיי. מ׳וואָלט מיך געוויס דערשאָסן, ווען נישט, ווידעראַמאָל, מיין קוכעריי. בין אָפּגעקומען מיט קלעפּ, מיט קנוט. אַ נס נאָך, וואָס דעם ייד, וועמען כ׳האָב געגעבן די קאַרטאָפל, האָבן זיי, פון רציחה אויף מיר, פאַרזען און אַרויס־געלאָזט פון אונטער דער האַנט. ממש אַ נס.

ער דערציילט און דערציילט. איין גרויליקייט גרעסער פון דער צווייטער.

כ׳האָב זיך שוין, דוכט זיך, אָנגעהערט מיט אַזויפיל גרויל־מעשות, זינט איך פאָר אַרום איבער די לאַגערן, און יעדעס מאָל, ווען איך הער איינעם דערציילן, דוכט זיך מיר, אַז נאָך דער געשיכטע קאָן שוין קיינער מער מיט גאָרנישט איבעראַשן.

אָבער אין דער אמתן איז נישט אַזוי. נישטאָ קיין שיעור צו די פאַר־מען פון די נאַצי־רציחות, צו דער סאַדיסטישקייט, צו דער פאַרוואָרזקייט.

יעדעס מאָל פילסטו, ווי עס עפנט זיך פאַר דיר פונדאַסניי דער גאַנ־צער תהום פונעם דייטשן נאַצי־גיהנום.

— די פרוי פראַנצל, דערציילט ווייטער דער ייד, דער לעבעדיגעבלי־בענער צוליב זיין גוטן קאָכן, — די פרוי פראַנצל, אַן אויפּפּאַסערין איבער אַ פרויען־לאַגער, איז געווען נאָך אַ שרעקלעכערע בעסטיע, ווי די מענער־אויפּפּאַסערס. אויך זי פלעגט קומען עסן מיינע צוגעגרייטע מאָלצייטן און באַלעקן זיך מיט זיי. — — כ׳האָב געהערט איינמאָל, ווי זי באַרימט זיך פאַר די ס. ס.־הינט, אַז זי האָט געפּאַקט אין איר לאַגער אַ יידישע פרוי גיין צו־קינד. איז זי געשטאַנען און געוואַרט, ביז דאָס קינד וועט אַרויס פונעם מוטערטראַכט. ווען דאָס קינד איז אַרויס און געגעבן דעם ערשטן געשריי, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס נפשל פאַר די פיסלעך, עס פונאַנ־דערגעריסן אויף צווייען און ביידע העלפטן אַ שליידער געטאָן דער מו־טער, דער געווינערין, אין פּנים אַריין. גלייך נאָך דעם אַוועקגעשלעפּט די געחלשטע מוטער מיט די צוויי שטיקער פונעם קינד אין קרעמאַטאָריע, אין פייער אַריין. — — זי האָט עס דערציילט און געקייכט דערביי פון געלעכטער. אויך אַזוי האָבן געקייכט די ס. ס.־ליט, די מענער אויפּפּאַ־סערס. — — און פאַר אָט־די בעסטיעס האָב איך עס באַדאַרפט קאָכן

טאָג־איין, טאָג־אויס מאַלציִיטן, און זען, אַז די מאַלציַיטן זאָלן זיין גוט. עס זאָל זיי געפעלן. עס זאָל זיי שמעקן.

ער כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און פאַרענדיקט:

— איין פייניקער מיינעם האָב איך געפּאַקט אין טאָג פון באַפרייאונג. געפּאַקט און באַצאָלט אים מיט נקמה־טויט. אָבער וויפיל איך האָב אים נישט באַצאָלט, איז עס נאָך אַלץ גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער האָט געטאָן מיט זיינע קרבנות ווען ער איז געווען אויפן פערד. ער האָט זיך געבעטן, אַז איך זאָל אים לאָזן שנעל שטאַרבן, און איך האָב געזאָגט צו אים: פאַרזוך איצט דיין מאכל.

צוויי שעה האָב איך אים געגעבן צו פאַרזוכן זיין מאכל. און ער האָט פאַרזוכט. — — —

*

— — — די גאַנצע נאַכט נאָך דעם מאָך איך נישט צו מיט קיין אויג.

איך שטיי אויפן באַלקאָן און לאָז זיך פאַרשלינגען פון דער אומהיימלעכער שטילקייט, וואָס טראָגט זיך איבער מיר שטראָמענוויִיז פון די נאַכטיקע ביימער אַרום.

די לופט איז קאַלט און רוי. איך האָרבע צונויף מיינע אַקסלען. איך הער אַ קלאַפּעריי אין מיינע ביידע שלייפן.

איך שטרענג אָן מיין געדאַנק צו פאַרבינדן מיין איצטיק שטיין אויפן באַלקאָן — ערגעץ, אין אַ פרעמדער, צופעליקער געגנט, וואָס רופט זיך טוצינג, — מיט דער פערזאָן, וואָס טראָגט מיין נאָמען.

איך שטרענג אָן מיין געדאַנק, אָבער איך קאָן עס נישט צונויפבינדן. איך קאָן זיך אַליין נישט צונויפבינדן.

אימיצינס אַ האַנט נעמט און גיט מיך אַ שליידער. איך ווירבל זיך אין דער לופטן און גיב אַ פאַל אַרונטער.

מיטאַמאָל הער איך, ווי אַ קול זאָגט, טיף־אָטעמענדיק:

— גאָט!

און אַ צווייט קול פרעגט:

— ווער און וואו איז גאָט?

דאָס ערשטע קול זאָגט:

— אָן גאָט קום איך אום.

דאָס צווייטע קול פרעגט ווידער:

— ווער און וואו איז גאָט?

דאָס ערשטע קול זאָגט:

— גאָט איז דער, ווען מענטשן האָבן פאַרלאָזן, מיינענדיק, אַז זיי

זענען אליין גאָט; האָבן זיי דערביי אָנגעוואוירן נישט־נאָר דעם צלם אלקים, נאָר אפילו דעם צלם החיה.

דאָס צווייטע קול פרעגט:

— אָבער וואו איז גאָט געווען, ווען מענטשן דאָ אַרום האָבן געטאָן דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן?

דאָס ערשטע קול זאָגט:

— גאָט האָט נישט קיין שייכות מיט געווען. גאָט איז. גאָט וועט זיין. מענטש דאַרף צוריק דערזען, אַז גאָט איז, וועט ער דעמאָלט צוריקקריגן זיין צלם אלקים.

איידער דאָס קול פאַרגייט, גיט זיך די פינצטערניש אַ ריס פונאַנדער אויף צוויי טיילן, און די צוויי טיילן צינדן זיך אָן אין לאַנגע פאַסן ליכט פון איין עק הימל ביזן צווייטן, און זיי נעמען אויסזען ווי צוויי העלפטן פון אַ פונאַנדערגעריסענעם קינדס גוף.

און די צוויי העלפטן נעמען און קרייצן זיך איבער אין דעם אויסזען פון אַ שער. און די שער נעמט זיך אָט צונויפשליסן, אָט נאָך מער זיך פונאַנדערעפענען שפּיציק, פינגערדיק, און צוויי רעגנס נעמען אַראָפּטריפן פון זיי — איין רעגן פון וואַרעמען בלוט און איין רעגן פון וואַרעמער מוטער־מילך.

און ביידע רעגנס פאַלן אויף די ביימער, אויפן באַלקאָן און אויף מיר. און איך ווער איינגעטונקען פון קאָפּ ביז די פיס אין בלוט און אין מוטער־מילך.

אַ דערשיטערטער טאָפּ איך מיט די הענט אין דער רויט־ווייסער פינצטערניש, ביז איך פאַל־צו צו אַ טיר.

✶

אין מינכען צוריק

6־טער מאַי.

דער רעדאַקטאָר פון דער שארית־הפליטה־צייטונג אין מינכען, „אונד־זער וועג", לוי שאַליטאַן, נעמט אונדז מיט זיין מאַשין אויף אַ רייזע־שפּאַציר אַהינטער מינכען.

מיט דער חרובער שטאָט האָבן מיר זיך שוין גענוג אָנגעזען; לאָמיר אַ ביסל אָנקוקן די נישט־חרובע נאַטור אַרום מינכען. לאָמיר אַריינלאָזט־מען אין זיך אַ ביסל פעלד־ און וואַלד־לופט און זאָל אונדזער אויג אָפּרוען אויף שטילקייט פון גראָז און ביימער.

אָט קומען מיר אָן צו אַן אָפּשניט פון אַ באַרג מיט אַן אַראָפּגע־בויגענעם טייל. אַ ריזיקער משופּע. אַנטקעגן שטראָמט אַ טייכל. איבערן טייכל אַן אַריבערגעוואָרפן בריקל. אויף דער צווייטער זייט, ביים סאַמע בריקל, אין געדיכטעניש פון קוסטעס, טוליעט זיך אַ וואַלד־שטיבל.

קאָלעגע לוי שאַליטאַן, וואָס איז איצט אי אונדזער שאָופער, אי אונדזער אינפאָרמירער, גיט פּלוצלונג, מיט אַ גוואַלדיקער האַסטיקייט, אַ שטעל־אָפּ די מאַשין, שפּרינגט אַרויס, איך זע, אַן אויפגערעגטער, און, ווי הויך און שלאַנק ער איז, שטרעקט ער זיך מיט זיין אויפגעהויבענעם קאָפּ נאָך העכער און שרייט אויס:

— אוי ווי, ברידער! דאָס איז דאָך דער באַרג־משופּע, אויף וועלכן איך און נאָך טויזנטער יידן זענען אַקוראַט פּאַראַיאָרן, אונטער דער וואַך פון די נאַציס, אַ טאָג פאַר דער באַפרייאונג, אָפּגעלעגן אין קעלט און אין טויט־שרעק אַ גאַנצע נאַכט! קומט אַרויס, קומט אַרויס, גיט אַ קוק!

זיין קול טרייסלט זיך אַזש פון איבעראַשונג. זיינע הענט שטרעקן זיך, וואַרפן זיך אין אַלע זייטן ווי אָנגעצונדענע פון אַ מאָדנער שמחה.

מיר איילן אַרויס פון דער מאַשין, מיר עסן זיך איין מיט די אויגן אין דעם אָפּגעשפּאָלטענעם, צעקרימטן, נאַקעט־זאַמדיקן, מיט איינציקע ביימער־אַרומגעהאַנגענעם, הויכן באַרג.

לוי שאַליטאַן הערט נישט אויף צו פיבערן מיט התפעלות־רייד:

— שטעלט אייך פאָר — אַ גאַנץ יאָר, אַז איך זוך אַרום דאָס דאָ־זיקע אָרט. אַ גאַנץ יאָר זינט דער באַפרייאונג. מאָדנע, מאָדנע. ס'איז דאָך, דוכט זיך, נישט ווייט פון מינכען. איר זעט דאָך אַליין, אַז ס'איז נישט ווייט. אָבער וויפיל מאָל בין איך שוין נישט אַרומגעפאָרן איבער די אַלע וועגן און גענגטן דאָ? געזוכט, געניששטערט צו געפינען דעם דאָזיקן

בארג־שפּוע און נישט געקאָנט געפינען. און אָט, מיטאמאָל, אזוי צופעליק, אָנבאַגעגנט זיך מיט אים. סיידן אין אייער זכות, חברים געסט... איר ווייסט גאָר נישט וואָס דער באַרג מיינט פאַר מיר. איר ווייסט גאָר נישט. — — שטעלט אייך פאָר: מיר ווערן געטריבן אין די טויזנטער אונטער די ביקסן און שמיץ פון די בהלהדיקע פייניקער אונדזערע. זיי שפּירן, אַז זייער סוף קומט — שלעפּן זיי אויך אונדז, ווי איר האָט שוין נישט איין מאָל גע־הערט, אויפן לעצטן מאַרש צום טויט. — מיר זענען שוין איבער אַ מעת־לעת אין דעם דאָזיקן מאַרש. מיר זענען אויסגעפּייניקט פון הונגער און פון דאָרשט. די מערסטע פון אונדז קאָנען שוין מיט די פיס נישט רירן. מיר קריכן בוכשטעבלעך אויף אַלע פיר. אָבער אָפּשטיין טאָר מען נישט. וואָרעם ווי נאָר דו שטייסט אָפּ און בלייבסט זיצן אויפן וועג — ווערסטו גלייך דערשאָסן. אָט קומט שוין אָן די צווייטע נאַכט. די לעצטע כוחות גייען אונדז אויס. און שטעלט אייך פאָר — דאָ, ביי אָט דעם באַרג, דערהערן מיר אַ קאָמאַנדע: אויסציען זיך. נאַכט־רו! מיר גיבן זיך, ווי מיר זענען אין די טויזנטער, אַ וואַלגער צו דער ערד, דעקן צו דעם גאַנצן באַרג פון אויבן ביז אַראָפּ מיט טויט־מידע מענטשן־גופן, דעקן אים צו אזוי געדיכט, ווי אַ מחנה פליגן דעקט צו אויף שוואַרץ אַ שטיקל צוקער. — — מיר ליגן איינגעדרייט איין גוף אין צווייטן. די נאַכט איז אַ קאַלטע, אַ פראָסטיקע. די לייבער אונדזערע, די קוים־צוגעדעקטע מיט דינע געשטרייפּ־טע אַרעסטאַנטן־מלבושים, טוליען זיך איינס צום צווייטן, כדי אזוי אַרום צו דערוואַרעמען זיך אַביסל. די פיס אָבער ווילן פון קיין זאַך נישט וויסן — זיי ווערן דורכגעפראָרן, געשוואָלן. — — איר זעט אָט־דעם שטיין, גיט דער דערציילער אַ לויף־צו צו אַ שטיק פעלז, — אָט־דאָ בין איך געלעגן. אָט־דאָ! — אוי, ווי מאָדנע! אוי, ווי עס גלייבט זיך מיר גאָר נישט, אַז דאָס איז ערשט געשען פאַראַיאָרן. הערט ווייטער, הערט: — ווי נאָר ס'האָט אַ בליאַסק געטאָן אויף טאָג, האָבן די רוצחים אונדז ווידער גענומען יאָגן. נישט אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון דעם דאָזיקן באַרג־געלעגער. אַ גרויסע צאָל האָט אין משך פון דער נאַכט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם. געבליבן ליגן אויף אַלעמאָל. מיר, די אויפגעשטאַנענע, האָבן גענומען ווייטער מאַרשירן, שפּאַנען, קריכן, אונטערשטופּן און אונטערשפּאַרן איינער דעם אַנדערן. די זון באַווייזט זיך און נעמט פאַנאַנדערוואַרעמען אַביסל אונדזערע אברים. מיטאמאָל אַ קאָמאַנדע: שטיי! — — אַ דייטשער רייטער יאָגט אָן און רופט אויס: דער קריג איז געענדיקט. די דייטשע אַרמיי צע־פאַלט זיך, גיט זיך אונטער. — — — אַלע אונדזערע טרייבער לאָזן אונדז איבער און נעמען אין בהלה אַנטלויפן. אין איינע עטלעכע מינוט געשעט עס. מיר בלייבן אַליין אָן וועכטער, אָן שלעגער. מיר זענען פריי. מיר האָבן אָבער אפילו נישט קיין כוח גלייך אויף דער רגע אויסצודריקן אונדזער שמחה. קוים, קוים, מיט די לעצטע כוחות דערקריכן מיר צו אַ ישוב. ערשט אויפן ישוב דערשפּירן מיר, אַז ס'איז טאַקע פרייהייט. מיר צעשפּרייטן זיך

איבער די גאַסן, איבער די הייזער. אומעטום זענען די טירן אָפן. די מער־סטע נאַצים צעלויפן זיך ווי מייז. די געשוואָלענע פּיס אונדזערע נעמען בײַסלעכווייז אונטערטאַנצן, גיסן זיך אָן מיט פרייד, וואָס זיי קאָנען אַליין אָן וועלכער גיין איבער אַלע גאַסן, וואָס זיי קאָנען פריי אַריבערשפּאַנען איבער שוועלן. אַרײַנגיין אין אַ שטוב און אַרויסגיין. — — איך אַליין בין ממש שכור פון פרייד. ווער דאַרף עסן? ווער דאַרף שלאָפן? — אַ גאַנצן טאָג שפּאַן איך אַרום גאַס־איין, גאַס־אויס, און אַלע אבֿרים אין מיר זינגען. יאָ, אפילו די געשוואָלענע פּיס. — — — און אָט קומט מיר אַנטקעגן אַן אַמעריקאַנער זעלנער. ער שטרעקט אויס זײַנע הענט צו מיר. ער נעמט מיך אַרום. איך בין דורכגעציטערט. ער קוקט מיך אָן. ער נעמט מיך דורך מיט זײַנע אויגן און גיט אַ זאָג: „אַ ייִד?" „אוודאי אַ ייִד", ענטפער איך. „שלום עליכם, ברודער", זאָגט דער אַמעריקאַנער זעלנער. מיר פאַלן איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז און מיר וויינען ביידע. מיר באַגיסן איינער דעם צווייטן מיט גליקלעכע טרערן. מיר צעשיידן זיך און מיר פרעגן אפילו נישט איינער דעם צווייטנס נאָמען. מיר דאַרפן עס נישט וויסן. ס'איז קיין חילוק נישט, ווי יעדער פון אונדז הייסט. מיר זענען ייִדן, מיר זענען פריי — דאָס איז גענוג.

ער כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און דערציילט ווייטער:

— ס'איז שוין אָוונט. איך יום־טוב נאָך אַלץ אַרום איבער די גאַסן אין מײַן קאַצעט־אָנטועכץ. איך בין הונגעריק און שטאַרק מיד. אָבער איך גיב זיך נישט אונטער. נישט דעם הונגער און נישט דער מידקייט. — באַגעגנט מיך אַ גרופּע אַמעריקאַנער אָפיצירן. זיי שטעלן מיך אָפּ פרײַנט־לעך, גוט־ברודעריש און גיבן אַ פרעג: איז טאַקע אמת, וואָס מען זאָגט וועגן די דײַטשן, אַז זיי האָבן געפּייניקט און געברענט אין פּייער־אויוונס לעבעדיקע מענטשן? איך נעם זיי דערציילן. כ'קאָן זיי דאָך נישט דערציילן אַלץ. נאָר אַ פּאָר פאַקטן פון מײַנע אייגענע דערפאַרונגען דערצייל איך זיי. זיי הערן און ווערן פון רגע צו רגע פאַרכאַפּטער, דערשיטערטער. זיי נעמען מיך אונטער די הענט און פירן מיך אוועק צו זיך אין זייער מילי־טערישער קוואַרטיר. זיי גיבן מיר עסן, טרינקען און בעטן מיך, איך זאָל זיי דערציילן נאָך, נאָך. — — איך טו זייער פאַרלאַנג און דערצייל שעהן לאַנג. — — זיי זיצן ווי פאַרגליווערטע, דורכגעגרוילטע. זיי שפּרינגען דער־נאָך אויף, רינגלען מיך אַרום, ווילן מיך מיט עפּעס מהנה זײַן. „נעם דאָ בײַ אונדז אַלץ וואָס דו דאַרפסט", זאָגן זיי. איך ענטפער זיי, אַז איך דאַרף גאָרנישט, אַז איך וויל איצט נישט קיין זאַך. מיר איז גוט אַזוי ווי איך בין און מיט דעם הילוך, אין וועלכן איך געפין זיך. אָבער איינער פון זיי שטייט־צו איך זאָל פאָרט עפּעס נעמען בײַ זיי. ער פירט מיך אַרײַן אין קיך, עפנט פאַנאַנדער אַלע שראַנקען און זאָגט: „נעם וואָס דו ווילסט. אָט שטייט אַ סלאַי מיט מאַלינעס־אײַנגעמאַכץ — אפשר ווילסטו דאָס"? — „מאַלינעס־אײַנגעמאַכץ? האָב איך אַ געשריי געטאָן, „יאָ, דאָס וויל איך,

דאָס וויל איך!" — — כ׳האָב זיך צוגעכאַפּט צום סלאַי און גענאַשט און געשלונגען. אַ האַלבן סלאַי כמעט אַריינגעשלונגען. דאָס איבעריקע מיטגע־נומען מיט זיך. געיאָגט זיך מיט דעם איבערן גאַס און אַריינגעלאָפן צו אַ חבר, אַ מיט־קאַצעטלער מיינעם, מיט אַן אויסגעשריי: כ׳האָב מאַלינעס־איינגעמאַכץ, מאַלינעס! — אַ גאַנצע נאַכט נאָך דעם האָבן מיר ביידע אַרום דעם איינגעמאַכץ געהוליעט און געזונגען.

*

— — — אַז איך קום פון דער שפּאַציר־רייזע צוריק אין מינכענער צימער צו זיך, טרעף איך אָן, וואַרטנדיק אויף מיר, דעם שרייבער י. קאַפּלאַן פון קאָוונע, — איינעם פון דער אַמאָליקער גאַטליב־גרופּע אין קאָוונע.

די גאַנצע גאָטליב־משפּחה, — אַ חוץ, אים צו לאַנגע יאָר, דעם דיכ־טער נ. י. גאָטליב, וואָס געפינט זיך אין מאָנטרעאָל, — און אויך די מערסטע יונגע שרייבער פון קאָוונע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום די גאָטליבס, זענען אַלע אומגעקומען אין געטאָ און אין די היטלער־לאַגערן.

דער איידעלער דיכטער יעקב גאָטליב, דער ברודער פונעם מאָנטרעאָלער גאָטליב, איז אַ פּאַרוואָגלטער געשטאָרבן פון טיפוס ערגעץ אין סאָוועט־רוסלאַנד.

קאָלעגע י. קאַפּלאַן האָט דורכגעמאַכט אַלע פּיין־גלגולים, אַלע קאַ־צעטן, און איז לעבן געבליבן.

האַלט ער זיך אויף היינט אין מינכען, נעמט אָנטייל אין דער היסטאָ־רישער קאָמיסיע ביים צענטראַל־קאָמיטעט, איז פון צייט צו צייט מיטאַר־בעטער אין „אונדזער וועג".

אַ מענטש מיט אייגנאַרטיקן הומאָר.

דער הומאָר־שטריך ביי קאָלעגע קאַפּלאַן איז אַ נאַטירלעכער, אַ שטענדיקער, אַ כאַראַקטעריסטישער. דאָס ביסל פאַרביטערונג, וואָס מערקט זיך אַמאָל אין אים, דאַרף אויפגענומען ווערן ווי אַ צייטווייליקע איבערלע־בונג נאָר. עלנט, שרייבערשע איינזאַמקייט זענען גורם דערצו.

איך פאַרשרייב אַ פּאָר מאָמענטן, וועגן וועלכע ער האָט מיר דער־ציילט טאָקע אין דעם זעלבן אָוונט נאָך מיין אַריינקומען צו זיך פון דער שפּאַציר־רייזע, — מאָמענטן פון קאַפּלאַנס העכערער באָאָבאַכטונג און טראַגישן הומאָר.

איך דערוויס זיך פון אים, אַז אין פּרט פון קעגנזייטיקער הילף אין די קאַצעטן און ביי דער קאַטאָרזשנער אַרבעט, אין פּרט פון שאַנעוועון עלטערע און שוואַכערע חברים, האָבן זיך פרומע יידישע יונגעלייט אויפגעפירט בע־סער און מענטשלעכער איידער די נישט־פרומע, די וועלטלעכע. די שאַ־טירונגען און פּאַרטיי־ריכטונגען פון די וועלטלעכע האָבן נישט אַריינגע־

בראכט קיין שום אנדערשקייט אין זייערע פּערזענלעכע אויפפירונגען אין לאַגער וואָס שייך בין אָדם לחברו.

דאָס מיינט נישט, זאָגט ער, אַז מען דאַרף אָננעמען, אַז די וועלטלעכע יידן אין די קאַצעטן האָבן זיך אויפגעפירט בכלל שלעכט בין אָדם לחברו; עס מיינט נאָר, אַז די פרומע יידן האָבן זיך אויפגעפירט בעסער.

ביי דער קאַטאַרזשנער אַרבעט, אונטערן קנוט און ביקס, פלעגט נישט איין מאָל טרעפן, אַז אַן עלטערער ייד נעמט אָפּשטיין פון די ייִנגערע, קאָן נישט נאָכיאָגן דעם מוראדיקן טעמפּאָ פון דער אַרבעט. דעמאָלט שטייט אָן אַ מורא ביי די איבעריקע, אַז צוליב די עלטערע יידן וועלן אַלע מוזן בלייבן אויף דער אַרבעט לענגער מיט אַ שעה, צי מער. די נישט־פרומע יונגעלייט פלעגן אין אַזוינע מאָמענטן ווערן בייז, נערוועז אויף די אַלטע יידן; אַ פרומער יונגערמאַן, אָבער, פלעגט צוקומען צום אַלטן און זאָגן:

— מאַכט זיך פּעטער, אַז איר אַרבעט, שלאָגט זיך נישט אַרויס פון די כוחות, איך וועל שוין אָפּטאָן פאַר אייך.

אויך נעם איך אַרויס פון קאַפּלאַנס רייד (ווענן וואָס איך האָב שוין פון אַ סך אַנדערע געהערט), אַז די פרומע יידן אין די היטלער־לאַגערן האָבן כמעט אין גאַנצן נישט אַרויסגעגעבן פון זיך קיין קאַפּאָס, וואָס דאָס קאָן מען, ליידער, נישט זאָגן וועגן די וועלטלעכע מכל־המינים און פּאַרטייען.

דורכקאָנטראָלירן די דאָזיקע מיינונג בין איך נישט ביכולת, אָבער פאַרצייכענען פאַרצייכן איך עס. עס ווירקט אויף מיר. עס טרעפט מיך אין דער סאַמע טיף.

— „און אָט הערט אַ מעשה וועגן מיר אַליין", זאָגט קאַפּלאַן מיט אַ ביטערלעכן שמייכל.

— „דער קאַפּאָ מיינער, אַ ווילדער נאַצי־יונג, כאַפּט מיך איין מאָל ביי אַ שרעקלעכן פאַרברעכן: ער געפינט ביי מיר אַ ברעקל בלייפעדער און אַ ביינעלע פּאַפּיר. כ'בין דאָך עפּעס אַ שטיקל שרייבער, איז פּאַפּיר און בלייפעדער אין קאַצעט מיין גרעסטע תאווה און מיין גרעסטער חטא. פאַר אַזאַ חטא איז די גרעסטע שטראָף צו קליין... דער קאַפּאָ שלעפּט מיך אַוועק צום הויפּט פונעם לאַגער. יענער צעמזיקט מיך פריער און נאָך דעם גיט ער זיך אַ זאָג אַזוי ווי כלאחר־יד: „הענג אים!" — נישט מער און נישט ווייניקער... געזאָגט און געטאָן. מען פירט מיך אַרויס אין דרויסן אויף אַן אָפענעם פּלאַץ אין לאַגער. מען פאַרלייגט אויף מיין האַלדז אַ פּעטליע און מען לאָזט מיך שטיין מיט דער פּעטליע אויפן האַלדז איבער צוויי שעה. זאָלן אַלע קאַצעטניקעס, הייסט עס, זען, וואָס עס ווערט געטאָן מיט מיר, און זאָלן זיי זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר. שטיי איך מיט דער פּעטליע אויפן האַלדז און וואַרט אויף מיין סוף... יאָ, איך שטיי און וואַרט, — אַ ברירה האָב איך? אָבער איך זאָל אייך זאָגן, אַז כ'בין געווען שטאַרק אומגע־דולדיק — דאָס קאָן איך נישט זאָגן. מיין חוש פאַר הומאָר האָט מיך אפילו אין דעם מאָמענט נישט פאַרלאָזן... שטיי איך און טראַכט, ווי קאָמיש

איך דאַרף עס אויסזען מיט דעם תליה־שניפּס אויפן האַלדז. איך גיב אַפּילו פון מאָל צו מאָל אַ לאַך, און אַלע לאַגער־יידן, וואָס גייען מיר פאַרביי, קוקן מיך אָן אין פּחד. איינמאָל הער איך ווי אַ ייד גיט אַ זאָג: „זע, אַפּילו איצט לאַכט קאַפּלאַן. קאַפּלאַן איז ביי אונדז דער איינציקער, וואָס קאָן אַ לאַך טאָן“... גיבן מיך זיינע ווערטער אַ דריק ביים לעפּעלע, די קני גיבן זיך אַ בראָך, אָבער איך מאַך זיך האַרט. דער אויפזעער דערלאַנגט מיר מיטאַמאָל אַ שטיקל טרוקן זייף און זאָגט: „נאַ, זייף דיר אָן די פּעטליע וועט זי דיר שפּעטער זיין ווייכער און אַנגענעמער“. אַז איך וויל עס נישט נעמען, שלאָגט ער מיך און שיפּעט: „כ'וויל דאָך זיין גוט צו דיר! נעם, זאָג איך, זייף־אָן די פּעטליע!“ — „כ'האָב דאָך נישט קיין וואַסער, מיט וואָס אָנצוזייפן“, זאָג איך. מיין בעל־טובה, אָבער, שטייט נישט אָפּ פון מיר און זאָגט: „אָבער השתנה האָסטו דאָך, הונט איינער, נעם און מאַך ווייך די פּעטליע!“ וואָס זאָל איך אייך זאָגן, כ'האָב געטאָן ווי ער האָט מיך געצוואונגען צו טאָן; און כ'וועל אייך נאָך זאָגן: איך בין נישט שטאַרק נתפּעל געוואָרן דערפון. אַ ייד ווערט נישט נתפּעל פון אַזוינע נאַציִשע, פון אַזוינע בכלל גויאישע איינפאַלן. כ'האָב אַפּילו אַזוי הויך אַ לאַך געטאָן דערביי, אַז מיין אויפזעער האָט אַזש אַ שפּרונג געטאָן, און אַלע יידן, וואָס זענען אָנגעטריבן געוואָרן צו קוקן ווי מען הענגט מיך, האָבן מיך דורכגענומען מיט וואונדער-אויגן... אין אַ צוויי שעה אַרום האָט דער הויפּט צוגערופן אַ הויכן זעקס-פוסיקן קאַצעטניק און געזאָגט צו אים: „נעם אים אָן פאַר דער פּעטליע און הענג אים אויף, נישט אויף אַ בוים, נאָר אויף דיינע הענט. זיי דו די תליה. ביסט געזונט גענוג אויפצוהייבן אויף אַ שטריק אַ קליין יידל... דער זעקס-פוסיקער האָט אַ נעם געטאָן מיין פּעטליע מיט ביידע הענט, מיך אַ הייב געטאָן. די אויגן האָבן זיך מיר געגעבן אַ דריי, אַ פינצטערניש האָט מיך אַרומגעכאַפּט... ס'איז געווען איין רגע נאָר. דער זעקס-פוסיקער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן אין זיינע הענט מיין גוף. זיינע הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן און איך בין אַרונטערגעפאַלן צו דער ערד... מיין אַרונטערפאַלן איז, ווייזט אויס, זייער געפעלן געווען דעם דייטשן הויפּט-האַר. ער איז געווען צופרידנגעשטעלט אין זיין רציחה און אין זיין פאַרוויילונג. ער האָט הויך און לאַנג געלאַכט, דערנאָך אַ זאָג געטאָן צו מיר: „איצט שטיי־אויף, יודע! גיי, לעבט איצט. גיי לעב“.

★

זיבעטער מאַי, מינכען.

פון יעדן לאַגער־ייִד, מיט וועמען איך שמועס זיך פאַנאַנדער, הער איך כמעט איינעם און דעם זעלבן אויסדרוק: איך בין איינער אַליין געבליבן פון מיין גאַנצער משפּחה.

איך זוך אימיצן, וואָס זאָל זאָגן, אַז זיין משפּחה איז געבליבן גאַנץ און איז דאָ מיט אים.

איך געפין נישט אַזאַ איינעם.

ראַטעווען זיך, אַרויסגיין מיט גאַנצע ביינער פון אַ דאַכאַו, פון אַ טרעבלינקע, איז פאַר אַ דורכשניטלעכן, נישט גאָר שטאַרקן, מענטשן גע־ווען כמעט אוממעגלעך.

ווי אַזוי־זשע האָט דער איבערגעבליבענער איינער פון דער גאַנצער משפּחה באַוויזן דעם נס צו ראַטעווען זיך און צו בלייבן לעבן? — אויף דעם קאָן קיינער, וועלכע רעדט מיט מיר, נישט געבן קיין קלאָרן ענטפער.

פון יעדן שמועס אַזאַ מיט אַ לאַגער־ייִד ווערט אָבער איין זאַך יאָ קלאָר פאַר מיר, און דאָס איז: יעטוועדער איינער טראָגט זיך אַרום מיט אַ מין פאַרטומלעניש אין זיך אַליין, מיט אַ שטענדיקן חשבון׳ וואָס קאָן צו קיין סך־הכל נישט קומען:

„פאַרוואָס טאַקע בין איך געבליבן לעבן? — עפּעס האָב איך דאָך מסתמא געטאָן אַזוינס, וואָס צוליב דעם בין איך געבליבן לעבן. — איז וואָס, אַ שטייגער, האָב איך געטאָן? און צי דאָס, וואָס איך האָב געטאָן, איז נישט געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ בראָך פון געוויסן, אָדער ווי אַ נושא־חן זיין אין די אויגן פון די פייניקער?

„דאָס איז ערשטנס.

„און, צווייטנס —

„און דאָ קומט דאָס שווערסטע:

„אפילו אויב איך האָב נישט געטאָן קיין שום זאַך, וואָס קאָן פאַר־רעכנט ווערן ווי אַ נשיאת־חן, ווי אַ זינד אָדער, חלילה, ווי אַ פאַרראַט; אויב אפילו כ׳האָב אין קאַצעט זיך אויפגעפירט אויפן מאָראַלישסטן אופן— פאַרוואָס אָבער האָב איך, בכלל, מסכים געווען צו בלייבן לעבן בשעת אַלע מיינע נאָענטסטע זענען אומגעקומען פאַר מיינע אייגענע אויגן? פאַרוואָס האָב איך זיך גלייך אויפן מאָמענט נישט סאָלידאַריזירט מיט זיי? פאַר־וואָס, ווען איך האָב אַליין געזען ווי מען שלעפּט זיי אַוועק אין פייער — פאַרוואָס בין איך נישט נאָכגעלאָפן מיט זיי אין פייער אַריין?״

דאָס הער איך אַרוים כמעט פון יעדן לאַגער־ייִד.

יעדערער כמעט גיט צו, אַז אין מערסטע פאַלן האָבן מאַמעס זיך אויפגעפירט מסירת־נפשדיקער פון טאַטעס. זיי זענען מיטגעלאָפן מיט די קינדער אין אומקום אַריין.

איך פאַרצייכן עס נישט, חלילה, ווי אַ באַשולדיקונג קעגן די טאַטעס. איך האָב נישט קיין רעכט אויף דעם.

פאַרקערט, איך פאַרצייכן עס דערפאַר, ווייל איך פיל, אַז די טאַטעס אַליין ווילן אַרויסזאָגן הויך אָט־דעם אומגעוויינלעכן טראַגישן על־חטא זייערן.

אַן אָפּענעם אויסגעשריי פונעם על־חטא האָבן מיר געהערט קלאָר אויפן סימפּאָזיום אין לאַנדסבערג נאָך.

על־חטא פליום ווילן צו ניי לעבן.

יעדערער פלאָגט זיך מיט זיין איבערבלייבן לעבן און יעדערער, אין דער זעלבער צייט, רייסט זיך מיט נישט-געשטילטן הונגער צום ווייטער־דיקן לעבן.

אַזוי פיל חתונות אין אַלע לאַגערן.

חתונות צווישן פרויען, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע מענער און קינ־דער, און צווישן מענער, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע ווייבער און קינדער.

אַן אינערלעכער רוף אַזאַ:

— שטעלט אויף צוריק די יידישע משפחה.

— פאַרמערט צוריק דאָס פאָלק.

— מאַכט גאַנץ צוריק דעם פאַרלוסט.

אַ קול ממעמקים:

— צי דאַרף מען דערצו די הסכמה פון די אומגעקומענע?

— יאָ, מען דאַרף.

— צי זענען די אומגעקומענע מסכים דערצו?

— יאָ, זיי זענען.

— צי גיבן זיי זייער פולע ברכה דערויף?

— יאָ, זיי גיבן.

ס'איז גוט אַזוי, טראַכט איך. ס'איז גוט וואָס איך הער אַזאַ רוף צווישן דער שארית הפליטה, אַזאַ קול ממעמקים.

און כ'זע די דראַמע ווי זי שפּילט זיך אָפּ אין די הערצער פון דער שארית הפליטה.

איך זע: ווי נאָר דו גיסט מיט אַ שפּור פון אַ וואָרט אַ ריר־אָן די וואונד וואָס יעדער ייד טראָגט אין זיך, פאַלט ער גלייך אַריין, צי ס'איז אַ פרוי, צי ס'איז אַ מאַן, אין אַ געוויין.

דער קוואַל פון טרערן איז נאָך נישט אויסגעטריקנט אין די לאַגערן, און געוויין איז נאָך אַלץ, זעט אויס, אַ מיטל לייכטער צו מאַכן דאָס האַרץ.

צו עפּעס אַנדערש האָט אויך דער לאַגער־ייד זיך דערוויילן נישט דער־טראַכט.

נישט שייך גאָר צו רעדן וועגן דעם ווי וועגן עפּעס אַ שוואַכקייט.

כ'זע די העלדישסטע און פאַרהאַרטעוועטסטע פּאַרטיזאַנער אַריינפאַלן אַמאָל אין געוויין.

דער יידישער בראָך איז גרויס. דער יידישער בראָך קאָן גרעסער נישט זיין.

*

עס ליגן פאַר מיר לידער, וואָס דאָס לאַגער־פאָלק האָט פאַרפאַסט וועגן אָט־דער טאַטע־שולד. דאָס הייסט: וועגן זיך אַליין.

איך ברענג דאָ צוויי לידער אַזוינע, אַביסל אין פאַרקירצונג. — די לידער ווערן אָנגעגעבן אויפן נאָמען פון מ. שענקער, אַ קאָמפּאָזיטאָר פון וואַרשע, אומגעקומען אין טרעבלינקע אין יוני, 1943. איבערגעגעבן דורך פּ. ש. רייזמאַן.

איך שעם זיך

ליבע פרוי מיין,
כיהאָב דיר געבראַנגט אַהער:
אין האַרצן אַ ווייטיק,
אויף די באַקן אַ טרער.

איך האָב שוין געוואוסט,
אַז מיגייט צום טויט אַצינד,
און איך האָב דיך געלאָזט
אַליין מיטן קינד.

און דו ביזט געגאַנגען
מיטן קינד אויף דער האַנט,
געגאַנגען אַזוי שטיל
אין יודענלאַנד.

איך שעם זיך פאַר דיר,
ס'איז פינצטער מיין שעה, —
כיהאָב דיך געשיקט צום טויט,
און איך בין געבליבן דאָ.

כישעס זיך פֿאַרן הימל,
כישעס זיך פֿאַר דער ערד,
צי בין איך דען ווייטער
צו לעבן ווערט?

כישעס זיך פֿאַר די ביימער
ביים בערגל וואָס שטייען, —
די וואָס האָבן געהערט
דיינע לעצטע געשרייען.

דאָס קינד האָט זיך געטוליעט
צו דיין קאָפּ צו,
און ס'האָט געפֿרעגט אַזוי:
וואו איז דער טאַטע, וואו?

איך שעם זיך אַזוי,
איך האָב נישט קיין רו.
די ביימער — זיי פֿרעגן מיך:
וואו איז דער טאַטע, וואו?

וואו איך גיי, וואו איך שטיי
זע איך אויף דער וואָר
דיינע פֿאַרוויינטע אויגן,
דיינע אָפּגעשאָרענע האָר.

איך זע דיך אין רויך,
איך זע דיך אין פֿלאַמען,
איך זע דאָס קינד זיך טוליען
צו דיר — זיין מאַמען.

כיזע דיך ביים בערגל
אויף די ביימער אַלע —
כיזע דיך אַצינד
ווי דו ביזט געווען מיין כלה.

*

שלאָף, מײַן קינד

שלאָף, מײַן קינד, שלאָף,
נישט אין בעטעלע דײַן,
נאָר אין בערגעלע אַש,
מײַן קינד, שלאָף אײַן.

האָסט דאָך אַזוי ליב געהאַט
צו שלאָפֿן מיט דײַן מאַמען —
צי ליגסטו כאָטש הײַנט
מיט איר צוזאַמען?

סילאָזט דיך נישט שלאָפֿן
דער בײזער ווינט:
ער צעטראָגט דיך פֿאַנאַנדער
אַזוי גיך און געשווינד.

אין דײַנע יונגע יאָר
האָסטו נישט געהאַט קיין רו, —
און נאָך דײַן טויט —
וואו ביזטו? וואו?

אַז סיקומט אָן אַ ווינט
פֿרעג איך אים שוין:
האָסטו נישט צעטראָגן אַמאָל
מײַן קינד, מײַן קרוין?

איך פֿרעג דעם הימל,
איך פֿרעג די ערד:
האָט איר נישט אַמאָל
מײַן קינדס געשרײ געהערט?

וואָלט איך כאָטש געהאַט
לעבן זיך דײַן מאַמען —
וואָלטן מיר געוויינט
אַזוי ביידע צוזאַמען.

װאָלט מיר גרינגער געװען,
אַזױ טו איך קלערן, —
אַזױ מוז איך אױסװײנען
אױך אירע טרערן.

צוזינג:

ס'װעט קומען, ס'װעט קומען,
ס'װעט קומען די שעה,
ס'װעט קומען, ס'װעט קומען
פֿאַר מיר אױך דאָ.

*

און אָט ליגט פֿאַר מיר אַ ליד פֿון גאָר אַן אַנדער קװאַליטעט. כ'װאָלט געזאָגט: פֿון אַ גרױסער קװאַליטעט.

אַ ליד געשריבן אױף צעריבענעם פּאַפּיר. איך קאָן עס קױם פֿאַנאַנדער־נעמען כדי איבערצוליײענען עס.

עמיצער, כ'געדענק נישט װער און כ'געדענק אַפֿילו נישט אין װעלכן לאַגער, האָט עס מיר געגעבן אין האַנט אַרײַן איך זאָל עס מיטנעמען מיט אַלע אַנדערע לאַגער־שריפֿטן װאָס איך קלײַב.

װען איך קום אין צימער צו זיך און נעם אַרײַנקוקן אינעם צעפּליקטן פּאַפּיר, הײבן אָן די שורות ממש צו בלענדן און צו שנײַדן מײַנע אױגן מיט אַ בלענד פֿון אַ חלף.

איך זוך דעם נאָמען פֿונעם מחבר און געפֿין אים בײַם סוף אונטער דער לעצטער שורה: „געשריבן יודל פּעקער".

װער איז יודל פּעקער? מיר איז נישט באַװאוסט אַזאַ נאָמען פֿון אַ דיכטער. הײסט עס — אַן אומבאַקאַנטער, אײנער פֿון דער גרױסער צאָל פּאָעטן, װאָס איז אױפֿגעקומען אין די קאַצעטן. אױפֿגעקומען און — די מערסטע פֿון זײ אומגעקומען.

לעבט ער — יודל פּעקער? איך האָף אַז יאָ.

איך לײען עס און ס'גלײבט זיך מיר נישט, אַז דאָס זאָל האָבן געשריבן אַן אָנפֿאַנגער. ס'איז אַ ליד פֿון אַן אומגעװײנלעכער קראַפֿט. ס'טראָגט דעם חותם פֿון אַן אמתן דיכטער, פֿון אַ פּערזענלעכקײט.

אדרבה, לײען נאָכאַמאָל.

איך לייען:

על חטא — מיין נישטיקייט וואָס האָט דעם טויט־פּחד
ניט אויסגעהאַלטן,

איך האָב מיין לייב אַוועקגעגנבעט פון די גריבער,
איך האָב זיך פאַרן שאַרף פון חלף אין אַ לאָד באַהאַלטן,
ביז דער טויט איז איבער מיר אַריבער.

פאַרלאָז איך שפּעט מיין נע־ונד־געלעגער,
שייער זיך אַדורך דורך דראָט־פאַרצאָמונגען און פּלויטן,
ווי אַ חיה אַ געדודפּטע פון אירע יעגער
גנבע איך זיך דורך די חורבות צו די טויטע.

אויסגעצויגן און פאַרבראָכן אין אַ דלדיקער שורה
ליגט דער ריזיקער גרויסער ברידער־קבר.
אַ גאַנצע קהלה קדושה איז געקומען דאָ צו קבורה.
איך בלויז שלעפּ זיך אויבן ווי אַן אָפּגעשניטענער אבר.

ליגט די עדה אין פאַרבלוטיקטן געקלעם
אין געפלעכט פון אָפּגעריסענע גלידער.
דער רב אב״ד מיט בעלי־בתים אויף קידוש־השם,
טאַטעס, מאַמעס, זויג־קינדער, שוועסטער, ברידער.

קוקט אויף מיר דעם רבס אָפּגעריסענער שאַרבן,
שטרענג און ברוגזדיק: דו, פּורש מן הציבור!
אַ ייד, — צי ווייסטו נישט?, — אַ ייד דאַרף קאָנען שטאַרבן.
ביסט אַנטלאָפן — וועל איך דיר נאָכלויפן דורך אַלע גריבער.

— רבי! — שטעלט זיך איין פאַר מיר אַ ייד אַ פאַרבלוטיקטער,
אַ הויכער, —

אַ יינגל נאָך, אַ שוואַכער. דעם נסיון נישט בייגעשטאַנען.
רבי, — בעט ער זיך, — זייט אים מוחל,
בשוגג האָט ער עס מסתמא נישט פאַרשטאַנען.

און ווייטער רעדט דער ייד צום ברוגזן אב״ד:
אַ רגע נאָר האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן פאַרן מעסער, —
זיין לעבן לאַנג וועט ער זיך פּייניקן אין נע ונד,
זיין עונש איז פיל גרויזאַמער און גרעסער.

אָ מיר — מיר האָבן מיטגענומען אַלץ וואָס מיר האָבן,
איז די איינציקע נחמה אונדזערע אין שטראָף:
מיט אונדז צוזאַמען ליגט משיח דאָ באַגראָבן —
די האָפענונג אויף גערעכטיקייט — דער חלום פון די שאָף.

מיר האָבן דורות לאַנג געבלוטיקט, און געדולדיק
דעם אויסגעחלומטן „וגר זאב עם כבש" אָפּגעוואַרט,
און נישט די פרעמדע וועלט איז איצט אין אונדזער אומגליק שולדיק,
נאָר מיר, ווי קינדער גרויסע, האָבן זיך אַליין גענאַרט.

וואָס טויג דער שעפּס, וואָס האָט געשוואָרן פּייערלעך אויף בעלי־חיים,
פון נעגל און פון ציין זיך אָפּגעזאָגט גרויסמוטיק —
פאַרשווינדן וועלן שוין דער סטאַדעס עלנטע שיריים,
און ער, דער וואָלף, וועט אַלץ נאָך רוישן גיריק, בלוטיק.

און ווען דער שונא האָט די היימען אונדזערע געצינדן,
אין פּייער־רינג מיט ווייב און קינד צום גרוב פאַרטריבן —
האָט אונדז שוין גאָרנישט מער צום לעבן צוגעבונדן,
פאַר אונדזערטוועגן איז שוין גאָרנישט דאָ פאַרבליבן.

ווי־זשע וועלן די אַנטרונענע, די נישט דערקוילעטע יחידים,
די ציין־און־נעגלאָזע וועגעטאַריער,
אַרומטאַנצן אויף די בלוט באַטרונקענע ירידים —
פּאַיאַצן לעסטיקע, הייליקע נביאים, פּראָלעטאַריער?

מטורף־דאַרנדיקע פאַרוואונדעטע פּראָפעטן,
געשענדעטע אין שוימיק־שיכורן געלעכטער,
בעטלער־געסט ביי פרעמדע טישן אומגעבעטן —
דער גורל פון אַ פאָלק — פון זיינע לעצטע זין און טעכטער.

אַ פאָלק וואָס האָט זיין עלטער אין גרוב מיט שאַנד אַראָפּגענידערט,
ווערעמדיק אַריבערלעבן אַלץ — ערגערס האָבן גאָר נישט
צוגעטראַכט די שונאים.

— —

געבויגן אונטער דעם יסורימדיקן האָגל און צעגלידערט —
אַן איינגעבראָכענער געפאַלן בין איך אויפן פּנים.

געשריבן יודל פּעקער.

*

אונטער דער שליטה פון אזוינע מאַטיוון פאָר איך קיין פערנוואַלד, אין דער באַגלייטונג פונעם מיטגליד פון מינכענער צענטראַל־קאָמיטעט און הויפּט־דאָקטאָר פונעם קינדער־שפּיטאָל אין פערנוואַלדער לאַגער, דר. ב. פּליסקין.

ער, דר. פּליסקין, איז געקומען אונדז נעמען קיין פערנוואַלד, און מיט אים, אין דער מאַשין פאָרנדיק, שמועסן מיר וועגן אונדזער צוויי־טאָגיקן זיין אין פערנוואַלדער לאַגער, ווי מיר פּלאַנעווען, און מיר וואַרפן אָן צוזאַמען מיט אים אונדזער פּראָגראַם.

דער פערנוואַלדער לאַגער איז כמעט אַזאַ גרויסער ווי דער לאַנדסבערגער, אָדער פעלדאַפינגער לאַגער. אין כאַראַקטער און אין פאַרנעם — אביסל אַנדערש; אָבער די אַנדערשקייט, זאָגט אונדזער באַגלייטער, איז נאָר אַ לפנימדיקע.

אין אין לאַגער דאָמינירן די שטילערע; אין אַ צווייטן — די אומרו־איקערע; אין אַ דריטן — די אַגרעסיווערע.

דער פערנוואַלדער לאַגער געהערט, לויט די רייד פון אונדזער באַגלייטער, צו די שטילערע.

דאָס וואָס דר. פּ. דערציילט אונז וועגן דעם לאַגער גופא, איז מיר שוין באַקאַנט כמעט פון די אַלע פּלעצער, וואָס מיר האָבן שוין באַזוכט; אָבער דאָס, וואָס ער דערציילט אונדז וועגן זיך אליין, פאַלט צוזאַמען מיט דער חשבון־הנפש טראַגיק פונעם יידישן „די־פּי", און ס'רופט אַרויס אין מיר אַ פאַרגעפיל, אַז עפּעס זייער טרויעריקס וואַרט אויף אונדז, — וואַרט אויף אונדז און וועט אומפאַרמיידלעך קומען.

אַלץ וואָס איך האָב געהערט אין אַלע לאַגערן ביז אַהער, און אַלץ וואָס איך הער איצט פון דר. פּ. שטימט סיי מיט דער שאַרפקייט פון דעם לאַגערניקס חשבון־הנפש, סיי מיט יענעם ווייטיק, צו וועלכן כ'האָב אינגאַנצן מורא זיך צוצורירן — דעם ווייטיק פון דער נישט־אויסגעלעבטער נקמה.

יאָ, צו דעם דאָזיקן ווייטיק האָב איך מורא זיך צוצורירן.

איך צי מיין הוט פאַר דער טיפקייט פונעם סיכסוך, וואָס קומט פאָר אין דעם האַרץ פונעם יידישן „די־פּי" — סיכסוך בנוגע נקמה, צו וועלכער ער איז גערעכטיק באַרעכטיקט, אָבער וועלכע ער פירט נישט אויס; און פירן פירט ער זי נישט אויס דערפאַר, ווייל דאָס יידישע אין אים עפּנט אויף פאַר אים אַנדערע וועגן און אַנדערע זעאונגען — אַן אַנדער דימענזיע פון שטראָף: אַ פיזישן עקל צום רוצח, אַן עקל, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אמאָל אפילו אין אַ מידקייט. שטענדיק איז אָבער דאָ אין דעם אַ כוונה, אַז דער גרויסער אייביקייט־חשבון פאַר אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט זאָל נישט געסילוקט און אָפּגעפּטרט ווערן נאָר מיט אַ קליינעם מאָמענטאַלן באַפרידיקונגס־אַקט.

יאָ, איך צי מיין הוט פאַר דעם נשמה־סיכסוך פון דעם יידישן „די־פי", פאַר די יסורים, וואָס דער סיכסוך פאַרשאַפט אים, און מער נאָך — פאַר דער דערלייטערונג און אויסלייטערונג, צו וועלכע די נשמה־יסורים דערהויבן אים.

אַן אַריינבליק אין דעם נשמה־סיכסוך גיט אונדז טאַקע דר. פליסקין דורך זיך אַליין.

זיצנדיק אין דער מאַשין, אויפן וועג צו פערנוואַלד, דערציילט אונדז דער דאָקטאָר, צווישן אַנדערעס, וואָס פאַר אַ שרעקלעכקייטן עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט בשעתו אין דער לעמבערגער געטאָ און ווי אַזוי אוקראַינער — פאַרשאָלטן זאָלן זיי נישט ווייניקער פון דייטשן — האָבן דער־שלאָגן דעם דיכטער אַלטער קאַציזנע.

— יאָ, — זאָגט ער, און קאַרטשעט זיך צוזאַמען, — מיט שטעקנס זענען זיי אים באַפאַלן. אַ גאַנצע מחנה. מיט די שטעקנס אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז זיי האָבן אים אויף טויט דערשלאָגן.

און אַט דערציילט ער אונדז וועגן זיך אַליין, ווי אַזוי מען האָט אים מיט זיין פרוי און צוויי־יאָריק קינד געכאַפּט מיט נאָך טויזנטער יידן און געפירט זיי צו פאַרניכטונג.

— מען האָט אונדז אַריינגעטריבן ערגעץ אין אַ וואַלדיקן אָרט, אַרומ־געריגנלט פון אַלע זייטן מיט מיליטער אַזוי, אַז וועגן אַרויסראַטעווען זיך דורך אַנטלויפן האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. און אָט איז שוין נאַכט. זאָגט מיין פרוי צו מיר: האַלט דו דאָס קינד אויף די הענט. אפשר אין זכות פון דעם, וואָס דו ביזט אַ דאָקטאָר מעדיצין, וועט מען דיך מיט דעם קינד לאָזן לעבן, ווייל אין דאָקטוירים נייטיקן זיי זיך דאָך. — נעם איך דאָס קינד אויף די הענט, האַלט עס פעסט אין די אָרעמס, טוליע עס צו זיך. מיין פרוי — לעבן מיר, טרעט נישט אָפּ, האַלט אין איין בעטן: זע, היט דאָס קינד, היט דאָס קינד. מיטאַמאָל באַפאַלט אונדז אַ סטאַיע שטורעם־טרופּער, רייסט אַרויס דאָס קינד פון מיינע אָרעמס און גיט עס אַ שליידער אַוועק אין דער פינצטערניש ערגעץ, צו אַ פּלאַץ, וואו זיי כאַפּן צונויף קינדער, כדי זיי אַוועקצושלעפּן צום טויט. דאָס קינד וויינט, שרייט. מיין פרוי קווענקלט זיך נישט קיין איין רגע און לאָזט זיך לויפן נאָכן קינדס געשרייען. די מערדער האַלטן זי נישט אָפּ. זיי לאָזן זי לויפן. זיי זענען נאָך צופרידן דערפון: וועט אויך די מאַמע גיין אין פייער. אויך מיין ערשטער אימפּולס איז: נאָכלויפן נאָך מיין פרוי און קינד. אָבער די שטורעם־טרופּער פאַרהאַלטן מיך, קלאַמערן מיך צונויף און לאָזן נישט. כ'ראַנגל זיך מיט זיי. זיי גיבן מיך אַ שליידער צו דער ערד. כ'בלייב ליגן און קען זיך נישט אויפהייבן. כ'הער נאָך, דאַכט זיך, מיין קינדס גע־שרייען, מיין פרויס געוואַלדן. כ'הער געשרייען פון אַ סך קינדער, און אָט, מיטאַמאָל, הער איך זיי נישט מער. ס'ווערט שטיל. און ס'איז נאַכט. שטאָק־פינצטער. און אַרום מיר זע איך ליגן גאַנצע מחנות טאָטעס אַזוינע ווי איך,

צעשליידערטע, צעשלאָגענע. — דעמאָלט הייבן אויף אַלע טאַטעס אַ געיאָ־מער. איך — מיט זיי. איך שליידער זיך אום אויף דער ערד, איך שלאָג מיטן קאָפּ אָן אַ בוים, איך רייס די האָר פון זיך. אַ גאַנצע נאַכט. ביז סאָ־מע טאָג... און — וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ליבע פריינט? וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — איר זעט דאָך: מיין פרוי מיטן קינד זענען אוועק אין גאַז־אויוון, און איך בין געבליבן לעבן. לכתחילה האָב איך געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד, אָבער — איר זעט דאָך, כ'האָב עס נישט געטאָן. איך לעב. איר זעט דאָך.

ער האַקט זיך אָפּ. ער בלייבט זיצן פאַרזונקען אין זיך. ער עפנט נישט מער דאָס מויל. אויך מיר בלייבן אַזוי זיצן שטום־שווייגנדיקע, ביז מיר פאָרן אַריין אין פערנוואַלד.

✱

אין פערנוואַלד

8־טער מאַי.

ווען מיר קומען אָן אין פערנוואַלד איז שוין פאַרנאַכט. לויטן פּלאַן האָבן מיר באַדאַרפט אָנקומען מיט אַ צוויי שעה פריער, אָבער אויך דאָס מאָל האָט דער פּלאַן אונדזוערער נישט געשטימט מיט די טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן.

גאַנצע צוויי שעה האָט געוואַרט אויף אונדז ביים טויער פון לאַגער אַ גרויסער עולם: פּאַרוואַלטער, לערער און אויסגעשטעלטע רייען פון קינדערלעך מיט בלומען אין די הענט; געוואַרט — אָבער נישט דערוואַרט זיך.

איז געבליבן ביים עולם, אַז מיר קומען נישט, און דער גאַנצער פּאַראַד איז אַזוי אַרום צעשוואָומען געוואָרן.

דעריבער — ווען מיר זענען ענדלעך יאָ אָנגעקומען אין לאַגער, האָבן מיר שוין ביים אַריינפאָר קיינעם נישט געטראָפן.

פאַר זיך אַליין איז עס נישט אַזוי וויכטיק צו פאַרצייכענען אָבער פאַרן לאַגער איז עס געווען אַ גרויסע אַנטוישונג, פאַר די קינדער — נאָך מער.

מיר זענען דאָך אין דעם פאַל געווען די סיבה צו זייערע פאַרלוירענע עטלעכע שעה יום־טובדיקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז לאַנג דאַרף נישט נעמען ביז דער עולם דערוויסט זיך, אַז מיר זענען אָנגעקומען. אין איינע עטלעכע מינוט ווערן מיר אַרומגערינגלט און אויפגענומען פון די דערוואַקסענע. די קינדער אָבער זענען שוין אין זייערע בעטן.

איך נעם אַרום מיט די אויגן דעם פערנוואַלדער לאַגער־דרויסן: אַ „שטעטל".

זאַמדיקע גאַסן. אַ צענטער־פּלאַץ. אויפן דאָזיקן פּלאַץ — אַ גרויסע אַרמאַרי. איבערן אַריינגאַנג אין דער אַרמאַרי, אין דער סאַמע הויך, אַ ריזיקער עלעקטרישער מגן־דוד דורכגעפלאָכטן מיט עלעקטרישע יידישע אותיות: ב—מ—ד—ב—ר.

פאַר היבשע עטלעכע רגעס קאָנסטו נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון דער אָריגינעלער העל־ברענענדיקער לאַגער־שילד, מיט וועלכער די פערנוואַלדניקעס באַצייכענען אָפן און קלאָר זייער זיין דאָ.

ס'איז אַ צייטווייליקער זיין, ס'איז „במדבר". זיי גייען, הייסט עס,

פון מצרים. זיי וואַנדערן דורך וויסטעניש. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצער צייט, אויפגעשלאָגן געצעלטן, אָדער זיך אַריינגעקליבן אין פּאַר־טיקעס.

דו קוקסט און דו טראַכסט: זע, ווי פּשוט און ווי טרעפלעך.

קאָן נאָך זיין טרעפלעכער?

במדבר!

דער הימל — האַלב וואָלקנדיק גרוי, האַלב בלוי. וואו־נישט־וואו ווייזט זיך אַ שטערן.

די נאַכט פאַלט פּאַמעלעך צו. דאָס שאַרפע ברענענדיקע וואָרט „במדבר" דאָמינירט איבער דעם גאַנצן אַרומיקן נאַכט־הימל.

*

די אַרמאַרי ווערט אָנגעפילט מיט עטלעכע טויזנט מענטשן.

יעדער איילט זיך צו רעסטאַווירן די פאַרלוירענע שעהן פון יום־טוב.

יעדער טראָגט־צו זיין חלק פייערלעכקייט אויף זיינע שטילע הענט.

יעדער ברענגט זיין אויסגעשוויגנקייט אין זיינע אויפגעבליצטע שוואַרצאַפּלען.

יעדער קומט געבן אונדז עפּעס פון זיך, נישט נאָר נעמען פון אונדז.

יעדער ברענגט אונדז דעם העלן שימער פון זייערע געטראָגענע געלע לאַטעס.

די לאַטעס זענען שוין מער נישטאָ, אָבער דער שימער אַרעאָלט נאָך איבער זייערע ברוסטן און פּלייצעס.

יעדער קומט זיין מיט אונדז אונטערן הויכן ריזיקן דאַך פון דער אַרמאַרי, אַפּריכטן מיט אונדז ביז שפּעט אין דער נאַכט עבודת־ייִד.

דאָס מאָל זע איך די יזכור־ליכט בוקן זיך אין אַלע זייטן און שפּריצן מיט פונקען. פון איבער אַלע וועגט בייגן זיך אַריבער מיליאָנען פינגער. זיי רירן אָן אַלעמענס קעפּ מיט רחמימדיקער בענטשונג.

ווען מיר גייען אַרויס פון דער אַרמאַרי, אַרום האַלבער נאַכט, בלייבט דער גאַנצער עולם שטיין אויפן זאַמדיקן סקווער. ער שטייט שטיל מיט אויפגעהויבענע אויגן צו דער הויך, אַזוי ווי ער וואָלט וואַרטן, אַז דער הימל זאָל זיך נעמען שפּאַלטן.

דער העל־אָנגעצונדענער מגן־דוד מיטן „במדבר" וואַרטן אויך.

*

אויך דער פערנוואַלדער לאַגער, ווי דער לאַנדסבערגער און פעלדאַ־פינגער, פאַרמאָגט פּאַך־שולן און ווערקשטאַטן מכל המינים.

ווי אומעטום באַדינען די ווערקשטאַטן די הצטרכותן פון דעם לאַגער אַליין. קיין זאַך טאָר נישט אַרויסגעטראָגן ווערן דרויסן פון לאַגער.

צוליב דעם, און אויך צוליבן מאנגל אין מאטעריאלן און געצייג־מאַ־שינעס באַשעפטיקן די ווערקשטאַטן אויך נישט מער ווי א פופצן הונ־דערט פערזאָן, דאָס הייסט אַ דריטל אָן ערך פון דער לאַגער־באַפעלקערונג.

די פופצן הונדערט אַרבעטנדיקע בחורים און מיידלעך זענען אויך דאָ ממלא אַלעמען. זיי זענען דער צייכן פון אַקטיווער ענערגיע, פון דאָרשט נאָך שעפערישקייט און געזעלשאַפטלעכער ניצלעכקייט.

צום רוקנביין־אַקטיוו פונעם לאַגער דאַרף מען געוויס צורעכענען די קינדער־שולן, די קינדער־היימען, די קיבוצים, די פאַרטיזאַנער־קאָלעקטיוון, די ביבליאָטעק, די לאַגער־צייטונג אויף לאַטיינישע בוכשטאַבן מיטן נאָמען „במדבר" און — דעם בית־מדרש מיט דער ישיבה, אין וועלכער עס לער־נען אַרום הונדערט און צוואַנציק יונגעלייט.

אַ היפּשער טייל פון די ישיבה־בחורים אַרבעט אַ געוויסע צייט פון טאָג אין די ווערקשטאַטן, לערנט זיך פאַכן.

צווישן די קיבוצים אין לאַגער טיילן זיך אויס דער „הקיבוץ העובד" און דער פאַרטיזאַנער און פראָנט־קעמפער קאָלעקטיוו „קדימה". ביידע זענען געבויט אויפן יסוד פון צוזאַמענלעבן.

דער ערשטער נעמט אַריין אַרום פיר הונדערט פערזאָן. זיי אַלעמען פאַראייניקט ארץ־ישראל פּליום סאָציאַליזם.

דער צווייטער באַשטייט פון אַ צווייִ הונדערט מיטגלידער. זיין טעטיקייט איז אַן אומפּאַרטייאישע, אָבער דורכויס אַן אַרבעטערישע. יעדער מיטגליד פון „קדימה" מוז אַרבעטן, טאָר זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין שום האַנדל. ווער עס היט נישט אָפּ דעם איסור פון האַנדל ווערט אויסגעשלאָסן.

*

מיר קומען אַריין אין דער פאַך־שול פאַר פרויען־שניידעריי.

ווי מיר שטייען און באַטראַכטן זייער אַרבעט, הערן מיר ווי יונגע ניי־טאָרינס זאָגן מיט אַ שמייכל:

— לאָמיר באַווייזן די ליבע געסט דעם שראַנק מיט אונדזערע זיידענע קליידער.

מיר קוקן זיי אָן פאַרחידושט. מיר מיינען, אַז זיי שפּאַסן פון אונדז.

אָבער ניין. זיי שפּאַסן נישט. די פאַרוואַלטערין עפנט אויף פאַר אונדז אַ שראַנק און עס גיבן אַ ליכט אונדז אין די אויגן זעקס ווייסע, לאַנגע חופּה־קליידער.

דאָס איז אונדזער קאָלעקטיווער כלה־צושטייער, זאָגט די פאַרוואַל־טערין מיט אַ פרייד־שמייכל, און אין די אויגן פון אַלע מיידלעך אַרום צינדט זיך אָן אַ באַזונדער פייערל. יעדע מיידל, וואָס האָט חתונה, קומט און נעמט אַ חופּה־קלייד.

— אויף אַלעמאָל?

— ניין, צו וואָס דאַרף זי עס אויף אַלעמאָל? נאָך דער חופּה ברענגט זי עס צוריק אַהער. די חופּה־קליידער געהערן צום גאַנצן לאַגער.

אימיצער דערבײַ גיט אַ זאָג — און דער זאָג קלינגט אַפּ סימבאָליש:

— דער גאַנצער לאַגער איז אַ מחותן אויף יעדער חתונה, וואָס קומט פאָר בײַ אונדז.

די ווײַסקייט פון די קליידער גלעט אַלעמענס אויגן.

*

אַלע אַסאָציאַציעס, וואָס קומען־אויף דערבײַ, ווערן, צוליב דער צאָל זעקס, קאָנצענטרירט אין מײַן פאַרשטעלונג אַרום דעם זעקס פון די רויטע ציפערן 6,000,000, וואָס אויף אַלע יזכור־טאָוולען.

אוודאי איז עס אַ צופאַל. אָבער דער צופאַל ווירקט אויף מיר.

רויטע ציפער און — ווײַסער זײַד.

זעקס מיליאָן מחותנים און — זעקס חופּה־קליידער.

כ׳דערשפּיר — ווי קיינמאָל נאָך — דעם ריכטיקן טעם פאַרוואָס אַ חופּה־קלייד איז לאַנג. פאַרוואָס אַ כלה־קלייד איז פון זײַד, פאַרוואָס אַ כלה־קלייד איז ווײַס.

*

מיר זענען, פאַרשטייט זיך, נײַגעריק צו זען ווי ס׳קוקט אויס אַ ישיבה אין אַ לאַגער פון דער שארית הפּליטה.

אַז מיר קומען אַרײַן אין דער ישיבה, בלײַב איך שטיין אַן איבעראַש־טער: זע, ס׳איז דאָך די זעלבע ישיבה, וואָס איך געדענק פון מײַנע יוגנט־יאָרן.

זע, ס׳איז דאָך גאָרנישט געענדערט געוואָרן!

זאָל מיר אימיצער זאָגן: איז טאַקע געווען אַ וועלט־מלחמה? איז טאַ־קע געווען אַ געטאָ? איז טאַקע געווען אַ מאַידאַנעק?

איך שטיי און איך ווייס נישט וואָס פריער צו באַוואונדערן. צי זאָל איך באַוואונדערן, וואָס איך זע די זעלביקע לאַנגע טישן פון מײַן אַמאָ־ליקער ישיבה? אָדער איך זאָל באַוואונדערן, וואָס איך הער דעם זעלביקן צעוויגטן אַרויף־און־אַראָפּ־ניגון?

צי בין איך עס טאַקע אין פערנוואַלד, אין אַ „די־פּי"־לאַגער אויף אַ פאַרשאָלטענער ערד, אָדער כ׳בין גאָר אויף סלאָבאָדקע?

איז טאַקע געווען אין אונדזער לעבן אויף דער וועלט אַ שוואַרצע הפסקה, אַן איבעררײַס, אַ צען־יאָריקער היטלער־תהום? אָדער ס׳איז געווען: ווייס איך וואָס? — אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט, עפּעס אַ פאַסירונגל, וואָס מיר זענען מבטל בביטול גמור?

עפעס א גויעלע האָט א הוליע געטאָן מיט א האַק׳ מיט א מעסער, מיט א שטיק פייער, — א הוליע געטאָן, א שעכט געטאָן, א צינד געטאָן, א באָד זיך געטאָן אין בלוט —, נו וואָס? וואָס איז דאָ פון וואָס נתפעל צו ווערן? ס׳איז דען א נייעס? ס׳איז דען נאָר פון היינט? — וואָס זאָל אַנדערש א ימח־שמו־נבזהלע טאָן אויב נישט ארומלויפן מיט א האַק און מיט א מע־סער? דארפן מיר צוליב דעם איבעררייסן אונדזער גמרא-שעור, אונדזער תנו־רבנן, אונדזער אמר־אביי?

הונדערט און צוואנציק בחורים זיצן און לערנען מיט א ניגון. טייל אין כיתות, טייל פאר זיך אליין. די מערסטע טראָגן לאַנגע געקרייזלטע פאות.

צעפליקטע אַלטע גמרא׳ס.

איך גיי־צו צו א בחורל, וואָס זיצט ביחידות ביי א פענצטער און שאָקלט זיך עקסטאטיש איבער צעריסענע, צעפלאַטערטע בלעטער.

איך קוק אריין, כ׳וויל זען וואָס פאר א גמרא ער לערנט.

— שלום עליכם, — זאָג איך.

— שלום עליכם, ענטפערט ער בנעימותדיק.

— פון פוילן? — פרעג איך.

— ניין, פון אונגארן קום איך.

— איר האָט נאָך אימיצן מיט זיך דאָ אין לאַגער?

— ניין, — זאָגט ער. — אַלעמען פארלאָרן.

— ווי קומט איר אהער אין פערנוואַלד?

— מיט א גאַנצער כיתה יתומים געקומען.

— וואָס טראַכט איר טאָן?

— וואָס הייסט? כ׳זיץ און לערן.

— דאָס זע איך. כ׳מיין: וואוהין טראַכט איר פאָרן פון דאנען?

— אז דער רבונו של עולם וועט העלפן, וועלן מיר גיין קיין ארץ ישראל.

פויזע.

— וואָס לערנט איר?

— גטין.

— פארוואָס גטין?

— די גאַנצע ישיבה לערנט גטין.

פויזע.

— וואו עסט איר?

— מיר עסן אין חברותא.

— האָט איר גענוג?

— ווי אמאָל. פון הונגער שטאַרבט מען נישט.

— פרעגט מיך עפּעס וועגן אַמעריקע.

— וואָס שייך פרעגן?

— ווילט איר גאָרנישט וויסן וועגן אַמעריקע?

— וואָס וועט שוין זיין, אַז כ'וועל וויסן?

איך מאַך אַ צוריקטריט. כ'דערווייטער זיך אַהינטערווייַלעכטס. איך נעם נישט אַראָפּ מיינע אויגן פון אים. דאָס בחורל גיט אפילו נישט אַ קער זיין פּנים צו מיר. ער צעוויגט זיך פון דאָס ניי מיט גרויס אימפּעט און זיין גאַנצער קאָפּ — אָט פאַלט ער־צו צו דער גמרא און אָט פּלאַטערט ער אויף.

פון ערגעץ, פון אַ זייטיק־זייטיקן ווינקל פון מיין האַרץ, ווילט זיך אַרויסכאַפּן אַ וואָרט פון שפּאַס: ווּעמען דאַרף עס דאָס בחורל גמן? וועמען? — אָבער כ'שריי אָן אויף זיך אַליין און אויפן שפּאַס. איך זאָג מיט שטילער ברכה:

— זיי געזונט, ליב בחורל.

*

— — — אַז מיר גייען אַרויס פון דער ישיבה, גייען מיר־צו צו אַ פּלאַץ פון אַן עלעקטרישער זעגערייַ אויפן מיטן גאַס. יידן שטייען און זעגן גרויסע ווייס־געלבלעכע קלעצער.

זיי אַרבעטן פּלייסיק מיטן שווייס אויף זייער פּנים.

דער ריח פונעם האָלץ פאַרשמעקט די גאַנצע לופט מיט אַ מחיהדיקער זיסקייט.

דאָס זעגעכץ פאַלט פון אונטער דער זעג ווייך און פלייסיק, פאַרדעקט דעם גאַנצן אַרום מיט אַן ערב־שבתדיקן אויסשפּרייט.

איך שטעל זיך אָפּ, זאַפּ אַריין אין זיך דעם געשמאַקן ריח פון האָלץ. ערשט איצט דערמאַן איך זיך, אַז אין בית־המדרש, אין דער ישיבה, זענען די דילן נישט ריין געוועזן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

זאָג איך צו זיך אַליין: כ'פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס זאָל אַ ישיבה נישט שמעקן אַזוי גוט ווי אַ האָלץ־זעגערייַ? פאַרוואָס זאָלן גמרא־בלעטער נישט פאַרשפּרייטן אַרום זיך אַזאַ זיסן פעך־גערוך ווי פונאַנדערגעזעגטע ברעטער? פאַרוואָס?

*

— — — אויף אַ וואַנט אין איינער פון די פערגוואַלדער קיבוץ־וואוינונגען איז אויסגעמאָלט אַזאַ בילד: די טויערן פון ארץ־ישראל. ביי די טויערן שטייט אויף דער וואַך אַן ענגלישער סאָלדאַט מיט אַ ביקס אין דער האַנט. ער שטייט און ער היט, אַז קיינער זאָל זיך, חלילה, נישט דורכשמוגלען דורך די טויערן אין לאַנד אַריין.

א יידישע פרוי מיט א סוואסטיקע־קייט אויף אירע פיס מאַנט פון דעם סאָלדאַט ער זאָל עפענען די טויערן פאַר איר.

די סוואסטיקע אויף אירע פיס איז שוין צעבראָכן, אָבער די טויערן זענען נאָך אַלץ צו. — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס איז דאָס בילד.

דערציילן אונדז די קיבוצניקעס, אַז ווען דער טרויעריק־באַרימטער ענגלישער גענעראַל מאָרגאַן איז געווען דאָ אויף אַ באַזוך און דערזען אויף דער וואַנט דאָס בילד, האָט ער זיך צעשריען, אַז מען זאָל עס גלייך אַראָפּ־נעמען פון דער וואַנט, ווייל אַזאַ בילד איז אַ באַליידיקונג פאַר ענגלאַנד.

האָט אים איינער געענטפערט: „דעם הער גענעראַל געפעלט נישט דאָס בילד ווי דער ענגלישער סאָלדאַט שטייט ביים טויער — אונדז געפעלט עס אויך נישט; זאָל דער הער גענעראַל אַוועקנעמען דעם סאָלדאַט פון טוי־ער, וועלן מיר דעמאָלט אַוועקנעמען דאָס בילד פון דער וואַנט".

דער גענעראַל האָט זיך נישט ווילנדיקערהייט פאַנאַנדערגעשמייכלט און אַרויסגעאיילט פון צימער.

*

— — — מיר זיצן ביים טיש אין עס־צימער פון „קבוץ העובד".

מיט אונדז — אַן עולם לאַנגער־פּאַרוואַלטער, לערער, פּאַך־דירעקטאָרן.

מען עסט און מען שמועסט און מען דערציילט זכרונות.

פאַרשטייט זיך — נישט מיר, די געסט, דערציילן; מיר, די געסט, הערן און הערן.

צווישן עולם זיצט אַ מאַן און ווייזט אַרוים אַ באַזונדערע נערוועזי־טעט. ער מאַכט עטלעכע מאָל אַ פּאַרזוך צו זאָגן עפּעס — מען זעט עס אין דעם אויפצאַפּל פון זיינע ליפּן — אָבער עפענען דאָס מויל עפנט ער נישט.

איך קוק אים נאָך. זיין פּנים העלט אויף און פאַרלעשט זיך גלייך. אַ טרויער פון איינזאַמקייט ווייעט פון אים. כאָטש ער זיצט אַ לאַנגערניק צווישן לאַנגערניקעס.

עפּעס, ווייזט אוים, וויל ער דערציילן פאַר אונדז, אָבער ער באַשליסט זיך נישט.

מיטאַמאָל, מאַכנדיק אַ גרויסע אָנשטרענגונג, גיט ער אַ זאָג:

— איך וויל אייך עפּעס ווייזן.

ער נעמט אַרויס פון זיין בוזים־קעשענע אַ צוזאַמענגעלייגט פּאַפּירל, נעמט עס זאָרגפעלטיק מיט ציטערנדיקע הענט פאַנאַנדער, גלייכט עס אויס, גלעט עס אוים מיט גרוים צערטלעכקייט, און אַלע זעען מיר, אַז ס'איז עפּעס אַ מאָדנע פּאַפּירל — ס'איז אַ טאָפּלט פּאַפּירל: איינס, אַ צעריבנס, אַרויפגעקלעפּט אויף אַ צווייטס, אויף אַ שטאַרקערס.

אַז ער גלעט עס אויס און גלייכט עס אויס מיט אַזאַ ציטערדיקייט, ווי ס'וואָלט געווען אַ הייליקייט, דערלאַנגט ער עס מיר און זאָגט:

— לייענט עס איבער. איר קאָנט לייענען הויך פאַר אַלעמען.

איך נעם דאָס פּאַפּירל. איך קוק אַריין. איך זע אַ געשריבן יידיש בריוול. עטלעכע שורות. דער כתב אַ צעוואָרפענער, אַ געבראָכענער. די אותיות האַלב אָפּגעריבן. קאָנטיק, אַז אַלט בריוול שוין. איך לייען:

„מיין אויסגעבעטענער ביי גאָט קינד. איך דאַנק דיר פאַר דיינע זאָרגן פאַר מיר. בלייב גליקלעך מיט דיין משפחה. דיין אומגליקלעכע מאַמע. כ'בעט דיך מיך צו באַגראָבן ביים קבר פון מיין מוטער, וועלכע האָט גע־הייסן אסתרא קראַוזהאַר, געבאָרענע קאַפּענמאַן. ברידער, לעבט אין שלום. די תכריכים מיינע זענען צוגעגרייט אויפן בעט".

אַלע הערן מיט פּאַרטאַיעטן אָטעם. דער מאַן פונם בריוול דערציילט דערנאָך:

— כ'היים מאַקסימיליאַן לאַנדאו. כ'בין אַ טעקסטיל־אינזשינער. כ'קום פון וואַרשע. דאָס בריוול איז מיין מאַמעס. געשריבן צו מיר איידער זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן. זי איז אַלט געווען צוויי און זיבעציק יאָר ווען זי האָט עס געטאָן. יאָ, זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ס'איז געווען אין וואַרשע אין 1943. ס'איז געווען אין דער צייט פון אויפשטאַנד. מיין מאַמע איז געווען זייער אַ פרומע, כאָטש איר גאַנצע משפחה איז געווען גאָר ווייט פון יידישקייט. פאַרוואָס־זשע האָט זי געטאָן אַזאַ זאַך ווי נעמען זיך אַליין דאָס לעבן? — צוליב מיר האָט זי עס געטאָן. צוליב מיר און צוליב מיין פרוי און קינד. דער אויפשטאַנד איז געווען פאַרשפּילט. מיר האָבן געזוכט צו ראַטעווען זיך און נישט געקאָנט. די מאַמע האָט געטראַכט, אַז זי איז אונדז אין וועג, אַז מיר קאָנען זיך נישט ראַטעווען דערפאַר ווייל זי, אַן אַלטער און שוואַכער מענטש, איז אונדז צו לאַסט. האָט זי גע־נומען און געטאָן עס. יאָ, יאָ, אַזוי איז אַ מאַמע. — צי האָב איך כאָטש גע־קאָנט מקיים זיין איר בקשה? און צי האָבן מיר זיך אַלע געראַטעוועט? פרעגט נישט, פרעגט נישט. — דאָס צוואה־בריוול אָבער היט איך ווי דאָס אויג אין קאָפּ. דורכגעטראָגן עס דורך אַלע קאַצעטן. ברעקלעכווייז עס דורכגעטראָגן.

ער ווערט אַנטשוויגן, און אַלע מיט אים. שווער צו עפענען ווייטער דאָס מויל.

כ'טו אַריין נאָכאַמאָל מיינע אויגן אינעם בריוול. סיי דער כתב, סיי די ווערטער באַקומען אַן אַנדער אויסזען, אַ נייעם זינען — אַ זינען פון אַ מאַמע־אייביקייט.

אַן אייביקייט, וואָס איז אַזוי פּשוט ווי די ווערטער: „די תכריכים זענען צוגעגרייט אויפן בעט".

*

נאָכמיטאָג פאָרן מיר באַזוכן א הכשרה נישט ווייט פון פערנוואַלד, וואו עס געפינען זיך ארום דריי הונדערט בחורים און מיידלעך.

עס באַגלייט אונדז א גרופּע פערנוואַלדער מראש מיט דר. פּליסקין. מיר פאָרן אין צוויי אויטאָמאָבילן.

אונדזער אַלעמענס שטימונג — א מונטערע, א יום-טוב־דיקע. מיר פאָרן צו־גאַסט צו א שארית־הפּליטה־יוגנט, וואָס ארבעט אויף ערד, וואָס אַקערט, וואָס זייט.

אָט קומען מיר אָן. פעלד, וואַלד, שטובן, שטאַלן, — אַן אמתע פאַרם.

א געגנט — א שיינקייט.

מען באַגעגנט אונדז מיט א הילכעריי, מיט אַן אַנגעלויף, מיט פרייד און געלעכטער.

איינס און צוויי ווערט אָנגעפּאַקט דער אויפנאַמס־זאַל; און אָט זענען מיר שוין אויף א קליינער בינע פּנים־אל־פּנים מיט א דריי־הונדערט־קעפּיקן עולם: כולו יונגוואַרג.

פון וואַנען שטאַמט די דאָזיקע יוגנט? — פון קאַצעטן און פון וועלדער. א סך פון זיי זענען געווען פּאַרטיזאַנער.

הייסט דאָך עס אין תוך — דער זעלבער עלעמענט, וואָס אין די לאַגערן. פאַרוואָס־זשע שטראָמט פון זיי אַזא באַזונדערע ענערגיע. אַזא באַזונדערע מונטערקייט?

מסתמא דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך באַהעפט מיט וואַלד, מיט אויפגעאַקערטן פעלד, מיטן ריח פון שטאַל.

זייער אויסקוק, זייער חלום איז — ארץ־ישראל, אָבער ביז וואַנען ארץ־ישראל וועט קומען פילן זיי אָן אויך זייערע איצטיקע טעג מיט זינען פון גראָז, פון ערד.

מיר האַלטן רעדעס און לייענען לידער פאַר זיי. עמאַ שייוועך זינגט פאַר זיי. די שטימונג ווערט געהויבענער און געהויבענער.

דער גאַנצער עולם לאָזט זיך אין א שווינדלדיקער האָרא. די האָרא ציט אויך אונדז אריין אין זיך.

עס טרעפט זעלטן, אַז איך זאָל זיך לאָזן אריינציען אין א טאַנץ, אָבער דאָס מאָל לאָז איך זיך.

איז דאָס דען דער איינציקער מאָמענט, וואָס איך בין עובר אויף מיינע געוואוינהייטן?

אָט קומט מיר אויס אַזוי פיל מאָל צו האַלטן רעדעס, גאַנץ אָפט עטלעכע מאָל א טאָג; איך ווער א גאַנצער אָראַטאָר. נישט איינמאָל וועקט זיך

אין מיר אַ פּראָטעסט דערפּאַר קעגן זיך אַליין; אָבער — נישט קיין תירוץ! טראָג דיין האַרץ אַנטקעגן דער שארית הפליטה אויף די פליגלען פונעם מינדסטן וואָרט, וואָס איז דאָ אין דיר; גיב פון זיך דאָס לעצטע.

אָבער נישט נאָר גיב. אויך נעמען נעם. און ס'איז דאָ וואָס צו נעמען ביי דער שארית הפליטה. דערהויפּט ביי דער יוגנט.

נעם גבורה ביי זיי. נעם עס ביי די פּאַרטיזאַנער, ביי די וואַלד־קעמפּער.

נעם גלויבן ביי זיי, נעם קדושה ביי זיי.

ביי זיי און, דורך זיי, אויך ביי די, וואָס האָבן צום וואַלד־קאַמף נישט געקאָנט דערגרייכן; ביי די, ווּעמעס כוח און ווידערשטאַנד זענען פונעם נאַצי־שונא שנעל געבראָכן געוואָרן;ביי די, וואָס זענען געפירט געוואָרן צום טויט כצאן לטבח אין פאַרהלשטקייט, אין אויפגעלייזטקייט.

ביי אַלע קדושים נעם, ביי אַלע קדושים־גיבורים נעם.

און וויס:

נישטאָ קיין אַנדער יידישע גבורה ווי נאָר די גבורה שבקדושה.

און נאָר דעמאָלט, ווען דו ווייסט עס, — דעמאָלט טו זיך אָן אַמאָל אַ כוח און טאַנץ!

*

מיר לאָזן זיך פון דער הכשרה צוריק קיין פּערנוואַלד.

מיר זענען אַנגעלאָדן מיט יוגנלעכע ברכות און מיט טאַנץ־געזאַנג.

מיר יאָגן שנעל איבערן פריען, גלאַטן אויטאָמאָביל־שליאַך.

מיטאַמאָל — אַן אומגליק:

אַ דייטשיש קינד, אַ יינגל פון אַ יאָר זעקס־זיבן, לויפט אומבאַמערקט אַרויס פון ערגעץ פון אַ זייטיק שטיבל ביים וועג, גיט זיך אומפאַרזיכטי־קערהייט אַ יאָג איבערן וועג און פליט גלייך אַרונטער אונטער אונדזער מאַשין.

דער שאָופער, אַ געניטער פירער, שטעלט האַסטיק אָפּ די מאַשין, אָבער שוין צו שפּעט. מיר הערן דעם קלאַפּ, וואָס די פאָדערשטע רעדער גיבן איבערן קינד, מיר זעען: דאָס קינד ליגט אָפּגעוואָרפן עטלעכע פוס פון דער מאַשין, ליגט אויסגעצויגן אויפן מיטן וועג מיטן פּנים אַראָפּ אָן באַוועגונג.

עמאַ שיווער פאַלט אַריין אין אַ געוויין. מיר אַלע בלייבן ווי פּאַראַלי־זירטע:

— אוי וויי! מיר האָבן דערהרגעט אַ קינד!

דר. פּליסקין, וועלכער איז מיט אונדז אין דער מאַשין, גיט אַ זאָג:

— הלוואי וואָלט מיט מיין קינד אַזוינס פּאַסירט.

און נאָך עמיצער גיט אַ זאָג:

— די דייטשן האָבן אונדזערע קינדער אומגעבראַכט אין די טויזנטער.

דאָס אַלץ קומט פֿאָר אין איין רגע נאָר. אפֿשר אפֿילו נישט אין קיין גאַנצער רגע.

דעם דאָקטאָרס זאָג טרייסלט אונדז אויף מיט אַ נייער אויפֿטרייסלונג.

אים אַליין טרייסלען־אויף זיינע ווערטער נאָך מער ווי אונדז, וואָרים אין דער צווייטער רגע איז שוין דער דאָקטאָר אויסער דער מאַשין. ער שטייט שוין איבערגעבויגן איבערן יינגל, אַרבעט איבער אים, מינטערט אים, נעמט אים אַרויף אויף זיינע הענט און — וואונדער! דאָס קינד לאָזט מיטאַמאָל אַרויס אַ געשריי.

דאָס קינד לעבט! דאָס קינד נעמט קומען צו זיך.

די רעדער האָבן דאָס קינד נישט איבערגעפֿאָרן, נאָר אָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך מיט אַ קלאַפּ.

דאָס קינד איז אַ ביסל צעבלוטיקט, אָבער נשט שטאַרק געשעדיקט.

אַלע דערפֿילן זיך גליקלעך, אַלע. מען טראָגט דאָס קינד צו דער מאַשין און אַלע, וואָס האָבן נאָר־וואָס דערמאָנט, ווי די דייטשן האָבן אומגעבראַכט אונדזערע יידישע קינדער, העלפֿן אַריינטראָגן דאָס קינד אין מאַשין.

— כ'וועל אים נעמען אין שפּיטאָל צו זיך אין פֿערנוואַלד. זאָגט דער דאָקטאָר, — פֿאָרט שנעל.

די מאַשין נעמט יאָגן. מיר אַלע העלפֿן־מיט מיט אונדזער שפּאַנונג, די מאַשין זאָל איינס און צוויי אַריינִיאָגן אין פֿערנוואַלד צום שפּיטאָל.

וואָס דער דאָקטאָר לעבט־איבער אין דער מינוט — ווייסט קיינער נישט, קיינער נישט.

ער אַליין ווייסט יאָ: דאָס נאַצי־פֿאָלק פֿאַרדינט נקמה. נקמה דאַרף גענומען ווערן; ער ווייסט אויך פֿון אייגענער דערפֿאַרונג ווי צעפֿייניקט דער קרבן איז אין זיין נישט אויסגעלעבטער נקמה. — ער ווייסט אָבער אין דער זעלבער צייט אויך עפּעס אַנדערש. יאָ, ער איז אַ דאָקטאָר, אַ יידישער דאָקטאָר — ווייסט ער אויך עפּעס אַנדערש — — — —

— דאָס קינד איז עטוואָס נאָר צעקלאַפּט, ס'וועט שנעל קומען צו זיך. זאָרגט זיך נישט.

מיר זענען צוריק אין לאַגער. ס'איז שוין גוט טונקל. מיר גייען צום פּלאַץ, וואו עס דאַרף פֿאָרקומען אַ פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג געווידמעט דעם יאָרטאָג פֿונעם נצחון איבער היטלערן, און נאָך דער פֿאַרזאַמלונג דאַרף פֿאָרקומען, לויט אונדזער פּלאַן, דער סימפּאָזיום־שמועס מיט אַ געקליבענעם עולם.

איך גיי צו דער אַרמאַרי. אַלע מיינע אברים זענען נאָך אין פֿיבער פֿון דער געשעעניש מיטן דייטשן קינד. מער פֿון אַלץ בין איך דורכגענומען מיט דעם דאָקטאָרס טראַגישקייט. דר. פּליסקין וואַקסט אויס אין מיינע אויגן אין אַ וואונדערלעכער געשטאַלט.

איך דערמאָן זיך אָן זיין נעכטיקער דערציילונג וועגן דעם אומקום־טויט פון זיין פרוי און קינד, און וועגן דעם פּאַרגעפיל, וואָס איך האָב געהאַט, אַז עפּעס טרויעריקס וועט געשען מיט אונדז.

איז עס טאַקע געשען. דעם דאָקטאָרס פאַרברענטע פרוי און קינד האָבן זיך אָפּגערופן.

אַלע אומגעקומענע, אַלע פאַרפּייניקטע זענען דאָ. זיי שטראָמען פון אַלע זייטן. זיי שטראָמען צו דער אַרמאַרי.

צוקומענדיק נאָענט צו דער אַרמאַרי דערהער איך מיטאַמאָל ווי עס צעטראָגט זיך איבער מיין קאָפּ אַ שניידנדיק קול:

— ווי געפעלט דיר די יידישע נקמה, האַ?

*

די אַרמאַרי — געפּאַקט.

דער פּאַרטיזאַנער־גייסט הערשט איבערן גאַנצן עולם. אַלע רעדנער, אונטערן פאָרזיץ פון דר. בלומאָוויטש, דעם אָנפירער פון די פּאַרטיזאַנער־קאָלעקטיוון, רעדן וועגן דער יידישער קעמפערישקייט, וועגן דעם יידישן ווידערשטאַנד, וועגן דער יידישער יוגנט, וואָס האָט אַרויסגעוויזן גרויס מסירת־נפש, אָנפירנדיק אַן אמתן קריג מיט די נאַציס אין די וועלדער; וועגן דער יידישער יוגנט, וואָס האָט געטראָגן די פאָן פון אַ בר־כוכבא, פון אַ יהודה המכבי, פון אַ הירש לעקערט.

אין דעם זין האָבן אויך מיר, אפרת און איך, גערעדט.

אָבער איך מוז זאָגן, אַז ווען דער פאָרזיצער האָט מיך אויפגערופן און כ׳האָב זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן רעדן אין דעם אויבנדער־מאָנטן נוסח, האָבן זיך מיר מיינע אייגענע ווערטער געשטעלט אין האַלדז.

כ׳האָב דאָס מאָל דערפילט אין זיי, אַזוי ווי אין די רעדעס פון אַלע רעדנער, אַ טאָן פון עפּעס אַ שאַבלאָן.

גראָד דאָס מאָל, ווען דער אָוונט איז געווידמעט די געפאַלענע גיבורים, די יידישע אַקטיווע העלדן און פּאַרטיזאַנער. — גראָד דאָס מאָל, האָב איך געפילט, דאַרפן אַלע רעדעס גערעדט ווערן דווקא וועגן די געפאַלענע יידישע קדושים, וועגן די אַזוי־גערופענע „פּאַסיווע" אומגעקומענע, די שטי־לע, די נישט־באַוואָפנטע, די דערשראָקענע, די אין אימת־מות־פאַרגרוילטע און פאַרשטומטע; די, וועמעס צאָל גייט אין מיליאָנען; די, וועלכע ווערן אינעם שאַבלאָן־נוסח פאַררעכנט פאַר נישט־העלדן.

אָט־די נישט־העלדן — זיי זענען די, אין וועמעס קדושה־זכות עס קריגט אַ תיקון די גבורה פון אונדזערע העלדן; זיי, די נישט־העלדן, דאַרפן געבן אַ ברכה די העלדן.

דאַרפן מיר קודם־כל רעדן צו זיי, צו די מיליאָנען אומגעקומענע נישט־

העלדן. רעדן שטיל, אָן הויכע פראַזן, אין הכנעה. צו זיי דאַרפן מיר אויס־שפּרייטן אונדזערע הענט און אונטערשטעלן אַ געבויגענעם קאָפּ.

ביי זיי דאַרפן מיר בעטן אי מחילה, אי הסכמה.

מחילה — דערפאַר, ווייל זיי זענען אומגעקומען.

הסכמה — כדי מיר זאָלן האָבן אַ רעכט אָנצוגיין מיט אונדזער לעבן ווייטער.

איבער אַלעמענס קעפּ אין דער אַרמאַרי האָב איך דערזען שוועבן די פרוי און קינד פון׳ם דר. פּ. און עס האָט מיר אַ קלונג געטאָן אין די אויערן דעם דאָקטאָרס זאָג:

— הלוואי וואָלט מיט מיין קינד אַזוינס פּאַסירט!

*

אונדזער סימפּאָזיום קומט שוין פאָר נאָכן פּאַרטיזאַנער־אָוונט. פּאַרציט ער זיך דעריבער ווייט אין דער האַלבער נאַכט אַריין.

אין דרויסן רעגנט שטאַרק, אָבער דער רעגן האַלט נישט אָפּ די, וואָס זענען גערופן געוואָרן, צו קומען אָנטיילנעמען אין דעם שמועס.

*

איך קאָן נישט זאָגן, אַז דער שמועס אין פערנוואַלד האָט זיך אין דורכ־שניט אויסגעצייכנט מיט עפּעס אַנדערש פונעם שמועס, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט אין לאַנדסבערג.

כמעט די זעלבע פּראָבלעמען זענען אָנגערירט געוואָרן, כמעט אויך די זעלבע רייד.

אַ חילוק נאָר אין געוויסע באַטאָנונגען, אין געוויסע ניואַנסן.

פון אַלע רעדעס, וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן, האָב איך גע־האַלטן פאַר נייטיק צו פאַרצייכענען דעם תמצית נאָר פון אַ פּאָר, — פון די, וואָס האָבן אַנטפּלעקט פאַר מיר עפּעס ניי אין דער נשמה־טראַגיק פון דער שארית הפליטה.

*

פון איינעמס רייד:

„מיר זענען באַפרייט, אָבער נאָר האַלב באַפרייט. דאָס איז וואָס שייך אונדזער פיזישן מצב.

„וואָס שייך אָבער אונדזער גייסטיקן מצב, — קאָנען מיר זאָגן, אַז מיר זענען באַפרייט אין גאַנצן.

„וואָס מיינט עס? — דאָס מיינט, אַז מיטן גלות־גייסט זענען מיר פאַרטיק. צו אים וועלן מיר זיך שוין נישט אומקערן צוריק.

„אמת, מיר האָבן באַצאָלט אַ גוטן פּרייז, אַ צו־גוטן פּרייז.

„מ'האָט אונדז, קנעכט, שוין אַ ביסל צו שטאַרק געשטאָכן ביים אויער, אָבער דערפאַר וועט שוין קיינער פון אונדז מער נישט זאָגן דעם נאַרישן „לא אצא חפשי".

„אונדזער באַגער איז: אַ הייליק פאָלק צו זיין.

„ווען מען גייט אויף אַ בית־עולם זאָל מען נישט גיין אויף צוריק מיטן זעלבן וועג.

„מיר זענען געווען אויף אַ גרויסן בית־עולם, — דאַרפן מיר אוודאי גיין פון בית־עולם מיט אַן אַנדער וועג". —

פון אַ צווייטנס רייד:

„איך בין פון ארץ־ישראל. שוין פינף חדשים אַז איך בין דאָ. כ'טו קולטור־אַרבעט אין די לאַגערן. נישט אַלע, וואָס איך זע אין די לאַגערן, געפעלט מיר. טראַכט איך, אַז איך מעג עס זאָגן. אין ארץ־ישראל איז מען געוואוינט צו זאָגן אָפט זיך אַליין שווערע, און אפילו אכזריותדיקע ווערטער.

„ביי אַ נאָרמאַלן פאָלק וואָלטן אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אין די לאַגערן, פאַרדינט רו און אָפּרו, אָבער ביים יידישן, ביים צעבראָכענעם פאָלק, — ווער זאָל אייך געבן אָפּרו? אפשר זענט איר גאָר דאָס גאַנצע פאָלק? אפשר דאַרפט איר גאָר אַליין טראָגן די גאַנצע לאַסט פון זיין וואַנדערונג?

„מיר אַלע לעבן מיט איין געדאַנק: אהין, קיין מזרח! — אָבער פאַרגעסן דאַרף מען נישט, אַז אויך אין ארץ־ישראל מוז אונדזער היים זיין אין אַ גוטער וועלט! טאָרן מיר זיך נישט האַלטן ביים געדאַנק, אַז אַלע פעלקער אַרום אונדז זענען דורכוים שלעכט.

„וואָס שייך אונדזער לעבן דאָ, אין לאַגער, מוז יעדער געדענקען, אַז אפילו אויף אַ וואָקזאַל מוז זיין אַ סדר; און אָט זע איך אַמאָל, אַז דער געדאַנק פון צייטווייליקייט, פון לעבן אין אַ מדבר־געמיט, נעמט דאָ אָן נישט קיין געזונטע פאָרמען.

„יעדער פילט, און מיט רעכט, אַז ער איז אַ יחסן צוליב זיינע ליידן; אָבער עס מאַכט אַ שווערן איינדרוק, ווען מען הערט איינעם זאָגן: איך וויל פּרינציפּיעל נישט אַרבעטן, איך האָב זיך גענוג אָנגעאַרבעט ביי היטלערן. און נאָך פיינלעכער איז מיר צו זען, ווי אייניקע יידן גייען אוועק אין שטאָט אַריין צו נעגאַטיווע מעשים פון האַנדל.

„יעדער פון אונדז מוז האָבן אין זינען דעם גורל פונעם גאַנצן יידישן כלל. יאָ, פונעם גאַנצן.

„זאָל איך נאָט אויסהיטן פון צו קומען קיין ארץ־ישראל, אָדער ערגעץ אַנדערשוואו, מיט באַזונדערע מאַנונגען און פּרעטענזיעס, מיט מאַרטירער־עפּאָלעטן, מיט צרות־מעדאַלן" — — — — — — — — — — — — — —
— —
— —

פון אַ דריטנס רייד:

„און מיך ערט גאָר אַן אַנדער זאַך: ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, אַז צוואַנציק באַוואָפנטע אוקראַינער גויים האָבן געטריבן צום טויט אַ מחנה פון טויזנטער יידן און קיין מינדסטן ווידערשטאַנד נישט באַקומען?

„ווער האָט פאַרכישופט די יידן צום טויט? און ווי אַזוי?

„די דייטשן האָבן אויסגענוצט די אוקראַינער, די ליטווינער, די פּאָליאַקן, אַז זיי זאָלן טאָן די שמוציקע מאָרד־אַרבעט, — ווי אַזוי האָבן זיי עס דערגרייכט?

„אַ שיינעץ, — מיינער אַ חבר פון אַמאָל, געלערנט מיט מיר אין איין שולע, און דאַכט זיך אַ שטיל קריסטלעך בחורל געווען, — אַז מ'האָט ביי אונדז איינגעפירט די געטאָ און מ'האָט אין אַ שיינעם טאָג גענומען שלעפּן יידן אין טראַנספּאָרטן צו ליקווידאַציע, איז ער, דער דאָזיקער שול־חבר מיינער, דאָס דאָזיקע שטיל בחורל, אַרומגעלאָפן מיט אַ האַמער אין האַנט איבער די גאַסן, און וואו נאָר ער האָט געפּאַקט אַ קליין יידיש קינד, האָט ער עס מיטן האַמער דערהרגעט, דעם קאָפּ געשפּאָלטן. צענדליקער קינדער אין איין טאָג אויסגעהרגעט.

„און נאָך וויל איך אייך דערציילן: מ'האָט ביי אונדז געפירט אַ מחנה יידן צום בית־עולם, כדי דאָרט צו דערשיסן זיי. עטלעכע פּאַגראַמטשיקעס זענען געגאַנגען פאָרויס און האָבן געשפּילט אויף האַרמאָשקעס. דאָס, דאַרף איך אייך זאָגן, האָט פּאַראַליזירט דעם קרבן מער ווי די באַוואָפנטע וואַך, וואָס האָט אים באַגלייט.

„גוייִשע שכנים זענען געשטאַנען אין דער זייט פון גאַס און רואיק און זאָרגלאָז צוגעקוקט, ווי מען פירט די יידן צום טויט. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן געטאָן איז: זיי האָבן געטענהט צו די מאַרשירנדיקע:

— וואָס דאַרפט איר אייערע רעקלעך אויף זיך, אייערע היטלען? איר גייט דאָך סיי־ווי צום טויט, טאָ גיט אונדז אוועק אייערע רעקלעך.

„דאָס האָט פּאַראַליזירט דעם קרבן מער ווי אַלע רציחות און שרעקן.

„איז וואָס איז דאָ שייך צו רעדן וועגן ווידערשטאַנד, וועגן גבורה? און וואָס איז דאָ שייך צו רעדן וועגן נקמה?

„לאָמיר פרעגן ביי די רעקלעך — וואָס וועלן זיי זאָגן?" — — — — —
— —
— —

שפעט נאָך האַלבער נאַכט פאַרענדיקן מיר דעם סימפּאָזיום.

מיר גייען אַרויס אין דרויסן.

ס'רעגנט שאַרף און עסנדיק. אַ פינצטערניש מיט די הענט אָנצוטאַפּן.

מיר לאָזן זיך גיין צו דער לאַגער־שטוב, וואו מיר וועלן שלאָפן די נאַכט.

די ערד איז גריבערדיק און ליימיק. מיר גייען דורך קאַלוזשעס. עטלעכע חברים מיט עלעקטרישע לעמפּלעך אין די הענט באַלייכטן אונדז דעם וועג.

מיר קומען אין אונדזער צימער מיט זיינע האַרט־מאַטראַציקע בעטן. קאַלט. פייכט. טונקל.

אָבער דאָס איז אַ קלייניקייט. מיר דערפילן גאָר, אַז מיר זענען הונגעריק. איינגאַנצן פאַרגעסן אַז מיר האָבן כמעט קיין אָונט־ברויט נישט געהאַט. מיר זאָגן:

— אַ הייס גלאָז טיי וואָלט געווען אַ ישועה.

די עטלעכע באַגלייטער, וואָס האָבן אונדז אַריינגעפירט אין צימער, — געטרייע, איבערגעגעבענע לאַגער־חברים, — דריקן אויס זייער גרייטקייט צו גיין זוכן פאַר אונדז טיי און עפּעס צובייסן.

ס'איז נישט אַזוי לייכט צו געפינען אין לאַגער עפּעס עסן אַזוי ווייט אין דער נאַכט. אויך נישט אַזוי לייכט אויפצוקאָכן אַ טשייניק טיי אין אַזאַ שפּעטער שעה.

די עטלעכע חברים לאָזן זיך אַרויס אין רעגן אויף זייער געוואַגטער טיי־זוכעניש.

אין אַ האַלבער שעה אַרום קומען זיי צוריק מיט גרויסער דערגרייכונג: זיי טראָגן אַ בלעכן קעסעלע מיט הייסן טיי און — אַ חלה, איינגעוויקלט אין אַ דורכגענעצטער צייטונג.

מיר נעמען צוזאַמען פּראַווען די נאַכטיקע סעודה.

מיר עסן חלה און טרינקען טיי.

מיר דערוואַרעמען זיך. וועגן שלאָפן טראַכטן מיר נישט. נישט מיר, נישט די לאַגערניקעס, וואָס זיצן מיט אונדז אויף די בעטן.

*

אין די שויבן קלאַפּט דער רעגן. אַהינטער די שויבן — פאַרזונקענע לאַגער־שטובן. אַהינטער די לאַגער־שטובן — אַ פאַרשלאָסענע רוצח־וועלט.

ווען נישט — וואָלטן מיר דאָך אין אַזאַ טיפער נאַכט־שעה געקאָנט דערציילן איינע די אַנדערע וואונדער־געשיכטעס, אליהו־הנביא מעשיות, העלע און ליכטיקע משיח־אַנטפּלעקונגען.

אָבער אַהינטער די לאַגער־שטובן איז — דייטשלאַנד און גאַז־אויוונס־געשפּענסטער. אליהו הנביא, קאָן זיין, זיצט גאָר איצט אין רעגן און אין

קעלט אויפן גרויסן יידישן ברודער־קבר אין דאכאו, רופט די אומגעקומענע זיי זאָלן ארויסהייבן זיך פון קבר און באווייזן זיך פאר אים — ער וויל זען, צי משיח איז נישטאָ צווישן זיי. — — — —

איז וואָס? — זאָל איך זיי נעמען איצט דערציילן די דאָזיקע אליהו הנביא מעשה — די שווערע זעאונג פון א רעגנדיקער לאַגער־נאַכט?

ניין. אַן אנדערש מאָל. נישט איצט.

איצט זאָלן זיי דערציילן, זיי — די לאַגער חברים, וואָס זיצן מיט אונדז אין צימער.

און זיי הייבן טאַקע אָן צו דערציילן.

נישט קיין וואונדער־מעשיות. נישט קיין אליהו־הנביא־זעאונגען, נאָר הארטע גרוילן פון א רצח־וועלט.

אליהו הנביא דאַרף ערשט קומען אהער און הערן.

אפשר קומט ער טאַקע אריין און הערט?

אפשר שטייט ער טאַקע ביי דער טיר?

*

איינער פון די לאַגער־חברים זאָגט:

— מ'האָט אַזויפיל אויפן סימפּאָזיום גערעדט וועגן יאָ נקמה — נישט נקמה, וועגן יאָ רחמנות האָבן אויף א דייטשיש קינד, צי נישט רחמנות האָבן; צי דאָס פרייען זיך מיט דעם, וואָס דאָס איבערגעפאַרענע יינגל איז לעבן געבליבן און אפילו נישט צעוואונדיקט געוואָרן, איז יידישע גרויסקייט, אָדער אפשר גאָר יידישע צעקראָכנקייט, — זאָג איך אייך, אז די אלע רייד זענען אינגאַנצן נישט דאָס. נישט דאָס. און איר, חברים אמעריקאַנער, פאַרשטייט אונדז לחלוטין נישט, אינגאַנצן נישט.

ער שטעלט זיך אָפּ אויף א ווייַלע, נעמט אריין אין זיך זיין אויפ־געדעגטקייט, און זאָגט דערנאָך מיט א קאַלט, כמעט אומפּערזענלעך קול:

— איר ווילט הערן? וועל איך אייך עפּעס דערציילן.

— אוודאי ווילן מיר הערן, זאָגן מיר.

מיטן זעלבן אומפּערזענלעכן קול דערציילט ער:

— איך און מיין פרוי און קינד און נאָך יידן, צווישן זיי נאָענטע פריינט מיינע, זענען געלאָפן דורך א וואַלד. מיר זענען אנטלאָפן פון עוואַ־קואַציע. די שטורעם־טרופּערס האָבן אונדז נאָכגעיאָגט. זיי האָבן ארומ־גערינגלט דעם וואַלד. זיי האָבן געשאָסן מיט זאַלפּן פון מאשין־ביקסן אויף אונדז. איך האָב געטראָגן אונדזער קינד אויף די הענט, א טייער, ליב יינ־געלע, געטוליעט עס צו זיך, געזוכט אַלע מיטלען ווי אַזוי צו שיצן עס פון די קוילן. נישט ווייט פון מיר איז געלאָפן מיינס א פריינט, אויך מיט א יינגעלע אויף די הענט. די פרויען אונדזערע — נאָך אונדז. ס'איז געווען נאַכט. מיר האָבן נישט געזען, וואו מיר לויפן און וואוהין מיר לויפן. אָט

שלאָגן מיר זיך אָן אין אַ בוים, אָט פאַלן מיר, אָט שפּרינגען מיר אויף צוריק און לויפן ווייטער. די רוצחים מיט זייערע קוילן שטייען נישט אָפּ. און אָט, שטעלט אייך פאָר, אַ קויל טרעפט אונדזער יינגעלע אין קאָפּ. דאָס יינגעלע שטאַרבט גלייך. אָט, ווי איך האַלט עס אין מיינע הענט, שטאַרבט עס.. איר פאַרשטייט? — — וואָס־זשע זאָל איך מיט מיין פרוי טאָן, האַ? — מיר לייגן אַוועק דאָס קינד אונטער אַ בוים. מיר דעקן דאָס קינד איבער מיט בלעטער און צווייגן. מיר טוען עס שנעל, ווייל די נאָכיאָגערס זענען שוין אָט נאָענט אַהינטער אונדז. מיר נעמען לויפן ווייטער, לויפנדיק, דער־וויסן מיר זיך, אַז אויך מיט מיין פריינטס קינד איז געשען דאָס זעלבע. מיר שלאָגן זיך אָן איינע אין די אַנדערע. אויך זיי האָבן אַזוי געטאָן. — — איר פאַרשטייט? מיר האָבן דאָך נישט געקאָנט ווייטער לויפן מיט טויטע קינדער אויף די הענט. — — איר פאַרשטייט? — — — איך פרעג אייך: איר פאַרשטייט? — — ווילט איר איצט, אַז ס׳זאָל זיין אין אונדזער האַרץ אַ רחמנות־געפיל צו אַ דייטשיש קינד? — — אַז מיר האָבן אונדזערע איי־גענע קינדער איבערגעלאָזט טויטע אין די וועלדער. איבערגעלאָזט פאַר וועלף — ווילט איר, אַז מיר זאָלן — — —

ער האָט זיך אָפּ אויף אַ רגע און דערציילט ווייטער:

— איך און מיין פריינט האָבן זיך געראַטעוועט. — — מיר זענען איבערגעבליבן אין די וועלדער די גאַנצע צייט, ביז דער באַפרייאונג. אַז מיר זענען אַרויס פון די וועלדער, זאָגן מיר איינמאָל איינער צום צווייטן: לאָמיר זיך לאָזן אויסזוכן יענעם וואַלד, וואו מיר האָבן איבערגעלאָזט אונ־דזערע קינדער. אפשר וועלן מיר כאָטש זייערע ביינער געפינען און ברענ־גען זיי צו קבורה. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זוכן. מיר האָבן געפונען. וואָס האָבן מיר געפונען? — קינדערשע שאַרבנס און ביינער דערביי. האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז דאָס זענען די רעשטלעך פון אונדזערע צוויי יינגלעך. אָבער וועלכער שאַרבן איז פון מיין קינד און וועלכער פון מיין פריינטס? — אַזוי ווי מיין פריינטס קינד איז געווען אַביסל עלטער פון מיינעם, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דער עטוואָס גרעסערער שאַרבן זאָל זיין פון זיין קינד, און דער קלענערער — פון מיין קינד. — — — איר פאַר־שטייט? מיר האָבן צוגעלייגט אַ שאַרבן צו אַ שאַרבן און מיר האָבן גע־מאָסטן. איר פאַרשטייט? — — דערנאָך האָבן מיר גענומען יעדערער זיין קינדס שאַרבן און ביינער, און מיר האָבן זיי מקבר געווען אין אַ קבר. — — מיר האָבן געהאַלטן אונדזערע קינדערס ביינער אין די הענט, און אונדזערע הענט זענען געווען פאַרגליווערט. און אויך אַזוי אונדזערע אויגן. איר פאַר־שטייט? — און מיר האָבן נישט געוויינט.

ס׳איז שוין געווען נאָך דריי ביינאַכט. אין די שויבן האָט אָן אויפהער געקלאַפּט דער רעגן.

*

אז איך האָב זיך דערנאָך געלייגט אין בעט אריין, האָט זיך מיר גע־האַלטן אין איין פּלאָנטערן, אין איין חלומען, אַז איך ליג אין אַ גרוב און האַלט אין איין מעסטן שאַרבנס, און די שאַרבנס לאָזן זיך בשום אופן נישט מעסטן. זיי רייסן זיך אַרויס פון מיינע הענט און נעמען זיך קייקלען איינער איבערן אַנדערן, דערנאָך הייבן זיך אָן אַלע צו דרייען זיך אַרום זיך אַליין מיט אַזאַ גוואַלדיקער שנעלקייט, אַז אַלץ אין מיר אַליין נעמט שווינדלען און וואַרפן זיך ווי אין אַ קדחת.

איך גיב זיך אַ כאַפּ אויף. איך מאַך ביי זיך אָפּ: נישט לאָזן זיך אַרומ־שלײַדערן גלאַט־אַזוי אין נאַכט קאָשמאַרן.

איך ברענג אַרויף אויף מיין געדאַנק בילדער, געשטאַלטן, זעאונגען, וואָס קאָנען ליכטיקער מאַכן אַנגסט־פינצטערנישן. איך זוך זיי נישט אין די ווייטקייטן, נאָר דאָ אַרום זיך.

*

אויפן טישל לעבן מיין בעט ליגט אַ ספר, אַ סידור. נישט קיין גע־דרוקטער סידור, נאָר אַ געשריבענער. אַ דאָקומענט פון גרויסער זעלטנקייט.

די פאַרוואַלטער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים צענטראַל־קאָ־מיטעט אין מינכען האָבן מיר אים געגעבן איך זאָל אים מיטנעמען קיין ניו־יאָרק פאַרן ייוואָ.

פיר איך מיט, ווען איך קאָן נאָר, דעם טשיקאַווען סידור מיט זיך אויף דער רייזע איבער די לאַגערן, און איך פיל דורך אים אַ טיפע דערלייכטע־רונג יעדעס מאָל, ווען עס פאַלט אויף מיר אָן אַ שווערע פאַרפינצטערונג.

אין וואָס באַשטייט די דערלייכטערונג? — אין דער אָפּלערנונג, אַז מען קאָן ליגן אין אַ טיפסטער גרוב, אין טאָל פון טויט אַליין, אויף אַ באַרג פון שאַרבנס און טאָן ווי עס האָט געטאָן דער ייד משה באָראָכאָ־וויטש פון זשעליכאָוו, נישט ווייט פון וואַרשע.

וואָס אַ שטייגער האָט געטאָן דער ייד משה באָרוכאָוויטש פון זשעלי־כאָוו?

דער ייד משה באָראָכאָוויטש פון זשעליכאָוו איז אין דער צייט פון היטלער־אומגליק, בימי מצור ומצוק, ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ בריוו צו דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין מינכען, געלעגן אַ לאַנגע צייט אין אַ באַהעלטעניש ערגעץ אין אַ דאָרף, אין אַ בונקער, הייסט עס.

די מערסטע פון זיין גאַנצער משפחה זענען שוין געווען אומגעקומען: זיין ווייב, זיין קינד, זיינע שוועסטער מיט זייערע קינדער. צוזאַמען מיט זיי און מיט אַלע יידן אַרום זענען אויך אומגעבראַכט געוואָרן אַלע בתי־מדרשים, אַלע סידורים, אַלע טליתים.

האָט אים, דעם פשוטן יידן, אָנגעכאַפּט אַ מורא, אַז די וועלט קאָן נאָך איינגאַנצן בלייבן אָן אַ סידור, און דעמאָלט וועט זי דאָך טאַקע געוויס

ז.ה.ל צ.י.ב: ש.י.ל.ת.

סידור

זה הסידור נערך ונעתק בימי מצור
ומצוק מידי יום ביומו על ידי
משה אלעזר נ"י ב"ר שלום עליו השלום
בארוכאוויטש
לזכר נשמת הקדושים שנהרגו על
קידוש השם
נ"ע אשתי הקדושה לאה נעכא בר חיים יששכר דוב
נ"ע בתי הקדושה שרה הינדא בת משה אלעזר נ"י
נ"ע אחותי הקדושה הדסה גיטל ברכה בר שלום ע"ה עם
בנה הילד הקדוש יששכר דוב שלום בר משה הלוי נ"י
נ"ע אחותי הקדושה פייגא צירל בר שלום ע"ה
נ"ע אחותי הקדושה מרים תרצה בר שלום ע"ה
נ"ע אחותי הקדושה פייגא צירל בר שלום ע"ה
נ"ע אחותי הקדושה שרה יוכבד בר שלום ע"ה
נ"ע בת אחותי הקדושה רבקה חי' בר חיים מאיר נ"י
יזכרם אלהינו לטובה וינקום לעינינו נקמת
דם עבדיו השפוך: ככתוב בתורת משה איש
האלהים: הרנינו גוים עמו כי דם עבדיו יקום
ונקם ישיב לצריו וכפר אדמתו עמו: ועל ידי
עבדיו הנביאים כתוב לאמר: ונקיתי דמם לא נקיתי
וה' שוכן בציון: [illegible]

שער־בלאַט פונעם סידור פון משה באָראָכאָוויטש

חרוב ווערן. מען רעדט שוין נישט וועגן דעם וואָס אויב ער אַליין וועט אי־בערלעבן די שוואַרצע טעג — וועט ער נישט האָבן מער קיין סידור צום דאַווענען. וואָרים דאָס איינציק קליין סידורל, וואָס ער האָט מיט זיך, איז שוין אינגאַנצן צעפליקט.

באַשליסט ער, משה באַראַכאָוויטש, זיצנדיק אין בונקער, אָנצושרייבן מיט דער האַנט מיט געכתיבהטע ספר־תורה־אותיות אַ נייעם גאַנצן סידור.

דער סידור זאָל, אגב, זיין אַן אָנדענקונג נאָך זיין אומגעקומענער משפחה און אויך נאָך אים, אויב אויך אים וועט באַשערט זיין אומצוקומען.

זיין הויפּט־כוונה אָבער איז געווען: „די וועלט זאָל, חלילה, נישט בלייבן אָן אַ סידור".

האָט ער געקראָגן פון ערגעץ פּאַפּיר, טינט און פעדער, און אין משך פון חדשים און חדשים איז ער געזעסן אין זיין באַהעלטעניש און אָנגע־שריבן דעם סידור אין זיין פולן טעקסט אויף לאַנגע און ברייטע עמודים. געצירקלט, געכתיבהט אין אָפּגעהיטער קדושה, ווי מען שרייבט אַ ספר־תורה.

צווישן די תפילות, און אַמאָל אין די תפילות גופא, האָט ער אין אַ סך ערטער אַריינגעשטעלט די נעמען פון די קדושים פון זיין משפחה.

דער סידור איז רירנד אין זיין פאַרנעם און אין זיין אויסשטאַטונג.

די היסטאָרישע קאָמיסיע ביים צענטראַל־קאָמיטעט אין מינכען האָט געמאַכט צוויי קאָפּיעס פונעם סידור — האָט זי איין עקזעמפּליאַר, מיט נאָך אַנדערע מאַטעריאַלן, איבערגעגעבן מיר, ווי איך האָב שוין דערמאָנט פריער, פאַר דעם ייוואָ אין ניו־יאָרק.

אין שווערע מינוטן גיב איך אַ מיש די ברייטע בלעטער פונעם סידור, קוק אַריין אין זיי, ווי זיי זענען אָנגעפּיקעוועט מיט תפילות, מיט אָפּגעהיטע אותיות, און יעדעס מאָל קאָן איך זיך נישט אָפּוואונדערן פון דער הייליקער און גבורהדיקער פּשטות, וואָס דער פאָלקס־מענטש — פאָלקס־ייד משה באַראַכאָוויטש פון זשעליכאָוו האָט אַרויסגעוויזן אין טעג פון אומקום־סכנה.

קיין אַנדער זאַך איז אים נישט געלעגן אין זינען, ווי נאָר צו באַזאָרגן אַז „די וועלט זאָל, חלילה, נישט בלייבן אָן אַ סידור".

און אויך — אַז די וועלט זאָל נישט בלייבן אָן אַ „לזכר נשמת הקדו־שים שנהרגו על קידוש־השם".

אויך אין דער איצטיקער שפּעטער שעה פון דער נאַכט, אין דער שעה כמעט פאַר באַגינען, טראַכט איך וועגן דעם ייד משה באַראַכאָוויטש און דאָס טראַכטן וועגן אים ברענגט מיר אַ סך דערלייכטערונג.

✶

אויפגעשטאַנען נישט קיין אויסגעשלאָפענער, נישט קיין אויסגערוטער; אָבער אין וועג איז נישט שייך מיד זיין.

מיר דאַרפן אין פרימאָרגן פאַרלאָזן פערנוואַלד קיין מינכען. פון מינ־כען דאַרפן מיר פאָרן אויף אַן אונטערנעמונג אין ניי־פריימאַן אַהינטער מינכען, און דערנאָך אויף אַ לענגערער נסיעה קיין איינרינג — אַ יידישער לאַגער אין סאַמע האַרץ פון היטלערס געוועזענער בערכטעסגאַדענער מלוכה.

עסן מיר אין איילעניש פרישטיק אין עס־צימער פונעם „קיבוץ העובד”.

ווי מיר זיצן אַזוי ביים טיש, קומט אַריין, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, שלייכט זיך אַריין, אַ יונג מיידל פון לאַגער, אַ יאָר פופצן אויפן אויסזען, און זאָגט האַלב־פאַרשעמט, האַלב־דרייסט:

— איך וויל זינגען פאַר אייך.

לכתחילה כאַפּן מיר נישט איר פאַרלאַנג.

— וואָס מיינט איר — זינגען? — פרעגן מיר פאַרחידושט.

— אָט דאָס וואָס עס מיינט — זאָגט זי — פשוט, זינגען לידער. איך האָב ליב צו זינגען.

— אייערע אייגענע לידער?

— ניין, קאַצעט־לידער. נישט מיינע. איך שרייב נישט. איך זינג.

— מיר זענען אָבער אין גאַייל, מיר דאַרפן באַלד אַוועקפאָרן.

— עס מאַכט נישט, זאָגט זי. — וועט איר פאָרן אַ ביסל שפּעטער. גיט מיר נאָר עטלעכע מינוט. איך וויל זינגען פאַר אייך.

איר קינדיש צושטיין געפעלט אונדז. בכלל רירט אונז דער גאַנצער איינפאַל: אַריינקומען ניין אינדערפרי, ווען קיינעם ליגט נישט אין זינען געזאַנג, דערצו נאָך נישט־געבעטענערהייט, און וועלן געבן קאָנצערט פאַר אונדז.

מיר שטימען געוויס גלייך איין.

איך קוק זי אָן — די זינגערין. טאַקע אַ קינד נאָך כמעט, כאָטש איר פּנים, אַן איידל, טרויעריק פּנים, זאָגט עדות אויף שווערע, שוין גאָר נישט קיין קינדישע איבערלעבונגען.

— דערציילט אונדז עפּעס וועגן זיך איידער איר זינגט, זאָגן מיר.

— כ'וויל אַפריער זינגען, זאָגט זי.

זי וואַרט נישט מער אויף אונדז, שטעלט זיך אַוועק מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט, שטרעקט זיך אויס מיט גרויס פייערלעכקייט.

— צום ערשטן, זאָגט זי, וועל איך זינגען פאַר אייך אַ ליד פון שאַוו־לער געטאָ, פאַרפאַסט פון דער דיכטערין חנה חייטין. דאָס ליד הייסט „דאָס פאַרוואָגלטע קינד”. דאָס ליד איז מיר זייער נאָענט צום האַרצן.

כ'האָב עס שטאַרק ליב, ווייל ס'איז זייער טרויעריק. נאָך דעם ליד וועל איך זינגען עטלעכע אַנדערע. איך האָב אַ סך.

זי נעמט זינגען מיט אַ טיפער דורכנעמענדיקער שטימע, און פון רגע צו רגע ווערט איר גאַנץ וועזן צונויפגעגאָסן מיט דער פיין פון אַ יידיש קינד, וועמען די מאַמע מוז אוועקגעבן צו נישט־יידן, כדי אַזוי אַרום צו ראַטעווען דאָס קינד פון פייער. דאָס ליד אַליין איז ליטעראַריש נאָך אומבאַהאָלפן, ס'איז אָבער אָנגעפילט מיט אומענדלעכן ווייטיק. אין דעם מאָמענט, אגב, פאַרגעסן מיר אינגאַנצן, אַז מיר זענען דיכטער און שפּראַךמפונקים. מיר קוקן מיט באַוואונדערונג אויף דער רירנדיקער, קינדישער לאַגער־זינגערין, מיר שלינגען דעם ציטער־צער פון איר ענערגישער שטימע און דעם נישט קלענערן צער פון די ווערטער, ווי זיי קומען אַרויס פון איר מויל דערהויבענע, געלייטערטע.

(ערשט שפּעטער, ווען איך שרייב דאָס ליד איבער, בעסער איך אַביסל אויס ס'לשון).

זי זינגט:

(איך ברענג דאָס ליד עטוואָס געקירצט)

דאָס פאַרוואָגלטע קינד

אין אַ ליטוויש דערפל ווייט
שטייט אַ שטיבל אָן אַ זייט.
דורך אַ פענצטער נישט קיין גרויס
קוקן קינדערלעך אַרויס.
ייִנגעלעך מיט פלאַקסן־קעפּ,
מיידעלעך מיט בלאָנדע צעפּ,
און צווישן דאָרט מיט זיי
קוקן אויגן שוואַרצע צוויי.

שוואַרצע אויגן פול מיט חן,
און אַ נעזעלע אַ קליין,
ליפּעלעך — צום קושן נאָר,
שטאַרק־געלאָקטע שוואַרצע האָר.
ס'האָט די מאַמע אים געבראַכט
איינגעוויקלט אין דער נאַכט,
שטאַרק געקושט אים און געקלאָגט,
שטילערהייט צו אים געזאָגט:

— דאָ מיין קינד, וועט זיין דיין אָרט,
הער־זשע צו דיין מאַמעס וואָרט.
איך באַהאַלט דיר דאָ דערפאַר,

ווייל דיין לעבן דראָט געפֿאַר,
מיט די קינדער שפּיל זיך פּיין,
שטיל, געהאָרכזאַם זאָלסטו זיין, —
מער קיין יידיש וואָרט, קיין ליד,
ווייל דו ביזט נישט מער קיין ייד.

בעט זיך שטאַרק דאָס קינד ביי איר:
מאַמע, כ׳וויל נאָר זיין מיט דיר,
לאָז נישט איבער מיך אַליין.
ס׳קינד פֿאַרגייט זיך אין געוויין.
גיט זי קושן אים אַ סך,
אָבער ס׳העלפֿט איר נישט קיין זאַך.
ס׳קינד נאָר טענהט: ניין און ניין,
כ׳וויל נישט בלייבן דאָ אַליין.

אין די אָרעמס נעמט זי אים,
און מיט ווייכקייט אין איר שטים
זינגט זי: יינגעלע דו מיין,
און זי וויגט אים אַזוי איין.
נאָכדעם ווײנט זי פריי זיך אויס
און זי טרעט פון שטוב אַרויס
אָנגעפילט מיט זאָרג און שרעק,
און זי גייט אין נאַכט אַוועק.

פרעמדע שטוב מיט מענטשן פיל.
ס׳יינגעלע איז שטום און שטיל.
רעדט נישט, בעט נישט, וויל קיין זאַך,
זעלטן ווען ער טוט אַ לאַך.
נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט.
נישט ער שלאָפט און נישט ער וואַכט.
וואַסילקאָ — אַנאָמען פרעמד
אויף זיין הערצל דריקט און קלעמט.

מאַמע וואָגלט וואו אַרום,
ווי איר יאָסעלע אויך שטום:
קיינער ווייסט נישט, קיינעם אַרט,
און זי וואַרט און וואַרט און וואַרט.

צו יוכבד איז זי גלייך,
ווייל ווי משה אויפן טייך
עלנט, איינזאַם אויפן ווינט
איז פאַרלאָזט איר איינציק קינד.

גלייך ווי זי ענדיקט זינגען דאָס ליד ווויל זי אָן שום הפסקה איבערגיין צו אַ צווייט ליד, אַזוי ווי זי וואָלט וועלן איר גאַנץ האַרץ אַרויסזינגען מיט איין מאָל, אָבער מיר האַלטן זי אָפּ. מיר בעטן זי זאָל זיך אָפּרוען אביסל. אגב זאָגן מיר:

— מיר ווייסן דאָך נאָך אפילו נישט ווי איר הייסט און ווי איר קומט אין לאַגער אַהער. דערציילט אונדז.

— איך הייס, זאָגט זי, באַשע פּרוסאַק, פון אָשמינע ביי ווילנע. איך וועל אַלט זעכצן יאָר. כ'בין אַליין. מיינע עלטערן זענען אומגעקומען. צו צוועלף יאָר האָט מען מיך פאַרנומען אין אַ קאַצעט. אין עלף קאַצעטן בין איך אויסגעוועזן. איין־און־דרייסיק וואַגאָנעטקעס שטיינער אַ טאָג פלעג איך פירן. אָנלאָדן און אויסלאָדן. מיינע לונגען זענען דערפאַר איצט נישט מיט אַלעמען... באַפרייט בין איך געוואָרן, ווען די רויטע אַרמיי איז אָנגעקומען. בין אַוועק קיין ביאַלאָסטאָק. דאָרט קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. אויפגעשטאַנען פון טיפוס — האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט קיין ביעלסק. פון דאָרט קיין זאַבזשע אין אַ קיבוץ. דערנאָך — אַהער קיין פערנוואַלד. בין נישט געוועזן קיין אויסקלייבערין. וואוהין דער גורל האָט מיך געפירט, אַהין בין איך געגאַנגען. און אויך איצט גיי איך אַהין וואוהין דער גורל פירט. כ'בין אַ מיטגליד פון „תל־יצחק", וואָס געהערט צום „איחוד"... דאָס איז אַלץ. קאָן איך זינגען ווייטער?

— אוודאי, זאָגן מיר, אוודאי.

זי שטרעקט זיך ווידער אויס אין איר פריערדיקער פּאָזע ביי דער וואַנט.

— כ'וועל איצט זינגען פאַר אייך, זאָגט זי, נאָך עטלעכע לידער.

און זי זינגט:

אין באַראַק

אין באַראַק אויפן האַרטן סעניק ליג איך,
כינעס דערמאָנען זיך מיין שטעטעלע, מיין היים.
סילויעטן טרערן שטיל פון מיינע אויגן,
פון אַלע נאָענטע מיינע כיבין פאַרבליבן איין אַליין.

כינעס דערמאָנען זיך אָן אונדזער ברוינעם שטיבעלע,
אָן די וועראַנדעס, רעכטס, פון הוילן גלאָז.
דער שיינער גאָרטן מיט די ביימער, מיט די בלומען,
דער ליבער פּאַפּאַ — פון דער שטוב דער באַלעבאָס.

אין שטוב איז פריילעך, קינדער זינגען לידער,
דער מאַמעס פּנים קוועלט פון יעדן ליד,
און נאָר די קליינע טאַנצן אום און שטיפן,
און זינגען מיט די גרויסע מיט איעדעס ליד.

צי איז עס גאָר אַ חלום נאָר געווען,
אַ חלום וואָס פאַרשוואונדן אין איין אויגנבליק?
דער טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער —
נישטאָ זיי מער. איך וועל זיי מער נישט זען צוריק.

טאַטע, מאַמע גרויזאַם אומגעקומען,
די קליינע קינדער דורכגעשטאָכן ווילד:
אויב ס׳איז אַ גאָט אַ יידישער פאַראַן אין הימל —
ווי קאָנסטו, גאָט, גאָר צוזען אַזאַ בילד?

אויב ס׳האָבן גרויסע קעגן דיר געזינדיקט,
און האָסט באַשטימט פאַר זיי אַ שלעכטע שטראָף —
פאַרוואָס פאַרמשפּטסטו די אומשולדיקע קליינע?
פאַרוואָס, פאַרוואָס קומט קינדער אַזאַ סוף?

נאָר איין געדאַנק — ער ציט מיך שטאַרק צום לעבן,
ער טרעט נישט אָפּ פון מיר אויף איין מינוט:
כ׳וואָלט וועלן אַ נקמה כאָטש דערלעבן
און זען ווי בלוט ווערט אָפּגעצאָלט צוריק מיט בלוט.

(מחבר אומבאַקאַנט)

איך שטיי ביים טייכל

איך שטיי ביים טייכל
און קוק פאַראומערט אויפן וואַסער.
דער ווינט טוט פייפן
און דער וועטער איז אַ נאַסער.
אַ שטורעם איז דאָ,
דאָס טייכל פליסט דאָ,
ווי מיינע לעבנסטעג
שווימט עס גלייך אַוועק.

ווי זאָרגלאָז שווימט עס,
זיין ציל איז אַ באַשטימטער
נישטאָ קיין עדות —
דערציילט עס מיר פון זיינע סודות.
עס זינגט מיר לידער
פון זיינע טייכן־ברידער
פון זייער לאַנגן וועג
וואָס ציט זיך אָן אַ ברעג.

און יעדעס ליד זיינס
פאַרשאַפט מיר לייד און שמערצן,
ווייל איך דערמאָן זיך
אָן דעם ווייטיק פון מיין האַרצן,
אָן יאָרן לאַנגע,
אָן די פאַרלאַנגען
פאַרוואָס איך האָב געלעבט,
צו וואָס איך האָב געשטרעבט.

טאָ זאָג־זשע, ברודער,
ווען וועט דער שטורעם־ווינט אויפהערן,
און גליק וועט ווידער
צוריק צו מיר אַמאָל נאָך קערן?
צי וועט דאָס טייכל
ווי פריער פליסן,
און איך וועל מער אומזיסט
קיין טרערן נישט פאַרגיסן? —

(מחבר אומבאַקאַנט)

נאָך די לידער זינגט זי אַפּ פּאָר אונדז אַ רעפּערטואַר פון נאָך אַ פּאָר זאַכן. אַלע כמעט פון דעם זעלבן כאַראַקטער, אָבער אָן אַן ערך ליטעראַריש שוואַכערע.

איצט נאָך מער איז אונדזער אויפמערקזאַמקייט געווענדט נאָר צו איר אַליין, צו איר זינגען, צו איר אימפּעט, צו איר בענקשאַפט געהערט צו ווערן.

די עלף קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואו זי איז אויסגעווען, און די איין־און־דרייסיק וואַגאָנעטקעס שטיינער אַ טאָג, וואָס זי האָט אָנגעלאָדן און

אויסגעלאָדן, האָבן אויפגעשטראַלט אין איר קול, און איר קאָפּ איז ארומ־געריגגלט געוואָרן מיט אַ דורכזיכטיקער ווייסער שיין.
ליבע באַשע פּרוסאַק פון אַשמינע!

*

איידער מיר פאַרלאָזן פּערנוואַלד גייען מיר אַריין אינעם „אונרא"־אָפּיס פון לאַגער צו זעגענען זיך מיט דעם „אונרא"־דירעקטאָר קאָהען. ער פאַרדינט מיר זאָלן אים דריקן זיין האַנט פאַרן אָוועקפאָרן.

ער איז איינער פון די ווייניקע לאַגער־דירעקטאָרן, וואָס איז ראוי צו זיין אמת. דער עולם האָט אים ליב.

אַ מענטש מיט אַ פיין יידיש האַרץ, רעדט אַ גוטן, וואַרעמען יידיש, פאַרשטייט טיף די פּראָבלעמען פון אַ לאַגער־ישוב און איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן די נויטן פונעם „די־פּי". האָט ער טאַקע דערפאַר נישט קיין חן אין די אויגן פון דער העכערער „אונרא"־מאַכט.

ווען מיר קומען אַריין אין אָפּיס טרעפן מיר אים ביי זיין דעסק אין אַ כאַראַקטעריסטישער סצענע: צוויי פרויען, צוויי יידישע מאַמעס, זיצן אַנטקעגן אים ביים דעסק, טענהן מיט האַרץ, אויפן קול, וויינען, און ער, קאָהען, נעמט זיי איין, באַרואיקט זיי, אָבער ער אַליין, זעט מען, איז פול מיט זאָרג און אומרו.

— מיר קאָנען נישט אויסקומען מיט דעם עסן, וואָס די „אונרא" גיט אונדז, טענהן די פרויען. — מילא מיר ווי מיר, אָבער דעם צער פון אונד־זערע קליינע קינדער קאָנען מיר שוין מער נישט פאַרטראָגן. נישט קיין פּו־טער פאַר זיי, נישט קיין מילך, נישט קיין אייער, נישט קיין פרוכט. וואָס זאָלן מיר טאָן?

קאָהען פּרובירט מיט אַלע זיינע מיטלען איינצושטילן און באַרואיקן די פרויען.

ער באַמיט זיך, זאָגט ער, אויסצווווירקן מער און בעסערע שפּייז פאַר דעם לאַגער. ער האָפט, אַז ער וועט פועלן.

ער רעדט און זיינע אייגענע אויגן, זעען מיר, זענען אָנגעלאָפן מיט טרערן.

מיר צעזעגענען זיך אי מיט אים, אי מיט די פרויען. מיר גייען אַרויס, זעצן זיך אַריין אין מאַשין און ס'באַגלייטן אונדז אין פרימאָרגנדיקן וועג אַריין דאָס געזאַנג פון באַשע פּרוסאַק און דאָס געוויין פון די פּערנוואַלדער יידישע מאַמעס.

*

צווישן אונדזער באַזוך אין פערנוואַלד און איינרינג גיבן מיר אָפּ אַ טאָג פאַר אַ וויזיט אין נײַ־פרײַמאַן — אַ ייִדישע זידלונג, וואָס געפינט זיך האַרט בײַ מינכען.

נײַ־פרײַמאַן איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע לאַגערן מיט דעם, וואָס עס האָט דעם אויסזען פון אַן אמת שיין שטעטל.

שטיבלעך איינס און איינס, אָפּגעטיילטע איינע פון די אַנדערע מיט הייפלעך, אַרומגערינגלט מיט גראָז און ביימער. אַלע שטיבלעך געדעקט מיט רויטע דעכער.

דאָס גאַנצע ישובֿל מאַכט אַן איינדרוק פון אַ דאַטשע־שטעטל. ס׳איז צוגענומען געוואָרן פון די דײַטשן צו באַזעצן אין דעם אַ צוויי טויזנט פון דער שארית הפליטה.

נײַ־פרײַמאַן, ווי אַלע לאַגערן, ווערט אויסגעהאַלטן פון „אונרא״. איז אונטער דער פאַרוואַלטונג פונ׳ם ענערגישן ייִדישן דירעקטאָר וואַכטעל.

צום נײַ־פרײַמאַן ישובֿל האָב איך געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס: כ׳האָב דאָרט באַדאַרפט באַגעגענען זיך מיט דער שוועסטער פון אונדזער דיכטער יעקב גלאַטשטיין.

איך גלייב, אַז קאָלעגע און פרײַנט גלאַטשטיין וועט נישט זײַן קעגן דעם, אַז איך זאָל אין מײַנע פאַרעפנטלעכטע נאָטיצן אַרײַננעמען מײַן באַגעגעניש מיט זײַן שוועסטער, און אויך די פּרטים, וואָס זי האָט מיר איבערגעגעבן וועגן דעם קדושים־טויט פון זייער משפּחה, און אויך פון איר אייגענעם מאַרטער־וועג.

אין זײַנע טיף־ייִדישע געדענק־לידער, וואָס ער האָט געשריבן וועגן קידוש־השם, האָט גלאַטשטיין אַליין נישט איינמאָל באַטאָנט, אַז דער אומקום פון אַן אייגענעם טאַטן און ברודער איז מער ווי אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג. יעדנס אומגעקומענער טאַטע אָדער ברודער געהערט צו אַלעמען, געהערט דער הייליקער מחנה פון זעקס מיליאָן.

איך, פון מײַן זײַט, גיב צו, אַז נישט נאָר איבער יעדן אומגעקומענעם שוועבט די הייליקייט פון אַלע זעקס מיליאָן, נאָר אויך איבער יעדן איינעם פון דער שארית הפליטה, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע ענויים, חרפּות, מאַראַנענטום, וואָגלעניש און — געבליבן לעבן.

צו די לעצטע געהערט, אָן ספק, אויך גלאַטשטיינס שוועסטער.

איידער כ׳האָב פאַרלאָזט ניו־יאָרק, האָט מיך גלאַטשטיין געבעטן אויסצוזוכן זײַן שוועסטער אין איינעם פון די לאַגערן אין מינכענער ראַיאָן, מיטצוגעבן אַ בריוו און אַ מתנה פאַר איר. און ווי נאָר מיר זענען אָנגע־

קומען אין מינכען, האָב איך, פאַרשטייט זיך, גענומען נאָכפרעגן זיך אויף איר, זוכן זי.

ס'האָט גענומען אַ פּאָר וואָכן און כ'האָב זי אויפגעזוכט.

זי איז געקומען צו מיר אין דער „אונרא"־קוואַרטיר אין מינכען, און נאָכדעם האָב איך זי געטראָפן טאָקע אין דעם ניי־פּריימאַן ישובֿל, וואו זי האָט, אַבי'ל צוליב מיין פאַרמיטלונג, געפונען אַ שטיקל מקום־מנוחה פאַר זיך.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי — מנוחה. אין אמתן איז עס קוים־קוים אַ שאָטן פון דעם.

צום ערשטן מאָל איז זי געקומען צו מיר אין דער באַגלייטונג פון אירער אַ חברטע. ס'האָט נישט געדאַרפט לאַנג נעמען איך זאָל דערקענען אַליין וועלכע פון זיי איז גלאַטשטיינס שוועסטער.

גלאַטשטיינס אָנבליק, גלאַטשטיינס שטריכן זענען געווען אויבן־אויף צו באַמערקן. ס'האָט מיר נאָר אויסגעזען קשה אויף דער ערשטער מינוט די צוקענטיקע פּולקייט פון איר קערפּער; אָבער איר חברטע האָט מיר פאַרזיכטיק גלייך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי, גלאַטשטיינס שוועסטער, איז אין הויכער שוואַנגערשאַפט, און איך זאָל זיין דעריבער אָפּגעהיט פון צו רעדן אָדער פרעגן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן איר ווי טאָן אָדער אויפרעגן.

צו מיין גרויסער צופרידנקייט האָט אַלץ וואָס איך האָב געהאַט צו דערציילן איר, און דערציילט, וועגן איר ברודער יעקב גלאַטשטיין, גע־קאָנט פאַרשאַפן איר דורכויס פרייד נאָר, אויך דער בריוו און די מתנה האָבן צוגעהאָלפן דערצו.

אין אַזוינע רגעס דערפילסטו בכלל ווי גוט ס'איז צו דורכפירן אַ שליחות, וואָס פאַרשאַפט אַ צווייטן מענטשן פרייד, בפרט נאָך ווען דער צווייטער מענטש געהערט צו דער שארית הפליטה. עס זענען ווערט אַלע שוועריקייטן, אַבי אַליין צו זען, אַז דו האָסט געבראַכט עמיצן אויפמונ־טערונג. צוליב דעם אַליין לוינט זיך די גאַנצע רייזע.

— זאָגט מיר נאָך עפּעס וועגן מיין ברודערס שרייבן — האָט זי גע־האַלטן אין איין בעטן.

כאָטש איך האָב איר שוין דערציילט, דערצייל איך איר נאָכאַמאָל, אַז איר ברודער יעקב גלאַטשטיין איז איינער פון אונדזערע פיינסטע דיכטער אין אַמעריקע; אַז ער פאַרנעמט אַ געהויבענעם אָרט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור; אַז ער האָט אונדזער ליטעראַטור געגעבן גרויסע ווערק, און אַז מיר דערוואַרטן פון אים נאָך. און ס'דאַרף איר זיין גוט צו האָבן אַזאַ ברודער.

איר פּנים לייכט־אויף, איר אויפגעלויכטנקייט אָבער פאַרציט זיך גלייך מיט אַ וואָלקן, ווען זי זאָגט:

— ליידער קאָן איך יעקבן נישט צוריקשיקן קיין פריילעכע בשורות וועגן אונדזער משפּחה און וועגן זיך אַליין; אָבער דעם אמת דאַרף ער

וויסן. כ'האָב אים געשריבן און דערציילט, און כ'וויל אויך איך דערציילן.

— אונדזער פֿאָטער און די פֿרוי און צוויי קינדער פֿון אונדזער ברודער, וואָס איז אוועק קיין אַמעריקע אַ סך שפּעטער פֿון יעקבן, זענען אומגעקומען על קידוש־השם אין אַ וואַלד נישט ווייט פֿון לובלין. אונדזער פֿאָטער איז אַלט געווען זעקס און זיבעציק יאָר. אויך אונדזער ברודער בנימין מיט זיין פֿרוי און זון זענען אומגעקומען אין שעלישטש הינטער לובלין. — און דאָס וואָס עס איז פֿאָרגעקומען מיט מיר, איז אויך נישט אַזוי פֿריילעך.

זי רעדט און פּרובירט זיך מאַכן הארץ, ווי דאָס פּרובירן טאָן כמעט אַלע פֿון דער שארית הפליטה, ווען זיי נעמען דערציילן וועגן זייערע איבערלעבונגען.

— יאָ, דאָס וואָס איז געשען מיט מיר אַליין, איז אויך געשען מיט אַ סך יידן. איך און מיין מאַן און אונדזער טעכטערל האָבן געוואוינט אין וואַרשע אויף דער גרישער זייט. די געשטאַפּאָ אָבער האָט אונדז אויפגעזוכט. זי קומט אונדז נעמען. מיין מאַן לאָזט זיך אריין אין אַ קאַמף מיט דער געשטאַפּאָ. איך מיטן קינד אַנטלויפֿן. מיין מאַן ווערט צוגענומען און דערשאָסן... איך גיב אַוועק דאָס קינד צו אַ קריסטין. דערנאָך, אין חדשים אַרום, געלינגט מיך אַריינצוגעבן דאָס קינד אין אַ קאַטויילישן אַנשטאַלט, און איך אַליין פֿיגוריר אויך ווי אַ קאַטויילישע. געאַרבעט אין ווערקשטאַטן אויף אַ קאַטויילישן פּאַספּאָרט. אַזוי האָב איך נאָך מיט זיך מיינע פּאַפּירן... וואָס האָב איך אַנדערש געזאָלט טאָן? כ'האָב געוואָלט ראַטעווען דאָס קינד פֿון טויט. וואָס האָב איך געזאָלט אַנדערש טאָן?... מיין קינד, מיין מיידעלע, כאָטש זי איז אין אַנשטאַלט געווען איבער אַ יאָר, איז זי אין הארצן ביי זיך געווען זייער שטאַרק באַוואוסטזיניק אויף איר יידישקייט. כ'האָב עס אין איר טיף איינגעפֿלאַנצט. נאָך דער באַפֿרייאונג בין איך מיטן קינד אַוועק קיין לובלין. אָבער אויך נאָך דער באַפֿרייאונג האָבן מיר, אַך און ווייַ, געמוזט צווישן די פּאָליאַקן פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר קריסטן, לעבן אויפֿן קאַטויילישן פּאַספּאָרט. אַזוי נישט זיכער זענען מיר נאָך אַלץ געווען מיטן לעבן.

זי עפֿנט אויף איר טאַש, נעמט אַרויס דעם פּאַספּאָרט און אַנדערע דאָקומענטן, און דערלאַנגט עס מיר. אויך איר חברטע טוט אַזוי. איך נעם אין האַנט דעם פּאַספּאָרט מיטן יעזוס־בילדל. דאַכט זיך אַזוינע קליינינקע זאַכעלעך, שיר־נישט שפּילעכלעך, נאַרנישטלעך. אָבער וויפֿל בלוט און טרערן קאָסטן זיי אונדז? — און זיי האָבן עס באַדאַרפֿט ראַטעווען יידישע קרבנות, מאַמעס און קינדער, באַהאַלטענע מאָדערנע אנוסים, נישט נאָר פֿון בלוטיקע דייטשן, נאָר אויך פֿון נישט־ווייניקער בלוטיקע פּאָליאַקן, וואָס הערן נישט אויף צו צלמען זיך און צו ליגנערן וועגן יעזוסישער ליבע.

ס'האָט מיר געריסן ביים הארצן צוזעענדיק דעם צער פֿון די צוויי יידישע פֿרויען, וואָס אפֿילו היינט, ווען זיי זענען שוין פֿריי, גיט נאָך אין זיי-

ערע אויגן, אַ ברען דער פּחד, צי וועט נישט אפילו היינט אונטערלויפן פון ערגעץ אַן אמתער צלם־טרעגער און וועט נישט, אין נאָמען פון זיין צלם־ליבע, אַראָפּלאָזן איבער זייערע קעפּ זיין צלם־האַק.

גלאַטשטיינס, שוועסטער, נאָך אַ שווערן שוויַיגן, זאָגט:

— נעמט־מיט מיין מאַראַנען־פּאַספּאָרט מיטן בילדל קיין אַמעריקע, און גיט עס איבער מיין ברודער יעקבן.

— יאָ, כ׳וועל עס טאָן, — האָב איך געזאָגט. — איך בין אָבער גערן צו וויסן וואו איז אייער קינד איצט?

— פון לובלין בין איך מיטן קינד, דורך דער הילף פון מיינעם אַ פריינט, אָנגעקומען קיין בערלין. דאָס קינד, אָנקומענדיק אין בערלין, איז מיר געלונגען אַוועקצושיקן קיין ארץ ישראל, און איך מיט מיין פריינט, מיט וועמען כ׳האָב אין וועג חתונה געהאַט, זענען אָנגעקומען אין מינכען. זענען מיר דערוויַיל דאָ, ווי איר זעט. און אַט — דאַרף איך איינגיכן אויף ס׳ניי ווערן מוטער, און —

אירע ווערטער האַקן זיך מיטאַמאָל אָפּ און איך זע ווי אין אירע אויגן גיבן אַ בליץ־אויף טרערן, און די טרערן, זע איך, נעמען רינען אי־בער אירע באַקן.

— נעמט נישט פאַר אומגוט, וואָס איך קאָן מיך נישט קאָנטראָלירן; אָבער די ליידן ווערן אַמאָל שוין גאָר איבער דער מאָס. שטעלט איך פאָר— מיין מאַן איז אַרעסטירט!

— אַרעסטירט? היינט?

— און שטעלט איך פאָר, — זאָגט זי, — ווער ס׳האָט אים אַרעס־טירט און צוליב וואָס ער איז אַרעסטירט. קיין עשירות, פאַרשטייט איר דאָך, פאַרמאָגן מיר נישט; קיין באַקוועמע וואוינונג אויך נישט; מיט דער שפּייז־קאַרטע איז שווער אויסצוקומען. איז מיין מאַן איינגעפאַלן צו קויפן וואו אַ פּאָר פונט פּוטער און פאַרדינען עפּעס דורכדעם. ס׳איז, אגב, דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט עס געפּרובירט. נו, איז ער צום שלים־מזל אַריינ־געפאַלן, די אָקופּאַציע־מיליטער האָט אים אַרעסטירט מיטן פּוטער און ער זיצט אין תפיסה איצט. אויף גאַנצע דריי חדשים פאַרמשפּט. איר פאַר־שטייט דעם גרויסן פאַרברעכן אונדזערן?! און דאָ בין איך איינע אַליין — אין מיין איצטיקן צושטאַנד...

זי שטעלט זיך אַ וויַילע אָפּ און זאָגט דערנאָך:

— אויב ס׳איז אייך נישט שווער, וואָלט איך אייך געבעטן טאָן עפּעס פאַר מיר: איר דאַרפט זיין אויף אַן אויפנאַמע אין ניי־פריימאַן, און איך געפין זיך טאַקע נישט וויַיט פון דאָרטן. פּרובירט אַ רעד טאָן מיט דעם „אונרא״־דירעקטאָר, ער זאָל מיר געבן אַ מעגלעכקייט, ערשטנס, אַריבער־צוציען זיך אין ניי־פריימאַן און, צווייטנס, ער זאָל עפּעס טאָן אַרויסצונעמען מיין מאַן פון תפיסה. אויב ער זאָל נאָר וועלן, קאָן ער אַ סך טאָן.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, אונטערגענומען צו טאָן אַלץ וואָס איך קאָן נאָר צו העלפן איר.

די געמיינהייט צו פאַרשפּאַרן אַ מענטשן אויף דריי חדשים אין תפיסה פאַר אַזאַ, מישטיינס געזאָגט, חטא פון עטלעכע פונט פּוטער, דערצו נאָך ווען זיין פרוי בלייבט איבער איינע אַליין אין שוואַנגער־צושטאַנד — האָט מיך אויפגערודערט.

איך רעד שוין נישט וועגן דעם גאַנצן מאַרטירער־הינטערגרונט פון די מענטשן, און וועגן דער באַזונדערער פּיין, אין וועלכער זיי לעבן אין די היינטיקע טעג.

וואָרים, האָבנדיק דאָס אין זינען, באַקומען אַלע אָקופּאַציע־פאַראָנד־קעם לגבי דער יידישער שארית הפליטה אַ פּנים פון חוזק.

*

איך בין געווען צופרידן, קומענדיק מיט עמאַ שייווער קיין ניי־פריי־מאַן אויף דער פייערונג, צו טרעפן צווישן דעם עולם לערער, קינדער און „אונרא"־באַאמטע, וואָס זענען אַרויסגעקומען אונדז באַגעגענען — צו טרעפן צווישן אַלעמען אויך גלאַטשטיינס שוועסטער. איך האָב זיך באמת מיט איר אַרומגעכאַפּט. בין געווען גערירט פון דער פרייד, וואָס זי טיילט אַקטיוו מיט אַלעמען.

דער דירעקטאָר איז געווען אין התפעלות פון דעם פּראָגראַם, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט פאַרן גאַנצן ישובֿל אונטערן פרייען הימל, איך האָב אויסגענוצט דעם מאָמענט און דערציילט אים וועגן דעם אומגעלומפּערטן אַרעסט. ער האָט שוין פון דעם געוואוסט. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט טאָן אַלץ וואָס ער קאָן אויסצואווירקן די באַלדיקע באַפרייאונג פונעם אַרעסטירטן, און אויב נישט די באַלדיקע באַפרייאונג, איז כאָטש אַ פאַר־קירצונג פון דער דריי־חדשימדיקער שטראָף אויף איין חודש. *)

*

---

*) ס'איז מיר אַ פרייד צו הערן פון גלאַטשטיינען, אַז זיין שוועסטערס מאַן איז טאַקע באַפרייט געוואָרן נאָך אַ חודש אַרעסט.

אין איינרינג

13־טער מאַי.

... מיר פאָרן אַלע דריי קיין איינרינג, וואָס געפינט זיך אַ פיר שעה רייזע פון מינכען, האַרט ביי דער עסטרייכישער גרענעץ, אין געגנט פון בערכטעסגאַדען.

איינריג איז אַ געוועזענער היטלער־קעמפּ, טאַקע אין אמתן זינען פון וואָרט, אויך אַ געוועזענער היטלער לופט־פּלאַץ.

אין דער הויפּט־געביידע פון איינרינג פלעגט היטלער אַליין אָפט קומען אויף בעראַטונגען מיט זיינע מענטשן. ס'איז נאָך דאָ דאָס צימער, וואו ער פלעגט שלאָפן.

דאָס פּלאַץ איז איצט אַ לאַגער פון יידישע „די־פּיס".

קאָן נאָך זיין עפּעס זעלטענער און אָנרעגנדיקער?

קאָן נאָך זיין עפּעס נסימדיקער און אין דער זעלבער צייט עפּעס גראָטעסקישער?

צו דעם דאָזיקן לאַגער פאָרן מיר אויף אַ גרויסן מיליטערישן בויד־וואָגן.

דער וואָגן יאָגט איבער גוט־געפּלאַסטערטע וועגן, דורך גרויסע וועלדער און אויג־פאַרכאַפּנדיקע פעלדער. וואָס ווייטער ער יאָגט, אַלץ נעענטער קומען אונדז אַנטקעגן די שפּיצן פון די אַלפּן־בערג פאַנאַנדערגעגליטע אין זייערע שניי־ווייסע באַדעקונגען.

פאָרן מיר עס צו יידן אין אַ וויטן, פאַרוואָרפענעם לאַגער, אָדער מיר פאָרן עס צו אַן אויסגעטראַכטן חלום־לאַנד?

פאָרן מיר עס איבער דעם פאַרשאָלטענעם דייטשלאַנד? אויב יאָ, פרעג איך ביי זיך שוין צום הונדערטסטן מאָל, פאַרוואָס קומט דעם היטלער־לאַנד צו זיין אַזוי שיין?

און פאַרוואָס פרעג איך, אין געפּלעפּטקייט פון דער לאַנד־רחבות, וואָס איך זע, האָבן זיי זיך נישט באַנוגנט, די דייטשן, מיט דעם וואָס זיי האָבן און געלאָזט זיך אונטערצינדן די וועלט און אויך זיך אַליין אונטערן גע־מיינעם תירוץ אַז עס פעלט זיי לעבנס־רוים?

אַזוי פיל רוים. אַזוי פיל אויסגעשפּרייטקייט אַרום! — אַ פאָלק איז פּשוט משוגע געוואָרן.

וואָרים אויב יאָ רוים — איז וויפיל רוים דאַרפן יידן פאַרלאַנגען?

מיר פאָרן צו יידן צונויפגעשטיקטע אין אַ לאַגער — וויפיל רוים דאַרפן זיי פאַרלאַנגען?

*

אַט זעגען מיר שוין אין אייגרינג. מיר פאָרן צו דער הויפּט געביידע— צו דעם געוועזענעם היטלער־הויז, וואָס איז איצט אָנגעפּאַקט מיט יידישע משפּחות.

פון אַלע שטיבער און באַראַקן אַרויס קומט מען אונדז אַנטקעגן.
היימיש פאָלק קוקט אונדז אַנטקעגן.

נאָך איידער מיר האָבן צייט אָפּצואָטעמען פון דער לאַנגער נסיעה, נאָך איידער מיר עפענען אפילו אַ טיר, נעמט אונדז שוין דער עולם באַלאַגערן מיט זיינע אויסגעווייטיקטע איבערלעבונגען, מיט זיינע אָנגעזאַמלטע בענקשאַפטן. ער נעמט גלייך אויסלאָדן פון זיך זיינע איינזאַמקייטן.

— איר זענט די ערשטע יידן פון דער ווייטער וועלט. קיינער איז צו אונדז ביז היינט נישט געקומען, ווער רעדט נאָך — פון אַמעריקע! און ווער רעדט נאָך — קולטור־שליחים. זייט געגריסט, זייט געבענטשט.

אַזוי ווערן מיר גלייך אַריינגעשלונגען אין אַן אומגעווײנלעכן שטראָם פון באַגריסונגען, האַרץ־אויסגוסן, ווידויים, ביטערנישן און תרעומות.

נאָך איידער מיר האָבן צייט אַ רגע אָפּצורוען.

אַ נס — אַ פּאָר יידן זענען זיך מרחם אויף אונדז און נעמען אונדז אַרויס פון צווישן דעם ליבן, צודרינגלעכן עולם.

מען פירט אונדז צום צימער, וואָס איז צוגעגרייט פאַר אונדז.

אַ צימער, וואו דער ימח־שמו אַליין פלעגט שלאָפן — זאָגט מען אונדז.

איידער מיר גייען אַריין אינעווייניק, נעמען מיר אַרום מיט די אויגן דעם געמאָלענעם פּאַסאַד פונעם הויז, די באַלקאָנען, די ליניעס, וואָס זענען אויסגערעכנט אי אויף היימישקייט, אי אויף הערשערישער תקיפות.

*

אַ צימער, וואָס איז געבויט געוואָרן פאַרן ימח־שמו אַליין, פון סאָלידע געל־פּאָלירטע קלעצער, אַריינגעשלאָסענע איינע אין די אַנדערע אויפן דאָרפישן אופן.

דער סופיט — פון זיגזאַג־אויסגעלייגטע באַלקעס, באַדעקטע מיט פאָלקלאָריסטישע מאָלערייען, כאַראַקטעריסטישע פאַר בייערן.

די מאָלערייען, העל־פאַרביקע, גייען איבער פון באַלקע צו באַלקע: מעשהלעך, וואָס פלעכטן זיך איינע אין די צווייטע.

מיט דעם האָט דער ימח־שמו געוואָלט אונטערהנפּהנען דעם פּרימי־

טיוון דייטשן פאָלקס-טאָן, כדי אַזוי אַרום צו געפינען מער חן אין די אויגן פונעם מיכל, וואָס האָט אָנגעקוואָלן מיט זיבן קוועלונגען שוין נאָר פון דער „ביר-שטובע" אַליין.

עפּעס אַ קליי‌ניקייט — דעם פירערס „ביר-שטובע"!

אַריינקומענדיק אין דעם צימער בלייבן מיר שטיין פאַרגאַפטע פונעם גאַנצן אויסזען פון דיוו ענט און סופיט.

אפרת, עמאַ שייוועהר און איך — מיר קוקן זיך איבער. אויף יעדן איינעם פון אונדז איז קאָנטיק, אַז אים ווילט זיך עפּעס זאָגן, כדי אונטער-צושטרייכן די מאָדנעקייט פון דער רגע.

מיר פילן זיך אי צופרידן, אי קאָמיש.

ס'קאָן זיך דוכטן, אַז מיר זענען אַרויפגעקומען אויף עפּעס אַ גראָ-טעסקער בינע און אַז מיר אַליין זענען עפּעס אַזוינע אויסגעטראַכטע אויס-געפאַנטאַזירטע נישט-דאָ-געדאַכטן אַרונטערגעקומענעם פון ערגעץ אַ וואָלקן. אָט וועלן מיר געבן אַ לאַך איינע צו די אַנדערע און גלייך וועט אַ בלאָז טאָן אַ ווינט איבער אונדז און אַוועקטראָגן אונדז צוריק צו אונדזער וואָלקן ערגעץ.

— נו, וואָס שטייען מיר? זאָגט אימיצער פון אונדז.

כ'ווייס נישט ווער פון אונדז עס זאָגט עס; אָבער אימיצער מוז דאָך עס זאָגן.

יאָ, טאַקע וואָס שטייען מיר? לאָמיר זיך מאַכן היימיש אין היטלערס שטוב פון געל-פּאָלירטע קלעצער און באַלקעס.

מיר באַטאַפּן די ווענט, דעם שראַנק, דעם שפּיגל, די צוויי בעטן פאַר אונדז, מענער.

עמאַ שייוועהר גייט אַריין אינעם צווייטן צימער, וואָס איז צוגעגרייט פאַר איר.

מיר וואַרפן זיך איבער מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, מיר פּרובירן אויס אונדזער קול צו הערן ווי ער הילכט אָפּ צווישן די ווענט פון היטלערס גע-וועזענער „ביר-שטובע".

איך האָב אפילו בדעה אַרונטערצובייגן זיך אונטער די בעטן און אַ קוק טאָן צי ליגט נישט אמאָל אונטער זיי אַ היטלער-גילגול.

מער וואָלט טאַקע נישט געפעלט!

אין שפּירונג פונעם גראָטעסק פאַרפעל איך אויפצוהייבן ריכטיק די אויגן צום סופיט, כדי צו באַטראַכטן ווי עס באַדאַרף צו זיין די מאַלערייען, וואָס אויף די באַלקעס. — — כ'וועל עס טאָן שפּעטער, שפּעטער.

דערווייל וויל איך גאָר אַנידערוואַרפן זיך אויפן בעט, אויסציען זיך און ליגן מיט צוגעמאַכטע אויגן.

איך טו עס טאַקע. איך וואַרף זיך אַנידער, איך מאַך צו די אויגן.

איך ליג און איך זע דורך צוגעמאַכטע אויגן:

יידן גייען און גייען פאַרביי די פענצטער; גייען און גייען און גייען.

ייִדן, פֿאָלק ישׂראל. שארית הפּליטה.

ייִדן גייען קיין איינרינג. ייִדן גייען פֿון איינרינג. מחנות. מחנות. מחנות.

וואָס האָבן ייִדן צו טאָן מיט איינרינג?

וואָס האָט איינרינג צו טאָן מיט ייִדן?

אפשר ליגט טאַקע היטלער אונטערן בעט?

ייִדן. פֿאָלק ישׂראל. ברידער. וואו זענט איר?

★

אויך דאָ, אין איינרינג, ווי אין אַלע לאַגערן, גיט דער נאָכן־אָוונט אַ תיקון דעם דורכגעפֿירטן פּראָגראַם פֿונעם אָוונט.

די לידער, וואָס מיר לייענען, די רעדעס, וואָס מיר רעדן, די געזאַנגען, וואָס עמאַ שייוועך זינגט, צעוואַרעמען זיך ערשט נאָכן ארויסגיין פֿון דעם זאַל אין דרויסן אַרויס.

ערשט דעמאָלט נעמען זיי אַרויסווייזן זייער ווירקונג: פֿאַנאַנדערצעפּע־נען אין די פּאַראַיינזאַמטע, פֿון דער וועלט דערווייטערטע, ברידער אונד־זערע זייערע אויפֿגעצאַפּלטע הערצער.

דער גאַנצער לאַגער איינרינג מיט זיין נישט צו גרויסער ייִדישער מחנה מאַכט בכלל אַן איינדרוק, דערהויפּט ביינאַכט אונטער דעם העלן ליכט פֿון דער לבנה, פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל ערגעץ אויף יענער זייט וועלט.

אַז מיר גייען אַרויס פֿון זאַל נאָכן אָוונט גייט־מיט דער גאַנצער עולם מיט אונדז, ווייל זיך נישט צעשיידן מיט אונדז, און ערשט אונטערן אָפֿענעם הימל פֿאַרמירט זיך פֿון דאָס ניי אַ צווייטע פֿאַרזאַמלונג.

קיינער וויל נישט אַוועקגיין צו זיך. יעדער, אַז אויפֿגעוואַרעמטער, וויל לאָזן הערן הויך זיין אייגענעם קול.

מיר בלייבן גערן שטיין. מיר לאָזן זיך אַרומרינגלען, אַרומגענומען צו ווערן פֿון הייסע כוואַליעס אויפֿגעברויזטע ייִדישע געמיטער.

און אויבן קוקט אַ העלע לבנה, וואַרפֿט אירע ווייסע שטראַלן אויף דעם אויסטערלישן פּלאַץ, אויף היטלערס געוועזענע לופֿט־וואָפֿע־געביידעס און פּריציישע הייזער, אויף דעם גאַנצן עולם אחינו בני ישׂראל, וואָס פּילט אַן דעם מיטן־נאַכטיקן דרויסן מיט צאַפּלענדיקע ווערטער.

האָט די לבנה ווען געזען אַזאַ עולם אויף אַזאַ פּלאַץ?

ניין. זי האָט אַזוינס נאָך נישט געזען.

הענגט זי אַקוראַט איבער אונדזערע אַלעמענס קעפּ און הערט זיך צו צו די הילכיקע דערציילונגען פֿון די קאַצעטלער.

זאָל די לבנה גאָר מיינען אויב זי וויל, אַז דאָס שטייען רעדלעך ייִדן

ערגעץ אויף א שול־הויף אין א שטעטעלע און זענען זי מחדש און מקדש:
שלום עליכם — עליכם שלום. סימן טוב ומזל טוב — — — — — — — —

*

איינעמס קול לאָזט זיך מיטאמאָל הערן גאָר אויף א מאָדנעם אויפגע־
רעגטן אופן:

— דאכאו איז ביי אייך אויך א קאצעט? מ'עט דאָך פון אייך לאכן,
ר' ייד. דאכאו וויל ער פארגלייכן צו אוישוויץ, צו מאידאנעק. פרעגט מיך!
איך בין געווען אין מאידאנעק אליין, אין סאמע מאידאנעק, דאכאו —
אויך מיר א קאצעט.

א צווייטער קאָן נישט פארליידן אזא ביטול צו דאכאו:

— דאכאו איז שוין ביי אייך גאָרנישט נו, און דאָס איז ביי אייך
אויך גאָרנישט, הא?

ער פוילט זיך נישט און גיט א ריס פאנאנדער זיין העמד און אנט־
פלעקט אינעם ליכט פון דער לבנה א האָריקע ברוסט, אויף וועלכער עס
זענען זיך שארף אָן רויטע צעהאָרבעטע פלעקן, סימנים פון פייער־וואונדן.

— דאָס איז ביי אייך גאָרנישט! — גיט ער זיך א ווענד צו מיר מיט
זיין פאנאנדערגעעפנטער ברוסט, און זיינע ליפן ציטערן. דאָס האָט מיר
געגעבן א מתנה דאכאו. יאָ, דער פייער־אויוון פון דאכאו. קומט ער און
זאָגט זיך, אז דאכאו איז גאָרנישט. נאָט, זעט וואָס דאכאו איז.

איך מאַך צו די אויגן. איך קאָן נישט קוקן. איך דערמאָן זיך, אז
איך האָב שוין געהאָט אזא פאל, ווען א ברוסט מיט פייער־וואונדן איז
אויפגעדעקט געוואָרן פאר מיר. איך פארגעס נאָר אין דער רגע וואו און
ווען דאָס איז געווען.

מיר לאָזן זיך פאמעלעך שפאנען ווייטער צווישן די שטיבלעך פון איינ־
רינג. דער עולם שפאנט מיט. אויך די לבנה שפאנט מיט.

ארום און ארום איינרינג — אזא שיינקייט. די נישט ווייטע אלפן־
בערג זעען אויס ווי חלומות.

כ'וואָלט געשוואוירן, אז איך זע די ווייסקייט פון שניי אויף זייערע
שפיצן, כאָטש ס'איז נאכט.

אָדער אפשר איז עס נישט שניי, נאָר עפעס אַן אנדער ווייסקייט, וואָס
רינט פון די הימלען גראָד ביינאכט.

דאָס האַרץ גיט זיך אין מיר מיטאמאָל א בראָך פון כעס אויף דער
נאכטיקער שלווה, ווען איך זע ווי יידן ארום זענען פארקלאמערט, פאר־
איינזאמט אָנגעפילט מיט זאָרג און מיט טענות וועגן קליידער, וועגן עסן,
וועגן ענגשאפט פון לעבן, וועגן דער אומבאשטימטקייט פון זייער מאָרגן.
און אָט הער איך, אז איניקע איינרינגער יידן זיצן גאָר ארעסטירטע, גע־
כאפטע פאר האנדלען מיט א שטיקל פוטער מסתמא, מיט א טוץ אייער,
מיט אַן עפּל און — שומו שמים — אפשר נאָך מיט א גאָלדן פינגערל.

זיצן אָרעסטירטע און עס דראָט זיי שווערע שטראָפֿן.

ווער וועט זיי שטראָפֿן? — אָקופּאַנטישע ביג־ביזנעס־צדיקים, וואָס האנדל איז זייער גאָט!

זיי, די אָקופּאַנטן, האנדלען אוודאי נישט מיט אזא זאַך ווי אַ פֿונט פּוטער אָדער אַ פּעקל סיגאַרעטן אָדער שיך־בענדלעך.

יאָ, אוודאי. נישט מאַרגאַן, נישט ראָקעפֿעלער, נישט פֿאָרד האנדלען מיט אַ פּאָר שיך־בענדלעך. זיי זענען נישט קיין שוואַרץ־הענדלער. זיי זענען ווייס־הענדלער.

און דו, ווייסע איינרינגער לבנה, וואָס זאָגסטו דערויף?

און וואָס ביסטו אַליין — אַ שוואַרץ־הענדלערין, צי אַ ווייס־הענדלערין?

זאָג, איינרינגער לבנה.

*

מיר ליגן זיך שלאָפֿן ווייט נאָך האלבער נאַכט.

ערשט איצט, ליגנדיק אויפֿן געלעגער מיט די אויגן אַרויף צום סופֿיט, באַטראַכט איך אויפֿמערקזאַם די מאַלערייען, וואָס דעקן צו אַלע באַלקעס פֿונעם סופֿיט.

איך זע, אַז אויך אפֿרת ליגט אויף זיין געלעגער ביי דער צווייטער וואַנט מיט פֿאַריסענע אויגן אַרויף.

מיר קוקן. מיר שווייגן. מיר רייסן נישט איבער אונדזער שווייגן מיט קיין איינציקן וואָרט. מיר פֿאַרשטייען איינער דעם אַנדערנס האַרץ.

מיר זענען פֿול, איבערפֿול, מיטן צער פֿון די לאַגער־יידן. מיר פֿאַרגיבן זיי אַלץ, אַלץ.

די נחמה, וואָס מיר שלאָפֿן אין היטלערס צימער, איז פֿאַר אונדז קיין נחמה נישט, ווען מיר ווייסן, אַז איניקע יידן פֿונעם זעלביקן לאַגער ליגן ערגעץ אין תּפֿיסה ביי דער אָקופּאַציע־מאַכט — אין תּפֿיסה ביי די באַפֿרייער — פֿאַר אַ חטא, וואָס אויב ער זאָל טאַקע זיין אַ חטא, וואָלט מען גאַנץ אַמעריקע מיט ענגלאַנד, מיט גאַנץ אייראָפּע, באַדאַרפֿט אַריינזעצן אין טורמע.

יאָ, ס'איז קיין נחמה נישט פֿאַר אונדז, וואָס מיר ליגן אונטער היטלערס דאַך.

אָבער טשיקאַווע איז עס, און טשיקאַווע זענען אויך די מאַלערייען, וואָס זענען געגעבן אין אַ מין קינדער־סטיל, פּאַבלהאַפֿט און זאָרגלאָז.

אַ שפּילעוודיקייט אין אויסגעגאָסן אויף זיי. ס'ווייעט פֿון זיי מיט רו און מיט געמיטלעכקייט.

דער היטלער פֿלעגט, ווייזט אויס, אונטער דעם דאָזיקן סופֿיט קומען שטילן זיינע טריפֿהנע נערוון.

אַז ער פֿלעגט זיך אָנלייענען מיט באַריכטן וועגן מיליאָנען און מיליאָ־

נען אומגעקומענע און פאַרפייניקטע, פלעגט ער קומען אַהער, נישט חלילה צוליב געווינסס־פלאַג, נאָר כּדי אויסצורוען זיך אין זיסער דאַרפישקייט און אָנשעפּן זיך מיט נייע כּוחות פאַר ווייטערדיקער אכזריות.

האָט מען אים אָנגעמאָלן אויפן סופיט פיגורעלעך מיט לאַנגע בערד, קיסרים מיט קרוינען, ריטערס מיט שפּיזן, נאָנעס מיט צלמים, און אַלער־ליי קאַרעטעס, און אַלערליי מלבושים אין רויט, אין גרין, אין ווייס, און עס ציען זיך פּראָצעסיעס, און עס ווייען פאַלקס־פאָנען, און זיי טראָגן זיך אַריבער פון באַלקן צו באַלקן און זיי גלעטן דאָס אויג מיט פרידלעכקייט, מיט זעליקייט.

וואָלט איך דאָך אויך באַדאַרפט לאָזן זיך איינוויגן. אָבער כאָטש איך בין שטאַרק מיד — און דאָס עלעקטרישע לעמפּל לעשן מיר אויס — קאָן איך פונדעסטוועגן נישט איינשלאָפן.

דער סופיט מיט די אָנגעמעלעכצן דריקט אויף מיר ווי אַ שווערע בליי־ענע דעק.

איך שלײדער זיך אַרום ביז אַזייגער פיר אין דער נאַכט, און ווען איך הייב אָן איינצודרימלען, דערשפּיר איך מיטאַמאָל ווי עמיצער שאַרט זיך מיר צוקאָפּנס.

— ער, דער ימח־שמו, איז, הייסט עס, טאַקע געלעגן אונטער מיין בעט, געוואַרט ביז איך וועל איינשלאָפן. און אַז איך בין איינגעשלאָפן איז ער אַרויסגעקראָכן. און אָט שטייט ער אויסגעשטרעקט מיר צוקאָפּנס און איך זע ווי זיינע נבזה־וואָנצעלעך צוקן ווי פּליס־פּעדערן פון עפּעס אַ פיש־שלאַנג־פאַרזעעניש; אַז איך נעם זיך נאָך מער איינקוקן דערזע איך, אַז ער איז אינגאַנצן סקעלעטיש נאַקעט, און זיינע אברים באַמבלען זיך אויף אים ווי טויטע שטיקער. אי, ער שטייט דאָך אויף די פיס און הייבט אויף איבער מיר אַ האַנט — פאַרשטיי איך טאַקע נישט ווי אַזוי ער מאַכט עס. אָט הייב איך אפילו אָן צו זען ווי ער עפנט אויף צוויי אויסגעלופּעטע מאַניאַקאַלישע אויגן, וואָס האָבן דעם קאָליר פון שימל־גרין, און וואָס מער איך זע זיינע אויגן פאַנאַנדערפּענען זיך, אַלץ מער דערפיל איך, אַז ביי מיין בעט איבער מיר שטייט אַ מת.

— דאָס איז ער, דער נאָצי ימח־שמו — זאָג איך צו זיך אַליין.

— ענדלעך האָב איך דיך געפּאַקט — זאָגט ער האַלב־קוויטשיק, האַלב־כריפּלע.

איך האָב דיך ניין איילן אין דר׳ערד, זאָג איך מיט אַן אָנשטראָם פון פעסטקייט אין זיך, כאָטש אַ קאַלטער אַנגסט־שווייס נעמט באַדעקן מיין ליב. — יאָ, איך האָב דיך ניין מאָל ניין איילן אין דר׳ערד, מת־נבזה וואָס דו ביזט. איך וויל דיך אפילו ביי דיין נאָמען נישט אָנרופן, ווייל איך וויל נישט באַליידיקן די זעקס אותיות, וואָס זענען שוין גענוג געווען געשטראָפט צונויפשטעלנדיק דיין נאָמען אין די פריערדיקע טעג. איצט איז דיין נאָ־מען אויס. איצט ביזטו מת־נבזה און נישט מער.

— יאָ, איך בין מת, און מיך אַרט נישט אפילו, אַז דו רופסט מיך נבזה. מיר קאָנען די יידישע אַראַנזשען. אָבער כאָטש איך בין טויט און דו ביזט לעבעדיק, איז דאָס בעט, אויף וועלכער דו ליגסט איצט, נאָך אַלץ פונדעסטוועגן מיינס. ביזט אַ פאַרכאַפּער. יעדער ייד איז אַ פאַרכאַפּער. גיב מיר אָפּ מיין בעט!

— אויב אַזוי, טוט מיר טאַקע הנאה, זאָג איך, וואָס איך בין געקר־מען אַהער און שלאָף אויף דיין בעט. אויב דאָס האָט דיך אויפגערודערט אין דיין עקל־קבר.

—אוודאי, זאָגט ער, האָט עס מיך אויפגערודערט. בין איך געקומען דיר באַוויזן, אַז כאָטש איך בין טויט, אָבער מיין גילגול לעבט נאָך; דעריבער היט זיך, יודע. דו זעסט, אָט לאָך איך דאָס גרעסטע געלעכטער פון דיין זיג איבער מיר. איך, דער באַזיגטער, לאַך, ווייל אין שייכות צו דיר, יודע, בין איך געבליבן זיגער. פון מיין צעבראָכענער סוואַסטיקע וועסטו שוין קיין מגן־דוד פאַר זיך נישט אויפשטעלן.

— מיין מגן־דוד, זאָג איך, דאַרף איך ערשט נישט אויפשטעלן. מיין מגן־דוד איז אַן אויפגעשטעלטער פון אייביק אָן. ער איז קיינמאָל צעבראָכן נישט געווען. אפילו דו האָסט אים נישט געקאָנט צעברעכן. אויב שוין יאָ רעדן סימבאָליש, זאָג איך דיר: האָסט אומגעבראַכט אונדזערע זעקס מי־ליאָן, אָבער האָסט נישט אומגעבראַכט אפילו קיין איין מגן־דוד אונדזערן.

דער מת-נבזה גיט אַ שפּרונג-אויף, און אַ פייפנדיק געלעכטערל נעמט זיך קייקלען פון זיין גרגרת.

— דער יודע, וואָס שלאָפט אויף מיין בעט, אַמוזירט מיך, הייבט ער אָן צו שיפּען. — אוי, ווי ער אַמוזירט מיך! וואו ליגסטו היינט? גיט ער זיך אַ ווענד צו מיר. — היינט, היינט וואו ליגסטו? אויף מיין בעט ליגסטו דאָך. ביי מיר, אין מיין לאַגער ליגסטו דאָך. און וואו ליגן אַלע יידעלעך דיינע? אַ יאָר שוין נאָכן זיגעלע, און וואו ליגן זיי? — אין מיינע לאַגערן ליגן זיי... האָב איך מיר געקאָנט עפּעס בעסערס זיך פאַרשטעלן, עפּעס בעסערס זיך ווינטשן? אַלע נאַכט גיי איך אַרויס פון מיין קבר — —

— ביזט אַ ליגנער, נעם איך אים איבערשלאָגן. — דו האָסט נישט קיין קבר. אַ מיסטקאַסטן האָסטו. אין אַ מיסטקאַסטן ערגעץ ליגסטו.

— שלאָג מיך נישט איבער מיט יאָלדישע מליצות. דו ווייסט דאָך, אַז דאָס זענען נישט מער ווי מליצות... יאָ, יאָ, אַלע נאַכט קום איך אַרויס פון קבר און לאָז זיך אַוועק שפּאַנען איבער אַלע מיינע לאַגערן, וואו איר, יידעלעך, שטיקט זיך, און איך פיר נאָך אַלץ דורך מיין אַפּעל — מיין רע־וויזיע. איך האָב גרויס תענוג, ווען איך זע ווי נייע לאַגערן קומען צו אין מיין בייערן. קיין לאַנד וויל אייך נישט אריינלאָזן. אין ארץ-ישראל טוען די ענגלענדער מיט אייך דאָס זעלבע וואָס איך: זיי פאַרשפּאַרן אייך אין לאַגערן ווי איך. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט פון מיר די תורה פון לאַגערן. בין איך צופרידן. און פון מיין בייערן האָב איך נחת נאָך נחת; איך שפּאַן

פון לאַגער צו לאַגער און מאַך רעוויזיע: אין לאַנדסבערגער לאַגער זענען נאָך די ייִדעלעך דאָ? — דאָ. אין פערנוואַלדער לאַגער זענען זיי נאָך דאָ? — דאָ. אין פעלדאַפינג דאָ? — דאָ. אין לייפהיים דאָ? — דאָ. אין איינרינג דאָ? — דאָ. די שפּיטאָלן און די סאַניטאַריומס זענען נאָך אָנגעפילט מיט זיי? אָנגעפילט. קאָן נאָך זיין אַ בעסערער תענוג פאַר מיר ווי דער תענוג צו זען אייך זיצן אויף אָן ערד, וואָס איר פאַרשילט? צו זען אייך אַרומוואַלגערן זיך אין מיין בייערן מיט גוואַלד, אָט דער מיט גוואַלד איז דאָך ווערט פאַר מיר מער ווי אַלע זיגן. אָט דאָס איז דאָך, וואָס איך האָב געוואָלט: אַנטמענטשן דעם מענטש. מאַכן פון אים דאָס, וואָס ער איז: אַ בלאָז געשטאַנק. און אויך פון גאָט מאַכן דאָס זעלבע. ערשט דעמאָלט וואָלט אָנגעשטאַנען די אמתע פרייהייט. וואָרים אמתע פרייהייט מיינט נישט באַפרייאונג, דערלייזונג, נאָר אַנטליייזונג, אַנטפּליכטונג. אַלץ מעגן. אַלץ, אָן אויסנאָם. און וואָס איז בלוט? בלוט איז אויך נישט מער ווי געשטאַנק. דאָס האָט איר, ייִדן, געמאַכט אַ גוואַלד נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק קעגן בלוט־פאַרגיסונג און גענומען ליאַרמען, אַז בלוט איז נפש, און אַז נפש איז הייליק. אָט האָב איך אָוועקגעזעצט פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, פילאָזאָפן און פּאָעטן און געזאָגט צו זיי: נעמט דעם מענטש און זיין בלוט און אַנטהייליקט זיי, נעמט זיין ליב און אַנטליבט. און זיי האָבן נישט ווידערגעשפּעניקט און זיי האָבן געטאָן ווי איך האָב זיי געהייסן. איך האָב געזאָגט צו זיי: מאַכט פון ייִדעלעך זייף, האָבן זיי געטאָן אַזוי. געמאַכט ווי איך האָב געהייסן. און איר, ייִדעלעך, דאַרפט זיין צופרידן, וואָס איך האָב פון אייערע לייבער געמאַכט זייף. ווען איך הייס מיינע פילאָזאָפן און מיינע פּאָעטן צו מאַכן פון אייך נאָך ערגערס, וואָלטן זיי געמאַכט. וואָרים פון מענטשלעכן גוף קאָן מען מאַכן אַלץ. אָבער מאַכן דאַרף עס מאַכן נאָר דער, וואָס איז באַרופן דערצו. די פּאָעזיע און די קונסט דאַרפן אים העלפן אין דער אַנטמענטשונג. איך בין געווען, און געבליבן, דער, וואָס איז באַרופן דערצו; דער, פון וועמען אַלע פירער מוזן לערנען. און זיי לערנען. איין זאַך נאָר פאַרדריסט מיך, וואָס איך מוז אין קבר מיינעם דורכמאַכן אַלע חבלי־מות, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט מיינע קרבנות, און איך קאָן דערביי נישט איינהאַלטן זיך פון צו שרייען פון ווייטיק, ווי עס האָבן איינגעהאַלטן בשעתם אַ סך נישטיקע ייִדעלעך. יאָ, דאָס אַרט מיך שטאַרק. מיליאָנען קרבנות שטייען און לאַכן אָפּ פון מיר ווי איך קרעכץ, ווי איך שריי פון ווייטיק. ווייל איך, אַז דו זאָלסט מיר אויסזאָגן דעם סוד ווי אַזוי איינצוהאַלטן דעם ווײ־געשריי אין זיך בשעת דאָס גיהנום־פייער נעמט בראָטן דאָס לייב... איך ווייס דאָך: דו ווילסט מסתמא זאָגן, אַז מיינע ווייטיק־געשרייען טוען דיר גאָר הנאה. און אַז ס׳איז אומזיניק פון מיר צו קומען און בעטן ביי אַ ייִדעלע די אַנטפּלעקונג פון אַזאַ סוד. זאָג איך דיר: פאַררייס זיך נישט. דעם נוצרי, דעם געקרייציקטן, האָב איך טאַקע פיינט, אָבער זיין טריק אויפצושטיין צו אַ צווייטן לעבן געפעלט מיר; אָבער ווי

אזוי אליין עס צו מאכן וויס איך נישט. ווייל דעם אמת מוז איך אנערקאַ־נען, אז וואָס־וואָס, קיין לעגענדע קאָן איך נישט ווערן. א לעגענדע קאָן ווערן נאָר דער, וואָס נעמט אָן באהבה זיין מאַרטירער־טויט און גייט אָפּן צו זיין מאַרטירער־טויט. און איך בין, דאָס איז אמת, געשטאָרבן א פּחדנות־טויט. אָבער די היינטיקע עפּאָכע מאַכט נישט קיין ווען פון אמתע מאַר־טירער און פון הייליקע טויטן. און אויך קיין לעגענדעס דאַרף נישט די היינטיקע עפּאָכע. נאָר נאַרישע יידעלעך קאָנען מיינען, אז זיי זענען גאָט־מאַרטירער, ווען זיי שרייען שמע ישראל בשעת מען וואַרפט זיי אין קרעמאַ־טאָריע אריין... יאָ, יאָ, קיין לעגענדע קאָן איך נישט ווערן, אָבער אויפשטיין צו א צווייט לעבן — דאָס געפעלט מיר. און איך וועל אויפשטיין. און ווייסטו, ווער עס וועט מיר העלפן דערצו? — דיינע יידעלעך!

א שלאַנג־געלעכטער נעמט אַרויסשיפּען פון זיין סקעלעטן־גאַרגל און צעקייקלט זיך איבער אַלע באַלקעס:

— יאָ, יאָ, דיינע יידעלעך. און דערפאַר האָט די געשיכטע אויסגע־לייגט אזוי, אז די יידעלעך זאָלן זיצן היינט אין מיינע לאַגערן, און קיין לאַנד זאָל נישט וועלן זיי אריינלאָזן צוריק. די געשיכטע איז נאָך אַלץ אויף מיין זייט. ווער וועט מיר העלפן אויפבויען צוריק מיינע חרובע שטעט? — זיי, דיינע יידעלעך. זיי וועלן זיך אזוי לאַנג שטיקן אין די לאַגערן, ביז זיי וועלן אָנהייבן לויפן פון זיי אין מיינע חורבות אריין און נעמען די חורבות אויפשטעלן. אייניקע טוען דאָך עס שוין. ווער וועט מיר אויפבויען צוריק מיין מינכען? זיי. זיי. — אין מיין לאַנדסבערג זענען די יידעלעך נאָך דאָ? — דאָ. אין מיין פערנוואַלד זענען זיי נאָך דאָ? — דאָ. אין מיין איינרינג דאָ? — דאָ. — — איך פיר דורך מיין נאַכט־אַפּעל. מיין נאַכט־רעוויזיע —

———————————————————

איך זעץ זיך האַסטיק אויף. איך דריי אויף דאָס עלעקטרישע לעמפּל. איך קוק זיך אַרום. שאַ, שטיל. א בייזער חלום האָט זיך מיר געחלומט.

✶

אין פעלדאַפינג

13־טער מאַי.

אין די פריערדיקע נאָטיצן האָב איך שוין דערציילט, אַז מיר האָבן דעם פעלדאַפינגער לאַגער איינמאָל באַזוכט שוין, נאָר צוליב דער נאָכלעסיקייט פון דער מינכענער אַדמיניסטראַציע איז קיין זאַך אין לאַגער נישט צוגעגרייט געוועזן פאַר אונדז און מיר האָבן געמוזט גלייך אָוועקפאָרן צוריק.

די פעלדאַפינגער האָבן זיך שטאַרק דערפון געערגערט. ס'איז זיי נישט אָנגעשטאַנען וואָס זייער לאַגער איז אַזוי אָרעם אַרויסגעפאַלן פון צו זיין פון די ערשטע אויף אונדזער פּראָגראַם. ווארים לויט זיין פאַרנעם און גרויס (איבער זעקס טויזנט באַפעלקערונג) פאַרדינט דער פעלדאַפינגער לאַגער צו זיין פון די ערשטע.

דערפאַר איצט, צום צווייטן מאָל ווען מיר קומען, איז אַלץ צוגעגרייט אויפן בעסטן אופן.

מיר באַקענען זיך גלייך מיט אַן אַקטיווער פאַרשטייערשאַפט און מיט אַן אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט. עס גיט אַ ווײ אויף אונדז מיט ענערגיע און מיט טעמפעראַמענט.

ס'איז דער פעלדאַפינגער לאַגער, וואָס צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס אַרבעטער פון דעם ישוב (אַן ערך אַ פופצן הונדערט אין צאָל) זענען אָרגאַניזירט אין אַן אַרבעטער־קאָמיטעט.

יעדער ווערקשטאַט איז פאַרטראָטן אינעם אַרבעטער־קאָמיטעט.

די פעלדאַפינגער ווילן האָבן, אַז זיי זענען געווען די סאַמע ערשטע צו וואַרפן איבער אַלע לאַגערן דעם לאָזונג פון אַרבעט, פון ווערקשטאַטן און פאַך־שולן, און אַז זיי זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן אַזוינע ווערקשטאַטן גענומען בויען.

אויף וויפיל דאָס איז ריכטיק נעם איך זיך נישט אונטער צו זאָגן. מיטגלידער פון אַנדערע לאַגערן, ווי פערנוואַלד, למשל, אָדער לאַנדסבערג, ווייזן אַרויס אייפערזיכט ווען זיי הערן אַזוינס פון אַ פעלדאַפינגער. זיי זענען נישט גערן צו אָנערקענען די בכורה פון פעלדאַפינג.

כ'הער נישט איינמאָל אַ מענטשן פון אַן אַנדער לאַגער זאָגן: אַ, פעלדאַפינג — דאָרט איז אַ צו גרויסער קאָך פון פּאַרטייען, דאָרט דאָמינירן בונדיסטן, קעגנער פון ארץ ישראל, א. אַז. וו.

נעם איך זיך נישט אונטער, זאָג איך, צו משפטן אויף וויפל דאָס איז ריכטיק.

א באזוך פון א טאָג אָדער צוויי אין א לאַגער איז נישט גענוג צו קאָנען אָריענטירט ווערן אין אַלע אינערלעכע פּרטים פונעם אזוי-גערופע־נעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם לאַגער.

אויף וויפיל אָבער מען קאָן משפּטן פון ערשטע באַקאַנטשאַפטן און איינדרוקן איז א טייל אמת יאָ פאַראַן אין דער כאַראַקטעריסטיק, וואָס מענטשן פון אנדערע לאַנדערן גיבן דעם לאַגער פון פעלדאַפינג.

פּאַרטייאישע לײַדנשאַפטן, שאַרפקייטן זענען דאָ קענטיקער ווי אין אַנדערע לאַגערן.

איך גיי נישט אַריין אין תוך פון די שאַרפקייטן און פּאַרטיי־סיכסוכים פון פעלדאַפינג. איך בין זיך מודה, אַז זיי וועקן נישט אין מיר קיין גרויסן אינטערעס.

נישט, חלילה, דערפאַר ווייל איך באַצי זיך מיט גרינגשעצונג צו דעם. גראָד פאַרקערט: צוליב מיין גרויסער אכטונג צו אַלע לאַגער־יידן, אָן אויס־נאָם, ווערן אין מיינע אויגן די פּאַרטיי־שטרייטן אין די לאַגערן בטל ומבוטל אין דעם ים פון זייערע ליידן און פּיינען.

די פּאַרטיי־שטרייטן אין די לאַגערן זעען אויס אין מיינע אויגן נישט מער ווי א קינדער־שפּיל, נישט מער ווי א ירושה פון עפּעס א געוואוינהייט, וואָס האָט מיטן עצם לעבן פון לאַגער גאָרנישט צו טאָן.

פּאַרטייען מוזן דאָך האָבן אונטער זיך קאָנקרעטע יסודות, מוזן זיך דאָך סומך זיין אויף אויסגעשפּראָכענע געזעלשאַפטלעכע אַנדערשקייטן, אינטערעסן און לעבנס־פאָרמען.

וואָס פאַרא אַנדערשקייטן פון פּסיכיק און אינטערעסן קאָן זיין אין א לאַגער, וואו אַלע אָן אויסנאַם עסן פון איין „אונרא"־שיסל, וואו אַלע לעבן איינעם און דעם זעלבן טרויער־לעבן און וואו אַלע אָן אויסנאַם קוקן אויס די אויגן אוועקצוגיין פון דער ערד אויף וועלכער זיי זיצן — אַן ערד, וואָס אַלע אָן אויסנאַם פאַרשילטן מיט דער זעלבער פאַרשילטעניש.

איין־איינציקער שטרייט־פּונקט קאָן זיין, און ער איז דאָ. דאָס איז: ארץ ישראל.

אין אַלע לאַגערן דאָמינירט דער ארץ ישראל סענטימענט. דאָס איז אַן אַבסאָלוטער פאַקט. ארץ ישראל איז די הויפּט־בענקשאַפט פון כמעט אַלע לאַגער־יידן. אויך פעלדאַפינג איז נישט קיין אויסנאַם. מער נישט — אין פעלדאַפינג, ביי א טייל פונעם לאַגער, איז די ארץ ישראל טעמפּעראַטור אויף עטלעכע גראַד נידעריקער. א געוויסע צאָל איז אויסגעשפּראָכן קלאָר אַנטי־ציוניסטיש.

אָבער אפילו די קעגנערשאַפט דאָ איז דאָך אויך נישט מער ווי אַב־סטראַקטע. קיין פּראַקטישע אָנווענדונג קאָן זי דאָ נישט האָבן. פּשוט דערפאַר, ווייל דער ייד אין לאַגער, צו וואָס פאַר א פּאַרטיי ער זאָל זיך אין דמיון נישט צושרייבן, שטייט ניט פאַר קיין ברירה. עס איז אים נישט געגעבן קיין אויסוואַל ער זאָל זיך קאָנען אויסקלייבן אַן אַנדער לאַנד

וואוהין צו עמיגרירן. די גאַנצע וועלט איז פאַרשלאָסן פאַר אים. די גאַנצע, אָן אויסנאַם. דער זיסער בעווין, וועלכער לאָזט נישט גיין קיין ארץ ישראל, לאָזט דען דעם בונדיסט גיין קיין ענגלאַנד, למשל?

אזוי ארום מוז אפילו דער טעאָרעטישער קעגנער פון ארץ ישראל, צי ער איז אַ בונדיסט, צי אַ קאָמוניסט, צערטלען אין זיך אַ האָפענונג צו קריגן אַ נישט־טעאָרעטישן סערטיפיקאַט קיין ארץ ישראל. ער מוז נעבעך עובר זיין אויף דער מצווה פון שנאת־ציוניזם.

*

איך מאַך די פּאָר באַמערקונגען אין מיינע נאָטיצן וועגן פעל־דאָפינג. אָבער אַ שייכות האָבן זיי צו אַלע לאַגערן, נישט נאָר צו פעלדאָ־פינג. פעלדאָפינג אַליין נעם איך אויף מיט דער זעלבער ליבשאַפט, מיטן זעלבן אויפציטער, מיט וועלכע כ׳האָב אריינגענומען אין זיך די מענטשן און זאַכן פון אַנדערע לאַגערן.

און ס׳איז דאָ וואָס אויפצונעמען. אַזויפיל ווערקשטאַטן, קיבוצים, שולן, הכשרות, פּאַרטיזאַנער־קאָלעקטיוון, אַ צייטונג, אַ שפיטאָל, אַן איר־גענער טעאַטער, וואָס איז אַ זעלטנקייט, אַן אמתע קינסטלערישע דערגרייַ־כונג, און ועל כולם — טאָקע דער ארבעטער־קאָמיטעט, וואָס טראָגט אריין אינעם גאַנצן לעבן פונעם לאַגער אַ גייסט פון באַוואוסטזיניקער אַקטיווי־טעט, פון ארבעטער־ערלעכקייט, פון ארבעטס־מאָראַל.

די מאָראַל באַשטייט אין דעם: כל־זמן אַ מענטש געפינט זיך דאָ וואו ער געפינט זיך, מוז ער טאָן אַלץ וואָס ער קאָן, אַז זיין שטיקל לעבן, ווי אָרעם און ווי ענג ס׳איז נישט, זאָל זיין גייסטיק אויף אַ הויכער מדרגה.

אגב דאַרף מען אפילו אויף די שאַרפקייטן פון פּאַרטיי־דיסקוסיעס אין די לאַגערן, נישט געקוקט אויף זייער הענגען אין דער לופטן, געפינען אַ זכות.

אַ מענטש וויל נישט זיין אונטערגעוואָרפן אונטער דער שליטה פון לית־ברירה; ער וויל זיך איינשמועסן, אַז ער האָט אַן אויסוואַל פון עטלעכע אידייען און פון עטלעכע מעגלעכקייטן, אפילו ווען ער ווייסט קלאָר, אַז ער האָט זי נישט.

אויך ארץ ישראל פאַר אַ יידן מוז זיין קודם־כל אַן ענין פון ליב־שאַפט, פון אינטימן אויסוואַל, פון וועלן גיין אהין אין פרייען רצון און נישט בעל־כרחו.

שטעלט זיך אַ ייד אַוועק אַמאָל דיבאַם קעגן ארץ ישראל נישט דער־פאַר וויל ער האָט נישט ליב ארץ ישראל, נאָר דערפאַר וויל אים פייניקט דער פאַקט, וואָס אין ערגעץ אַנדערש וויל מען אים נישט אריינלאָזן.

*

איך האָלט פאַר נייטיק צו ברענגען דאָ צוויי כאַראַקטעריסטישע שמועסן, וואָס כ'האָב געהאַט מיט אַ פּאָר פעלדאַפינגער, אַקוראַט נאָכן אַרויסגיין ביינאַכט פון דער אַרמאַרי, וואו מיר האָבן פאַר איבער צוויי טויזנט מענטשן דורכגעפירט אַן אָוונט.

דער דרויסן פונעם לאַגער איז דאָ באַזונדערס אַ שיינער.

פעלדאַפינגער לאַגער געפינט זיך אויפן ברעג פון דער שטאַרענבערגער אָזערע.

יידן אויף זייער טויט־מאַרש נאָך טיראָל זענען, אין מאָמענט פון דער באַפרייאונג, אַריינגעפאַלן אין פעלדאַפינג, אויפן ברעג פון דער אָזערע. — זענען זיי דאָ פאַרבליבן לאַגערן אויך נאָך דער באַפרייאונג.

אין געטומעל פון די רעדלעך עולם גיט מיך איינער אַ ציי פאַר דער האַנט, פירט מיך אָפּ אין אַ זייט און זאָגט מיט גרויס סודותדיקייט:

— איך מוז מיט אייך עפּעס רעדן באַזונדער.

דער אופן ווי אַזוי ער ציט מיך פאַר דער האַנט און ווי אַזוי ער רעדט, מאַכט מיך נייגעריק: נאָט ווייס וואָס דער מענטש האָט מיר אַזוינס צו זאָגן!

איך שפּיץ אָן די אויערן.

ערשט — וואָס, מיינט איר, זאָגט צו מיר דער מענטש?

ער זאָגט צו מיר אָט־וואָס:

— צי זעט איר נישט אַליין, איך פרעג אייך, ווי אַלע יידן אין די לאַגערן פאַרקריכן אין רעאַקציע? — עס איז דאָך שרעקלעך.

פון אָנפאַנג כאַפּ איך נישט וואָס דער ייד מיינט, אָבער איך זע שוין איין, אַז קיין גוואַלדיקע סודות וועלן דאָ נישט אַנטפּלעקט ווערן פאַר מיר. איך גיב נישט ווילנדיק אַ לאַך, אָבער איך פאַרכאַפּ זיך, כדי אַ יידן נישט צו פאַרשעמען.

— וועלכע רעאַקציע מיינט איר? — פרעג איך.

— איך מיין — אָט דאָס געשריי אַלעמענס: ארץ ישראל, ארץ ישראל! ס'איז שרעקלעך, זאָג איך אייך. מען קאָן נישט אָטעמען. נאָר ארץ ישראל. רק ארץ ישראל!

ווערט שוין דער ייד פאַר מיר טשיקאַווע מיט זיין אויסגעשריי: „מען קאָן נישט אָטעמען". אַ געוויסער ביטאָן אין זיין קול נעמט מיך אפילו רעגערווירן. איך דערמאָן זיך אָבער גלייך, אַז איך האָב נישט קיין רעכט צו ווערן אין כעס אויף אַ לאַגער־ייד, ווער רעדט נאָך צו באַציען זיך צו זיינעם אַן אַרגומענט מיט גרינגשעצונג. מיין שטענדיקער געפיל איז, אַז דער לאַגער־ייד אין אין אַלץ גערעכט, און אַז אַלע זיינע איבערלעבונגען, אפילו די וואָס געפעלן מיר נישט, דאַרפן געמאָסטן ווערן נאָר מיט זיין מאָס.

זאָג איך צו אים:

— איך פאַרשטיי בכלל נישט אייער אויפרעגונג, מיין פריינט. און פאַר־וואָס איז ארץ ישראל שרעקלעך?

— יאָ, ס'איז שרעקלעך, — זאָגט ער. — און איר, זע איך, זייט אויך א הייסער אַנהענגער פון ארץ ישראל. ווי קומט עס צו אייך?

— עס וועט מוזן קומען אויך צו אייך, זאָג איך גוטמוטיק.

— ניין, ניין, — נעמט דער ייד פּראָטעסטירן, — ארץ ישראל איז רעאַקציע.

— לאָזט אָפּ מיט רעאַקציע, — זאָג איך, און נעם אים פאַר א האַנט. — ברויכט נישט אַזוינע גאַרנישט־זאָגנדיקע ווערטער. כ'וועל אייך בעסער פרעגן אַן אַנדער פראַגע: לאָזט אייך דען עמיצער פון די יידן דאָ נישט טראַכטן וועגן א וועלכן נישט איז אַנדער לאַנד אויסער ארץ ישראל? שטערט אייך דען עמיצער צו טראַכטן אָדער צו פאָרן ערגעץ אַנדערש?

— ניין, קיינער שטערט מיר נישט. — זאָגט ער. — שיין וואָלט איך אויסגעזען, ווען עמיצער שטערט מיר צו טראַכטן דאָס וואָס איך וויל טראַכטן.

— האָט איר וואוהין צו פאָרן אויסער ארץ ישראל — פרעג איך.

— ניין, — זאָגט ער. — איך האָב נישט. מען לאָזט אין ערגעץ נישט אריין.

— טאָ וואָס-זשע רעדט איר?

—אָבער אין ארץ ישראל לאָזט מען דאָך נישט אריין — נעמט דער ייד בייזערן זיך.

— יאָ, ריכטיק, — זאָג איך. — אָבער ארץ ישראל שטייט דאָך אויפן יידישן טאָג־אָרדענונג, אַזוי צו זאָגן. אָט רעדט מען וועגן הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן קיין ארץ ישראל. ווען די לאַגערן קריגן די הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן, וואָלט עס געווען שלעכט? איך פרעג אייך.

— איך זאָג עס נישט. אדרבה, עס וואָלט געווען זייער גוט. אָבער פאַרוואָס נאָר פאַרלייגן זיך אויף איין לאַנד, אויף ארץ ישראל? מען נעמט און מען שפּאַרט מיך צו צו דער וואַנט: נאָר ארץ ישראל! פאַרוואָס זאָל מען נישט עפענען פאַר אונדז די טויערן פון אַלע לענדער?

— אדרבה, — זאָג איך. —הלוואי זאָל מען טאַקע עפענען.

— אָבער מען עפנט דאָך נישט, — נעמט דער ייד צאָרענען. — מען עפנט דאָך נישט.

— יאָ, ריכטיק. איר זייט גערעכט. מען עפנט נישט.

— קיין ארץ ישראל, — האַלט דער ייד אין טענהן — גייט אָן אַן אומלעגאַלע עמיגראַציע. א סך פון די לאַגערן לאָזן זיך אוועק אָן דערלויבענישן, מען רייסט זיך דורך גרענעצן. מען גייט אויף סכנה. פאַרוואָס רייסט מען זיך נישט אויך צו אַנדערע לענדער? פאַרוואָס עפּעס נאָר קיין ארץ ישראל?

—אויף דעם, זאָג איך, — דאַרפט איר מיר ענטפערן.

— איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן אויף דעם. איך ווייס נישט — זאָגט ער אין גרויס פאַרלאָרנקייט.

— איך וועל אייך יאָ ענטפערן, — זאָג איך, — פאַרוואָס יידן רייזן זיך קיין ארץ ישראל אפילו אויף אַן אומלעגאַלן אופן, און צו אַנדערע לענדער רייזן זיי זיך ווייניקער אָדער גאָרנישט. זיי רייזן זיך קיין ארץ ישראל, ווייל גאַר פשוט: קיין ארץ ישראל ווילן זיי זיך רייזן. איר פאַר־שטייט?

דעם יידנס קול גיט מיטאַמאָל אַ פאַל אַרונטער און ער נעמט שטאַמ־לען:

— און אפשר וואָלט מען פּרובירט עפּעס טאָן דאָ אין דייטשלאַנד?...

איך ווער אויפגעציטערט פון דער דאָזיקער ווענדונג. מיין מיטשמוע־סער דערפילט עס. ער נעמט אַליין אויפציטערן.

— איך מיין, איך מיין, — נעמט ער פּליסטערן, — איך מיין, אַז מיר האָבן דאָך קיין ברירה נישט...

— קאָנט איר אייך פאָרשטעלן, — פרעג איך, — אַז יידן זאָלן אַרויס פון די לאַגערן און צעשפּרייטן זיך צווישן די דייטשן? קאָנט איר אייך פאָרשטעלן אַזאַ געמיינהייט, אַז יידן זאָלן שוין גלייך ווערן די אויפ־בויער פונעם לאַנד, וואָס האָט פאַרברענט זעקס מיליאָן יידן, וואָס האָט חרוב געמאַכט אונדזער פאָלק?

דער ייד שטייט אַ דערשראָקענער פון זיינע אייגענע רייד, אַ צעטומל־טער, אַן אומגליקלעכער.

— איר זייט גערעכט, — זאָגט ער. — פאַרגיט מיר, כ׳האָב נישט דאָס געמיינט. כ׳האָב געמיינט...

— וואָס איר זאָלט נישט האָבן געמיינט, איז נישט גוט, — זאָג איך.— נישט גוט. נישט גוט.

דער ייד שטייט מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ. אויך זיינע אַקסלען גיבן אַ זינק אַרונטער׳ אַזוי ווי פון אַ שווערער, דריקנדיקער משא.

איך לייג אַרויף אַ האַנט אויף זיין אַקסל און זאָג, ווי כ׳וואָלט וועלן מיט עפּעס אים טרייסטן:

— ס׳איז שוין שפּעט. גייט צו זיך. שטייט נישט אַזוי פאַרלאָרן. טראַכט גוט איבער דעם ענין.

דער ייד אָבער הייבט נישט אויף דעם קאָפּ צוריק, און אויך זאָגן זאָגט ער מער גאָרנישט.

איך זאָג אים „אַ גוטע נאַכט״ און לאָז אים איבער אַ שווייגנדיקן, אַ צערודערטן.

*

איך נעם צוריקגיין צו דער געדיכטעניש פון עולם — שטעלט מיך אַ צווייטער ייד אָפּ:

— אנטשולדיקט, זאָגט ער, — איך וויל ביי אייך עפּעס פרעגן. אָבער איידער איך פרעג, וויל איך אייך עפּעס דערציילן. האַייאַריקן ערשטן מאַי האָבן מיר דאָ אין אונדזער לאַגער געהאַט גאַנצע צוויי ערשטער-מאַי דעמאָנסטראַציעס. איין דעמאָנסטראַציע האָבן דורכגעפירט דער „בונד", די קאָמוניסטן און די לינקע פּועלי־ציון; די צווייטע דעמאָנסטראַציע האָבן דורכגעפירט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, דער „השומר הצעיר" און דער פּאַרטיזאַנער קאָלעקטיוו „העובד". ביידע דעמאָנסטראַציעס זענען פאָרגעקומען אין איין צייט, צען אַזייגער אין דער פרי, אויף צוויי באַזונדערע פּלעצער. אין דער ערשטער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך באַטייליקט אַרום טויזנט מאַן; אין דער צווייטער זייט — אַרום זיבן הונדערט. וועט איר דאָך מסתמא פרעגן, פאַרוואָס דאַרף מען אין איינעם און דעם זעלבן לאַגער דורכפירן צוויי באַזונדערע דעמאָנסטראַציעס? פאַרוואָס קאָן אַ יידישער „די־פּי"-לאַגער, וואָס עסט דאָס זעלבע „אונרא"־ברויט און די זעלבע זויערע זופּ פון איין שיסל, נישט מאַכן דעם ערשטן מאַי איין פאַראייניקטע פייערונג? דער ערשטער מאַי איז דאָך עפּעס אַ יום־טוב פון אייניקייט, פון ברידערלעכקייט, בפרט נאָך דאָ אין אַ לאַגער פון קאַצעטניקעס, וועמען היטלער האָט געשמיסן מיטן זעלבן קנוט און געברענט מיטן זעלבן קרעמאַטאָריע־פייער. האָ? איך פרעג אייך. און פאַרגעסט נישט, אַז מיר זיינען ערשט קוים אַ יאָר נאָך דער באַפרייאונג. היטלערס שמיץ זענען נאָך היים אויף אונדזער לייב און זיינע נומערן גליען נאָך אויף אונדזערע אָרעמס. איז ווי־זשע קומט עס? וועט איר פרעגן. וועל איך אייך ענטפערן: די סיבה, פאַרוואָס ס'האָט נישט געקאָנט זיין איין פאַראייניקטע דעמאָנסטראַציע, איז געלעגן — ווייסט איר אין וואָס? אין די פאָנען. בעסער געזאָגט: אין דער יידישער פאָן. נאָך בעסער געזאָגט: אין דער ווייס־בלויער פאָן. איר פאַרשטייט? — דער בונד, די קאָמוניסטן און די לינקע פּועלי־ציון האָבן געוואָלט, אַז אויף דער דעמאָנסטראַציע זאָל מען טראָגן נאָר די רויטע פאָן, און נישט מער. דער צווייטער צד האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל טראָגן אי די רויטע פאָן, אי די ווייס־בלויע פאָן. דער ערשטער צד האָט געטענהט, אַז אפילו אין ארץ ישראל טראָגט מען דעם ערשטן מאַי נאָר די רויטע פאָן אַליין, ווייל דער ערשטער מאַי איז דורכויס אַ סאָציאַלער און נישט קיין נאַציאָנאַלער יום־טוב; דער צווייטער צד האָט אָבער אַנטקעגן געטענהט, אַז אויב ס'איז אפילו אַזוי, וויל ער גראַד — ווייל דאָ אין לאַגער — אויף יעדן יום־טוב אַרויסשטעלן אויך די יידישע פאָן. — נו, פאַרשטייט איר דאָך, אַז צוליב אַזאַ האַרבער טריף־און־כשר־שאלה איז די אייניקייט נישט צושטאַנד געקומען. די פּוסקים האָבן נישט געקאָנט קומען צו קיין הסכם; דער ערשטער צד האָט בשום אופן נישט געקאָנט פּועלן ביי זיך איינצוגיין אויף אַזאַ טרפות, רחמנא יצילנו. איז געבליבן, אַז מען זאָל מאַכן צוויי דעמאָנסטראַציעס און יעדער צד זאָל באַזונדער פּראַווען און פייערן דעם

יום־טוב פון אייניקייט. — אָט דאָס איז די מעשה. איצט וויל איך אייך פרעגן: וואָס זאָגט איר דערויף? ווי געפעלט אייך עפּעס אַן אייניקייט, וואָס מען פּראָוועט באַזונדער?

דער מאַן שטעלט אָן זיין שאַרפן פּנים און כ'זע אין זיין גאַנצער האַלטונג, אַז אַלץ וואָס ער איז אויסן איז: דערציילן מיר די מעשה. אויף מיין ענטפער וואַרט ער נישט, ווייל ער ווייסט קלאָר וואָס פאַר אַן ענטפער עס קאָן זיין אויף דעם.

זאָג איך צו אים טאַקע:

— צי אַלץ וואָס איר דערציילט מיר איז טאַקע אַזוי געווען, קאָן איך, פאַרשטייט זיך, נישט פעסטשטעלן; אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער לעבן איז עס ביז גאָר. קיין ענטפער דאַרף איך אייך נישט געבן, ווייל איר האָט דעם ענטפער אַליין געגעבן. אָבער פאַר דערציילן מיר די מעשה — אַ דאַנק סיי־ווי־סיי.

גייענדיק דערנאָך צו זיך, קומט מיר אַרויף אויפן זינען מיינס אַ ליד „ערשטער מאַי 1935", וואָס הייבט זיך אָן מיט די פאָלגנדיקע שורות:

אויף יוניאָן־סקווער מאַרשירן קאָמוניסטן,
אויף פינפטער עוועניו מאַרשירן סאָציאַליסטן,
און צווישן ביידע מחנות — רייטער פּאָליציי...

נעמען די דאָזיקע שורות איצט און שטעלן זיך אַליין איבער, און אַנדערשן זיך אַליין איבער:

אויף איין זייט לאַגער מאַרשירט די רויטע פאָן,
און אויף דער צווייטער זייט — די ווייס־בלויע פאָן,
און צווישן ביידע — מיט אַ שוואַרצער פאָן —
מאַרשירן קדושים זעקס מיליאָן.

*

...אויפשריפטן אויף די ווענט פון די שולן און קיבוצים אין פּעלדאָפינג:

„תחי ארץ ישראל העובדת".
„זאָל לעבן אַ סאָציאַליסטישע ארץ ישראל."
אין די וועגשטאָטן הענגען אויף די ווענט פּלאַקאַטן:
„רעדן יידיש."
„וויסן איז מאַכט".
„געזעלשאַפטלעך אייגנטום איז הייליק."
„פרייהייט פאַר די לעבן־געבליבענע".
„מיר שאַפן און בויען פאַר זיך."
„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך."

אין קאָרידאָר פון דער שול־געביידע הענגט אזא כאראקטעריסטישער אויפשריפט:

„מיר רעדן נישט קיין פויליש, נישט קיין אונגאריש, נישט קיין ליט־וויש, נישט קיין רומעניש. מיר רעדן נאָר יידיש אָדער עברית".

אויף א וואנט פון א יוגנט־קלוב ציט־צו צו זיך אן אויפשריפט:

„יידן פון אלע לענדער, פאראייניקט אייך".

*

אויך דאָ, אין פעלדאפינגער לאגער, פירן מיר דורך א סימפאָזיום, ווי מיר האָבן עס געטאָן אין לאנדסבערג און אין פערנוואלד. א חוץ דעם האָבן מיר א זיצונג מיט דער עקזעקוטיווע פונעם ארבעטער־קאָמיטעט.

די רעדעס, וואָס די פעלדאפינגער האלטן פאר אונדז סיי ביי דער עק־זעקוטיווע, סיי ביי דעם סימפאָזיום, טראָגן כמעט דעם זעלבן כאראקטער פון די רעדעס אין לאנדסבערג און פערנוואלד. דאָך איז צו מערקן אין זיי א ביסל אן אנדער קנייטש. דערהויפט אין די ווערטער וואָס ווערן געזאָגט אויף דער זיצונג פון דעם ארבעטער־קאָמיטעט.

ס'וועט נישט זיין איבעריק, אפילו ווען דאָ און דאָרט קאָן עס קלינגען ווי אן איבערחזרונג, צו ברענגען אויסצוגן פון די געהאלטענע רעדעס אויף ביידע צוזאמענקונפטן.

אויך דאָ זענען מיר, געסט, געווען נאָר אנרעגער צו די שמועסן, און נאָכן אָנהייב, אין משך פון א פאָר שעה, דורכוים צוהערער.

איך ברענג פון זייערע רעדעס די שטעלן, וואָס האָבן זיך מיר אויסגע־וויזן צו זיין כאראקטעריסטיש און וויכטיק צו פארצייכענען.

★

פון דער עקזעקוטיווע־זיצונג פונעם ארבעטער־קאָמיטעט:

—„די חברים געסט פון אמעריקע דארפן וויסן, ווי שווער ס'איז אונדז אָנגעקומען, נאָך אזויפיל יאָרן פון היטלערס עבודת־פרך, אריבערצוגיין צו פרייוויליקער ארבעט דאָ אין לאגער, צו אָנהייבן פילן שעפערישן טעם אין ארבעט. אָבער מיר האָבן עס דערגרייכט. כאָטש מיר זיצן אין לאגערן. — — אונדזער אָרגאניזירטער ארבעטער־קאָמיטעט איז דער בעסטער באווייז דע־רויף. פעלדאפינג איז דער ערשטער לאגער וואָס האָט אן ארבעטער־קאָמי־טעט, אן אָרגאניזירטע פארשטייערשאפט פון ארום פופצן הונדערט ארבע־טער. — — מיר האָבן אויך, א חוץ די נויטיקסטע קולטור־אנשטאלטן ווי קינדער־שולן, קינדער־היימען און צוזאמענוואוינונגען, א דראמאטישע סטו־דיאָ אונטערן נאָמען „עמך", וואָס האָט שוין דערוויזן צו געבן עטלעכע געראָטענע פאָרשטעלונגען. לעצטנס שפילט אונדזער סטודיאָ אנסקיס

„דיבוק". אונדזערע געסט ווילן נאָך טאָקע היינט נאַכט אַליין זען די קינדער־שולן, קינדער־היימען און צוזאַמענוואוינונגען, אַ דראַמאַטישע סטו־דיאַ אונטערן נאָמען „עמך", וואָס האָט שוין דערוויזן צו געבן עטלעכע געראָטענע פאָרשטעלונגען. לעצטנס שפילט אונדזער סטודיאַ אַנסקים פאָרשטעלונג וואָס וועט געגעבן ווערן לכבוד זיי. — — מיר האָבן נישט גענוג טעאַטער־מאַטעריאַלן, נישט גענוג בינע־מיטלען. דאָס איינציקע וואָס מיר פאַרמאָגן איז: דאָרשט און בענקשאַפט נאָך יידישער קולטור און נאָך אַ פריי און שיין לעבן. — — "

—„אַ גרויסע דערציערישע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן ביי אונדז, כדי אָפּצוראַטעווען אונדזער יוגנט פון תהום פון דעמאָראַליזאַציע. — — מען דאַרף זאָגן דעם אמת: אַ היפּשער טייל פון אונדזער יוגנט איז געווען פאַרווילדעוועט. — — איצט דערציען מיר זיך איבער. אָבער נישט אַלע קאָנען אויפגענומען ווערן אויף אַרבעט; מיר האָבן נישט גענוג שטאָפּן און נישט גענוג געצייג. — — און אונדזער אַרבעטס־לוין איז: אַ פּעקל סיגאַרעטן. אמאָל אויך דאָס נישט. — — מיר פאַרלאַנגען פון אַמעריקע וואָס שנעלערע און וואָס קאָנסטרוקטיווערע הילף. עס פעלן דאָך אונדז אפילו נאָדלען. יאָ, פּשוטע נאָדלען. — — — און אפילו אז מיר אַרבעטן — ווילן מיר אַרויס פון דאַנען; אונדזער שטאַנדפּונקט איז: אויב עס וועט אונדז געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט צו גיין קיין ארץ ישראל, שטייט דער גאַנצער לאַגער גרייט דערויף. מיר זענען אָבער אויך דערפאַר, אַז אויב ס'איז דאָ פאַר וועמען נישט איז אַ מעגלעכקייט צו גיין ערגעץ אַנדערש אין איינעם פון די דעמאָקראַטישע לענדער, זאָל ער אויסבאַדינגט די מעג־לעכקייט אויסנוצן און זאָל גיין אַהין. — — "

פון דעם סימפּאָזיום:

— „עס הערשט צווישן אונדז אַ גייסטיקע מידקייט. עס ווילט זיך אַנטלויפן פון די צרות. עס ווילט זיך אפילו צופיל נישט רעדן וועגן דעם. — עס מאַכן אַ טעות די וואָס קומען צו אונדז, ווען זיי ווילן אונדז פאַרוואַנדלען נאָר אין קדושים וועמען מען דאַרף באַזינגען. מען דאַרף נישט רעדן מיט קיין באַזונדער שפּראַך וועגן אונדז. מען דאַרף טאָן נאָר איין זאַך: צונויפ־בינדן אונדז מיטן גאַנצן פאָלק. ס'איז נישט קיין קאַצעטן־פּראָבלעם, ס'איז דאָ נאָר איין יידישער פּראָבלעם. — — אונדזער מאַטעריעלער מצב צע־קריפּלט אונדזער גייסט. זאָל מען אונדז איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַפרייען פון דער שנאָרעריי, פון דער „אונרא", פון אַלץ מיט אַנאַנדער. לאָמיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפהערן צו זיין אויסדערוויילטע. — — "

— „זאָל מיר ווער דערקלערן די סיבה פאַרוואָס, ווען די נאַציס זענען באַפאַלן אונדזער פאָלק און אויסגעשאָכטן פון אונדז איבער זעקס מיליאָן, האָט קיינער אין דער וועלט זיך פאַר אונדז נישט איינגעשטעלט אויף אַן אמת? קיינער נישט. אפילו נישט די לינקע. זאָל מיר ווער דערקלערן. — —"

— „כ'האָב געהערט ווי מען רעדט צווישן אונדז שלעכטס אויף אונד־זער יוגנט. זאָג איך, אַז ס'איז בפירוש אַן עוולה. אַ גרויסע עוולה. מיר האָבן די שענסטע יוגנט. מיר האָבן נישט צווישן זיך קיין שאַרפן פּראָב־לעם פון קינדער־הפקרות, פון בראַדיאַגעס, פון גנבים, ווי ס'האָבן די אַנ־דערע פעלקער אַרום אונדז. אונדזער יוגנט, אַנשטאָט צו ווערן פאַרברעכער, אָרגאַניזירט זיך גאָר אין קיבוצים. דאַרף מען נישט רעדן קיין שלעכטס אויף דער יידישער יוגנט. מען דאַרף אויך נישט מורא האָבן אונטערצו־שטרייכן אונדזער אויסדערוויילטקייט. וואָס האָט מען ביי אונדז גענומען מיט אַמאָל פאַרלייקענען אונדזער אויסדערוויילטקייט, שפּייען קלעס אויף איר? אַ שיין פּנים וואָלטן מיר געהאַט אַן דעם. — — אונדזער יוגנט וויל נישט בלייבן אין אייראָפּע? ריכטיק אַזוי. פאַרוואָס זאָל זי יאָ וועלן בלייבן אין אַ וועלט פון טומאה? פאַרוואָס זאָל זי יאָ וועלן בלייבן אויף אַ בית־הקברות? — — אונדזערע לעבנס זענען געשענקטע — דאַרפן מיר אונדזע־רע לעבנס צוריק אַוועקשענקען דעם פאָלק אונדזערן. — — "

— „אַלס אַ יידישער אַרבעטער זאָג איך, אַז מיר זענען דאָ געוואָרן צו ענג־נאַציאָנאַליסטיש. מיר טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן פון פעלקער, פון דעמאָקראַטיע, פון פּראָגרעסיווע אידעאַלן. ווען יידן ווילן בויען ארץ ישראל, מוזן זיי זיך אויך שטיצן אויף דער הילף פון אַרום, פון אַנדערע פעל-קער. — —

— „מען רעדט וועגן גאולה פון צער, וועגן גאולה פון טרויער. — ווייס איך נישט ווי אַזוי מען קאָן אויסלייזן אונדזער צער איידער מיר אַליין זענען אויסגעלייזט. — — מען רעדט אויך אַ סך ביי אונדז וועגן רעלי־גיע, — וויל איך אייך זאָגן, אַז אויך דער פאַרברעכערישער נאַצי נעמט שווין פּלאַפּלען וועגן רעליגיע. לאָמיר זיין פּאָרזיכטיק. — — "

— „און איך וויל אַרויסזאָגן הויך אונדזער פאַרדראָס וואָס דאָס אַמע־ריקאַנער יידנטום האָט אונדז ביז היינט נאָך קיין אמתע אַקטיווע הילף נישט געגעבן. די יידן אין אַמעריקע האָבן פאַרשלאָפן אונדזער טראַגע־דיע. — — די הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן זענען דערווייל נאָך אַ ווייטע האָפענונג. וואו איז די גרויסע אַקציע וואָס דאָס יידישע פאָלק נעמט

אונטער כדי צו ראטעווען אונדז? וואו זענען די דעמאָנסטראַציעס פון אונדזער פאָלק? די שטרייקן? די אויפשטאַנדן? — — "

— „און איך וויל אויך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער יוגנט. פאַרוואָס זאָלן מיר לייקענען אַז עס הערשט צווישן אונדזער יוגנט אַן אומרואיקייט? און אפשר נאָך עפּעס ערגערס ווי אומרואיקייט. עס־האַר־צעס. פאַרגרעבטקייט. אונדזער יוגנט האָט נישט אין וואָס צו גלויבן. פאַר־וואָס זאָלן מיר נישט רעדן אָפן וועגן דעם? — ליגט עס נישט אַרויף אויף די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. זוכט עס אין זיך. — — עס זיינען דאָ צווישן אונדז מענטשן פון תורה און עבודה — פאַרוואָס זוכן מיר זיי נישט? זיי זענען שטילע. זיי זענען גלויביקע. זיי האָבן יאָ ווייזערס אויף זייער זיי־גער. — — "

— „מיר לעבן אין אַן עפּאָכע פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש. אין אַזאַ עפּאָכע ווערט די אַסימילאַציע שטאַרקער; מוז ווערן שטאַרקער. פאַר אונדז, כל־זמן מיר זיינען לאַגערניקעס, שטייט נישט די פראַגע פון אַסי־מילאַציע, ווייל מיר קומען דאָך נישט אין באַרירונג מיט דער וועלט. אָבער די פראַגע פון אונדזער גאַנצן פאָלקס קיום שטייט פאַר אונדז אַזוי ווי פאַר יעדן ייד אין דער וועלט. — — מיר קאָנען מער נישט זיין איזאָלירט און אָפּגעזונדערט פון אונדזער פאָלקס קערפּער. מיר קאָנען נישט. מיר ווערן דערשטיקט אין אונדזער עלנט. — — — "

— „זאָלן די חברים־געסט וויסן, אַז מיט יעדן טאָג רוקט זיך אויף אונדז די סכנה אַז די לאַגערן אונדזערע וועלן נישט אויסהאַלטן, אויב מען וועט אונדז וואָס גיכער נישט אַוועקנעמען פון דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד. זאָלן די געסט דאָס וויסן. זאָלן זיי אונדז העלפן ברענגען אונדזער געשריי צו דער וועלט. אונדזער געשריי איז: נעמט אונדז צו פון דאַנען! שטעלט אונדז נישט אַוועק פאַר אַ נייעם נסיון, פאַר אַ פינצטערן אויסוואַל: אָדער דערשטיקט צו ווערן אין לאַגערן, אָדער אומקומען אין צעשפּרייטקייט אין דעם לאַנד פון אונדזער קללה. לאָזט אונדז גיין קיין ארץ ישראל — צו דעם לאַנד פון אונדזער ברכה. נעמט אונדז אַרויס פון דאַנען! — — — "

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

*

נישט געקוקט וואָס דער סימפּאָזיום ענדיקט זיך שפּעטלעך, האָבן מיר נאָך צייט צו גיין אין דער אַרמאַרי צו דער „דיבוק"־פאַרשטעלונג, וואָס דער

דראַמאַטישער קרייז „עמך" ביים יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט גיט לכבוד אונדז.

די אַרמאַרי איז געפּאַקט. דער עולם זיצט געשפּאַנט. אַריינגעטאָן מיט אַלע חושים אין די „דיבוק"־סצענעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף דער בינע.

די בינע — פאַרשטייט זיך אַ פּרימיטיווע. אויך אַזוי אַלע איבעריקע טעאַטראַלע מיטלען. דערפאַר אָבער איז דאָס שפּילן פון די, אַוודאי נישט־פּראָפעסיאָנעלע, אַקטיאָרן און די סאַמע רעזשי גאַנץ ווייט פון פּרימיטיוו־קייט. זייער אָפּט דערהויבט זיך דאָס שפּילן צו אַן אמתער קינסטלערישער הויך. איבערהויפּט אין די מאָמענטן פון חתונה־טרויער, טויט־הזכרה און נשמה־אַנגסטן. דער גאַנצער עולם נעמט עס אויף ווי אַן אייגענע איבער־לעבונג. מען פילט ווי טויזנטער הערצער, אויפגעציטערטע, אויפגעצאַפּלטע, קומען די שוישפּילער אַנטקעגן. אַזוי ווי אין זיי אַליין, אין די טויזנטער הערצער, וואָלט אַריין דער דיבוק.

צי דען טראָגט נישט יעדער לאַגערניק אין זיך די נשמה פון אַ פאַר־שניטענעם טייערסטן, נאָענטסטן, — דאָס נישט אויסגעלעבטע לעבן פון אַ פאַר דער צייט־אומגעקומענעם?

צי איז נישט דאָס גאַנצע לעבן פון דער שארית הפליטה אין די לאַגערן איין שטיק דיבוק?

צי שטייט נישט יעדע געפּראַוועטע חתונה אין אַ לאַגער אונטערן צייכן פון איינעם, אָדער פון איינער, וואָס קומט פון יענער וועלט מאָנען רעכט און פלאַץ?

איך זיץ צווישן עולם און פיל ווי אין מיר אַליין הייבט אָן עמיצער צו יאָמערן מיט תביעות. אַזוי ווי אין מיר אַליין וואָלט אַריין אַ דיבוק.

ווער איז דער עמיצער? וואָס זענען די תביעות?

דער עמיצער שניידט זיך דורך דורך אַלעמענס הערצער. דורך אַלע־מענס הערצער — צו דער בינע. פון דער בינע צוריק צו אַלעמענס הערצער.

דאָס קומט דער עמיצער מאָנען און טענהן פאַר די אומגעקומענע זעקס מיליאָן.

די זעקס מיליאָן — דער דיבוק.

דער דיבוק — די זעקס מיליאָן.

*

געענדיקט די פאָרשטעלונג. דער עולם לאָזט זיך אַרויס מחנותווייז פון דער אַרמאַרי.

ס'איז שוין אַרום איינס אַזייגער אין דער נאַכט.

ס'גייט מיר נאָך דעם משולחס אומהיימלעך קול פון „דיבוק":

— דער חתן וועט קומען באַצייטנס.

אוודאי טראכט איך, וועט ער קומען. ער מוז קומען. ער מוז.

ווי מיר גייען אזוי מיטן עולם אונטערן טיפן קאלטן נאכט־הימל פון פעלדאפינגער לאגער — ערשט, מיטאמאל, א מהומה. א קול צעטראגט זיך:

— דייטשן זענען באפאלן דעם טויער פון לאגער!

די טויזנטער יידן ווערן דורכגענומען אזוי ווי מיט א פאגראם־פחד. און איך — דאס זעלבע.

עס דערמאנען זיך מיר אין איין הרף־עין די אימה־אנגסטן, וואס איך האב איבערגעלעבט מיט פינף און פערציק יאר צוריק אין מיין היים־שטעטל, אין איהומען, ווען איבערן גאנצן שטעטל האט זיך איין מאל אין אן אוונט פונאנדערגעטראגן די ידיעה אז א פאגראם קומט.

מיט פינף און פערציק יאר צוריק. און אט — ווידער. די זעלבע אימה איז ווידער דא.

דער גאנצער פעלדאפינגער דרויסן נעמט אלארמירן: יידן, דער פאג-ראם איז שוין ווידער דא!

מחנות לאזן זיך צום טויער. קיינער ווייסט נישט קלאר וואס אזוינס דארט ביים טויער קומט פאר. דערווייל נעמען זיך שוין, ווי אנגעצונדענע טרוקענע גראזן, פאנאנדערשפרייטן קלאנגען, און די בהלה נעמט וואקסן.

ביז עס קומט אן אין מינוטן ארום א ידיעה אז די סכנה איז אריבער.

א באנדע דייטשע יונגען האט געמאכט א פאר־זוך ארייצוררייסן זיך דורכן טויער אין לאגער אריין, אבער זי איז פון די יידישע שומרים ביים טויער נאך א געראנגל פארטריבן געווארן.

אזוינע אינצידענטן, זאגן די לאגערניקעס, קומען פאר אפט. דייטשע כוליגאנעס, אדער פשוטע גנבים, קומען אויספרובירן מזל צי וועט נישט געלונגען אמאל ארייצוכאפן זיך אין א וואוינונג פון א יידישן לאגער-ניק.

כאטש די לאגער־יידן ווייסן עס, פונדעסטוועגן, יעדעס מאל ווען אזוינס פאסירט, דערהויפט נאך ביינאכט, ווערן אלע ארומגעכאפט מיט א פאגראם־שרעק.

*

מיר זענען שוין אין צימער ביי זיך. גרייטן זיך צום שלאפן. אלע ארום זענען שוין מער-ווייניקער בארואיקט, אבער איך בין נאך אלץ אונ-טער דער שליטה פון די בהלה־אויסרופן.

אונטער אט דער שליטה ווערן פארגעסן און פארגייען אלע דרשות, אלע רעדעס, אלע וויכוחים.

אלע קשיות ווערן פארענטפערט.

*

אין לייפהיים

18־טער מאי.

מיר זענען צוריק אין מינכען פון פעלדאַפינג. מיר האָבן אויף אונדזער פּראָגראַם נאָך אַ פינף־זעקס פּונקטן: לייפּהיים, שטוטגאַרט, אַשאַו, ציילס־היים; באַזוכן נירענבערג און בערלין, און אויב די ענגלישע אָקופּאַציע־מאַכט וועט אונדז דערלויבן, זענען מיר גערן צו קומען אויף אַ פּאָר טעג אין בערגן־בעלזן.

פון בערגן־בעלזן האָבן מיר אַ ידיעה, אַז מען וואַרט דאָרט אויף אונדז מיט גרויס אומגעדולד.

צום באַדויערן אָבער, ווען מיר קומען אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון „אונרא" אין מינכען, צו אונדזער יידישן ממונה איבער טראַנספּאָרטאַציע, דערשפּירען מיר, אַז סיי ער, סיי אייניקע באַאַמטע איבער אים, זענען אַנט־שלאָסן אונדזער רייזע איבער די לאַגערן איבערצוריסן אינגאַנצן.

ער זאָגט זיך אָפּ צו געבן אונדז אַ מער־ווייניקער באַקוועמען אויטאָ־מאָביל קיין לייפּהיים, כאָטש די רייזע אַהין דאַרף נעמען איבער פיר שעה. ער באַשטייט, אַז מיר זאָלן פאָרן אין אַן אָפענעם מיליטערישן דזשיפּ, אויף וועלכן ס'איז פאַראַן פּלאַץ נישט מער ווי פאַר צוויי מענטשן, אַ חוץ דעם שאָפער. אי מיר זענען דריי, אַ חוץ דעם שאָפער, און די דריטע מיט אונדז איז אַ פרוי, חברה שייוועער. — דאָס גייט אים נישט אָן. אַז מיר וועלן זיך צונויפשטיקן וועלן מיר, הייסט עס, קאָנען מאַכן פּלאַץ פאַר אַ דריטן. אַזוי מיינט ער.

עס שפּילט זיך פאַנאַנדער צווישן אונדז און אים אַ ביטערער שמועס. אונדזער ביטערקייט אָבער העלפט אונדז נישט. ער באַשטייט אויף זיינס. אונדז בלייבט נאָר איין ברירה: אָדער לאָזן זיך אין וועג אויף דעם אומ־געלומפּערטן דזשיפּ, אָדער נישט פאָרן אינגאַנצן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז מיר קלייבן אויס דאָס ערשטע.

מער נישט — צווישן זיך באַשליסן מיר, אַז עמאַ שייוועער זאָל דאָס מאָל נישט מיטפאָרן. זי זאָל בלייבן אין מינכען. עמאַ שייוועער וויל, פאַר־שטייט זיך, פון אָנפאַנג נישט איינגיין אויף דעם; איר געטרייקייט צו אונדזער געמיינזאַמער שליחות דערלאָזט עס איר נישט. אָבער פאַרפאַלן. נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג. דערצו איז נאָך דער טאָג אַ קאַלטער, אַ ווינ־טיקער. זי קאָן זייער לייכט פאַרקילן איר האַלדז, וואָס האָט שוין איין מאָל אַזוי געטראָפן. טאָר עס אַ צווייטן מאָל נישט געשען.

בלייבט עס אזוי. אפרת און איך ווארפן זיך אריין אינעם דזשיפּ, אין די צוויי שמאָלע, הארטע פּלעצער, ארומגערינגלט מיט געזאָלין־קאַנען. מיר וויקלען זיך איין ביז איבערן קאָפּ מיט ארמיי־דעקן און מיר לאָזן זיך אין וועג אריין. מיר קוקן אוים ווי צוויי אויסגעשטרעקטע מומיעס. עמא שייוועך באַגלייט אונדז מיט טרערן אין די אויגן.

ווען מיר פאָרן ארויס פון שטאָט און דער דזשיפּ לאָזט זיך אוועק איבער די פרייע, גלאַטע וועגן — ערשט דעמאָלט נעמט דער ווינט רייסן שטיקער פון אונדז; ווייזט נישט ארויס קיין ברעקל דרך־ארץ פאַר אַן ארמיי־קאָלדרע.

מיר קעמפן אָפּ אזוי שעהנווייז מיטן וואָיענדיקן ווינט, ביז מיר קומען אָן צו אָוונט קיין לייפּהיים.

אויך אין לייפּהיים, ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, האָט מען זיך נישט געריכט אויף אונדז. אָבער מיר פאַרביינן אַלע צערעמאָניעס. מיר נעמען די לאַגע אין די אייגענע הענט און אין איינע צען מינוט איז דער גאַנצער לאַגער אויף די פיס.

מיר גרייטן צו אַ פּראָגראַם כמעט אויף אַ גאַנצער נאַכט, ווייל מאָרגן מוזן מיר פון לייפּהיים פאָרן קיין שטוטגאַרט.

*

איידער מיר הייבן אָן אונדזער אימפּראָוויזירטן אָוונט, לאָזן מיר זיך ארויס איבערן לאַגער צו באַקענען זיך מיט די פאָר גאַסן, מיט די הייזער און מיטן געוועזענעם לופט־פעלד אַהינטערן לאַגער, וואו ס׳ליגן נאָך עד־היום קופּעס צעבראָכענע, צעשמעטערטע נאַצי־עראָפּלאַנען.

די גאַסן זענען פול מיט אחינו בני ישראל, מיט יונגוואַרג, מיט קינדער. עס בילדן זיך ארום אונדז רעדלעך. די רעדלעך באַוועגן זיך מיט אונדז צוזאַמען באַגלייטן אונדז איבער די שטיבער, וואָס מיר ווילן אָנקוקן, איבער די קלובן, איבער די קינדער־שולן און קינדער־היימען.

דער אָוונט איז אַ קאַלטער, אַ לויטערער.

אָט קומען מיר אָן צו אַ סקווערל אין צענטער פון לאַגער, וואו עס שטייט אַ דענקמאָל לזכר דעם אומבאַקאַנטן ייד. אַ זייליקע מצבה אויפגעקלאַפּט פון ברעטער און צעמענט. געמאַכט מיט גאַנץ גוטן פאַרנעם.

די אידייע געפעלט אונדז. דער איינפאַל געפעלט אונדז:

דער קבר פונעם אומבאַקאַנטן ייד!

*

...פונעם רעדל ארויס לאָזט זיך הערן אַ קול:

— מאַכט אַ וואָרע פאַרן גענעראַל שמערקע.

א יונגערמאַן, וועמעס אויסזען עס דערמאָנט מיר אָן די טשיקאַווע קהלשע טיפּן פון מיין אַמאָליקן היים־שטעטל — אָן אַנדזער מענדל דעם וואַסערטרעגער, אָן אונדזער לוריא דעם צעפּאַטלטן ווערטל־זאָגער, אָן אונד־זער אייזיק דעם נאַכט־וואַנדלער, אָבער בשום־אופן נישט אָן אַ גענעראַל, — דער דאָזיקער יונגערמאַן שפּאַנט אַקוראַט אונדז אַנטקעגן און זאָגט:

— האָב דעם כבוד זיך פאָרצושטעלן — גענעראַל שמערקע! מאַכט א וואַרע, איך גיי.

ער שטעלט זיך אַוועק ביי דער זייט פון דער מצבה און נעמט רעדן האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַסיק צו אַלעמענס צופרידנקייט:

— די געסט פון אַמעריקע זאָלן וויסן, אַז עס שטייט לעבן זיי אַן אמתער גענעראַל מיט זעקס מעדאַלן. מיט זעקס סאָוועטישע מעדאַלן. אָט, זאָלן די געסט פון אַמעריקע אַליין זען. אַליין אָנטאַפּן מיט די הענט אַן אמתן מעדאַל.

ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ גרויסן זילבערנעם מעדאַל — אַן אויסצייכענונג פאַר העלדישער דינסט אין דער רויטער אַרמיי און גיט עס אונדז אָנקוקן.

— זעקס מעדאַלן האָב איך געהאַט. יאָ, גאַנצע זעקס. איינעם פון זיי היט איך אָפּ. צו וואָס זאָל איך זיך אַרומטראָגן מיט זעקס שטיק? איינער איז גענוג פאַר מיר. מען קאָן מיט איין מעדאַל זיין אַ גענעראַל. מען קאָן מיט איין מעדאַל איינגעמען אַ וועלט, אָט ווי איך האָב איינגענומען. דעם גאַנצן לאַגער לייפּהיים האָב איך איינגענומען. און אָט דאָ ליגט מיין אומבאַקאַנטער ייד — מיין אומבאַקאַנטער סאָלדאַט. סמירנאָ!

*

איך גנבע זיך אָפּ פונעם עולם. איך קום אַריין אין אַ שטוב — אין אַ צימער וואו עס האַלטן זיך אויף אַרום צוועלף מענטשן. צווישן זיי—פאַרהיי־ראַטע פּאָרלעך. אַ צימער, וואָס אין נאָרמאַלן אופן וואָלט ער באַדאַרפט פאַרנומען זיין נישט מער ווי פון איין פּאָר.

די ענגשאַפט אָבער איז דאָ אַזוי גרויס, אַז אַנשטאָט איין פּאָר געפינען זיך דאָ זעקס פּאָר.

אַלע מאָסן פון פּריוואַטקייט זענען אָפּגעשאַפט.

מען האָט קיין ברירה נישט.

איין צימער איז טונקל. פייכטלעך. אומהיימלעך. איין לעמפּל שפּרייט שאָטנס איבער אַלע ווינקלען.

אַ מענטש האָט נישט מער ווי זיין בעט. נישט מער.

איך דערמאָן מיך אָן דעם קאַמער פון אַ טורמע.

איין משפחה — אַ פּאָרל — זיצט איבער אַ טאַבורעטקע און עסט

אָונט־ברויט. דאָס פּאָרל שפּרינגט אויף ווען איך קום אַריין און זאָג: גוט נ׳אָוונט.

א בחור פון א יאָר צוואַנציק, א הויכער, א שיינער, מיט לאַנגע שטיוול אויף די פיס ביז איבער די קני, שפּאַנט אַרום צווישן דער ענגשאַפט פון די בעטן אַן אויפגערעגטער, און וואַרפט איבערן גאַנצן צימער צאָרנ־דיקע ווערטער:

— די אַנטוישונג אין די אייגענע יידן עסט מיך, עסט מיך. איך קאָן עס גאָרנישט אויסהאַלטן. איך האָב איינגעשטעלט אַלץ. כ׳האָב פאַרלאָזן רוסלאַנד, ווייל כ׳וויל גיין קיין ארץ ישראל, ערשט אייגענע ברידער יידן זענען רשעים. איך דאָ זענען פאַראַן יחסנים און פּאַרזוענע. אויך דאָ דאַרף מען האָבן פּראָטעקציע. איך וואַלגער מיך דאָ אַרום שוין חדשים. און וואָס וועט זיין דער סוף? איך וועל עס נישט אויסהאַלטן.

ווען ער דערזעט מיך שטעלט ער נישט אָפּ דעם שטראָם פון זיין צאָרן, נאָר פאַרקערט — ער פאַרשטאַרקט אים נאָך. זיין קול גייט איבער אַזש אין א געיאָמער:

— איך פרעג אייך, וואָס וועט עס זיין דער סוף? — אַלע פאַרזאָרגער פון דער וועלט בלייבן פאַרזאָרגער, און די אָרעמע בלייבן אָרעמע, און די פאַרלאָזענע בלייבן פאַרלאָזענע. וואָס וועט עס זיין דער סוף? — איך וועל עס נישט אויסהאַלטן!

איך גיי אַרויס פונעם הויז. איך גיי אָפּ עטלעכע טריט און קום צו צום סוף פון לאַגער.

אין דער האַלב־פינצטערניש פון דער נאַכט דערזע איך גאַנצע בערג מיט ברוכווארג פון עראָפּלאַנען. רואינעס פון געוועזענע באַראַקן.

א מאַוימדיק בילד פון אויפגעריסענע בייכער פון לופט־שיפן. איבער־געבראָכענע פליגלען, צעשמעטערטע מאָטאָרן, אויסגעקרימטע ענגערס.

איך קוק און איך טראַכט:

ווער איז מער רואינירט — דאָס לופט־פעלד, צי דאָס פאָלק אונדזערס?

ווער איז מער איבערגעבראָכן — די פליגלען פון די עראָפּלאַנען, צי דאָס האַרץ פון אונדזער פאָלק?

*

נאָכ׳ן ליטעראַרישן אָוונט פאַרברענגען מיר מיטן לייפּהיימער עולם אויף א שנעל־צוגעגרייטן באַנקעט.

די גרויסע נאַשרייען זענען אויף די טישן נישטאָ. דערפאַר אָבער — גרויסע התפעלות און פרייד־זשעדנעקייט.

א יונגע יידישע דיכטערין פון לאַגער, פּעסיע מאַיעווסקאַ, א קליינינקע, א פלינקע, מיט לעבעדיקע, ליכטיקע אויגן, לייענט אירע לידער פאַר אונדז.

די לידער זענען נאָך גאָר פון אַן אָנפאַנגערין, אָבער זיי פאַרמאָגן א חן.

די טעמע פון די לידער איז, פאַרשטייט זיך, דאָס קאַצעט-לעבן. גלות, בענקשאַפט נאָך אירע אַלע אייגענע, וואָס זענען אומגעקומען; אָבער ס'איז דאָ אין אירע לידער אויך אַ טאָן פון פרייידיקייט, פון נאַטור-ליכטיקייט, פון יונגע האָפענונגען.

אויף איר פאָטאָגראַפיע, וואָס זי שענקט מיר צוזאַמען מיט אַ העפטל פון אירע לידער, שרייבט זי אויף: „נעמט צו דאָס דאָזיקע בילדל און דערמאָנט אַמאָל דאָס יידישע מיידל פעסיע מאַיעווסקאַ פון קליינעם ווייס־רוסישן שטעטל — די פּאַרטיזאַנקע, וועלכע איז אַדורכגעגאַנגען ס'היט־לערישע גיהנום־פייער און וויל נאָך עפּעס אויפטאָן פאַרן יידישן פאָלק".

זי לייענט הויך, קלינגענדיק, און דער עולם דערמוטיקט זי מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן.

איך ברענג דאָ אַ פּאָר לידער אירע, געקירצט און עטוואָס רעדאַקטירט.

שטעטעלע מיינס

די שטיינער פון ברוק, דיינע זאַמדיקע שטעגלעך,
אַ שטעטעלע מיינס — דיינע געסעלעך־גאַסן.
זיי האָבן באַגלייט אויף זיין וועג אויף זיין לעצטן
מיין טאַטן, און דיין איז זיין בלוט זיך געוואַשן.

דיין טוי אויף די לאָנקעס — ווי ס'האָט שעמערירט.
געפינקלט אין אויפגאַנג פון זון אַזוי רויט,
ווי ריהאָט זיך צעלויכט אויף די פיס פון מיין מאַמען,
ווען זי איז געטריבן געוואָרן צום טויט.

דאָס קלאָרינקע טייכל — ווי ס'פלעגט מיך באַגריסן
מיט פריילעכן מורמל, מיט לויטערן קוועלן —
עס האָט אין דעם טאָג אין דעם פינצטערן, לעצטן
מיט בלוט פון מיין שוועסטער באַפאַרבט זיינע וועלן.

אין גאַנג אין מיין לעצטן דורך ליידן אין גלות,
ביים ענדע פון זאַמדיקע וועגן און שטעגן —
כ'נעם מיט דיינע קברים, מיין חרובע שטעטל,
דיין פּיין און דיין צער אין מיין האַרצן צו פלעגן.

דער יידישער קאָנצערט

דער אָרקעסטער שפּילט און שאַלט,
ס'ריייסט מוזיק און רופט.

שלענגלען טענער זיך אויף טענער
אין דער פייער־לופט.

ווייִנט דאָס פידל און וויינט אויס
לידער פון קאַצעט,
טאַנצן מתים, שוועבן אום
אין אַ טויט־באַלעט.

קרעכצט דער באַס אין טיפער ווײ,
ברומט — אַ שטורעם-ווינט,
אין דעם קרעמאַטאָריע־פלאַם
ווערט פאַרברענט אַ קינד.

שטיל עס שטאַרבט דער סאַקסאָפאָן
אינעם קלאַנגען־רויש;
רייסט אַ האַרץ זיך צו דער פריי
דורך אַ דראָטן־צוים.

אַן אָרקעסטער שפּילט פון יידן,
קומען מתים זינגען.
זאָל דער יאָמער פון די קברים
איבער וועלטן זיך צעקלינגען.

אונדזער קול וואָס קומט פון ליידן.
אונדזער רוף וואָס קלינגט דורך פּיין;
פאַר די קומענדיקע דורות
זאָל אַ שענער לעבן זיין!

ס׳איז פרילינג אין דייטשלאַנד

עס רופט מיך אין דרויסן
געזאַנג פון די פייגל,
די זון קלאַפּט אין פענצטער
און שמייכלט אַזוי.
עס לאָקן מיך פעלדער
און לאָנקעס צעבליטע,
באַשפּריצטע מיט טראָפּנס
פרימאָרגנדיק טוי.

איך קוק אויף די טראָפּנס,
וואָס פינקלען און ברענען
מיט בונטע קאָלירן
פון מאַי־רעגנבויגן.
אָ, ס׳איז קיין טוי נישט,
נאָר טראָפּנס פון טרערן,
פאַרגליווערטע טרערן
פון מענטשלעכע אויגן.

די בלימעלעך בלויאינקע,
ווייסענקע קווייטן,
וואָס שפּראָצן אויף בייטן
פאַרזייטע מיט ברויט —
דאָס זענען די אויגן
פון קינדערלעך קליינע,
וואָס האָבן פאַרגלייזט זיך
אין קראַמפּן פון טויט.

נישט פייגל-געזאַנגען,
נישט ריחות פון בלומען, —
דאָס יאָמערן מענטשן
אין ווייטיק פון קנוט;
דאָס ברויזן מיליאָנען
פאַרשניטענע לעבנס,
זיי שרייען: נקמה!
צאָלט בלוט אָפּ מיט בלוט!

ס׳איז פרילינג אין דייטשלאַנד,
די פייגעלעך זינגען,
דער הימל צעשמייכלט
זיין בלוי אַזוי ריין, —
עס צירן זיךביימער
אין אַלערליי בליאונג,
און בלענדן מיט ווייסקייט
פון מענטשלעך געביין.

*

שפּעט אין דער נאַכט. מיר גייען צו אונדזערע צימערן שלאָפֿן.

די נאַכט איז אַ קאַלטע, אַ דורכנעמענדיקע. דער הימל — אַן אָנגע־שאָטענער מיט שאַרפֿע שטערן.

עס באַגלייט אונדז צום צימער אַ יונגערמאַן, איינער פֿון די מדריכים אין לאַגער. אַ געקומענער אַהער אויף סיסטעמאַטישער קולטור־אַרבעט פֿון ארץ ישראל.

איך דאַרף דערביי נאָכאַמאָל באַטאָנען, אַז דער ארץ ישראלדיקער ישוב איז געווען דער איינציקער פֿון דער גאָרער יידישער וועלט, וואָס האָט געשיקט, און הערט נישט אויף צו שיקן אויך היינט, צענדליקער און צענדליקער מענטשן אין די לאַגערן ארויסצוהעלפֿן אין דער גרויסער קולטור־נויט: איינצושטעלן הכשרות, קינדער־שולן, קיבוצים א. אז. וו. איך רעד שוין נישט וועגן דער גרויסער אַרבעט אין דער שייכות מיט דער עליה.

דער יונגערמאַן, וואָס באַגלייט אונדז, געהערט צו די פֿרומע. ער טוט זיין אַרבעט מערסטנס צווישן דעם פֿרומען שיכט אינעם לאַגער. ער מאַכט אַ סימפּאַטישן איינדרוק ביז גאָר. פֿון די רייד וואָס ער רעדט בשעת מיר גייען, זע איך, אַז דער מענטש איז אַן אינטערעסאַנטער, אַ טיף־טראַכטנ־דיקער, אַ רעליגיעז־אומרואיקער.

אים ווילט זיך, זע איך, רעדן, און איך בין שטאַרק נייגעריק אים צו הערן.

— די וועלטלעכע יידן, — זאָגט ער, — איז נישט גוט אויפֿן האַרצן. אויך די פֿרומע איז נישט גוט. און מיר אַליין איז אָפּטמאָל אַזוי שווער, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין. די אַרבעט, אָבער, וואָס איך טו דאָ, גיט מיר אַ סך באַפֿרידיקונג. איך פֿיל, אַז איך בין אַ פֿולער שותף צו דער גאַנצער יידישער פּיין. איך האָב צייט זיך צוצוקוקן; זע איך, אַז די וועלטלעכע, דערהויפּט די יוגנט, האָבן זיך נישט וואו אַהינצוטאָן דאָ אין לאַגער. קיין ווערקשטאַטן האָבן מיר נישט קיין סך. קוים, קוים אַן אָנהייב פֿון עפּעס, אויך קיין ביכער האָבן מיר נישט גענוג. דערצו איז אַזוי: אַ חשק צו לייענען, צו לערנען זיך, האָט זי, די יוגנט אונדזערע; אָבער קיין געדולד דערצו האָט זי נישט. זי איז נערוועז, צעשרויפֿט, שטעלט אַלץ נאָר אויף זיך, נאָר אויף זיך אַליין. און מקיים זיין מצוות מעשיות האָט זי נישט וואָס. גייט זי אַרום ליידיק און פֿילט זיך באמת ווי אַ דור המדבר. מען מוז זי וואָס גיכער צונעמען פֿון דאַנען. וואָס גיכער. און אוודאי — קיין ארץ ישראל. כאָטש אויך דאָרט אין ארץ ישראל, און אפשר ערשט דאָרט, וועט מען האָבן די אמתע צרות מיט איר. גאָט ווייסט, צי וועט זי זיך קאָנען אַריינפּאַסן אין די פֿליכטן פֿון אַן אַרבעט־רעזשים, וואָס פֿאָדערט דעם גאַנצן מענטשן, דעם גאַנצן ייד, זיין לייב און לעבן. — אין דעם זין איז דעם פֿרומען ייד אַ סך לייכטער. ער איז דיסציפּלינירטער. אַ חוץ דעם טוט ער אַלץ וואָס ער קאָן מיט זיך, כדי נישט צו פֿילן זיך ווי אַ דור־

המדבר מענטש. די מדבר־שטימונג איז אים פרעמד. גאָט איז מיט אים אומעטום... פונדעסטוועגן דאַרף איך אייך זאָגן, אַז פאַר מיר איז דאָס נישט נענוג. כ'האָב דערוואַרט צו טרעפן צווישן די פרומע יידן אַ גרויסע אויפ־טרייסלונג — אי אַ טיפערע רעליגיעזע אומרו, אי אַ טיפערע התרוממות. און — כ'בין אַנטוישט. די זעלבע אינערטע איינגעוואוינטע פרומקייט. קיין שפור פון עפּעס ניי־רעליגיעזער שעפערישקייט. נאָר אויף איין־איינ־ציקן פאַל פון אַן אינערלעכער אויפטרייסלונג האָב איך מיך אָנגעשטויסן זינט איך בין דאָ: אַ פרום ייִנגל פון אַ יאָר פערצן, וועמעס עלטערן זענען אומגעקומען אין קרעמאַטאָריע, איז איינמאָל צוגעלאָפן צו מיר און אויס־געשריען: „איך קאָן מער נישט זיין פרום, איך קאָן נישט. אויב גאָט האָט אַלץ געקענט צוזען און גאָרנישט טאָן, ווייל איך אים נישט קענען מער.״ נו, איז דאָך עס אַ קינד, זיין געשריי האָט מיך טאַקע גוט צערודערט. צווישן די דערוואַקסענע אָבער מערק איך נישט קיין צו שאַרפע גייסטיקע ענדערונג. נישט אויף דער זייט פון פרומקייט, נישט אויף דער זייט פון מרידה. אויך נישט בנוגע פערזענליכער אויפפירונג. דער וואָס איז געווען אַ גוטער מענטש פאַר מאַידאַנעק, איז געבליבן אַ גוטער אויך נאָך מאַידאַנעק; דער וואָס איז געווען פריער אַ שלעכטער, איז אַזאַ פאַרבליבן אויך נאָכדעם. דער מענטש אין זיין תוך האָט זיך נישט געענדערט. און דאָס פייניקט מיך מער ווי אַלץ. יאָ. יאָ. מער ווי אַלץ. וואָרים אויב דער קרבן האָט זיך ניט געענדערט — ווי אַזוי זשע קענען מיר וועלן און דער־וואַרטן, אַז דער רוצח זאָל זיך ענדערן?

זיינע ווערטער — כאָטש כ'האָב זיי אַליין נישט איין מאָל גערעדט צו זיך, און אפשר טאַקע דערפאַר — זיינען מיר טיף, טיף אַריין אין האַרצן.

כ'האָב שטאַרק געדריקט די האַנט פונעם דאָזיקן מאַן אין ליפּהיימער לאַגער.

*

19־טער מאַי.

איידער מיר פאַרלאָזן ליפּהיים באַזוכן מיר די קינדער־שולן און קינ־דער שטובן, די וואָס מיר האָבן נישט דערוויזן צו באַזוכן נעכטן.

ס'בלייבט איינגעקריצט אין מיין זכרון דער קיבוץ פון אונגאַריש־יידישע קינדער אונטערן נאָמען „מכבי הצעיר״, וואָס נעמט אַריין אין זיך 260 קינדער, אַלע קיילעכדיקע יתומים, אין עלטער פון פינף ביז אכצן. קאָנען נישט רעדן נישט אויף יידיש. נישט אויף העברייאיש, נאָר אויף אונגאַריש. אויך די לערער זייערע זענען אונגאַרישע בחורים, רעדן נישט קיין אַנדער שפּראַך, אויסער אונגאַריש.

די לערערס נעמען צונויף די קינדער לכבוד אונדז. מיר רעדן צו זיי — אפרת אויף העברייאיש, איך אויף יידיש. די קינדערלעך פארשטייען נישט וואָס מיר רעדן. זיי זשמורען מיט די אויגן, צוקן מיט די אַקסלען. אָבער ווען מיר ענדיקן אונדזערע קורצע באַגריסונגען צו זיי, פּאַטשן זיי סיי ווי אַלע מיט די הענטלעך.

די לערערס זעצן פאַר זיי איבער אונדזערע רעדעס אין אונגאַריש. אַפּלאָדירן זיי נאָכאַמאָל, און העכער נאָך און שטאַרקער.

מיר גייען דערנאָך אָנקוקן זייערע צימערן. די זעלבע צימערן ווי אין אַלע לאַגערן. בעטן אויף בעטן. אָן לײלעכער און אָן קישנס.

אין איין צימער, ווען איך קום אריין, שפּילט אַ חברה יינגלעך אין קנעפּלעך. חברה איז פאַרטאָן אין שפּיל און שענקט נישט קיין סך אויפֿמערקזאַמקייט מיין אריינקומען.

איך נעם זיי אריינציען אין אַ שמועס, אָבער וואָס איז די פּעולה, אַז זיי פאַרשטייען נישט קיין וואָרט יידיש. איך לאָז זיי אָנגיין מיט זייער שפּיל.

אינעם זעלבן צימער אין אַ ווינקל זע איך שטייט אַ קליין מיידעלע מיט אַ האָרבאַטער פּלייצע. זי שטייט און ווינקט צו מיר מיט לאַכנדיקע וואונדער־אויגן.

איך גיי צו צו איר, לייג אַרויף אַ האַנט אויף אירע שיין־פאַרקעמטע האָר, נעם זי אַרום און פרעג ווי זי הייסט. אָבער אויך זי פאַרשטייט נישט וואָס איך רעד צו איר. זי הויבט אויף אירע וואונדער־אויגן צו מיר פול מיט אויסדרוק פון דאַנק פאַר אַרומנעמען זי.

די קינדערשע בענקשאַפט נאָך צערטלעכקייט, נאָך וואַרעמקייט גיט זיך איבער צו מיר אָן ווערטער און אָן שפּראַך.

איר אויסגעקרימטע פּלייצע פיבערט אונטער מיינע פינגער און רעדט אויף אַלע שפּראַכן.

*

נאָך מיטאָג זעצן מיר זיך אריין אין אונזער געהויבענעם, טראַסקעדיקן דזשיפּ און מיר לאָזן זיך אַוועק קיין שטוטגאַרט.

ווען מיר דערנענטערן זיך צו שטוטגאַרט, איז שוין סוף טאָג. פון דערווייטנס דוכט זיך אונדז אויס, אַז מיר דערנענטערן זיך צו אָן אומגעוויינלעך שיינער און אייגנאַרטיקער גרויסער שטאָט. אָבער ווי נאָר מיר פאָרן אריין אינעווייניק, דערזעען מיר אַז מיר קומען אריין אין אַ כרך פון אַ טאָטאַלן חורבן, וואָס זעט אויס נאָך שרעקלעכער ווי מינכען.

מיר ווייסן, אַז דער יידישער שטוטגאַרטער לאַגער געפינט זיך ערגעץ עק שטאָט. אָבער וואו — ווייסן מיר נישט. אויך דער טרייבער ווייסט נישט. פאָרן מיר אַרום כמעט אַ שעה צייט איבער דער חרוב'ער שטוטגאַרט, דרייען זיך איבער אַלע אויפגעריסענע גאַסן און סקווערן, און די גאַנצע

שעה פאָרן מיר וואָס טיפער און טיפער אינעם תהום פון חורבן אריין.
די זון זעצט זיך. די זון זינקט און פארזינקט און לאָזט אונז נאָך אַלץ איבער ווי מיר יאָגן זיך אַרום מיט אונדזער רזשיפּ פארבלאָנדזשעטע צווישן מאָנסטערדיקע חורבות־לאַבירינטן.
ערשט, ווען ס׳איז שוין גוט פינצטער, דערשלאָגן מיר זיך צו די עטלעכע גרויסע געביידעס עק שטאָט, אין וועלכע עס לאַגערן די יידישע די־פּים אין שטוטגאַרט.

★

אין שטוטגאַרט

19־טער מאַי.

דער שטוטגאַרטער לאַגער טראָגט גיכער דעם כאַראַקטער פון א קאָלאָניע פון עטלעכע קאָאָפּעראַטיווע הייזער, איידער פון א לאַגער, אין יענעם ספּעציפישן זין ווי מיר זענען צוגעוואוינט צו זען די לאַגערן אויף אונדזער רייזע.

מאַכט דאָ דער אויסערלעכער אויסזען פון די געביידעס, און אויך פון זייערע איינוואוינער, א פריילעכערן איינדרוק.

דאָס אינערלעכע לעבן אָבער פון די שטוטגאַרטער יידן איז אזוי אָנגע־שטרענגט און נערוועז־אומגעדולדיק, ווי דאָס לעבן פון די יידן אין אנדערע לאַגערן.

מיר דערפילן עס גלייך ביים באַקענען זיך מיט זיי. מער נאָך — ווען מיר זעען זיי אויפן ליטעראַרישן אָוונט. און נאָך מערער — נאָכן אָוונט, אויפ׳ן באַנקעטל, וואָס זיי אָרדענען איין לכבוד אונדז און לכבוד זייער באַליבטן אונרא־דירעקטאָר לערנער, מיט וועלכן זיי מוזן זיך צעשיידן.

די שטוטגאַרטער זענען אַלע נאָך אָנגעלאָדן מיט די איבערלעבונגען פון דער ניט־לאַנג געשעענער דאַנציקער־טראַגעדיע.

קיינער פון זיי קאָן נישט פארגעסן ווי אזוי א סקאַדראָן נייע דייטשע פּאָליציי, אויסנוצנדיק די אַפּיזאָרישע האַלטונג פון דער אַמעריקאַנער אָקו־פּאַציע־מאַכט, האָט זיך אַריינגעריסן אין די הויפן פון די לאַגער־געביידעס צו מאַכן כלומרשט רעוויזיעס איבער שוואַרץ־האַנדל. אין דער אמתן איז עס געווען נאָר א פאַרזוך מצד די דייטשן אויסצופּרובירן, צי קאָן מען נישט אַמאָל, אפילו אונטער דער אָקופּאַציע, א שפּיל טאָן זיך אין א יידישן לאַגער מיט א נאַצי־פּאָגראָמל.

די לאַגער־יידן האָבן זיך אנטקעגנגעשטעלט. זיי זענען אַרויס, געבענטשט זאָלן זיי זיין, קעגן די אַריינדרינגער מיט אַלץ וואָס זיי האָבן געכאַפּט אונטער דער האַנט, אַרויס אין אַן אמתן קאַמף און ניט אַריינגע־לאָזט די פּאָגראָמשטשיקעס אין די הייזער אַריין.

די פּאָליצייאישע כוליגאַנעס האָבן געעפנט א שיסעריי. דער קרבן פון דער שיסעריי איז געווען דער ייד דאַנציקער. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן, איבערלאָזנדיק א פרוי מיט צוויי קליינע קינדערלעך.

די דאַנציקער־משפחה בײַם קבר פונעם קדוש
שמואל אברהם דאַנציקער.

אזוי זעלטן איז צו טרעפן אין די לאַגערן אַ גאַנצע משפּחה פון טאַטע, מאַמע און צוויי קינדער. האָט אויך דאָ, הייסט עס, די זעלטנקייט נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָט אויפגעריסן. דער טאַטע האָט געמוזט צונג־נומען ווערן. די טרעבלינקע־נוסח זאָל שטימען, זאָל שטימען . . .

די שטוטגאַרטער קאָנען דאַנציקערן נישט פאַרגעסן. זיין בלוט זידט נאָך אויף די שטיינער פון די הויפן.

דער יינגער יידישער אונרא־דירעקטאָר פּרגעם לאַגער, לערנער, איז אויך טיילווייז געפאַלן אַ קרבן צוליב דער דאַנציקער־טראַגעדיע.

ער האָט אַרויסגעוויזן צופיל סימפּאַטיע צו זיינע ברידער. ער איז געשטאַנען אינגאַנצן אויף דער זייט פון די לאַגערניקעס קעגן די כוליגאַנישע אָנגרייפער — איז ער דערפאַר אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין אַמט.

אַקוראַט אין דעם אָוונט, ווען מיר זענען אָנגעקומען האָט ער גענומען אָפּשייד פון די יידן.

דאָס באַנקעטל, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד אונדז, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ געזעגענונג־אָוונט לכבוד דעם זייער סימפּאַטישן דירעקטאָר. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, מיטגעהאָלפן דערצו.

דער דירעקטאָר, נאָך גאָר־גאָר אַ יונגער בחור, האָט זיך געזעגנט מיטן עולם. ער איז געזעסן מיט אונדז ביים טיש. לעבן אים זיין יונגע כלה. ער איז געווען צעבראָכן, וואָס ער דאַרף אוועק פון די שטוטגאַרטער לאַגערניקעס און — גליקלעך, וואָס לעבן אים זיצט זיין כלה.

ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט צו באַגריסן אונדז, געסט, און אין דער זעלבער צייט צו זעגענען זיך מיטן עולם, זענען זיינע אויגן פול געווען מיט טרערן. ער האָט גענומען רעדן, אָבער אַנשטאַט ווערטער האָט פון זיין האַרצן זיך געריסן אַ געוויין.

ס'איז געווען פּאַטעטיש ביז גאָר צו זען ווי אַ יונגערמאַן, אַן אונרא־דירעקטאָר, שטייט פאַר אַן עולם און וויינט אויפן קול.

יאָ. אַזוינע דירעקטאָרן ווערן באַזייטיקט. אין דער מאַכט פאַרבלייבן די נישט־וויינענדיקע, די, וואָס ווייזן נישט אַרויס קיין צופיל סימפּאַטיע צו די די־פּיס, די האַרטע ביוראָקראַטן.

*

אין דער פרי באַזוכן מיר די עטלעכע אַנשטאַלטן אין לאַגער, אָבער מער פון אַלץ ווערן מיר צוגעצויגן צו דעם קינדער־צימער, וואו מיר טרעפן אַן אַ דרייסיק קליינוואַרג זיצן אַרום אַ גרויסן טיש און עסן.

קינדער — ברעקלעך נאָך. די מערסטע פון זיי יתומים. צווישן זיי — אויך דאַנציקערס צוויי קינדערלעך, אַ יינגעלע און אַ מיידעלע, און אויך — דודל.

ווער איז דודל?

דודל איז אַלט פינף יאָר. אַ פרײלעכער, אַ לאַכעדיקער.

געבוירן אין 1941 אין לובלין. זומער 1942 ווערט ער אוועקגעפירט צוזאַמען מיט זיין מאַמען קיין מאַידאַנעק. אים שטייט פאַר קרעמאַטאָריע. אין הארבסט פונעם זעלבן יאָר ווערט ער אַרויסגעגנבעט פון מאַידאַנעק דורך זיין טאַטנס אַ חבר — אַ פוילישן אַרבעטער.

דער חבר ווערט אַרעסטירט פאַר אַנטייל נעמען אין אונטערערדישער אַרבעט. זיין פרוי, בלייבנדיק אַליין, וואַרפט אַרויס דודלען פון שטוב. דודל וואַלגערט זיך אויף דער גאַס אין קעלט און אין שניי. אַ פּוילישער פּאָלי־ציסט קלייבט אים אויף. דודל ווערט אַריינגעגעבן אין אַ קלויסטער־אַנשטאַלט.

און אַט איז ער דאָ אין שטוטגאַרט צווישן די קינדערלעך פון לאַגער. אַ קליינינקער, מיט פרײלעכע אויגעלעך. אַ שטיפערל.

ער זיצט צווישן די צוויי קינדער פונעם דערמאָרדעטן דאַנציקער און עסט מיט אַפּעטיט פון זיין שיסעלע, רייבט אויףביידע באַקן, און ס׳איז אים גוט.

פרוי דאַנציקער, וועמעס אבילות איז נאָך פריש און שאַרף, מיט אַ גאַנצער גרופּע אויסגעבענקטע מאַמעס, שטייען איבער די קינדער און קוועלן אָן פון זייער גוטן אַפּעטיט. הייַנט זיינען זיי, די מאַמעס, באַזונדערס צופרידן: ס׳איז אָנגעקומען פון „דזשאָינט" פאַר די קינדער אַ היבשע צאָל אַמעריקאַנער „לאַיף־סייווערס."

די מאַמעס פּלאַטערן איבער די קינדער, ציטערן איבער יעדער באַוועגונג זייערער. יעדעס קינד איז ממש אַן אבן־טוב.

אַז די קינדער ענדיקן עסן, קריגן זיי די „לאַיף־סייוּוערס."

אַ געטאַנצעריי. אַ שמחה. אַ גדולה.

דודל באַקומט זיין חלק און לאָזט זיך לויפן מיט אַלע קינדער אין דרויסן אַרויס, וואו זיי ווערן אויסגעשטעלט צו פאָטאָגראַפירן זיך מיט אונדז.

דודל

*

די שטוטגארטער יידן נעמען אונדז אויף א דראָזשקע, געשפּאַנט צו צוויי פערד, און מיר פאָרן מיט פּאַמעלעכע טריט אָנצוקוקן נאָך אַמאָל דעם חורבן פון דער שטאָט.

דער אָנטרייבער, א געוועזענער היימישער בעל-עגלה, ווייזט אַרוים פאַר אונדז מיט גרוים הנאה זיין אַלטע און באַליבטע קונסט. ער זיצט הרחבהדיק אויף דער קעלניע און דיריגירט מייסטעריש מיט דער לאַנגער בייטש.

די צוויי קלוגע פערד—ווער ווייס פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען—וואַרטן נישט אויף דעם אָנריר פון דער בייטש. זיי האַפּקען זיך מיט חשק אליין. זיי פירן אונדז צווישן רייען אויסגעלעכערטע ווענט, קופּעס ציגל און ברוכשטיקער פון דייטשלאַנדס געוועזענער גלאָריע.

איך זיץ אין דער קאַרעטע, קוק אויףביידע זייטן אין דער פאַרטיכטונג אַריין. אויף ביידע זייטן און פאָראויס, וואו נאָר דאָס אויג פאַלט, איז חורבן, חורבן, חורבן.

מיט די לאַגער־קינדער אין שטוטגאַרט

איך זיץ און טראַכט: אַ, הלואי וואָלסטו אונדז, ליבער יידישער בעל־עגלה, געפירט בעסער איבער גאַסן פון אַן איינן יידיש אויפגעבליט לעבן איידער איבער אַט די מיט היטלער־טויט און היטלער־געשטאַנק אָנגעפילטע רואינעס.

*

די פּאַטעטישע פריידּ, וואָס אַפּגעראַטעוועטע יידישע קינדערלעך רופן אַרויס אין די הערצער פון די דערוואַקסענע, דערפילן מיר נאָך שטאַרקער און טיפער בשעת מיר באַזוכן, נאָך אונזער פּאַרלאָזן שטוטגאַרט, דעם אַשאַו־לאַגער, וואָס איז דורכאויס אַ לאַגער פאַר יידישע פּליכטלינג־קינדער.

אין אַשאַו געפינען זיך אַרום פינף הונדערט קינדער.

אַ מוסטערהאַפטער קעמפּ. ווערט אָנגעפירט פון אַ גרופּע אויסגעצייכנטע, מיט ליב און לעבן איבערגעגעבענע, אויפפּאַסערינס.

די צימערן זיינען שיין צוגעקליבן, אויסגעפּוצט מיט מאַי־בלומען און פריילעכע צייכענונגען.

אַ זויבערקייט צו באַוואונדערן.

צוליב דער זויבערקייט און בלומען־פּאַרפּוצטקייט זעט זיך אַפילו נישט אָן די אָרעמע, נאַקעטע אויסשטאַטונג פון די געלעגערס.

די קינדער אימפּראָוויזירן אַ קאָנצערט פאַר אונדז, פירן אים דורך מיט אַ סך חן.

מיר האַלטן פאַר זיי קורצע רעדעס.

העלפט פון זיי פאַרשטייט יידיש, די צווייטע העלפט פאַרשטייט נאָר אונגאַריש. גיבן שוין די יידיש־רעדנדיקע קינדער אַלעמען איבער אונדזערע ווערטער.

אַ מיידעלע גייט אַרויף אויף דער בינע און דעקלאַמירט:

„אַלע מענטשן זענען ברידער —

געלע, ברוינע, שוואַרצע, ווייסע . . . "

און אַליין איז זי אַ קיילעכדיקע יתומה. אירע עלטערן זיינען אומגעקומען אין קרעמאַטאָריע. פונדעסטוועגן זינגט זי: אַלע מענטשן זענען ברידער.

הלואי וואָלט עס אמת געווען.

נאָך איר גייט אַרויף אַ בחורל אין לאַנגע פאות, מיט אַ היטל אויפן קאָפּ, און נעמט זינגען מיט אַן אויסגעצייכנטער, פאַרכאַפּטער שטימע, אויף אַ חזנישדיקן אופן, אַ לאַנגע פּאָעמע, וואָס רופט זיך „ייד", — עפּעס אַ צונויפמישעניש פון מאָדנע קופּלעטן, וואָס האָבן אַ טעם נאָר דערפאַר, וואָס ער זינגט זיי.

די קופּלעטן זיינע פאַלן מיטאַמאָל אַריין אין די ווערטער: הנני העני ממעש, נרעש ונפחד מפני פחד כל היום. זיין געזאַנג גייט איבער אין אַן אמתן געוויין.

אַלע קינדער ווערן אָנגעשפּיצט, זייערע אויגן הייבן אָן אָנגעפילט צו ווערן מיט טרערן. דאָס בחורל דערשפּירט עס. ער גיט אומגעריכט אַ שפּרונג אריין אין אַ ליד אויף אונגאַריש — ווייזט אויס: זייער אַ הומאָריסטיש ליד, וואָרים דער גאַנצער זאַל מיט די הונדערטער קינדער שטורעמט־אויף מיט אַ מאָל אין אַ פריידיק געלעכטער.

ווען ער ענדיקט, קריגט ער פון די קינדער אַזאַ אָוואַציע, אַז אַלע זינגערס פון דער וועלט וואָלטן אים מקנא געווען.

דאָס וואונדערלעכסטע אָבער פון אַלע אונדזערע באַגעגענישן מיט יידישע קינדערלעך אין די לאַגערן, די אמתע אַנונג פון נס, דערפילן מיר ערשט, ווען איינע פון די לערערינס פירט צו אונדז צו דריי מיידעלעך, איינע אונטער די אַנדערע, אין עלטער פון אַ יאָר פינף ביז עלף, זויבער און ליכטיק אָנגעטאָן, און בראש פון זיי — אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן — און זי שטעלט זיי פאָר אונדז פאָר:

„דאָס זיינען," זאָגט זי, „דריי שוועסטערלעך. און דאָס בחורל איז אַ ברודער זייערער. ער איז אָבער ניט נאָר אַ ברודער זייערער, נאָר אויך אַ טאַטע, און אַ שיצער, און אַ פירער, און אַ לערער, און וואָס ניט? — זייערע טאַטע־מאַמע זיינען אוועקגענומען געוואָרן אין אַ טראַנספּאָרט, און ער, דאָס בחורל, האָט, דורך עפּעס אַ פאַרזען מצד די שטורעם־טרופּער, אוועק־געכאַפּט זיינע דריי שוועסטערלעך און אַנטלאָפן מיט זיי אין אַ וואַלד. אויסגעזוכט אַ הייל פאַר זיי און זיי געהאַלטן דאָרטן, געזוכט עסן פאַר זיי, געהיט זיי און געשיצט זיי פון קעלט און פון סכנה, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ פּאַרטיזאַנער־מחנה און צוזאַמען מיט דער מחנה דערלעבט דעם סוף פון דער מלחמה. און אָט איז ער דאָ מיט אונדז צוזאַמען מיט זיינע שוועסטערלעך. זיי טרעטן ניט אָפּ פון אים, און אויך ער אַזוי. ער היט זיי ווי דאָס אויג אין קאָפּ — דער גרויסער ברודער, דער גרויסער טאַטע, דער גרויסער שיצער."

דאָס בחורל שטייט אַנטקעגן אונדז מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און רויטלט זיך. זאָגן זאָגט ער גאָרנישט. ער שווייגט. און די דריי מיידעלעך, ווי דריי ווייסע שעפּסעלעך, אויך אַזוינע שעמעוודיקע ווי ער, טוליען זיך צו אים.

*

ווען מיר פאַרלאָזן דעם אַשאַו־קעמפּ, שטעלן זיך אויס אַלע פינף הונ־דערט קינדער אין צוויי רייען פון ביידע זייטן וועג.

זיי באַפּוצן אונדזער מאַשין מיט אַלערליי געוויקסן. ווען אונדזער מאַשין נעמט אָפּפאָרן, פאַרהילכן זיי די לופט מיט „שאַלאָם" און פאַר־וואַרפן אונדז מיט רויטע פעלד־בלומען.

*

אונדזער געצוואונגענער אָוועקפאָר

25-טער מאַי.

— — — דער קרייז פאַרענדיקט זיך.

איך קום צו מיט מיינע נאָטיצן צוריק צו בערכטעסגאַדען — צום אָרט, וואו איך האָב אָנגעהייבן ברענגען מיינע נאָטיצן אין אַ סדר.

מיר זענען דאָ אין בערכטעסגאַדען, אויף עטלעכע טעג אָפּרו, אינעם האָטעלכל, וואָס דער יידישער צענטראַל קאָמיטעט האָט אָפּגעדונגען פאַר זיך.

היינט זענען מיר אַרויפגעפאָרן אויף איינעם פון די באַרג־שפּיצן אין די אַלפּן, וואו סאיז געשטאַנען היטלערס פּריוואַטער שלאָס אַרומגערינגלט מיט קונציקע ווענט און פאַרצאַמונגען און באַוואָרנט מיט טייוולאַניש גע־בויטע אונטערערדישע היילען און טונעלן אויף מיילן און מיילן.

איצט איז דאָס אַלץ צעקנאַקט און אויפגעריסן.

זאָל איך שילדערן ווי עס זעען אויס היטלערס צעשאָסענע פּאַלאַצן? צו וואָס? — אַ באַליידיקונג גאָר צו פאַרנעמען זיך מיט שילדערן זיי.

ס׳וועט זיין גענוג צו זאָגן, אַז זיינע פּאַלאַצן זעען איצט אויס ווי איין שטיק אָפּטרעט.

פאַרבראַכט דאָרט ביי אַ האַלבער שעה, באַקוקט, אויסגעשפּיגן און צוריקגעפאָרן.

*

די פענצטער פון מיין צימער אין האָטעל אויפן דריטן שטאָק גייען אַרויס צו דער זייט פון די אַלפּן, וואו מען זעט פון דערווייטנס די חורבות־פלעקן פונעם שלאָס אויך אַ טיר מיט אַ שמאָלן באַלקאָן איז דאָ אויף דער זייט.

איך שטיי אויפן באַלקאָן און קוק אויף דעם ווייטן נבזה־פלעץ, וואָס שוואַרצט זיך אויפן שניי־ווייסן באַרג־שפּוע.

ערשט איצט, קוקנדיק אויף דעם פונדערווייטנס, לאָזט ער מיך ניט אָפּ. ערשט איצט דערפיל איך אַן אויפטרייסלונג אין זיך.

עס הויבט אָן צו רעגענען. די שניי־ווייסקייט אויף די שפּיצן פון די בערג נעמט זיך טונקלען. אַ מרה־שחורה רינט פון זיי.

די נאכט פאלט צו. ארום און ארום איז שטיל. די בערכטעסגאַדענער דייטשן זיצן אין זייערע היימען. ערגעץ רוישט אַ וואַסערפאַל, און עפּעס, העך איך, קלאַפּט זיך אָפּ אָן עפּעס — דאָרט, פון וואַנען דאָס גערויש קומט אָן.

קלאַפּט עס אַזוי מאָרנע אַ וואַסער? צי אפשר קלאַפּן עס אַזוי מײנע בײדע שליפן?

*

איך גײ אַרײן אין צימער. איך לײג זיך אויפן בעט. איך ליג און איך פרעג מיין צום וויפלטן מאָל שוין געפרעגטע פראַגע: אין וואָס איז געלעגן היטלערס כוח? אין וואָס ליגט בכלל דער כוח פון אַזאַ מין מאַכט־האָבער? צי דען ליגט זיין כוח אין דעם וואָס ער אַליין איז מעכטיק, ד. ה. אין אים אַליין איז טאַקע דאָ אַזאַ מין אומגעווײנטלעכער כוח, אָדער דעם מאַכט־האָבערס כוח ליגט נאָר אין דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט נישט קיין כוח, וואָס דאָס פאָלק איז מאַכטלאָז, און יעדער נישט קאָן דאַרום ווערן אַ יש, אַ מאַכטיקייט, קען ווערן אַ פירער?

דער נישט, הייסט עס, דאַרף נאָר וועלן. ער דאַרף נאָר פועלן ביי זיך צו טאָן אַלץ, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין זאַך. ווי נאָר ער פועלט עס ביי זיך, ווערט ער דער מאַכטיקער. אָפּשטעלן אים קאָן שוין קיינער ניט, ווייל דאָס פאָלק איז שטענדיק אין דער מדרגה פון מאַכטלאָזיקייט.

איז עס טאַקע אַזוי שטענדיק און אומעטום? איז עס טאַקע אַזוי?

*

איך האָב אין מיין לעבן שוין דורכגעמאַכט נסיעות איבער ווײטע און פרעמדע לענדער. געווען אין אַרגענטינע, אין בראַזיליע, אין קובאַ, אין מעקסיקע, אין ארץ ישראל, אין פראַנקרייך, אין פוילן, אין סאָוועט־רוס־לאַנד, און אַלעמאָל האָט אַ נײ לאַנד אויפגעעפנט פאַר מיר אַ קוואַל פון נאַטור־אָנרעגונגען, פון פעלד־ און וואַלד־פרייד. נייע מענטשן, נייע שטײ־בער, נייע פענצטער, נייע שוועלן. אַלץ אין נײעם לאַנד פלעג זיך בעטן און זאָגן: קום אַרײן, זײ אונדזער גאַסט, באַריר אונדזערע ווענט, אונדזערע ביימער, אונדזערע זאַנגען און גראָזן. הימלען צעעפענען זיך, בערג שפּרייטן אויס זייערע אָרעמס און נעמען דיך אַרום.

אָבער דאָ, אין בערכטעסגאַדען, אין די שענסטע פלעצער פון די ביי־ערישע אַלפּן־בערג, — ווי עלנט, ווי אָפּגעשלאָסן דו פילסט זיך.

טויטע הימלען, טויטע פעלדער, טויטע ביימער.

אַט קוק איך אויף די שפּיצן בערג. אָט זע איך די זון אויפגיין, אָט פאַרגייט זי. אָט איז נאַכט. אָט איז ווידער טאָג. אָט איז דער שניי אויף

די בערג, און — סאַראַ טומטומדיקייט אין דער גאַנצער היינטיקער דייַ־טשער לאַנדשאַפט!

קיין זאַך עפנט זיך נישט פאַר דיר. קיין זאַך אַנטפּלעקט זיך נישט. קיין זאַך רופט נישט אַרויס קיין וואַרעמקייט. אַלץ איז פאַרגליווערט און פאַרהאַקט אין זיך — אין פאַרשאָלטנקייט פון מאָרד.

אַלץ איז איינגעדעקט אין בלוט און אין אַש פון פאַרברענטע מענש־ליכע לייבער.

שנייִ. וואָס פאַר אַ ציטער שנייִ רופט אַרויס אין מיר פון אַלעמאָל אָן, דערהויפּט נאָך שנייִ אויף קעפּ פון בערג. דערמאָן זיך נאָר די געטלעכע שיינקייט פון די ראָקי־בערג אין אַמעריקע.

און דאָ — וואָס פאַר טויטע קאַלטקייט עס ווייעט פונם שנייִ, וואָס דו זעסט אָן דאָרט אויפן העכסטן באַרג־שפּיץ. שנייִ וואָס שטינקט מיט היטלער.

אַ נאַטור וואָס איז טמא געוואָרן. פאַרגרעבט און פאַרטעמפּט געוואָרן.

איך זוך אַ שפּור פון געזאַנג אין דער נאַטור דאָ. נישטאָ.

נישטאָ, און עס וועט מער נישט זיין. קיין ליד וועט דאָ מער נישט געזונגען ווערן. קיין ליד וועט דאָ מער קיינעם און קיין זאַך נישט באַזינגען.

אויך פייגל וועלן דאָ שטום ווערן.

קיין זאַך וועט דאָ ניט דערלעבן קיין אַנטפּלעקונג, כל זמן דער היט־לער־געשטאַנק וועט אַרומשוועבן איבער דעם טויטן פּנים פון אַלע פעלדער און בערג.

מעגן די פעלדער באַדעקט זיין פון ברעג צו ברעג מיט פאַרביקסטע גראָזן און בלומען, מעגן די בערג זיין אָנגעטאָן מיט געדיכטע גרינע וועל־דער און באַקרוינט מיט זילבער־ווייסע קרוינען — קיין געזאַנג וועלן זיי נישט געבוירן. צו קיין לידער וועלן זיי נישט זוכה זיין. פאַרשטאָפּט און פאַרעקרט וועלן זיי בלייבן אונטער די שאָטנס פון גוואַלד־טויט און פון מאָרד.

לעולם ועד וועלן זיי אַזוי פאַרבלייבן.

אין קיין דייטשער שטוב ווילט זיך מיר נישט אַריין. אין זייערם אַ פענצטער ווילט זיך נישט אַריינקוקן. אויף זייערם אַ שוועל ווילט זיך נישט אַרויפטרעטן. פון זייערע פּנימער קער איך זיך אַוועק.

אויף זייערע שויבן, אויף זייערע שוועלן ליגט שעכטונג.

שמייכל פון פרימאָרגן ליגט געקוילעט אויף זייערע דעכער.

ביי זייער יעדער טיר ליגט אַ ביין פון אַ יידיש קינד וואָס זיי האָבן אומגעבראַכט.

אַלץ אין דער נאַטור דאָ איז פאַראַשט געוואָרן, פאַרשוואָלן געוואָרן, בלינד און וואַרוואַנטיקט געוואָרן, פאַרשאָלטן געוואָרן.

לעולם־ועד פאַרשאָלטן געוואָרן.

אַלע לענדער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער מלחמה, האָבן, אַ חוץ שרעקלעכקייטן, אויך עפּעס מענטשלעכעס, שיין־מענטשלעכעס, ליבטיק־לעגענדאַרישעס צו דערציילן, אָבער דייטשלאַנד — וואָס וועט זי קאָנען דערציילן?

אַ חוץ מאָרד, אַ חוץ שענדלעכקייטן — קיין זאַך נישט.

סאָוועט־רוסלאַנד האָט געשאַפן און שאַפט אַ גאַנצע מלחמה־ליטעראַטור פון וואונדער־העראָאיזם, פון העכסטן מענטשלעכן טראַגיזם, פון טיפער פאָלקס מסירת־נפש. אויך אַזוי טוען די אַנדערע פעלקער וואָס האָבן געקעמפט מיטן נאַצי־לאַנד. און די יידן — אוודאי. מיט יעדן זייער קער און ווענד, סיי אין ארץ־ישראל, סיי אין די לענדער פון דער וועלט, זוכן זיי דעם זינען, און ווילן פאַרשטיין דעם אומזין, פון די שרעקלעכע געשעענישן. די גאַנצע יידישע און העברייאישע ליטעראַטור איז פול מיט דעם. אַנטפּלעקונגען פון די קרבנות אַליין, קדוש השם און אויפשטראַלונגען פון קדושים, ודוי און חשבון הנפש, געזאַנג און באַזינונג, און די וויכטיקסטע יידישע פאָלקס־אַנטפּלעקונג דאַרף ערשט קומען.

אָבער דייטשלאַנד האָט אַ חוץ נבזהדיקייטן גאָרנישט וואָס צו דערציילן.

עס האָט נישט און וועט נישט האָבן, ווייל דער מינדסטער דייטשער ישוב און די מינדסטע דייטשע לאַנדשאַפט ווייזן נישט אַרויס קיין שפּור פון חרטה און תשובה.

די שנייאיקע אַלפּן־קעפּ קוקן פאַרגלייזט און פאַרברעכעריש־פאַרגולמט. די זון איבער זיי — אַ געלע בלינדע מאַסקע.

★

מיר קומען אָן אין „אונרא"־אַפּיס צו אונזער נחתדיקן טראַנספּאָר־טאַציע־ממונה איינצואָרדענען אונדזער רייזע צו די לעצטע פּאַר לאַגערן, וואָס זענען אָנגעצייכנט אויף אונזער פּראָגראַם און אויך קיין נירענבערג און בערלין.

דער נחת אָבער זאָגט צו אונדז:

— איר קאָנט אין ערגעץ ניט פאָרן. אייער טור איז פאַרענדיקט. אין צוויי טעג ארום דאַרפט איר פאַרלאָזן די אַמעריקאַנער זאָנע און פאָרן אהיים קיין אַמעריקע.

כאַטש מיר האָבן עס דערוואַרט, פונדעסטוועגן ווערן מיר אי געפּלעפט, אי שאָקירט.

דערהויפּט שאָקירט אונז די טעמפּע קאַטעגאָרישקייט.

און צווישן אונדז מיט אונדזער נחת קומט פאָר אַזאַ מין שמועס:

— אונדזער טור איז נאָך נישט פאַרענדיקט — זאָגן מיר.

— אָבער אייער וויזע איז אויסגעגאַנגען. אייער וויזע איז געווען נאָר ביז דעם 22־טן מאַי.

— דאָס איז נאָר אַ פאָרמאַליטעט — זאָגן מיר. — אַז איר זאָלט נאָר וועלן קענט איר לייכט פועלן מען זאָל אונדז די וויזע פאַרלענגערן כדי מיר זאָלן קאָנען פאַרענדיקן אונדזער פּראָגראַם.

— איך בין נישט פאַראינטערעסירט אין אייער פּראָגראַם. אויך די מערסטע באַאַמטע פון „אונרא" דאָ זענען נישט פאַראינטערעסירט אין דעם. נאָך מער: אונדז איז נישט געווען צום האַרצן דער גאַנצער אופן פון אייער רייזע איבער די לאַגערן, דער גאַנצער טאָן פון אייערע רעדעס.

— דאָס ווייסן מיר, — זאָגן מיר. — דאָס קאָן נאָר זיין אַ קאָמפּלי־מענט פאַר אונדז. איר זענט נישט צופרידן מיט אונדזער רייזע, אָבער די לאַגער־יידן זענען זייער צופרידן. שלעכט וואָלט געווען פאַר אונדז ווען ס'איז פאַרקערט: טשינאָווניקעס זאָלן זיין מיט אונדז צופרידן און די יידן אין די לאַגערן — נישט.

— טראַכט אייך וואָס איר ווילט. אָבער איר קאָנט אין די וויטערדיקע לאַגערן נישט פאָרן אָן אַ דערלויבעניש.

— איר זענט איינער פון די וואָס שטערן אונדז.

— טראַכט אייך וואָס איר ווילט.

— אָבער מיר זענען אהער געקומען נישט צו אייך און נישט צו די אַנדערע טשינאָווניקעס פון „אונרא"; מיר זענען געקומען צו די יידן, און די יידן וואַרטן אויף אונדז.

— אומזיסט צו ארגומענטירן. איר קאַנט מער אין ערגעץ נישט פאָרן, אפילו ניט צו באזוכן נירענבערג און בערלין.

—פונדעסטוועגן האָבן מיר פון אַן „אונרא"־טשינאָווניק אַ ייד גע־מעגט דערוואַרטן אַן אַנדער באַציאונג. איר מעגט זיך שעמען.

— איר ווילט, אַז איך זאָל ריזיקירן מיט מיין שטעלע?

— צי מיינט איר, אַז איר וועט שוין אייביק זיצן דאָ אויף דער שטע־לע? אַז איר וועט שוין נישט קומען מער אהיים קיין אמעריקע?

— און אַז איך וועל קומען?

— וועט איר זיך דאַרפן שעמען נאָך מער.

— איך בין דאָ נישט דער גאַנצער באַלעבאָס. עס זענען דאָ העכערע באַאמטע איבער מיר.

— אָבער אָן אייך ווענדט זיך אַ סך. אָן אייער רעקאָמענדאַציע הענגט עס אָפּ.

— איך וועל נישט רעקאָמענדירן, אַז מען זאָל אייך פאַרלענגערן די וויזע. נישט איך און נישט די אַנדערע יידישע „אונרא"-באַאמטע פון די לאַגערן.

— ווייל סאַי איר, סאַי אַזוינע ווי איר, ווייזן ארויס אַ באַזונדערע יידישע פּחדנות. ניט נאָר וועט איר נישט רעקאָמענדירן, אַז מען זאָל אונדז פאַרלענגערן די וויזע, נאָר איר וועט בפירוש רעקאָמענדירן, אַז מען זאָל אונדז די וויזע בשום אופן נישט פאַרלענגערן, און אַז מען זאָל ביי אונדז גלייך צונעמען אפילו די שפּייז־קאַרטן און די צימערן.

— יאָ, אַזוי איז עס. איר וועט אַזוי גוט זיין און קומען מאָרגן נאָך אייערע באַן-בילעטן קיין פראַנקפורט און פון פראַנקפורט קיין פּאַריז, און איר וועט טאַקע ברענגען אייערע שפּייז־קאַרטן.

— אייער האַנדלונג שטימט מיט אייער רעדן, אָבער נתפעל ווערן מיר נים; מיר קענען זיך אויף אַזעלכע יידישע באַאמטע אין מלוכה־אַפּיסעס. זיי מוזן באַווייזן, אַז זיי זענען פרימער פון די נישט־יידישע, ווען עס האַנדלט זיך וועגן יידישע ענינים.

—טראַכט וואָס איר ווילט.

— איר זאָלט אָבער געדענקען, אַז איר פאַרשאַפט גרויס ערגערניש נישט אַזוי אונדז ווי די יידן אין די לאַגערן. דאָס באַווייזט, אַז איר האָט בכלל קיין שום באַציאונג נישט צו די יידן אין די לאַגערן. דאָס וועלן מיר אייך נישט מוחל זיין. איר זאָלט עס געדענקען.

— אויב אַזוי, זאָלט איר געדענקען, אַז אויך אַנדערע יידן — נישט פון „אונרא" — ווילן נישט, אַז איר זאָלט פאָרן אין די לאַגערן. זיי זענען פון אָנהויב אָן געווען קעגן אייער קומען אהער.

— ווער זענען זיי? זענען זיי יידן פון די לאַגערן גופא?

— ניין, ניט פון די לאַגערן.

— זענען זיי פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט?
— ניין.
— ווער דען זענען זיי?
— איך קאָן אייך נישט זאָגן, און איך וועל אייך נישט זאָגן.

★

28־טער מאַי. מינכען.

. . . אויב אַזוי, אויב מען קאָן נישט ענדערן די ביוראָקראַטישע טעמפּקייט פון די מאַכערס, ניט פון די גרויסע און נישט פון די קליינע — איז וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען. וואָס גיכער!

יעדע מינוט, וואָס איך טרעט איצט אויף דער דייטשער ערד, איז אַ־בעריק און דענערווירט מיך.

זיצן אין מינכען און נישט קאָנען פאָרן אין די לאַגערן צו די יידן איז אומזין שבאומזין.

יעדער טראָט ברענט איצט אונטער מיינע פיס.

וואָס גיכער אַוועקפאָרן, וואָס גיכער.

★

מיר פאַקן אונדזערע זאַכן.

עס מאַטערט אונדז די פראַגע:

ווער זענען עס געווען יענע יידישע מאַכערס דאָ, מחוץ דער „אונרא", וואָס האָבן פון אָנפאַנג אָן נישט געוואָלט, אַז אונדזער קולטור־דעלעגאַציע זאָל קומען צו דער שארית הפליטה אין די לאַגערן? און ווער זענען עס היינט די, וואָס באַאיינפלוסן אַז מען זאָל אונדז ניט פאַרלענגערן די וויזע?

די פראַגע מאַטערט אונדז ביז גאָר. לאָזט אונדז ניט רוען.

אייניקע דריקן אויס אַ סברה, אַז עס האָבן אונדז דאָ צוגעדינט גע־וויסע קענגער פונעם יידישן וועלט קאָנגרעס. זיי האָבן נשט געקאָנט פאַרלידן וואָס גראַד דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס און ניט עמיצן אַנדערש איז איינ־געפאַלן די גוטע אידייע צו שיקן אַ קולטור־דעלעגאַציע צו די יידן אין די לאַגערן.

די סברה, כאָטש זי ליגט זיך אויפן שכל, איז אָבער שווער אויפצו־נעמען. אַלץ אין דיר פּראָטעסטירט קעגן דעם.

דער עגמת נפש וואַקסט פון מינוט צו מינוט גרעסער אין אונדז.

אָבער העלפן קאָנען מיר זיך נישט. מיר זענען אין אַן אָקופּאַציע־לאַנד, אונטער אַן אָקופּאַציע־רעזשים, וואו זאַכן זעען אַנדערש אויס און ווערן אַנ־דערש געפירט.

דער גאַנצער יידישער צענטראַל קאָמיטעט ווערט געשטעלט אויף די פיס אויסצואווירקן אַז מיר זאָלן קאָנען פאַרבלייבן אויף נאָך צוויי וואָכן. אָבער — אומזיסט.

די מאַכט־מאַכערס לאָזן זיך נישט באַווירקן.

זייער באַשלוס בלייבט באַשלוס. זיי האַלטן זיך אָן דעם פּונקט: ווי־באַלד אונדזער וויזע איז אויסגעגאַנגען מוזן מיר גלייך אַוועקפאָרן.

★

דער לעצטער אָוונט אין מינכען. לעצטע נאַכט אין דייטשלאַנד.

אַרום זעקס וואָכן פאַרבראַכט אין מינכען און אַרום, און צו קיין זאַך, אַ חוץ צו די יידישע לאַגערן, נים צוגעבונדן זיך.

כ׳געדענק, אַז אַוועקפאָרנדיק פון לאַנדאַן, האָט זיך מיר געוואָלט גיין אָנקוקן צום לעצטן מאָל די רואינעס פון דער שטאָט. און כ׳בין טאַקע גע־גאַנגען.

דאָ ווילט זיך מיר עס נים. דאָ האָבן אין מיר די רואינעס אויסער פאַראַכטונג קיין זאַך נישט אַרויסגערופן; ס׳ווילט זיך זיי מער נישט אָנ־קוקן.

איך וויל אָבער יאָ זיך זעגענען מיט די גרויסע לאָנקעס, וואָס שפּרייטן זיך עק מינכען צווישן דער „פּאַסינג"־געגנט, וואו ס׳געפינען זיך די „אונ־רא"־אָפּיסעס, און דער „לאים"־געגנט, וואו ס׳געפינען זיך די „אונרא"־וואוינונגען.

אויף די דאָזיקע לאָנקעס פּיטערן זיך אַ גאַנצן טאָג גרויסע סטאַדעס שעפּסן, און פּאַסטוכער גייען זיי נאָך און היטן זיי.

דורך די דאָזיקע לאָנקעס פלעגן מיר, זייער אָפט מאַכן לאַנגע אָוונטיקע שפּאַצירן און פלעגן איינזאַפּן אין זיך די שטילקייט און די רואיקייט פון די שעפּסן־סטאַדעס.

איך האָב ליב צו קוקן אויף דער בויג־ליניע פון די שעפּסן־קעפּ, ווי זיי נויגן זיך צו צו דעם גראָז פון דער ערד.

די סטאַדעס באַוועגן זיך אַזוי פּאַמעלעך, אַזוי רואיק, אַז עס קען קיינעם גאָר נישט איינפאַלן, אַז נישט ווייט אַהינטער זיי ליגט אַ כרך אין צעשטערונג, אין חורבן־פאַרצווייפלונג.

צו די לאָנקעס מיט די פרידלעכע שעפּסן זענען מיר צוגעבונדן גע־וואָרן. מיט זיי ווילן מיר זיך זעגענען.

גייען מיר אויף אונדזער לעצטן שפּאַציר איבער די אָוונטיקע פרילינג־לאָנקעס.

די זון האָט שוין אַראָפּגענידערט. די אָוונט־שאָטנס האָבן זיך שוין אויסגעלייגט איבער דעם גאַנצן אויסשפּרייט פון דער געגנט.

פונדערוויטנס זעען מיר ווי עס באוועגן זיך די סטאַדעס. זיי גייען אַהיים. זיי גייען, און די קעפּ הויבן זיי ניט אויף. אַ שאָד דאָס גראָז, אַ שאָד אָפּצורייסן זיך פון דער מאַמע־ערד.

זיי איז גוט. זיי גייען אַהיים. באַלד וועלן זיי שלאָפן.

און מיר, וואוהין גייען מיר? און וואָס, בכלל, טוען מיר איצט דאָ?

ערגעץ ווייט, אין אַלע זייטן פון דאַנען, געפינען זיך לאַגערן; אין די לאַגערן זענען דאָ יידן. ביי די יידן זענען מיר שוין געווען, און אָט זענען מיר שוין אויך פון זיי ווייט. אויך צו זיי קענען מיר שוין מער נישט קומען. אָבער דאָס האַרץ בענקט נאָך זיי.

די דייטשע סטאַדעס גייען אַהיים. די יידן אין די לאַגערן האָבן נישט קיין היים. לאַגער איז קיינמאָל נישט קיין היים. קיינמאָל נישט.

און מיר, די שפּאַצירערס, האָבן אַ היים? האָבן מיר?

מיר, די שפּאַצירערס, שטייען אויפ׳ן מיטן פעלד און קוקן ווי די סטאַדעס פאַרשווינדן. דאָס פעלד בלייבט ליידיק, ליידיק.

מיר, די שפּאַצירערס אַהינטער מינכען, שפּאַצירן אַרויס פונעם אָוונט און שפּאַצירן אַריין אין דער גערײכטעניש פון נאַכט.

★

29־טער מאַי.

ניין אָוונט גייט־אָפּ אונדזער באַן קיין פראַנקפורט—פּאַריז.

אונדזערע זאַכן זענען שוין איינגעפּאַקט.

מיר זיצן אין צימער ביי זיך אין דער „לאָים״־געביידע און וואַרטן אויף דער „אונראַ״־מאַשין, וואָס דאַרף קומען אונדז נעמען צום וואַקזאַל.

מיט אונדז זיצן דר. ז. גרינבערג, לוי שאַליטאַן פון „אונדזער וועג״, י. קאַפּלאַן און נאָך פריינט פון יידישן צענטראַל קאָמיטעט.

קיינעם גיט זיך נישט איין צו באַהאַלטן זיין קרענקונג, זיין פאַרדראָס און דערהויפּט זיין אָפּשייד־טרויער.

גרינבערג און שאַליטאַן זיצן אויף אונדזערע בעטלעך מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ. זיי נעמען זיך שטאַרק צום האַרצן אונדזער אוועקפאָרן. אַזוי שטאַרק ווי מיר אַליין.

פאַר זיי איז אונדזער געצוואונגענער אוועקפאָר אַ צייכן פון דער גאַנצער טראַגיק, אין וועלכער די שארית הפּליטה געפינט זיך, — פון דער טראַגיק, וואָס זיי, ווי פאַראַנטוואָרטלעכע פירער, פילן, אַז זי ווערט פון טאָג צו טאָג שווערער און פאַרפּאַלענער.

און מיר, די אוועקפאָרער, קוקנדיק ווי זיי זיצן פאַרזונקענע אין טרויער, דערפילן ערשט אונדזער גאַנצע הילפלאָזיקייט.

מיר פאָרן אוועק און זיי לאָזן מיר איבער דאָ. זיי און אַלע יידן אין די לאַגערן. און ווער לאָזט אונדז ניט זיין מיט זיי נאָך אביסל צייט כאָטש? — עפּעס טשינאָווניקעס א פּאָר, עפּעס נאַרישע שרייבטישן און שטעמפּלען א פּאָר.

מיר פאָרן אוועק און זיי לאָזן מיר איבער דאָ. — וואָס־זשע וועט טאַקע זיין מיט זיי און מיט אַלע יידן אין די לאַגערן? ביז וואַנען וועלן זיי זיצן אין די לאַגערן? ביז וואַנען?

די פראַגע עגבערט איצט אונדזער מוח ווי א שפּיציקער עגבער.

גרינבערג און שאַליטאַן הויבן זיך אויף פון זייער טרויער און נעמען טאָן אַלץ וואָס זיי קענען, כדי לייכטער צו מאַכן אונדז, די אוועקפאָרער, אונדזער געמיט.

— איר ווייסט גאָר נישט, — זאָגן זיי, — וואָס פאַר א גרויסע זאַך איר האָט דורכגעפירט מיט אייער קומען צו אונדז און מיט אייער טור איבער די לאַגערן. זאָל זיין, אַז אייך איז נישט געלונגען צו באַזוכן אַלע לאַגערן, ווי איר האָט עס געוואָלט. אָבער נישט אין דער צאָל גייט עס. נעמט זיך עס נישט צום האַרצן. איר האָט אונדז געבראַכט דערמוטיקונג, א פרישׂ יידיש וואָרט און אמתע יידישע ברידערלעכקייט. פון אַלע לאַגערן שיקט מען אייך דאַנקען. דאָס זאָל זיין פאַר אייך דער בעסטער שכר.

מיר זענען שטאַרק גערירט פון זייערע רייד. אַנשטאָט מיר זאָלן זיי טרייסטן — טרייסטן זיי גאָר אונדז. איז עס נישט וואונדערלעך?

אַהינטער זייערע טרייסט־רייד דערשפּירן מיר אָבער באַהאַלטענעם אייגענעם ווייטיק, וואָס לאָזט זיך נישט לאַנג באַהאַלטן. ער נעמט זיך טאַקע גלייך אַרויסרייסן.

— ווי צו אייגענע ברידער, — זאָגן זיי, — מעגן מיר דאָך אויך אונדזער אייגענעם צער אַרויסרעדן פאַר אייך. מיר רעדן דאָך צווישן זיך. וואָס־זשע וועט עס טאַקע פאָרט זיין מיט אונדז אַלעמען דאָ? וואָס זאָלן מיר טאָן? זאָגט אונדז. העלפט אונדז. ווי יידישע דיכטער, ווי יידישע לערער — זאָגט אונדז, וואָס זאָלן מיר טאָן? קיין ארץ ישראל זעט אויס, וועט מען אונדז אַזוי שנעל נישט לאָזן גיין פון דאַנען. אין אַנדערע לענדער לאָזט מען דאָך אונדז אויך נישט אַריין. — אויב אַזוי, שטייען מיר דאָך פאַר א גרויסער סכנה פון א דעמאָראַליזאַציע אין די לאַגערן. סימנים פון דער דעמאָראַליזאַציע זיינען שוין פאַקטיש דאָ. קען א מענטש דען אייביק זיצן אין א לאַגער? אונדז שרעקט דער געדאַנק, אַז עס קען זיך אָנהייבן א יידישע צעשפּרייטונג איבער דייטשלאַנד, אַן אויפֿריים פון די לאַגערן, א געלויף אין די שטעט אַריין, א צונויפגיסן זיך מיט די דייטשן, מיט די אומברענגער אונדזערע. קען מען נאָך זיך דען פאָרשטעלן א גרעסערן יידישן אומגליק, אויב דאָס זאָל חלילה פּאַסירן? דאָס וועט דאָך זיין פאַר אונדז

נאָך אַ גרעסערע קאַטאַסטראָפּע ווי מאַידאַנעק? — וואָס וועלן יידן טאָן צווישן דער דייטשער באַפעלקערונג אין דעם איצטיקן מצב פון דייטשלאַנד?

—אָדער זיי וועלן זיין שוואַרץ־הענדלער, אָדער זיי וועלן זיך פאַרדינגען צו דייטשע אונטערנעמער אויפצובויען די דייטשע מלחמה־רואינעס. וואָס זיי זאָלן נישט טאָן, וועט עס זיין דער אונטערגאַנג פון דער שארית הפליטה. אויפ'ן קערפּער פון יידישן פאָלק וועט דעמאָלט אויפגיין אַ נייער שרעקלע־כער געשוויר. עס זענען שוין געווען אַ פּאָר פאַלן, ווען יידן פון דער שארית הפליטה האָבן חתונה געהאַט מיט דייטשקעס. אמת, דערווייל נאָר אַ צוויי־דריי פאַלן, אָבער די סכנה קען ווערן גרעסער, אויב ס'וועט זיך אָנהויבן אַ געלויף פון די לאַגערן. — זאָל דאָס זיין דער פינאַל פון די קאַצעטן און די קרעמאַטאָריעס? זאָל דאָס זאָל דער פינאַל, אַז אַ יידיש מיידל, וועלכע איז איבערגעבליבן פון אַ גאַנצער משפחה, זאָל חתונה האָבן מיט איינעם, וואָס איז, קען זיין, געווען דער נאַצי־תליון פון אירע טאַטע־מאַמע און ברידער? זאָל דאָס זיין אונזער פינאַל? ווי, ווי! מען דערציילט אונדז, אַז אייניקע דייטשן באָטן זיך אַפילו אָן מגייר צו זיין זיך, כדי חתונה צו האָבן מיט יידישע מיידלעך. וואָס באַטייט עס? וואָס מיינען זיי דערמיט? ווער דאַרף אַז די ראַסן־הערן זאָלן איצט נעמען און אריינגיסן זיך אין אונדזער סביבה? אויב ווער פון זיי וויל תשובה טאָן—זאָל ער קודם כל תשובה טאָן צווישן זיך, און נישט גלייך נעמען און ווערן שוין משפחה מיט'ן קרבן, וואָס ער אַליין האָט געמאַכט פאַר אַ קרבן. — ווער רעדט נאָך ווען קיין סימן פון חרטה און פון תשובה איז נים צו זען ביי קיין איין דייטש נים. זאָל דאָס זיין אונזער פינאַל?!

זייערע רייד, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל הארץ, מיט אַזוי פיל ערלעכקייט, טרייסלען אונדז אויף. מיר, אַוועקפאָרער, פילן, אַז איצט דאַרפן מיר געפינען דאָס טרייסט־וואָרט פאַר זיי.

מיר פּרובירן עס טאָן. מיר זוכן דאָס יידישע אמונה־וואָרט איינע פאַר די אַנדערע. מיר טאָרן נישט צולאָזן קיין יאוש צו זיך, זאָגן מיר. מיר טאָרן נישט. איידן מוזן אָנהאַלטן זייערע גייסטיקע כוחות אומעטום און אין אַלע צושטאַנדן. מוזן מאַראַליש זיך פעסטיקן. מיר זענען נישט דער איינציקער יידישער דור, וואָס ווערט געפּרואווט מיט אַזוי פיל פּיין. דורות פאַר אונדז האָבן עס שוין געהאַט, און מיר דאַרפן זיך לערנען פון זיי. די לאַגערן דאַרפן זיך האַלטן אין שטאַרקייט, אין נאָענטקייט איינע צו די אַנדערע און דערהויפּט — אין אויפריכטיקייט. די יידן אין די לאַגערן זאָלן זיין באַוואוסטזיניק אויף זייער גורל און נישט לאָזן זיך צעבראָכן ווערן פון איינגענעם אומגעדולד. מען מוז אָנהאַלטן אַ טיפע דערציאונג אין די לאַגערן. און ווען ס'איז באַשערט געוואָרן צו שטיין בראש פון די לאַגערן — יע־נער זאָל עס באַטראַכטן ווי אַ זכיה, צו וועלכער ער דאַרף מאַראַליש זיך אַליין דערהייבן.

אין מיטן, ווי מיר רעדן, קומט אריין אין צימער צו אונדז אַ שליח,

ספעציעל געשיקט פון בערגן־בעלזן. ער קומט אונדז אײנלאַדן אין לאַגער אַהין. װען ער דערזעט אָבער אונדזערע אײנגעפּאַקטע טשעמאָדאַנעס און דערצו דעם אױסדרוק פון אונדזערע פּנימער, פאַרשטײט ער שױן אַלײן װאָס דאָ קומט פאָר. ער זעצט זיך אַרונטער אַ דערשלאָגענער.

ער בעט מיר זאָלן אים געבן אַ בריװ כאָטש צום לאַגער אין בערגן־בעלזן.

מיר טוען עס. מיר שרײבן אָן אַ בריװ און זעגענען זיך מיט זײ אונטער די אױגן.

*

אין תוך שטימט דער סוף פון אונדזער רײזע מיט דעם גאַנצן נוסח פון דעם יידישן די־פּי־לעבן.

אַזױ, לױט אַ טיפער לאָגיק, האָט זיך עס באַדאַרפט ענדיקן.

אַזױ—

אַז אינעם גאַנג אונדזערן, צװישן די יידן אין די לאַגערן, זאָלן מיר צוזאַמען מיט זײ װערן די־פּי׳ס.

און דאָס איז אַ זכיה.

מיר זענען געקומען צו די יידן אין די לאַגערן, װי אַמעריקאַנער, װי יידישע דיכטער, און פאָרן פאָרן מיר אַװעק װי יידישע די־פּי׳ס. מיר נעמען־מיט דעם טיטל מיט שטאָלץ.

*

אָװנט. מיר פאָרן צום װאָקזאַל.

דער הימל בליצט. שטורעמט. פײערדיקע שלאַנגען קרײצן זיך אין די װאָלקנס. אַ דיקער רעגן שמײסט דורך אַלע חורבות, פאַרבײ װעלכע מיר פאָרן צום לעצטן מאָל.

דער רעגן שמײסט דורך און — נישטאָ אים. די פאַרגײיענדיקע זון באַ־װײזט זיך צוריק און פאַרגיסט מיט אַן אומגעװײנלעכער ליכט־שײנקײט די שפּיצן פון די רואינעס און אױך אַזױ דעם גאַנצן סקעלעטן־גוף פונעם אָפּ־געשונדענעם װאָקזאַל.

כ׳פאַרגין ניט דעם דאָזיקן שטיק חורבן ער זאָל אױסזען אַזױ פאַנ־טאַסטיש שײן.

מיר גײען אַרײן אין װאַגאָן. די פאַרגײיענדיקע זון רײסט זיך צו די װאַגאָן־שױבן.

מיר עפענען די פענצטער און קוקן אַרױס. מיר װערן פאַרגאָסט פונעם אָװנט־גאָלד, װאָס גיסט זיך מיט אַזאַ שפע איבער די שפּיצן פון די צע־שטערטע בנינים.

— דאָס איז ניט דאָס ליכט פון די דייטשן, — זאָג איך צו זיך אַליין. ס'איז דאָס ליכט פון די־פּי לאַגערן. זייער ליכט פאַרגיסט עס איצט די מינכענער חורבות.

יאָ, — זאָג איך נאָכאַמאָל — עס איז דאָס ליכט פון יידישער פּיין און מאַרטירערשאַפט. ס'איז דאָס ליכט פון יידישן די־פּי.

★

יזכור

געדענק וואָס עס האָט געטאָן צו דיין פאָלק
דער דייטשער נאַצי־עמלק.

געדענק

די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זענען אומגעקומען
על קדוש-השם און על קדוש-העם
דורך די הענט פון די דייטשע רוצחים תליתים.

געדענק טרעבלינקע.

געדענק מאַידאַנעק.

געדענק אוישוויץ.

געדענק בוכענוואַלד.

געדענק דאַכאַו.

געדענק די גאַז-קאַמערן.

געדענק די קרעמאַטאָריעס.

יזכור

6,000,000

אינהאַלט:

יזכור — — — — — — — — — — 7

אין בערכטעסגאַרדען — — — — — — — 9

אויפן קליפער — — — — — — — — — 24

אין לאָנדאָן — — — — — — — — — 29

אין מינכען — — — — — — — — — 47

אין גארמיש — — — — — — — — — 59

אין לאַנדסבערג — — — — — — — — 73

אין סאַנט'אָטיליען — — — — — — — 131

אין דאַכאַו — — — — — — — — — 152

חשבון הנפש אין מינכען — — — — — — 167

אין גאַוטינג — — — — — — — — — 180

אין טוצינג — — — — — — — — — 191

אין מינכען צוריק — — — — — — — 196

אין פערנוואַלד — — — — — — — — 213

אין איינרינג — — — — — — — — — 248

אין פעלדאַפינג — — — — — — — — 258

אין לייפהיים — — — — — — — — — 270

אין שטוטגאַרט — — — — — — — — 281

אונדזער געצוואונגענער אָוועקפאָר — — 288